STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07131

TREYDER ED

Elkhanan Hanson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלחנן הענסאָן

טריידער עד

און אנדערע דערציילונגען פון קאנאדעס
וויייטן צפון און פון דער אלטער היים



פארלאג "דאָס יידישע וואָרט", וויניפעג, קאנאדע
1957

TRADER ED

and other stories
of the Canadian North
and the Old Country

by

E. HANSON

1957

ביאָגראַפֿישע נאָטיצן



אלחנן הענסאָן

דער מחבר פון דעם בוך, אלחנן הענסאָן, איז געבוירן געוואָרן אין 1888 (נאָוו. 20טן), אין פּאָפּאָווא־גאָרא, א גרוים ווייס־רוסיש דאָרף אין טשערני־גאָווער גובערניע, רוסלאנד. אין 1906, צו 18 יאָר, איז ער אָנגעקומען קיין קאלגארי, טיף אין מערב קאנאדע אונטער די ראָקי מאונטענס (קארדיליערן בערג), און ער האָט אנגעפאנגען זיין לעבן אין דער נייער היים מיט שווערער

ארבעט, בויענדיק די סי־פי־אר באַן ליניעס. צווישן אנדערש האָט ער זיך באטייליקט אין דער ארבעט פון גראָבן דעם פילד־טונעל, דורכשניידנדיק די פעלזן־בערג קיין בריטיש־קאָלומביע.

מיט 3 יאָר שפּעטער, אין 1909, האָט ער חתונה געהאט מיט סאָניע בעלקין, אין קאַלגארי, און האָט זיך באזעצט אויף א "האָמסטעד" אין קאָקרעין, אַלטא. אין 1914 איז ער געקומען קיין עדמאָנטאָן און האָט זיך פארנומען מיט מילך־פאַרם אין קלאָווער־באר (איצט א טייל פון עדמאָנטאָן).

שפּעטער האָט ער זיך פארנומען מיט פארשיידענע ארבעטן און געשעפטן. ער האָט געהאט א ספּעציעלע נויגונג צו סטאָלעריי (קארפּענטער אר־בעט), און האָט זיך פארנומען מיט בויען הייזער און אפּארטמענטן. ער האָט געהאט א באקאליי־קראָם און אייז־קרים פּראָדוקציע געשעפט, אין וועלכע די קינדער האָבן אים ארויסגעהאָלפן ווען זיי זיינען אויסגעוואקסן. שפּעטער האָט ער געהאט פארבינדונגען מיט געשעפטן אין וויטן צפון, פון וואנען עס זיינען געקומען איניקע פון זיינע פיינסטע דערציילונגען וואָס זיינען געווען געדרוקט אין "דאָס יידישע וואָרט" (וויניפּעג), אין "צוקונפט" ("טרעי־דער עד", יוני 1945) און אין "פאָרווערטס". ער איז געווען דער ערשטער און איינציקער יידישער שרייבער צו שילדערן דאָס לעבן אין וויטן צפון און ער האָט עס געטאָן מיט א סך טאלאנט.

ער האָט אויך געשריבן א סך פובליציסטישע ארטיקלען אין "דאָס יידישע וואָרט" און אנדערע צייטונגען. ער איז אין זיי אָפט געווען קעמ־פעריש, בפרט ווען עס האָט זיך געהאנדלט וועגן יידישער דערציונג. זיין באליבטע טעמע איז געווען די הסתדרות און אירע קאמפּאניעס.

אין 1943 האָט ער געוווּנען אן אויסצייכענונג פון "ייוואָ" אין א קאָנקורס מיט אן ארטיקל "פארוואָס איך בין אוועק פון דער אלטער היים און וואָס כ'האָב דערגרייכט אין אמעריקע". אין 1945 האָט ער געוווּנען א קאָנקורס אין דער "צוקונפט" מיט זיין דערציילונג "טרעידער עד".

ער האָט געשפּילט א גרויסע ראָל אינם געזעלשאפטלעכן לעבן אין עדמאָנטאָן און מערב קאנאדע. ער האָט גענומען א טיכטיקן אנטייל אין אלע פאזן פונם יידישן לעבן אין שטאָט און איז געווען איינער פון די בויערס און טוערס פונם יידישן ישוב אין עדמאָנטאָן. ער איז געווען באזונדערס אקטיוו אין דער עדמאָנטאָנער תלמוד־תורה און אין דער ארבעט פאר דער הסתדרות, און אויך אויף אנדערע ציוניסטישע געביטן. אין פארבינדונג מיט די ציו־ניסטישע קאמפּיינען איז ער איניקע מאָל ארומגעפאָרן איבער די מערב־קאנאדער שטעט און שטעטלעך.

ער האָט אויך באלאנגט צום טרעיד און לעיבאָר קאונסיל און א געוויסע צייט גענומען א טיכטיקן אנטייל אין דער סי־סי־עף פּארטיי.

ער איז געשטאָרבן נאָך א לענגערער קראנקהייט, תשעה־באָב (יולי 17טן), 1956. ער האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך זיין פרוי, סאָניע, 3 טעכטער און 1 זון : מרים (מרס. ס. סעמועלס), רבקה (מרס. ר. ראָזנבערג), פייגל (מרס. א. עפּשטיין), אלע אין עדמאָנטאָן; מאָטל (מעקס), אין וואנקווּווער, און 8 איינילקעד.

הקדמה

אלחנן העניסאָן איז ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, און ער האָט אין זיינע יינגערע יאָרן ניט געקראָגן די נויטיקע בילדונג פאר אזא פּראָפעסיע. געבוירן אין א ווייס־רוסישן דאָרף אין א ניט־פארמעגלעכער האָרעפּאַשנער פאמיליע, האָט ער פון די פריסטע יאָרן פון זיין לעבן געדארפט ארבעטן שווער פאר זיין חיונה.

ער האָט אָבער בלי־ספק געהאט א גאָר היבשן איינגעבוירענעם ליטעראַרישן טאלאנט און דערציילערישע פעיקייטן. ער האָט באהערשט גוט די גערעדטע יידישע שפּראך און ער האָט זיך מיט איר פריי באנוצט. פיל פון דעם וואָס ער האָט פארפעלט אין די קינדער־יאָרן האָט ער אָפּגעמאכט דורך זעלבסטבילדונג.

ער האָט געהאט באזונדער טאלאנט צו שילדערן די נאטור, און זיינע דערציילונגען פון ווייטן צפון פון קאנאדע זיינען, גלויבן מיר, אייגנארטיק אין דער יידישער ליטעראטור. כמעט אזוי זיינען אויך זיינע שילדערונגען פונם „האָמסטעד״ לעבן, וואָס דערציילן וועגן די שווערע איבערלעבונגען פון די ערשטע פּיאָנערן אין די מערב קאנאדער פּריירים, צווישן וועלכע עס זיינען געווען פיל יידן (אויף דער טעמע האָט אָבער אויך געשריבן מייק אוסישקין, א פּיאָנער פון אידנברידזש).

אין דעם בוך גייט אריין נאָר א טייל פון זיינע ווערק צעשפּרייט איבער דער פּרעסע, בפרט אין „דאָס יידישע וואָרט״ פון וויניפּעג. ליידער איז די איינזאמלונג פון אלע זיינע דערציילונגען זייער א שווערע אויפגאבע, און עס פעלן אויך די מיטלען ארויסצוגעבן זיי אין א בוך פאָרם.

כדי עס זאָלן אינגאנצן ניט פארלאָרן גיין זיינע דערציילונגען פון דער אלטער היים, האָבן מיר אין אָט דעם בוך אריינגעגעבן אויך איניקע צאָל פון זיי אין צוויי סעריעס, — „פון מיין פּאָטערס מעשות״ און „משומדים״. זיי שפּיגלען גוט אָפּ שטריכן פונם יידישן לעבן אין ווייס־רוסישן דאָרף, פון וואַנען דער שרייבער שטאַמט.

אין דעם גאנצן בוך האָבן מיר געלאָזן אומגעענדערט די שפּראך פונם מחבר, — מיט די רוסיציזמען אין די אלט־היימישע דערציילונגען און די אנגליציזמען אין די קאנאדער, ווייל זיי גיבן צו געהעריקן קאָליר צו דער שפּראך. מיר נעמען אָן, אז דער דורכשניטלעכער יידישער לעזער וועט פארשטיין די ערשטע, אָבער וואָס איז שייך די אנגליציזמען, האָבן מיר אריינגעגעבן זייערע איבערזעצונגען (לויטן א״ב) ביים סוף פון בוך.

די בילדער אין דעם ערשטן טייל זיינען פאָטאָגראַפישע בילדער גענומען פונם מחבר אליין אין ווייטן צפון.

די אויסגאבע פון דעם בוך איז דערמעגלעכט געוואָרן א דאנק דעם „אלחנן העניסאָן בוך קאָמיטעט״, און דער פאמיליע פונם פארשטאָרבענעם שרייבער און א צאָל פריינט וואָס האָבן ביגעטראָגן די מיטלען פאר דער אויסגאבע פונם בוך. דער קאָמיטעט איז באשטאנען פון ה. אַליאָן, פּאָרזיצער; י. גארפין, ב. מארגאָלים, נ. וויטמאן און ה. אייזנשטיין. די רעדאקציע איז אָנפארטרויט געוואָרן דעם שרייבער פון די שורות, וועלכער אנטשולדיקט זיך אין פאָרויס פאר זיינע מעגלעכע טעותן.

א דאנק דאַרף אויסגעדריקט ווערן פאר זייער מיטארבעט דער דרוקערײ פון די „יוניווערסאַל פּרינטערס״ און זייערע יידישע זעצערס, מעכל י. ניטיקמאן און מאיר צוקער.

ש. מ. זעלטשען.

אינהאלט פארצייכענונג

1. טרעידער עד :

טרעידער עד 7
ווי מעז כאפט חיות אין ווינטער שטורעמס 19
מאסקואווא — דער געבוירענער לידער 33
דער וואָלף לאבאָ 39
וואָלווערין 55
אין טויטלעכן קאמף מיט א גריזלי 65
ענדי באהר 71

2. אויפן האָמסטעד :

אויפגעזוכט דעם "האָמסטעד" 89
שרעק 93
די חתונה 97
נסיעה לשם מצוה 103
כ'דארף בענטשן גומל 111
דער פארשטערטער יום־טוב 119

3 פון מיין פאָטערס מעשות :

ר' זלמן־מאיר בוידער 125
מענדל ימחשמוניק 131
איסאק באָריסאָוויטש 137
אָשרקע "באָסי" 149
אייזיקל לאָטאקיער 153
חיים קראסנאָבאָי 159
די אומזיסטע שרעק 163
שמואל־בער דער שטארקער 169
ר' יעקב־שמואל שאלאכאָוקער 173

4. משומדים :

א משומד א צדיק 179
ביילע־גישע 189
דר. לאקשאָ 199

איבערזעצונגען פון אנגליציזמען 207

טרעידער עד

— כ'האָב באשלאָסן איבערצוקלייבן זיך ווייטער צום צפון, ווייל די טעריטאָריע ארום פּאָרט־מעקמוירי איז אויסגעשפּילט, צופיל ציוויליזאציע פארן טרעפּער און טרעידער.

אזוי האָט טרעידער עד דערקלערט איינעם פון די גרויסע הורט־הייזער פּארוואלטער אין עדמאָנטאָן, "דער טויער צום ווייטן צפון", מיט וועלכן ער האָט געטאָן געשעפט אויף שווערע טויזנטער. דער מענעדזשער האָט זיך פארטראכט און א פרעג געטאָן:

— און ווו רעכנסטו זיך איבערצוקלייבן, עד? וואָסער טעריטאָריע האָסטו אין זינען? ווייסט דאָך, אז אלע נעענטערע פּונקטן האָבן שוין צו דריי־פיר טרעידערס!

ביי די ווערטער איז ער אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צו דער גרויסער וואנט־מאַפּע און צורופנדיק עדן האָט ער געזאָגט:

— אָט האָסטו די אטאבאסקע און מאקענזי ריווער טעריטאָריעס, א שטח פון א פּאָר טויזנט מייל ווילדערניש. ווייז מיר, ווו האָסטו אין זינען זיך צו באזעצן?

ער איז שוויגנדיק צוגעקומען צו דער מאַפּע, האָט זי א ווײַלע באטראכט, און אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף א פּינטל, האָט ער אין קורצע, אָפּגעהאקטע ווערטער דערקלערט:

— זעסטו דאָס פּינטל אויפן לאנגן וואסער־וועג פון פּאָרט־מעקמורי ביז אקלאוויק, דאָס איז פּאָרט־טשיפּוועין, צוויי הונדערט מייל צו צפון פון מעקמורי אויפן מערב ברעג פונם לעיק אטאבאסקא, וואָס ציט זיך פינף־הונדערט מייל צו מזרח ביז אין סאסקאטשעוואן און טיילט אָפּ אלבערטא פון די בארען לענדס, אין די נאָרט־וועסט טעריטאָריעס. לעיק אטאבאסקא איז בכלל א פופציק מייל ברייט, אָבער ביים מזרח־עק, אין אָט דעם פּלאַץ, — אָנווייזנדיק מיטן פינגער, — קומען זיך צונויף די פעלזיקע ברעגן און פאָרמירן די "סטאָני רעפּידס". א פערציק מייל מזרח פון פאָנד־דו־לאק. די צוויי פּונקטן וויל איך דער פארנעמען אין דער זייט פונם הויפּט וואסער־וועג. גוטע פוטער־טעריטאָריעס, ווייניק עקספּלואטירט. די איינציקע טרעידערס אין דער אומגעגנט זיינען די האָדסאָנס־בעי קאָמפּאני און די שעגרי ברידער. ס'איז דאָרט פאראן אויך גענוג פּלאַץ פאר מיר!

דער פּארוואלטער האָט זיך געחידושט צו הערן פון עדן אזא לאנגן שמועס, און נאָך א קורצן שווייגן האָט ער א פרעג געטאָן:

— וויפל פּראָוויאנט ועסטו באדארפן, און ווען ביסטו גרייט זיך צו רירן אין וועג?

— צו ווייניקסטנס א צוויי וואגאָנען "גראָב־סטעיק", אמוניציע, טרעפּינג און פישינג סופּליים. מיטן באן ביז פּאָרט־מעקמורי און פון דאָרט

מיטן וואסער ביז צום פּלאַץ. אָבער פארגעס ניט ס'איז שוין סוף אויגוסט, ביי מיטן סעפּטעמבער ווערט די וואסער־טראַנספּאָרטאציע אָפּגעשטעלט אין יענע מקומות, מוז מען זיך צואיילן!

— אָלרייט! — האָט דער פארוואַלטער געזאָגט, — ניט געזאָרגט! גיי גיב דיין אָרדער. איך פארזיכער דיך, אז פון אונדזער זייט וועט קיין אָפּהאַלט ניט זיין, — און אויסשטרעקנדיק די האַנט האָט ער געזאָגט:

— וועל, עד, גוד־באַי ענד גוד לאַק. יו'ל ניד איט!

טרעידער עד, א מאַן אין די פערציקער, איבער זעקס פוס הויך, ברייט־פּלייציק, פעסט געבויט, דאָס פּנים קופּערדיק פארברוינט פון די צפונ־דיקע פרעסט און שניי־שטורעמס, האָט געהאַט אָנבליק פון אַן עכטן אינדיאַ־נער. איבערהויפּט אין זיין צפונדיקער טראַכט, אין דער פּאַרקאַ און מאָקאַסינס אָדער מאַקלאַקס אויף די פיס, און מיט זיין שלייכנדיקן גאַנג, איז שווער געווען צו דערקענען אין אים א יידן.

געקומען איז טרעידער עד קיין מערב קאַנאַדע פון רוסלאַנד, נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן. געווען איז ער דאַמאָלסט א בר־מצוה ייִנגל. געקומען הייסט עס פונם אָפּגעשטאַנענעם ווייס־רוסישן דאָרף צום פארוואָרפענעם מערב־קאַנאַדישן דאָרף. קיין קאַפּיטאַלן האָבן זיינע עלטערן ניט מיטגעבראַכט. דער גרינער פאָטער האָט שווער געאַרבעט א לעבן צו מאַכן פאַר זיין הויזגעזינט פון אַכט מיילער מיט געזונטע אַפּעטיטן. נחמיה איז געווען דער עלטסטער, און ווי יונג ער איז געווען, איז ער אוועק אַרבעטן. ביי וואָס? ביי וואָס ניט? ער איז בכלל ניט געווען קיין איבערקלייבער. געזונט און געוויקסיק איז ער געווען, האָט ער געטאָן וואָס ס'האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט. כל עבודת־פרד, אבי נאָר צו פארדינען א דאָלאַר. פון נחמיה איז געוואָרן עדוואַרד, און פון עדוואַרד פארקירצט — עד.

נאָך פארשיידענע, יאָרן־לאַנגע גלגולים, האָט אים זיינער א פעטער אריינגענומען אין געשעפט. אין שטאָט האָט ער זיך ניט צוגעפּאַסט, האָט אים דער פעטער, — אויף זיין פאָרשלאַג, — אויפגעעפנט א טרעידינג־פּאָסט אין פאָרט־מעקמורי. דער שווייגנדיקער עד האָט זיך גראָד צוגעפּאַסט צום פרימיטיוון צפון, ווייל צו האַנדלען מיט אינדיאַנער, און אפילו מיט ווייסע טרעפּערס, איז ניט נויטיק קיין "היי־פרעשור סיילסמאַנשיפּ". דער וויטער צפון מאַכט אפילו דעם באַרעדעוודיקן צו שווייגן, איז דאָס פאַר עדן געווען ווי אָנגעמאָסטן.

דער פעטער האָט אים אָפּגעזוכט א פּאַסיקע באַשערטע. פּאַסיק אין אַלע פרטים. הויך, געזונט און איבערהויפּט א שווייגערין. קיין בעסערע "סקוואָ" האָט זיך עדי ניט געווונטשן.

זיבן־אַכט יאָר זיינען פארביי, דאָס געשעפט האָט זיך פארפעסטיקט, האָט עם דער פעטער אינגאַנצן איבערגעגעבן עדן. צו דער צייט איז שוין טרעידער עד באַוווסט געוואָרן צווישן די אינדיאַנער איבערן וויטן צפון, ווי אויך צווישן די טרעפּערס און טרעידערס.

* * * * *

די נסיעה פון פאָרט מאַקמורי צו פאָנד־דו־לאַק האָט געדויערט א פולע וואָך. די שיפלעך וואָס קורסירן אין יענע ווייניק־אויסגעפאָרשטע וואַ־סערן זיינען גאַנץ ווייניק צוגעפּאַסט פאַר דער פּאַסאַזשיר־באַקוועמלעכקייט (לצים וואָלטן עס אָנגערופן חלה־מולטערס). דאָס שיפל שלעפּט נאָך זיך א

לאנגע שורה בארקעס, געלאָדן מיט פראכט, מיט שפּאָן־הינט און געציילטע פּאסאזשירן, וואָס האָבן קיין אנדער ברירה ניט. עד מיט זיין פרוי און קליין קינד זיינען געווען צווישן די פּאסאזשירן.

די צוויי הונדערט מייל פון פּאָרט־מעקמורי ביז פּאָרט־טשיפּעווײַען לענג־אויס דעם אטאבאסקא־טייך, איז די נסיעה געווען גאנץ אנגענעם. הויכע וואלדיקע ברעגן, אויסגעצירט מיט א שפע הארבסטיקע קאָלירן, האָבן פאר־כאפּט דאָס אויג מיטן אייגנארטיקן ווילדן חן. דאָס וואסער איז געווען רויק. גאנץ אנדערש איז עס אָבער געווען ביים אריינפאָר אין לעיק.

דער לעיק איז א קליינער ים, דאָ און דאָרט אָנגעזעצט מיט קליינע, געדיכט־באוואלדיקטע אינדזלעך. הויכע פעלזן שטארצן ארויס פונם וואסער ביי די ברעגן אינדזלען, באדעקט ערטערווייז מיט גרינעם און ברוינעם מאָך. זומער־צייט א רייזע איבער אזא לעיק, אויף א באקוועמער שיף, וואָלט באמת געווען א לוסט־רייזע. די לאנדשאפט איז פּרעכטיק מיט איר גראנדיעזער ווילדקייט. די אינדזלען, ווי עמעראלדן געפּאסט אין דער פלאך פונם לעיק, שפּיגלען זיך אָפּ אינם וואסער מיטן קאָפּ־אראָפּ.

גאנץ אנדערש איז עס ארום מיטן סעפּטעמבער. דער זעלביקער לעיק אטאבאסקא ווערט פארוואנדלט אין א שטורעמדיקן ים, ווו דאָס וואסער קאָכט און ווירבלט שוימענדיק, געבייטשט פון שניידנדיקע, קאלטע, צפון־שטורעמווינטן. די געפאר ווערט פארגרעסערט צוליב די אונטערוואסער־פעלזן. די שיף קען זיך אָנשלאָגן אָן זיי אָדער גאָר בלייבן שטעקן אויף א "סענד־באר", א ריף און צעשמעטערט ווערן פון די צעיושעטע כוואליעס.

עד מיט זיין פרוי האָבן געפילט דעם אמתן טעם פון ים־קראנקהייט, אָבער אָן דער זיכערקייט פון א מאָדערנער ים־רייזע. אויך דער טייל פון דער נסיעה האָט זיך מיט מזל געענדיקט.

דער טראנספּאָרט האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי א וויסטן, שטייניקן ברעג. אָרעמע אָסינעס און צעקרימטע בערעזעס זיינען שיטער צעוואָרפן דאָ און דאָרטן אין זייער פולער נאקעטקייט. א שטארקער צפון־ווינט האָט יאָמערלעך געוואָיעט צווישן די הויכע, אָפּגעשמיסענע צווייגן מיט גרימצאָרן. שווער געלאָדענע, בלייענע וואָלקנס זיינען נידעריק געהאנגען איבערן קאָפּ. א שניי־פלאָקעטל האָט זיך א יאָג געטאָן אויף א ווינט־פליגל, און דרייענדיק זיך אראָפּגענידערט צו דער ערד. אן אָנזאָג, א ווארנונג: בן־אָדם, היט זיך! זיי גרייט! דער צפון־ווינטער קומט צו רייטן מיט טריומף, מיט זיינע אומ־פארמיידלעכע באגלייטער: שטורעם, שניי און פראָסט.

דער טראנספּאָרט איילט זיך אויסצולאָדן די גאנצע פראכט אויפן נאקעטן ברעג. מ'טאָר קיין צייט ניט פארלירן, אויב מען וויל ניט בלייבן שטעקן איינגעפראָרן ערגעץ אין מיטן לעיק.

אויסגעלאָדן, צערעבנט זיך, "גוד באי", א פייף, וואָס האָט זיך קוים געהערט דורכן ווינטשטורעם, און דער טראנספּאָרט איז אָפּגעשוואומען צוריק צו ציוויליזאציע, מיט די אָנגענומענע באקוועמלעכקייטן און פארוויילונגען.

עד מיט זיין פרוי און קינד אין די אָרעמס, מיט זיינע הינט, וואָס האָבן זיך אומהיימלעך ארומגעדרייט ביי די פיס, זיינען איינזאם געבליבן שטיין אויפן וויסטן ברעג, באגלייטנדיק דעם טראנספּאָרט מיט די אויגן. אָט איז ער שוין ביים הימל־ראנד, וואָס גייט זיך צוזאמען מיט די שוימיק־ברויזנדיקע וואסערן פונם לעיק. און אָט איז ער שוין מער ניטאָ . . .

די גאַנצע באַפעלקערונג פון פאָנד־דו־לאַק איז באַשטאַנען פון די פּאָר ווייסע טרעידערס, וואָס האָבן ניט איבעריקס פריינדלעך אויפגענומען דעם ניי־געקומענעם טרעידער, און עטלעכע אינדיאַנישע "לאַג קעבינס", וואָס זיינען דעם גאַנצן לאַנגן ווינטער געווען כמעט ליידיק, ווייל די אינדיאַנער זיינען אַלע געווען אויף זייערע "טרעפּ־ליינס".

היבשע עטלעכע מאָל האָט זיך עד געפרעגט די פראַגע: צו וואָס? צו וואָס זיך אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, פון פריינט און באַקאַנטע? צוליב וואָס? זעלבסטפאַרשטענדלעך! צוליב דער ביטערער פרנסה. אָבער ניט אויף לאַנג, העכסטנס אויף עטלעכע יאָר, אָפּשפּאָרן עטלעכע דאָלאַר און צוריק צו מענטשן, צו ציוויליזאַציע.

אָבער דאָס איז געווען אַ חשבון אָן דעם באַלעבאָס. דער בייזער צפון! האָט אויך זיין וואָרט צו זאָגן. וואָס ער קען באַלד ניט באַזיגן אָדער פאַרטרייבן, באַצווינגט ער! ער דרינגט אַריין אינעם האַרצן, סמט אָפּ די בלוטן; ער מאָנט און ער פאָדערט, ער כישופט און ער לאָקט ווי די לעגענדאַרישע ים־נימפן מיט זייער געזאַנג, ביז, ווילנדיק ניט־ווילנדיק, איז מען שוין זיינער.

צום גליק האָט עד ניט געהאַט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע מחשבות. דער ווינטער איז פאַר די אויגן, אַרבעט איבערן קאָפּ, אַ באַרג סחורה ליגט ביים ברעג, קיין טראַקס און קיין פערד זיינען ניטאָ. די הינט קאָן מען ניט שפּאַנען, ווייל ס'איז ניטאָ קיין שניי, מען מוז אַלץ איבער־טראָגן צום טרעידינג־פּאָסט אויף די פּלייצעס, אַ היבשן שטח פון ברעג. מען מוז אָנטראָגן האָלץ אויף ווינטער, דאָס אַליין איז אַ הערקולעסן־אַרבעט. און איידער דער לעיק פאַרפרירט, מוז מען אָנגרייטן גענוג פיש, שפּייז פאַר די הינט דורכן ווינטער. דאָס אַלץ האָט מען געמוזט טאָן אַליין. דינגען איז ניטאָ וועמען, און די צייט איז זייער באַגרעניצט.

איידער ער האָט באַוויזן אָפּצוטאָן אָט די אַלע נויטיקע אַרבעטן, האָט זיך דער ווינטער צעהוליעט מיטן פולן גרימצאָרן. זיין ערשטער אויפטריט אויף דער לעיק־אַטאַבאַסקאַ אַרענע איז געווען אַ פינף־טאָגיקער "בליזאַרד" פון גוואַלדיקן פאַרנעם. טאָג־איין, טאָג־אויס זיינען עד מיט זיין ווייב און קינד געזעסן איינגעגראָבענע אין זייער קעבין ביים אָנגעהייצטן אויוון און זיך צוגעהערט צום דעמאָנישן קאָנצערט אין דרויסן.

הו־הו־הו, — האָט דער שטורעם זיך געלאָזט הערן דורכן קוימען; ער איז זיך פאַרגאַנגען מיט אַ וואָיען פון אַ טשאַטע הונגעריקע וועלף, איבער־געגאַנגען אין אַ הויכער פאַלצעטאָ און פאַרענדיקט מיט אַ האַרצרייסנדיקן געוויין. דער "לאָג קעבין" האָט געציטערט פונם ווינט אָנפאַל, דער קעראָסין־לאָמפּ האָט זיך געהוידעט און דער פלאַם האָט רויכערנדיק אונטערגעטאַנצט און פאַראורזאַכט שאָטנס איבערן הויז נאָכצוטאַנצן. אַרויסצוגיין אין דרויסן איז געווען סכנת נפשות, אוממעגלעך צו זען אַ טראָט פאַר זיך. אַ געדיכטע גרויקייט, אָנגעפילט מיט אַ שניי־זאַמד, געיאָגט פון אַ מוראדיקן שטורעם, האָט געשמיסן אומברחמנותדיק און געשניטן ווי מיט מעסערס, דורכדרינגענ־דיק די וואַרעמסטע קליידער. ס'איז שווער געווען אונטערצושיידן פון טאָג ביז נאַכט. די קליינע פענצטערלעך זיינען מיט שניי פאַרטראָגן. עס גרייכט שוין כמעט ביזן דאַך. איין אַרבעט איז נאָר דאָ פאַר עדן, אונטערוואַרפן האָלץ אין אויוון און יעדער ווײַלע אָפּראַמען דעם שניי פון טיר, ס'זאָל אינ־גאַנצן ניט פאַרשאָטן ווערן. ניטאָ גאָר קיין אַפּעטיט צום עסן, עס בעט נאָר צום געלעגער, עס שלעפערט, כאָטש גוט איינשלאָפן קען מען ניט, מען ליגט ווי אין אַ לעטאַרגיע און דער שדים־טאַנץ פון דרויסן דריקט אויפן מוח מיט

אן אומגעהייערער משא. מען פילט זיך אזוי קליין, אזוי נישטיק און הילפ־לאָז . . . ס'ווילט זיך גאָרניט טראַכטן, ס'וואָלט זיך גראָד געוואָלט פאַרזינקען אין א מין נירוואַנע און אויפהערן זיין.

צום סוף וואָד האָט זיך נידעריק ביים הימלראַנד באַוויזן א פּאַרמיל־ביקטע זון, האָט באַלד חרטה געקראָגן און זיך ווידער באַהאַלטן. דער שטורעם האָט נאָכגעלאָזט און שניי האָט אויפגעהערט צו פאַלן. מיט גרויס מי האָט זיך עד ארויסגעגראָבן פון זיין נאָרע און געכאַפּט א בליק אין דרויסן. א ווייסער מדבר סאַכאַרא מיט אָנגעבלאָזענע שניי־דיונען. די עטלעכע קעבינס זיינען געלעגן טיף באַגראָבן אונטערן שניי. דער איינציקער סימן פון לעבן איז געווען דער רויך פון די קוימענס, וואָס האָט זיך געצויגן ווי א זייל ארויף אין דער טויטער שטילקייט. וווּ דאָס אויג איז געפאַלן, איז געווען שניי, שניי און ווידער שניי, און דער פראָסט האָט געברענט, אַז ס'איז געווען שווער אריינצוציען דעם אָטעם צו שטאַרק.

ער האָט שטייפער פארצויגן דעם מיץ פון זיין "פּאַרקאַ" ארום זיין פּנים און געגומען רופן די הינט. ווי געשפּענסטער האָבן זיי זיך ארויסגעוויקלט פונם אָנגעהויפנטן שניי און מיט גרויס צופרידנהייט ארומגערינגלט זייער האַר, געקוויטשעט און געטאַנצט פאַר שמחה. ער האָט זיי מכבד געווען יעדערן מיט א פיש נאָך דעם לאַנגן תענית. זיי האָבן עס אויגנבליקלעך איינגעשלונגען און געבעטן נאָך.

ביז קריסמעס האָט מען זעלטן ווען געזען א מענטשן פאַר די אויגן. דערפאַר איז ערב קריסמעס געוואָרן אן אמתער יאַריד, ווען די טרעפּערס

זיינען אריינגעקומען, מייסטנס אינדיאנער, אויך איינצעלנע עסקימאָסן. יע־דער טרעפּער איז אריינגעקומען מיט זיין הינט־געשפאַן (צו 5־6 הינט אין א שפּאַן), די טאָבאָגענס (שליטלער) פול־געלאָדן מיט פּעלצן פונם ערשטן העלפט סעזאָנס פאַנג. געשעפט איז געווען גוט. עד מיט זיין גרויסן און פרישן אויסוואַל סחורה האָט אריינגענומען א סך פדיון, קראַס און רויטע פוקסן. א גרויס גערעטעניש איז געווען אויף ווייס־ארקטישע פוקסן, און איינ־ציקע בלוי־ארקטישע פוקסן, וואָס זיינען א גרויסע זעלטנהייט און קאָסטן אין די הונדערטער דאָלאר יעדערע. אויסער די פארשיידענע פוקסן איז אויך אריינגעקומען א גאָר גרויסע צאָל ערשט־קלאַסיקע מינקס, פּראַכטפולע מאַרטען, ווייך־זיידענע לינקס און א היבשע צאָל וואָלווערין, וואָס איז דאַן געווען אין דער מאָדע. צוליב דער אנטוויקלונג פון דער אוויאַציע, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אנטוויקלען אינם ווייטן צפון, האָט מען געניצט א סך פאַרקאַס פאַר די פליערס אין די אָפענע עראָפּלאַנען, די מיצן באַזוימט מיט פוטער אָפּצוהיטן דאָס פּנים פון פראָסט. האָט מען אויסגעפונען אז וואָל־ווערין איז דאָס איינציקע פוטער, וואָס פרירט ניט אָן פונם אָטעם־הויך. און די לאַנגע האָר פארשטעלן גוט דאָס פּנים פון פראָסט. איז געווען א גרויס נאָכפרעג אויף וואָלווערין און דער פּרייז אויף דעם איז הויך געשטיגן.

אויך ביבער איז אריינגעקומען, אָבער זייער ווייניק, צוליב רעגירונגס־קאָנטראָל. מאַסקרעט איז אריינגעקומען אין די טויזנטער. בערן און וועלף זיינען געווען פון די ביליקסטע פעלצן. ווען ניט דער ספּעציעלער אָפּצאָל, וואָס די רעגירונג האָט באַשטימט פאַר יעדער וואָלף, אויסער זיין פעלץ, וואָלטן די טרעפּערס איבערהויפּט ניט געזוכט צו פאַנגען זיי.

דער מסחר איז צוגעגאַנגען אויף א פּרימיטיוון שטייגער. די טרעפּערס האָבן געטוישט זייערע פעלצן אויף סחורה מיטן טרעידער, זעלטן ווען אויף מזומן געלט.

אז אן אינדיאַנער קונה קומט אריין, שטעלט ער זיך ביים גליענדיקן אויוון, רויכערט, שפּייט און שווייגט, בעת ער באַטראַכט די אויסגעלייגטע סחורה. אַן א וואָרט צו זאָגן גייט ער ארויס. א ווײַלע שפּעטער קומט ער צוריק מיט זיין פּאַק פעלצן, בינדט עס אויף, מיט א ווונק רופט ער צו עדן ער זאָל עס באַטראַכטן. קיין דינגעניש איז ניט שייך. לוינט זיך דער מסחר אין גוט, אלא ניט איז באַלד פארנומען דעם פּאַק מיט די פעלצן און ארויס, אומצוקערן זיך איז ניט שייך. ווען דער מסחר איז געשלאָסן, בלייבן די פעלצן ביי עדן און די טרעפּערס קערן זיך אום צו זייערע טרעפּ־ליינס באַלאָדן מיט כל־טוב : טיי, קאַווע, צוקער, מעל, זאַלץ, בעיקאָן, "סאָלט־פּאָרק", בעב־לער און איבערהויפּט טאַבאַק צו קייען און צו רויכערן; קליידונג און טוך, ווי אויך פארשיידענע נאַשערייען און פארשיידענע פּאַטשערקעס, בראַשקעס, קעמלעך, שפּיגעלעך, גאַנץ קליינע קארעלן פון פארשיידענע קאָלירן און זיידענע פּאַדעם אויסצונייען און באַצירן די קליידונג און די מאָקאַסינס. אויף דעם זיינען די אינדיאַנער פרויען גרויסע בריהס, ממש קינסטלערינס.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז אַמוניציע איז דאָס וויכטיקסטע ביים טרע־פּער. אויסער פארשיידענע געווער און קוילן, וואָס מוז זיין פון דאָס בעסטע, ווייל זייער אָפּט איז דאָס לעבן פונם טרעפּער אָפּהענגיק פון איין שאָס. ער מוז אויך האָבן גוטע, שטאַרקע שטאָלענע פּאַסטקעס. פון דער קלענסטער, פאַר אזא חיהלע ווי א ווײזעלע (אוירמין), ביז א בער־פּאַסטקע. אגב געברויכט א טרעפּער א שווערע בער־פּאַסטקע אויך פאַר ביבערס, צוליב צוויי טעמים : ראשית, ווייל א לייכטע פּאַסטקע האָט פאַר א ביבערס ציין קיין ווערט ניט,

ער קען עס צעבייסן אויף שטיקלעך; והשנית, שטעלט מען דעם ביבערס פאסטקע מערסטנס אין וואסער, איז ווען די פאסטקע איז כמעט אזוי שווער ווי דער ביבער אליין, ציט עס אים ארונטער אונטערן וואסער און דערטרינקט אים איידער ער קען זיך באפרייען. ניט זעלטן פאסירט, אז א ביבער זאל אפבייסן זיין פארקלעמטן פוס אין דער פאסטקע כדי זיך צו באפרייען.

אן א יאגד־מעסער און א יאגד־העקעלע אין גארטל וועט זיך קיין טרעפער ניט ארויסלאזן אויף זיין טרעפ־ליין. דאס זעלביקע איז אויך ווענן שניי־שיך צו פארמיידן אריינצוזינקען אין פריש־געפאלענעם שניי, אדער כדי צו "ברעכן" דעם וועג פאר די שפאן־הינט, זיי זאלן ניט איינזינקען אינם פרישן שניי. דאס און א סך אנדערע זאכן שטעלן מיט זיך פאר די סחורה פארן ווייטן צפון.

בעת דער מסחר איז געווען אין פולן ברען, האט זיך פון דרויסן גע־טראגן א ליארעם און געפילדער עד לב השמים, פון א 30־40 טשאטעס הינט, מייסטנס האסקים, גרויס און גרעסער פון וועלף, ווילד און ווילדער פון וועלף. הינט אין געשפאן קריגן קיינמאל ניט עסן צו זאט, ווייל דאס וואלט זיי פויל געמאכט. זיינען די האסקים שטענדיק הונגעריק און דאס מאכט זיי נאך ווילדער. ווען זיי באגעגענען זיך מיט אנדערע הינט, זיינען זיי גרייט אן קיין שום פראוואקאציע צו באפאלן איינס דעם צווייטן ביז אין טויט אריין. זעלבסטפארשטענדלעך אז יעדער טרעפער בינדט אן זיינע הינט אויף קייטן. אבער ניט זעלטן רייסן זיי זיך מיט אזא ווילדקייט ביז זיי רייסן זיך אפ פון קייט. און דאן איז הימל־עפן זיך! ניט אזוי גרינג קומט עס אן פאנאנדערצור־נעמען אזא קנויל צעיושעטע ווילדקייט. און ניט זעלטן פאלן קרבנות מיט אויפגעריסענע העלדזער. אין בעסטן פאל קומען ארויס די באטייליקטע אין אזא מלחמה בשן ועין. הייס קאכיק בלוט פארפלייצט דעם וייס־בלאנקענדיקן שניי און פארבט עס אין ראז־רויט. א סך הינט לעקן זייערע וווּנדן, צעביסענע פיס, צעפליקטע זייטן, אויפגעטרענטע אדערן אא"וו.

דאס שילטן און זידלעריי פון די טרעפערס איז געווען אין אנקלאנג מיטן גאנצן הארמידער. אויסער ווערטער, איז עס אויך געקומען צו קלעפ. איינער האט דעם אנדערן באשולדיקט, אז ער'ט ניט גוט באווארנט זיינע הינט. אבער אויסגעלאזט האט זיך דער טומל בשלום מער־ווייניקער.

אזוי האט זיך עס אפגעטומלט א צוויי־דריי וואכן. איין פארטיע טרעפערס איז אנגעקומען, אן אנדערע איז אפגעפארן. ענדלעך איז ווידער שטיל געווארן. ס'איז שוין נאכן יאריד. אין ווערהויז זיינען געלעגן א היבשע צאל פעק מיט טייערע פעלצן אינם ווערט פון שווערע טויזנטער.

ער האט אנגעהויבן טראכטן ווי אזוי אריבערצושיקן די סחורה צום ווינטערדיקן מארק קיין עדמאנטאן, אויף דער ליציטאציע צו וועלכער עס פארן זיך צונויף סוחרים ניט נאר פון קאנאדע און די שטאטן, נאר אויך פון ענגלאנד. אינגאנצן איז עס 700 מייל, אבער 400 פון די 700 מייל מוז מען עס פירן מיט הינט און 200 מייל איבערן אפענעם לעיק אטאבאסקא. א שווערע און ריזיקאלישע אונטערנעמונג, אפילו פאר א פארהארטעוועטן צפון־מענטשן, וואס איז גוט באקאנט מיט דער ארומיקער טעריטאריע. פאר עדן צו לאזן זיך אין אזא נסיעה אליין, אן דער נייטיקער באקאנטשאפט מיט דער פראפראנער ווילדערניש, וואלט געמיינט זיכערער טויט. די אנדערע טרעידערס האבן ניט ארויסגעוויזן קיין חשק אריינצונעמען אים אין זייער טראספארט. זיי האבן גערעכנט, אז צוליב אזעלכע און ענלעכע שוועריקייטן וועלן זיי אפשר פטור ווערן פון א קאנקורענט, פון א יידישן

קאָנקורענט. זיין אייגענער געשפּאַן איז בכלל ניט גענוג געווען צו פאַרנעמען דאָס גאַנצע פעלץ. און דינגען איז ניטאָ וועמען. אָבער גאָר אומדערוואַרט איז אים געלונגען דאָס שווערע פּראָבלעם צו לייזן.

א פאַרשפּעטיקטער אינדיאַנער טרעפער איז אָנגעקומען, איינער פון עדם אַלטע באַקאַנטע, א געבוירענער און דערצויגענער אינם ווילדן צפון. ער האָט גוט געוווּסט די טעריטאָריע פאַר הונדערטער מיילן ארום. נאָך א לאַנגן אונטערהאַנדלען, האָט זיך עדן איינגעגעבן צו באַוועגן דעם אינדיאַנער ער זאָל אים אַרויסהעלפן אין דער שווערער נסיעה.

עדם הינט זיינען געווען יונגע האַסקיס. גרויסע, געזונטע כלבים, פריש־געבראַכטע אין שפּאַן. דעם אינדיאַנערס הינט זיינען געווען געמישטע, עלטערע און א סך קלענערע פון עדם. האָט ער מורא געהאַט, אַז זיי וועלן ניט קענען נאָכהאַלטן זיין "טים". אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר פאַרקערט, און דאָס האָט אים שיר ניט זיין לעבן געקאָסט. גראָד ווייל דעם אינדיאַנערס הינט זיינען געווען עלטערע, איינגעפאַרענע, געוווינט צו לאַנגע נסיעות, האָבן זיי געהאַט א סך מער אויסדויער ווי עדם הינט. אויסער דעם זיינען דעם אינדיאַנערס הינט געווען מער־ווייניקער אויסגערוט, ווייל אויפן טרעפּ־ליניע אין ניטאָ וואָס צו טאָן פאַר זיי, בעת עדם הינט האָבן געמוזט שווער אַרבעטן די גאַנצע צייט : פירן האָלץ און פיש, אויך סחורה פון איין טרעידינג פּאָסט צום צווייטן.

ענדלעך זיינען אַלע פאַרבאַרייטונגען געמאַכט געוואָרן. צוויי טאָ־באַגאַנס, פון געלאָדן מיט וואַרטפולע פעלצן און מיט פיש — שפּייז פאַר די הינט, ווי אויך שפּייז פאַר זיך, אַלץ איז גרייט צום וועג.

אויפן אָפענעם לעיק־אַטאַבאַסקא האָט געבלאָזן א געשמאַק ווינטל. די טעמפּעראַטור — א 40 אונטער נול.. צוויי אָנגעפּעלצטע איינזאַמע מענטשן האָבן נאָכגעפאָלגט צוויי טאָבאַגאַנס געשפּאַנט מיט 5 הינט יעדערע. ער־טערווייז, וווּ דער ווינט האָט דעם שניי אַראָפּגעבלאָזן פונם אייז, זיינען די הינט לייכט געלאָפן, און עד מיטן אינדיאַנער פלעגן זיך אַרויפכאַפּן אויף א ווײַלע אויפן טאָבאַגאַן, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

דער הימל איז געווען שווער באַלאָדן מיט גרויע שניי־וואָלקנס. עס איז ניט לייכט געווען צו טרעפן ווי שפּעט עס איז, אָבער דער זייגער האָט געוויזן, אַז דער קורצער צפון־טאָג האַלט ביי אויסטאָגן.

דער אינדיאַנער מיט זיין "טים" זיינען געפאָרן פאָרויס. גראָד עדם ריין־בלוטיקע האַסקיס האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן מידקייט. ער האָט עטלעכע מאָל פאַרלאַנגט מען זאָל זיך אָפּשטעלן און לאָזן אָפּרוען די הינט. אָבער דער אינדיאַנער האָט ניט געוואָלט הערן דערפון.

— זעסט ? — האָט ער אָנגעוויזן אויפן הימל, — א בליזאַרד קומט, מיר מוזן גרייכן אינדזל, שוץ פון ווינט, האָלץ פאַר פייער.

מער האָט ער ניט גערעדט. ס'איז ניט נייטיק געווען מער צו זאָגן. דער ווינט האָט זיך מיט יעדער מינוט געשטאַרקט און פּלאַטערנדיקע שנייע־לעך האָבן זיך באַוויזן געיאָגט פונם ווינט. ס'איז געוואָרן נאָך טונקעלער. עדם הינט האָבן אָנגעהויבן אָפּשטיין צו ביסלעך און ס'איז פאַר אים אַלץ שווערער געוואָרן נאָכצוהאַלטן דעם אינדיאַנער. מייל נאָך מייל זיינען פאַרביי מיט גרויס אָנשטרענגונג. דער שניי איז געוואָרן גדיכטער, ביז עדם הינט האָבן זיך גאָר אָפּגעשטעלט. קנאַלן מיט דער בייטש האָט ניט געהאָלפן.

איז ער צוגעקומען נעענטער באטראכטן די סיבה. ערשט איין הונט האָט זיך אוועקגעלייגט און די אנדערע האָבן זיך, ווארפנדיק, שטארק פארפּלאָנטערט אינם געשפּאַן. ביז ער האָט אַלץ צורעכט געמאכט, האָט ער זיך ארומגעזען, אז פונם אינדיאנער איז קיין שפּור ניט פארבליבן. דאָס שרייען און רופן איז געווען אומזיסט. דער איינציקער ענטפער איז געווען, דעם ווינטס וואָיען.

די נאכט האָט זיך אַנגערוקט. דער שניי־שטורעם איז פארוואנדלט געוואָרן אין אַן אמתן בליזארד. ער איז אליין פארבליבן מיט זיינע אויסגע־מאטערטע הינט אויפן אָפענעם לעיק. איין געדאנק האָט אים געפּיקט אין קאָפּ, — ער מוז זיך דערשלאָגן צו אַן אינדזעלע, אויב ער וויל בלייבן לעבן. ניט וויסנדיק ווו ער האַלט אין דער וועלט, האָט ער גענומען אַ ריכטונג נאָכן קאָמפּאַס, מיט דער האָפענונג אז ס'וועט אים ברענגען צו אַ וועלכן ס'איז אינדזל. ס'איז אים ניט אזוי גרינג אָנגעקומען צו רירן די הינט פון אָרט. ער האָט געמוזט אָנטאָן די שניי־שיך, לויפן פאָרויס אויסצוטרעטן אַ וועג פאַר די אויסגעשפּילטע הינט און ניט געוווּסט אויף וואָסער וועלט ער איז, ביז ער האָט אַן אויסגעמאטערטער זיך דערשלאָגן צו אַ ברעג.

ס'איז געווען שטאָק פינצטער. ער האָט זיך פארקליבן טיף צווישן דיביימער, עטוואָס געשיצט פון דער זאווערוכע, אָנגעבונדן די הינט און גענו־מען זוכן טרוקן האָלץ צו מאכן אַ פייער. אָבער ווי געפינט מען עס אין אזא חושך? ווען אַלץ איז פארשאָטן אונטער אַ טיפן שניי־דעק. אביסל ווייטער האָט ער מורא געהאַט, אז ער וועט פארלירן די הינט. דער סוף איז געווען אז ער האָט געמוזט אויפגעבן דעם געדאנק צו ווארעמען זיך ביי אַ פייער.

דער שטורעם האָט נאָכגעלאָזן, אָבער דער פראָסט האָט זיך געשטארקט. כדי צו האַלטן זיך ווארעם, איז ער געצוווּנגען געווען ארומצוטאנצן און מאכן פארשיידענע באוועגונגען. די הינט האָבן רחמנותדיק געקוויטשעט פון הונגער. אויך ער וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ הייס טעפּל טיי מיט אַ צוביים, אָבער די שפּייז איז געווען שטארק פארפראָרן, מען מוז ווארטן ביז עס וועט אָנהויבן טאָגן צו קענען מאכן פייער.

— ביז עס וועט אָנהויבן טאָגן ? — האָט אויפגעבליצט אַ פראגע ביי עדן אין מוח, — ס'איז נאָך לאנג צו ווארטן ביז טאָג, וועל איך עס דערלעבן ? . .

ביי דעם געדאנק איז אים שטארק הייס געוואָרן, און באלד האָט אים אַ וואָרף געטאָן אין קעלט . . .

דער שוואַרץ־בלויער הימל־געוועלב איז באַשאָטן געווען מיט שעמע־רירנדיקע שטערן. די "אוראָרא־באָרעאַליס" (נאָרד־ליכט) האָט זיך צעשפּילט איבערן הימל־רוים, וווּנדערלעך, גראַנדיעז, אין אַ זעלטענער קאָלירן־סימפאָניע. ווי אַ גיגאַנטישער פאָרהאַנג האָט זיך עס געפאַלדעוועט און געוויקלט, וואַר־פנדיק אַ כּישופדיקע שיין אויף מיילן ארום. שטיל פלי סטערן ווי פון גייסטער האָט זיך קוים געהערט אין דער שטילקייט פון דער פראָסטיקער נאַכט.

פּלוצלונג איז די שטילקייט פון דער נאַכט איבערגעריסן געוואָרן. פון די ווייטע ווייסע וויסטענישן האָט זיך דערטראָגן אַן אָפּגעהאַקט וואָיען פון אַ הונגעריקן וואָלף, אָפּגעענטפערט פון אַ צווייטן, אַ דריטן און ווער וויים וויפל נאָך? אַ גאנצער כאָר ברויזנדיקע ווילדע קולות געקנוילט און געפּלאָנטערט, האָבן זיך פארצויגן אין אַ שוידערלעך גרויזאַמען קאָנצערט. ער האָט דערפילט ווי דאָס בלוט גליווערט אין זיינע אָדערן, די האָר שטעבן דורך זיין מוח.

אין דעם כאַר האָט זיך געשפּירט דער פּרימיטיוועער רוף פון דער ווילדערניש, פון די וויטע, אַלטע, אין דער אייביקייט פאַרזונקענע צייטן, אין דעם באַגינען פון דער מענטשהייט, ווען דער גרענעץ צווישן מענטש און חיה איז באַשטאַנען אין רויער, פיזישער קראַפט, אין דער קראַפט פון ציין און נעגל. ס'האָט זיך געשפּירט אין דעם דאָס קול פון בלוט, דער רוף צו רויב, צו שטילן דעם נאָגנדיקן הונגער מיט קאָכיק בלוט און צאַפּל־דיק פליייש . . .

מאָדנע! פּלוצלונג האָט ער די מורא פאַרלאָרן. אַנשטאָט דעם שווידער־לעכן כאַר פון וועלף אויף געיעג, האָט זיך צו אים דערטראָגן ווי פון דער הויך אַרויס, אָדער גאָר פונם חלל העולם, אַן אָפּקלאַנג פון אַ צויבערנדיקער מוזיק. אַזוי ליכט, אַזוי צאַרט, אַזוי איינוויגנדיק. ער האָט זיך דערפילט לייכט און לייכטער, מיטגעצויגן מיט די הימלישע קלאַנגען, צוזאַמענגעוואַקסן מיט די טענער און אויפגעלייזט אין אַן אָפּשטאַרבנדיקן אַקאָרד . . .

— האַלוצינאַציע ! — האָט פּלוצים אַ שאַרפער געדאַנק, ווי אַן אָנגעגליטע שפּיז, זיין פאַרנעפּלטן מוח דורכגעשטאָכן.

— האַ, וואָס! איך אַ קרבן פונם צפונדיקן ווינטער? אָ, ניין, איך גיב זיך ניט אונטער ! . .

ער האָט מיט גרויס מי אויפגעריסן די מיט בליי געלאָדענע אויגן־לעדלעך. פאַרשוווּנדן געוואָרן איז די געטלעכע מוזיק. ער האָט אַרומגעקוקט זיך ווי אַ פאַרשיכורטער, ניט רירנדיק מיט קיין גליד, ניט באַנעמענדיק וואָס מיט אים טוט זיך. זיין הונט, מאָסקוואַ, דער לידער פונם "טים", איז איבער אים געשטאַנען, געלעקט זיינע פאַרפראָרענע הענט און פּנים, און מיט אַ טרויעריקן וואָיען אַזוי ווי געזוכט צו וואָרענען אים קעגן דער גרויסער סכנה. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און ער האָט אַלץ באַנומען.

מיט איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג האָט ער זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט און איז צוריק געפאַלן. זיינע הענט און פיס זיינען שטייף געווען, אַזוי אַז ער האָט זיי ניט געפילט. זיין גאַנצער קערפּער איז געווען ווי מיט בליי געלאָדן און ס'האָט זיך אים אַזוי געוואָלט שלאָפן, ביז אין דער איי־ביקייט . . . אָבער דער אונטערבאַוווּסטזיין האָט אים געוואָרנט.

— זיין וואַך, גיב זיך ניט אונטער! שלאָפסטו איין, שטייסטו מער ניט אויף. ס'וועט זיין דיין אייביקער שלאָף ! . .

ער האָט זיך גענומען וואַרפן, שליידערן, געדרייט און געקאָרטשעט זיך אין שרעקלעכער אַגאָניע, ביז ס'איז אים געלונגען אויפצושטעלן זיך. קלאַפּנדיק מיט די הענט איבערן קערפּער אַזוי לאַנג, ביז דאָס פאַרגליווערטע בלוט האָט ווידער אָנגעהויבן פריי צו פּולסירן, אַזוי ווי טויזנטער אָנגעגליטע נאָדלען וואָלטן זיין קערפּער געשטאָכן, פאַרשאַפנדיק שווידערלעכע ווייטיקן. ער האָט פאַרקריצט די ציין ניט צו שרייען פון ווייטיק.

ערשט איצט האָט ער באַגריפן ווי נאָענט ער איז געווען צום טויט. וואָס ס'האָט געשטאָכן, אַלץ מער און ווילדער האָט ער געטאַנצט און געשפּרונגען, צוזאַמען מיט די הינט איז אַ ווילדן קאַראַהאָד, ביז ס'האָט אָנגעהויבן בלייכן אויף טאָג.

דער פראָסט האָט זיך נאָך אַלץ געשטאַרקט, קוים דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן. עד האָט זיך ווידער געלאָזט זוכן טרוקענע האָלץ. קוים שלעפּנדיק זיינע פיס. ער האָט צונויפגעקליבן אָנגעבראָכענע טרוקענע צווייגן און מיט גרויס מאַטערניש צעלייגט אַ פייער. אויך די הינט זיינען ווי ניי באַלעבט געוואָרן.

דאָס פייער האָט פריילעך געברענט. ער האָט אויפגעבונדן די טאָ־באַגען, האָט ארויסגענומען א טשייניק און געשטעלט קאָכן טיי פון שניי־וואסער. האָט אָפגעווארעמט פיש פאר די הינט, אויך עפּעס צו עסן פאר זיך. די הינט האָבן איינגעשלונגען די הייסע פיש ניט געקייטערהייט און ער האָט זיך גוט צעבריט שלינגענדיק די זודיקע טיי. אָפגעטרונקען און אָפגעגעסן, האָט ער רויק גענומען באטראכטן ווו ער געפינט זיך ערגעץ. מיט דער הילף פונם קאָמפּאס האָט ער אויסגעפונען ווו ער געפינט זיך, ס'איז גאָרניט אזוי ווייט געווען פון דער היים. ער האָט גלייך געשפּאנט די הינט און פארקי־רעוועט צוריק אהיים, נאָכלויפנדיק נאָך דער טאָבאגען די גאנצע צייט מיט אָפגענומענע פיס.

. . . די פינגער פון די הענט און פיס האָט ער גוט צוגעפראָרן, אויך דאָס פנים "צוגעכאפּט", אָבער וואָס מאכט עס אוים — ער האָט זיך דעם בייזן צפון ניט אונטערגעגעבן ! . .

ווי מ'כאפט חיות אין ווינטער-שטורעמס אין די ווילדע וועלדער פון קאנאדע

— העלאו ! העלאו ! ענד האו איז מיי פרענד עד ? . .

אזוי האט זיך טרעפער סטיוו פלענעגען ארומגעכאפט מיט זיין אלטן פריינד, טרעידער עד, וועלכן ער האט א לאנגע צייט ניט געזען. און כאטש טרעידער עד איז געווען א ייד, האט דאך סטיוו, דער איירישמאן, ביי דער באגעגעניש ארויסגעוויזן עכטע אפנהארציקע פריינדשאפט, ווי גע־וויינלעך ביי מענטשן, וואס לעבן שטענדיק אויף דער פרייער, אפט ניט גאר פריינדלעכער צפונדיקער נאטור.

א פריינדלעכער און לעבהאפטער שמועס איז אנגעאנגען א לענ־גערע צייט צווישן די צוויי פריינט.

טרעפער סטיוו, אונטער דעם נאמען האבן אים אלע געוווסט, איז געווען א מאן פון סך־הכל 24 יאר, פון מיטעלן וווקס, מאסיוו, ברייט־פלייציק, מיט מוסקולן אויף די ארעמס, וואס וואלטן בכוח געווען צו דערשטיקן א בער אין א האנט־צו־האנט קאמף. ער איז שטענדיק ארומגעגאנגען אן ארבל אין זיינע העמדער. ביי דער קלענסטער באוועגונג פון זיינע ארעמס פלעגן די ארבל פלאצן. דעריבער פלעגט ער זיי אפשניידן ביים ערשטן מאל אנטאן. זיין פנים, כאטש שטארק אפגעברענט פון זון, פראסט און ווינט, איז דאך געווען זייער סימפאטיש און זיין מארדע האט אויך אויסגעדריקט א שטארקן כאראקטער, און מיט זיין גאנער קינדערשער גוטמוטיקייט האט ער דאך געמאכט אן איינדרוק פון א מוטיקן, אומדערשראקענעם מענטשן. קוקנדיק אויף זיין מאסיוון געבוי און לאנגזאמע באוועגונגען איז קוים געווען צו גלויבן, אז אט דער גוטמוטיקער בחור זאל אין א מאמענט פון צארנדיקן אויסברוך ווערן פלינק ווי א פאנטער פונם אפריקאנישן דזשאנגל, געטאפלט מיט דער גבורה פון א לייב און מיט אויסדויער פון א קעמל אין די סאכא־רא מדבריות.

פון זיין פריסטער יוגנט אן איז ער געווינט געווען מיט דער האר־בער, שטרענגער, ניט זעלטן גרויזאמער נאטור פון קאנאדער צפון. אין וואלד, אין דער ווילדערניש, האט ער זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. ס'איז מייסטנס טאקע זיין היים געווען. א זעלטענער יעגער, אן עקספערט אין באגיין זיך מיט געווער, ווייל יאגד און טרעפינג האט ער מיט זיין מאמעס מילך אריינגעזויגן, און האט דערפון זיין חיונה געצויגן, ניט בלויז פאר זיך אליין, נאר אויך אויסגעהאלטן זיין מוטער, וואס איז אן אלמנה געבליבן ווען ער, סטיוו, איז א ייִנגל געווען פון א יאר צוועלף, מיט א האלב טוץ יונגווארג הינטער אים.

זיין פאטער און מוטער זיינען אריבערגעקומען פונם "גרינעם אינדזל" קיין קאנאדע, באלד נאך זייער חתונה. זיי האבן אויסגעזוכט א "האמסטעד"

אין די צפון־מערבדיקע ווילדערנישן פון אלבערטא (צו יענער צייט: נאָרד־וועסט טעריטאָריע), אין א געגנט וואָס איז געווען רייך מיט פארשיידענע לעיקס — קליינע, גרעסערע און גאָר גרויסע; מיט שטראָמען און טייכן, וואָס האָבן זיך פון אלע ריכטונגען געצויגן צו די לעיקס. פאר זיין אומ־רויקער, אוואנטוריסטישער נאטור איז עס געווען ווי געוואונטשן. מיט רייפל און שאָט־גאָן, האק און יאגד־מעסער, מיט נעץ און ווענטקע, איז אים ניט שווער געווען צו באזאָרגן זיך מיט חיונה. און דאָס צופעליקע טרעפינג פלעגט אים באזאָרגן מיט דאָס איבעריקע. איינמאָל אין א דריי־פיר חדשים פלעגט ער זיך אריבערכאפן צום טרעידינג־פאָסט, א דרייסיק־פערציק מייל ווייט, אויסצובייטן זיינע פעלצלעך אויף די נויטיקסטע קליידונג, אויף א זאק מעל, צוקער, זאלץ, קאווע, טיי און שאר ירקות. ער האָט זיך געפילט פריי, אומגעצוימט, ווי דער צפון־ווינט איבער די רחבותן פון די גרויסע לעיקס.

מיט דער הילף פון זיין יונג ווייבל האָט ער זיך אויסגעבויט א לאָג־קעבין, טאקע פון די ביימער, וואָס ער האָט אויפן פלאץ אויסגעהאקט, און דאָס איז שפּעטער געווען די היים פון טרעפּער סטיוו. דאָרט איז זיין וויגעלע געשטאנען. די צפונדיקע בליזארדס האָבן אים די וויג־לידער געזונגען. דורך די לאנגע, ענדלאָזע ווינטער־נעכט און די עלעקטרישע שטורעמס מיט דונער און בליץ, וואָס האָבן בארג און טאָל, פעלדז און לעיק, צוזאמען מיטן אור־וואלד אויפגעטרייסלט, האָבן אים אום זומער פארשלעפערט.

א געוויסע אומפאָרזיכטיקייט פון זיין פאָטער האָט אים דאָס לעבן געקאָסט. עס האָט זיך אים פארגלוסט צו גיין פישן אין א לעיק ווייטער אוועק פון זייער היים ווי געוויינלעך און ער האָט פארפעלט מיטצונעמען זיין שווער־קאליבערדיק ליע־ענפילד רייפל. פלוצלונג איז ער אטאקירט געוואָרן פון א מאָנסטער גריזלי־בער. אויפן פלאץ וואו מ׳האָט זיין איבערבלייבעכץ געפונען, איז געווען קענטיק, אז דער גריזלי־בער איז באמת געווען א גיגאנ־טישער מאָנסטער. דאָס האָבן זיינע פוס־טריט געוויזן. דאָך האָט דער מוטיקער איירישמען, מיט זיין האק און יאגד־מעסער, אָנגעפירט א שטארקן פארצווייפלטן קאמף פאר זיין לעבן. אויף דעם האָבן עדות געזאָגט עטלעכע בערישע פינגער מיט שרעקלעכע דריי־צאָליקע שארפע נעגל, וואָס האָבן זיך געוואלגערט אויפן קאמף־פלאץ.

טרעפּער סטיוו האָט די נעגל מיט שטאָלץ געטראָגן אָנגעשנירט אויף זיין האלדז, אין דער האָפענונג מיט דער צייט אָפּצורעכענען זיך מיט דעם מאָנסטער, אויב ס׳וועט אים באשערט זיין אמאָל צו באגעגענען זיך מיט אים אָדער מיט וועלכן ניט־איז פון זיין מין. איבערהויפּט האָט ער עס אָבער געטראָגן אין אָנדענק פון זיין פאָטער, וועלכן ער האָט שטארק ליב געהאַט.

* * * * *

— הייסט עס, דו ווילסט וויסן, עד, ווו איך בין געווען לעצטן יאָר? אָט וואָס עס האָט פאסירט, — האָט סטיוו גוטמוטיק געזאָגט און האָט אָנגע־הויבן דערציילן.

געדענקסט ווען איך האָב דיר פאר לעצטן פרילינג געבראַכט מיינע פעלצן פון פארגאנגענעם ווינטער? כ׳האָב דאן געטראָפּן מיט באב מעקפאַדען, א העף־בריד (א האלב ווייסער און האלב אינדיאנער). ניט קיין שלעכטער טרעפּער, אָבער א ״סניקי״ (שלויער) חברה־מאן. ער׳ט ניט געקוקט א מענטשן גלייך אין די אויגן. מיין טעות צו גיין מיט אים אין פארטנערס האָט

מיר שפּעטער טייער געקאָסט. אַלנפאַלס האָב איך באַשלאָסן פאַנאַנדערצוגיין זיך מיט אים, אויפגעבן די טראַפּ־ליין און זוכן עפּעס אַנדערש.

איך האָב חשק געקראָגן צו גיין "פּראָספּעקטן", געוואָלט פּרובירן דאָס מזל ביים גאָלד־זוכן אינם ווייטן צפון. כ'האָט געהערט קלאַנגען, אַז אינם געגנט פון גרעיט־דיר־לעיק, אין די נאָרט־וועסט טעריטאָריעס, געפינט זיך גאָלד. אָבער דורכצופירן אַזאַ שווערע אונטערנעמונג מוז מען האָבן מזומן, און אַ היבש ביסל דערצו. פון דער פּאַרטנערשער טראַפּ־ליין האָב איך עס ניט גע־קאָנט דערוואַרטן צו מאַכן. דעריבער האָב איך באַשלאָסן פּטור צו ווערן פונם פּאַרטנער מיטן טראַפּ־ליין. דערווייל האָב איך געהאַלטן מיינע אויערן און אויגן אָפן.

טראַפּנדיק זיך מיט קרי־אינדיאַנער, האָב איך זיי געהערט שמועסן, אַז אינם געגנט פון באָפאַלאָ לעיק זיינען דאָ גרויסע ביבער־קאָלאָניעס, וואָס זיינען פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר גאָרניט אָנגערירט געוואָרן צוליב דעם שטרענגען פאַרבאָט, וואָס די פּראָווינציעלע רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט כדי די ביבערס, וואָס זיינען דאַן צופיל אויסגעטראַפּט געוואָרן, זאָלן זיך ווידער קענען פאַרמערן אין יענעם געגנט. די "געים וואַרדנס" (חיות אָפּהיטערס) האָבן געהאַלטן אַ שאַרף אויג אויף טראַפּער און טרעידער, ווי אויך אויף די גרויסע "פאָר־דיילערס" פון גאַנץ אַלבערטאַ. ניט איינמאָל האָבן זיי מיט דער מיטהילף פון די "ראָיאַל קענעדיען מאַונטעד פּאָליס", געפּאַקט אַ טראַפּער אָדער טרעידער מיט דער "הייסער" סחורה אויף די הענט. איז אויסער וואָס דער געכאַפּטער האָט די סחורה פאַרלאָרן, האָט ער נאָך דערצו אַ האַרבע געלט־שטראָף באַקומען מיט אַ מעגלעכקייט צו פאַרלירן די לייסנס אויך. דעריבער האָבן חברה טראַפּערס געוויכט פון דעם פּלאַץ.

נאָך מיין חשבון האָט דאָס פּלאַץ געדאַרפט זיין אַן אמתער גאָלד־מיין. אָבער כ'האָב באַדאַרפט לייזן צוויי שווערע פּראָבלעמען: ערשטנס, צוצוקומען צום פּלאַץ אָן צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אירגענד וועמען און ספּעציעל פונם געים־וואָרדן. ס'איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז אַזאַ דזשאָב מוז דורכגעפירט ווערן בסוד סודות. דעריבער דאַרף עס געטאָן ווערן "סינגל־הענדעד". אַז דאָס האָט באַדאַרפט זיין גאָרניט קיין גרינגע אונטערנעמונג, איז אויך פאַר מער געווען קלאָר. אַ דריי־פיר חדשים פאַר איין מענטשן אין יענע ווילדערנישן, אַ 75 מייל פון אַ מענטשלעכן ישוב, אין טיפן צפון־ווינטער, אָן דאָס סאַמע נויטווענדיקסטע — איז ניט קיין שפּילעכל: צווייטנס, אָפּצוזעצן די "הייסע" סחורה, אויב און ווען ס'וועט מיר געלינגען אָפּצוטאָן דעם דזשאָב. פאַרקויפן עס צו טרעידערס איז אויסגע־שלאָסן, מען היט צו שטרענג. די גרויסע פאָר־דיילערס אין עדמאָנטאָן איז אויך ניט שייך, ווייל די רעגירונגס־מאַשין איז דאָ צופיל קאָנצענטרירט. יעדער פּיצל וואָס קומט אַריין, ווערט געטשעקט און "דאָבל־טשעקט".

האָב איך זיך ראשית אַריבערגעכאַפּט קיין קאַלגאַרי און האָב זיך געזען מיט אַ באַקאַנטן פאָר־דיילער, מיט וועלכן כ'האָב אַמאָל געהאַנדלט, אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, און האָב אים פאַרגעלייגט דעם עסק. ער איז גרייט געווען צו האַנדלען "הייסע" סחורה, פאַרשטייט זיך אויף אַ גע־העריקן פּרייז, אויף וואָס מיר האָבן זיך דאָרט אויסגעגלייכט. וויפל ביבער־פּעלצן איך זאָל ניט אַריינברענגען דעם ווינטער, דאַרף ער מיר צאָלן 30 דאָלאַר אַ שטיק, אָן אונטערשייד פון גרויס און קוואַליטעט.

עס איז מיר ניט גרינג אָנגעקומען פּטור צו ווערן פון מיין פּאַרטנער. דאַרפסט דאָך וויסן, עד, ווי ביטערע, ווי פאַרדעכטיק, די "העף־ברידס" זיינען.

כ'האָב אים דערציילט וועגן מיין באשלוס צו גיין "פּראָספּעקטן" אינם ווייטן צפון אין דעם יעלאָו־נייף געגנט, דעריבער מוז איך אויפגעבן די טרעפּ־ליין. עס האָט מיך ביז א געוויסן גראד איבערראשט זיין צו־גיכיקע צושטימונג. כ'האָב אָבער אויפן מאָמענט גאָרניט פאַרדעכטיקט. צו מיין באַדויערן האָב איך אים אונטערשאַצט, און דאָס האָט מיך שפּעטער זייער טייער געקאָסט. מיר האָבן ליקווידירט אונדזער טרעפּ־ליין, פאַרקויפט אונדזערע פעלצלעך און זיך צעגאַנגען ווי גוטע־פריינט.

דעם איינציקן וואָס איך האָב אַריינגענומען אין מיינע פּלענער איז געווען מיין 15־יאָריקער ברודערל, א קלוגער, מוטיקער ייִנגל, וואָס ווייס ווי צו האַלטן דאָס מויל. מיט אים בין איך זיכער געווען, אז ער וועט אויספירן פּינקטלעך מיינע פאַראָרדענונגען ווי שווער, ווי געפערלעך ס'זאָל ניט זיין. און דאָס איז געווען מיין פּלאַן.

בוטש, מיין ברודער, זאָל צוגרייטן די נויטיקע רייט און פּאַק־פערד, מיט אלע נויטיקע מכשירים, א קליינעם בעל־טענט און שלאָף־זאַק אַריינגערעכנט. כ'האָב געטראַכט, אז אויף א יונג ייִנגל וועט זיך קיינער ניט אומקוקן וואָס ער טוט. גלייכצייטיק האָבן מיר פאַרשפּרייט א קלאַנג, אז איך גרייט זיך צו פּראָספּעקטן ביים סוב־אַרקטיק אין די נאָרט־וועסט טעריטאָריעס דעם זומער. ס'האָט זיך מיר געדוכט אלנפאַלס, אז אלץ איז געגאַנגען ווי איך האָב אויסגעפּלאַנעוועט.

דורך פאַרשיידענע ביי־וועגן האָב איך מיט מיין ברודער געלאָזט זיך אין וועג. אויסער די רייט־פערד, האָבן מיר געהאַט צוויי שווער־געלאָדענע פּאַק־פערד מיט דאָס סאַמע נויטיקסטע. ביי זיך אין שטעטל האָט עס געהייסן, אז מיין ברודער באַגלייט מיך ביז צום וואַסער־וועג, וואָס וועט מיך מיט א קאַנו פירן ביז גאָר ווייטן צפון.

אַרום 25 מייל פון באַפּאַלאָ־לעיק, אין א געדיכט וועלדל, האָב איך באַשלאָסן אָפּצושטעלן זיך, אויס פאָרזיכטיקייט, צו זיין זיכער, אז קיינער פאָלגט מיר ניט נאָך. מיר האָבן אלץ אַרונטערגעלאָדן, געלאָזט אויסרוען די פערד און אָנפיטערן זיי. מיינע אינסטרוקציעס צו בוטשן זיינען געווען, אז סוף יאַנואַר מוז ער אומבאַדינגט זיין אויף דעם זעלבן פּלאַץ מיט די פערד. מיר ביידע האָבן גוט געוווסט, אז אפילו פאַר א דערוואַקסענעם, דערפאַרענעם מענטשן איז עס געווען א גרויסע אויפגאַבע. כ'האָב אָבער אויך געוווסט, אז איך קען זיך פאַרלאָזן אויף בוטשן. געזעגנט זיך און האָב אים אָפּגעשיקט צוריק אַהיים, בלייבנדיק אַליין אין דער זומפּיקערווילדערניש.

אַריבערצופּעקלען אלע מיינע זאַכן אויף די פּלייצעס, א שטרעקע פון 25 מייל ביז צום לעיק איבער אַזאַ טעריטאָריע, איז געווען גאָר ניט קיין גרינגער עסק. אָבער כ'האָב עס דאָך פאַראויסגעזען און האָב עס דערוואַרטעט. פריער האָב איך צוגעגרייט א "קעיש" וו צו באַהאַלטן מיינע מכשירים, און שפּעטער די פעלצן וואָס איך וועל האָבן, צווישן דיקע נאָדל־ביימער. ניט ווייט דערפון האָב איך אויפגעשטעלט מיין בעל־טענט, אַרומגעלייגט עס מיט צווייגן כמעט ביז צום שפּיץ, כדי שפּעטער, ווען דער שניי וועט אָנפאַלן, וועט עס האַלטן מיין טענט גוט פאַראַנקערט. ביים אַריינגאַנג צום טענט האָב איך אויסגעלייגט פון שטיינער א הייץ־פּלאַץ און האָב צוזאַמענגעשלעפּט דערביי בערג מיט האָלץ.

איך האָב קוים באַוויזן פאַרטיק צו ווערן מיט די נויטיקע פאַרבאַרייטונגען ווי די בייזע צפון־נאַטור האָט זיך צעשפּילט פריער ווי דערוואַרט.

ווי א סאָרט "טשאַלענדזש", אַן ארויסרוף צו מיר. ווי זי וואָלט געזאָגט: "אַט וועלן מיר זען, דו נישטיקער מענטשעלע, צי וועסטו אויסהאַלטן מיין פּראָבע"!

א דריי־טאָגיקער בליזאַרד האָט געבושעוועט אַן אָפּשטעל. דער שניי איז אַזוי געדיכט געפאַלן און געדרייט, אַז ס'איז ממש געווען לעבנס־געפערלעך ארויסצוגיין א טראָט פונם טענט. ווייסט דאָך, עד, אַז איך בין ניט קיין "טענדער־פוט", כ'האָב שוין דורכגעמאַכט אין מיין לעבן קאַלטס און ווארעמס. איך זאָג דיר אָבער דעם אמת, וואָלט איך ניט באַוויזן אָנצו־גרייטן דאָס טרוקענע האָלץ אונטער דער האַנט, וואָלט איך זייער מיאוס אָפּגעשניטן. ס'איז מיר גאָרניט אַזוי גרינג אָנגעקומען אָנצוהאַלטן דאָס פייער אין אַזא שטורעם. אָבער ווי זאָגט דאָס ווערטל: "נויט איז די מוטער פון אנטדעקונג".



דער טערמאָמעטער נאָכן בליזאַרד איז געזונקען א 20 אונטער זירא. אָבער דאָס איין אויפן לעיק איז געווען צו דין, ערטערווייז איז נאָך געווען אָפענע וואַסער, דעריבער איז טרעפן געווען אויסער דער פראַגע. האָב איך זיך דערוויילע גענומען אויספּאַרשן מיין "קעניגרייך". עס האָט זיך ארויסגעוויזן צו איבערשטייגן אַלע מיינע דערוואַרטונגען. דער גאַנצער לעיק־ברעג אויף מיילן ווייט, און אַלע וואַסערן וואָס האָבן געשטראָמט צום לעיק, זיינען פאַר־בויט געווען מיט ביבערשע דאַמבעס און אָנגעהויפטע וויינונגען. זעענדיק פאַר מיינע אויגן די פאַרווירקלעכונג פון מיינע פּלענער, האָב איך מיט צופרידנהייט געטראַכט: דאָס וועט זיין מיין קאָמפּענסאַציע פאַר אַלץ וואָס מיר שטייט פאָר דאָ דורכצומאַכן. איך האָב אָבער אויפן מאָמענט פאַרגעסן

דאָס אנדערע ווערטל: "צייל ניט די הינדעלעך איידער זיי זיינען ארויס־געקראָכן פון די אייער".

דער ווינטער האָט זיך אויף אַן אמת געשטעלט. די פרעסט זיינען פון טאָג צו טאָג שטארקער געוואָרן. די טעג זיינען וואָס אמאָל קירצער געוואָרן. דאָס אייז איז דיק און פעסט געוואָרן. מיינע טרעפּס האָבן מיר טעגלעך געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. פארשטייט זיך, ניט אָן שוועריקייטן. דאָס שלאָפן איז ניט געווען פון די באַקוועמסטע ענינים. שלאָפן ניט אויסגעטאָן (אויסער די מאָקאסינס) אינם שלאָפזאַק א פּאָר נעכט אין א יאגד־קעמפּ איז אַיין זאך, אָבער שלאָפן פאר דריי חדשים אזוי, ווען די טעמפּעראטור פאלט ביז 60-65 אונטער נול, מיטן פייער נאָר ביי דער עפענונג פונם טענט, איז א גאַנץ אנדער זאך. "גראָב־סטעיק" (שפּייז) האָב איך נאָר מיטגענומען זייער ווייניק, כדי צו האָבן וואָס וויניקער צו שלעפּן. ס'איז מיר געלונגען צו כאַפּן אביסל פיש, איידער דאָס וואסער איז געפראָרן, און איך האָב עס אויף דער זון געוויאדלט און צוגערויכערט, אָבער מיט דעם אלעם האָט עס מיר אויף לאנג ניט גדויערט. קיין פלייש־חיות האָבן גראָד ניט געפעלט, ווי מוס, קאריבו און אנדערע. אָבער כ'האָב באשלאָסן ניט צו באנוצן מיין רייפל ווי ווייט מעגלעך, אוים פּאָרזיכטיקייט עמיצער זאָל ניט אונטערהערן די שיסעריי. דעריבער איז מיר אויסגעקומען די לעצטע פּאָר חדשים צו שפּייזן זיך אויסשליסלעך מיט די ביבער קאַרקאסעס. אָנפאנגס האָט ער ניט שלעכט געטעמט געבראָטענערהייט אויפן אָפענעם פייער. אָבער ווען איינער איז געצוווּנגען צו עסן עס דריי מאָל א טאָג אָן ברויט, און צולעצט אויך אָן זאלץ, איז, וואָס זאָל איך דיר זאָגן ברודער עד, ס'איז מיר פון האַלדז גע־קראָכן! ס'האָט מיך ממש געעקלט, אָבער עסן האָב איך געמוזט. ארבעטנדיק ווי מיר איז אויסגעקומען אין אזוינע פרעסט, אונטער אזעלכע באדינגונגען, האָב איך ניט־ווילנדיק געמוזט עסן.

פון 187 פונט, מיין געוויינלעכע וואָג, אַן איבעריקע פּעטס, האָב איך, ארויסקומענדיק פון דאָרטן, קוים 125 פונט געווויגן. דאָס קען דיר געבן א באגריף וואָס איך האָב דאָרט דורכגעמאכט. אָבער, וואָס מאכט עס אויס — ווי לאנג מיין פּאָק ביבער־פעלצן האָט געהאַלטן איז וואקסן.

מערקווירדיק ווי קלוג און פארשטענדיק חיות קענען זיין. וויפל איינער זאָל ניט וויסן, בלייבט נאָך אלץ איבער וואָס צו לערנען וועגן דעם, און איך האָב אויך דורך דער צייט היבשלעך געלערנט וועגן דעם לעבן פון די ביבערס.

אָנפאנגס איז דאָס טרעפן מיר אָנגעקומען גאַנץ לייכט. ווייזט אוים, אז דורך די יאָרן וואָס מ'האָט זיי צורו געלאָזט אונטער דער רעגירונגס שוץ האָבן זיי, ביז א געוויסן גראד, פארלוירן די מורא פארן מענטשן, און האָבן זיך ניט איבעריגס געהיט פאר די טרעפּס. שפּעטער האָב איך שוין געמוזט אָנווענדן מיין גאנצן פּאַק וויסן און דערפארונג ארייננצונאַרן זיי אין די טרעפּס.

זייערע וווינונגען, געבויט ביי די ברעגן פונם לעיק, אָדער זייערע קונציק געבויטע דאַמבעס, האָבן דעם אריינגאַנג פון אונטערן וואסער. זיי האָבן אויך ווענטילאַטאָרן אין זייערע וווינונגען אויף דער יבשה־זייט קונציק פארבאָרגן, אָבער קיינמאָל באנוצן זיי עס ניט פאר א דורכגאנג. דורכן ווינטער האַלטן זיי אָפענע לעכער אינם אייז, גוט קאַמופלאַזשירט און אין סטראַטע־גישע פונקטן. די לעכער באנוצן זיי אלס דורכגאנג. ווען דער פראָסט ווערט

מילדער און די זון שיינט אויף, קומען זיי ארויס אויפן אייז, יונג און אלט, א שפיל צו טאָן זיך און כאַפּן פרישע לופט.

דער עלטסטער פון יעדער קאָלאָניע איז שטענדיק דער ערשטער ארויסצוקומען פונם לעיק, אָבער ניט פריער איידער ער באשמעקט פּאָרזיכטיק אלץ ארום דעם לעיק. ארויסקומענדיק אויפן אייז, ציט ער די לופט, מיט זיינע אויסערגעוויינלעך סענסיטיווע נאָז־לעכער, פון אלע ריכטונגען. זייער געהער איז ווייט ניט אזוי שטארק, דערפאר האָבן זיי אויגן. זייער זע־קראַפט איז זייער שטארק. ווען דער עלטסטער איז איבערצייגט אז קיין געפאר איז ניטאָ, גיט ער א הילכיקן פּאַטש מיטן ברייטן פלאַטשיקן עק איבערן אייז, א סיגנאַל אז מען מעג ארויסקומען. ער אליין קריכט ארויף אויף א קלאָץ, אָדער גאָר אויף א הויכער וווינונג זייערער און ווערט פארגליווערט אין בעאָבאכטונג. קיין זאך קען פון זיין אויג ניט פארהוילט ווערן. און דאָס וואָס איז פונם אויג פארבאָרגן, דערשמעקט די נאָז, און ביים מינדסטן פארדאכט פון געפאר גיט ער א שארפן פייף און אין איין אויגנבליק פארשווינדן אלע אונטערן וואסער, מיט אים צולעצט.

פון דער נאטור איז דער ביבער א געמיטלעכע און זייער ארבעטזאמע באשעפעניש, איז אויסשליסלעך א געוויקס־חיה — אָבער אין פנים פון געפאר ווערט עס גאָר א געפערלעכער קעגנער און קעמפער. זיינע שטאָלענע ציין, מיט וועלכע ער קען אונטערהאקן ביימער שנעלער ווי א גענויטער "לאָמבער דזשעק", איז א געפערלעכע וואָפן. מער ווי איינמאָל האָב איך מיינע שטאָלנע טרעפּס געפונען צעבויגן און צעבראָכן, פון וועלכע דער ביבער האָט זיך באפרייט. ס'האָט אויך ניט איינמאָל פּאסירט, אז דער ביבער האָט זיין איינגעקלאמערטן פוס אָפּגעביסן און האָט זיך באפרייט, איבערלאָזנדיק זיין פוס אינם טרעפּ. די טרעפּס האָב איך מערסטנס געשטעלט ניט ווייט פון די לעכער אין אייז, אָדער אויפן וועג פון זייער שפּאציר צום וואלד.

א שיין ביסל צרות האָב איך געהאט אויסצושטיין פון פארשיידענע רויב־חיות, קליינע און גרויסע. דארפסט פארשטיין ,אז וויפל איך האָב זיך ניט געשטאָפּט מיט ביבער־פלייש, איז א היבש ביסל מער פארבליבן. גאנצע אָפּגעשונדענע קאַרקאַסעס האָב איך אוועקגעוואָרפן. דאָס האָט צוגעצויגן הונגעריקע חיות, איבערהויפּט שטארק אויסגעהונגערטע וועלף. טשאַטעסווייז פלעגן זיי מיין קעמפּ באלאגערן דורך די לאנגע ווינטער־נעכט. די שטארקע קעלט און דער נאָגנדיקער הונגער האָט זיי אומגעהייער ווילד און דרייסט געמאכט. ניט נאָר האָב איך געמוזט היטן מיינע טרעפּס, אז די מאראדערן זאָלן עס ניט אויסליידיקן פאר מיר, נאָר ס'האָט אָבער אויך פּאסירט, אז א גאנצע טשאטע האָט אטאקירט מיין קעמפּ אין מיטן א שטורעמדיקער נאכט. נאָר דאן בין איך געצוווּנגען געווען צו באנוצן זיך מיט מיין 20־30 ווינטשעס־טער רייפל. אנדערש וואָלט ניט מעגלעך געווען זיי צו פארטרייבן. יאָ, מיין פריינד, ניט איין שלאָפלאָזע נאכט האָבן מיר די טייוואָלים פארשאפט, און כ'האָב געדארפט האלטן א גרויס פייער ברענען אָן אָפּרו. אָבער . . .

ס'איז שוין געווען נאָענט צו סוף יאנואר. די צאָל ביבער־פעלצן גרייכט צוויי הונדערט, אלע געצויגענע אויף פורעמס און גוט געטריקנט. איך האָב עס גוט איינגעפּאקט אין פּאסיקע פּעקלעך צו לאָדן אויף פּאַק־פערד, און האָב עס אוועקגעלייגט אין מיין באהעלטעניש. ביים סוף יאנואר האָב איך גענומען מיין רוק־זאק, שלאָף־זאק, רייפל און שנײ־שיך און בין אוועק באגעגענען מיין ברודער אויפן באשטימטן פּלאַץ, מיט דער פולער זיכערהייט אז קיין מוטער־מענטש ווייסט ניט פון מיין באהעלטעניש. מיין ברודער מיט

די פערד האָבן שוין געוואַרט אויף מיר אינם גערדיכטן וואַלד. מיר האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט, אָפּעסנדיק א לייטישן סאַפּער דאָס ערשטע מאָל אין דריי חדשים. שלאָפן האָבן מיר געמוזט איינציקווייז. מ'האָט דאָך גע־דאַרפט היטן די פאַרדאַמטע וועלף. גאַנץ פרי האָבן מיר געריטן צוריק צו מיין קעמפּ — עס איז געווען איינמאָל א פאַרן! ניט איינמאָל געמוזט די פערד אויסגראָבן פון טיפע שניי־הויפנס. אָנגעקומען זיינען מיר שפּעט ביינאַכט און כ'האָב געפונען אַלץ אין אָרדענונג. אַלנפאַלס האָט זיך עס מיר אַזוי אויסגעוויזן.

איבערגעכאַפּט ווידער א סאַפּער, באַזאָרגט די פערד און ווידער איינ־ציקווייז געשלאָפן. גאַנץ פרי בין איך אויף געווען. איבערגעלאָזט דעם ברודער צוגרייטן די בעיקאָן און קאַווע, צוגעגרייט די פערד אויף דער שווערער נסיעה צוריק און בין געגאַנגען אַרויסנעמען די ביבער־פעלצן פון דער באַהעלטעניש.

קענסטו זיך פאָרשטעלן, ברודער עד, וואָס איך האָב געפילט ווען איך האָב געטראָפן מיינע פעלצן פאַרשוווּנדן? קיין זכר ניט פאַרבליבן פון מיין 4־3 חדשימדיקער אָפּקומעניש, איינצוזאַמלען עס און איבערנאַכט צו פאַרלירן. אויפן מאָמענט האָט עס מיר דערלאַנגט ווי מיט א דובינע צווישן די אויגן. איך בין אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז כ'האָב ניט געוווּסט וואָס איך טו. כ'האָב געשטורעמט, געגוואַלדעוועט, ממש דעם גאַנצן קעמפּ איבערגעקערט. כ'בין שיר משוגע געוואָרן פון צאָרן און פאַרדרוס. מיין ברודערס געבעט, כ'זאָל זיך באַרויקן, האָט ניט געהאָלפן. ביז איך בין גענצלעך אויסגעשעפּט געוואָרן. ערשט דאַן האָב איך זיך עטוואָס באַרויקט און גענומען זיך צוזאַמענגעמען מיינע צעשרויפטע געדאַנקען.

ווי א ברענעדיקער פראַגע־צייכן איז פאַר מיר געשטאַנען די פראַגע: ווער? אַז דאָס איז ניט די אַרבעט פון פיר־פיסיקע חיות איז פאַר מיר קלאָר געווען. אויך ניט די אַרבעט פון א געים־וואָרדן אָדער א "מאַונטי" — ווייל, וואָלטן זיי עס געפונען, וואָלטן זיי זיכער געוואַרט אויף מיר אויך. בלייבט די פראַגע: ווער? ווער? . . .

פּלוצלונג האָט מיר א בליץ געטאָן אין מוח: באָב! זאָל עס מעגלעך זיין, אַז דער "העף־בריד" האָט מיר אָפּגעטאָן א נידערטרעכטיק שפּיצל? אָבער ווי אַזוי האָט ער געקענט וויסן מיינע פּלענער, וואָס איך האָב מיט אַזויפיל פאָרזיכט צוגעגרייט? ביי דעם געדאַנק בין איך אויפגעשפּרונגען ווי פון א שלאַנג געביסן. "ווען דאָס זאָל אַפילו זיין די לעצטע זאַך אין מיין לעבן, מוז איך אויסגעפינען ווער עס האָט מיר דאָס אָפּגעטאָן!" — האָב איך מיט פאַרדריקטע ציין אַרויסגעשיפּעט. — "און איך וועל עס אויסגעפינען, טאָ זאָל זיך יענער בעסער דעם טויט ווינטשן, איידער איך וועל אויף אים מיינע הענט לייגן".

דער פרישטיק איז ניט קיין געגעסענער פאַרבליבן. ווי פון טייוואָלים געיאָגט, האָב איך דעם קעמפּ אויפגעבראָכן, פאַרפּאַקט די זאַכן, אָנגעלאָדן די פערד, און — אין מיין וועג אַריין. עס האָט מיר ניט אויפגעהערט צו פּיקן אין מוח: אויב דאָס איז באָבס אַרבעט, דאַרף ער זיין ניט ווייט אַוועק: און וואָס נאָך — קיין אַנדער פּלאַץ ווו אָפּצוזעצן די סחורה, אויסער קאַלגאַרי, איז דאָך ניט שייך. איז לאָגיש אַז איך דאַרף זיך איילן שנעל ווי מעגלעך קיין קאַלגאַרי. א ווייטע מעגלעכקייט, אָבער א מעגלעכקייט. און אויב איך טרעף דיך דאָרטן, באָב, טאָ היט זיך בעסער!

עפּעס אזוי ווי די נאַטור וואָלט דערשפּירט דעם שטורעם אין מיר, און אוים סימפּאַטיע מיט מיר האָט זי זיך צעשפּילט און צעשטורעמט אין גאָר א נישקשהדיקן בליזארד. דער טאָג איז אין נאכט פארוואנדלט געוואָרן. מיין ברודער האָט זיך ביי מיר געבעטן אָפּצושטעלן זיך ערגעץ אין א שויך־ווינקל פון וואלד און איבערוואַרטן דעם שטורעם, אָבער איך האָב אפילו הערן ניט געוואָלט פון דעם. אַן אינערלעכער דראנג האָט מיך געיאָגט און געטריבן : גיכער, גיכער! קענסט נאָך אים אָנוועדן. אויסער דעם איז מיר ביי דעם מאָמענט דער שטורעם בכלל געווען צום הארצן.

גיכער מיטן אינסטינקט, איידער מיט מיינע חושים האָב איך זיך געהאַלטן אין דער געהעריקער ריכטונג, דורך גדיכטן וואַלד און פאַרפראָ־רענעם זומפּ, זינקענדיק מיט די פערד אין דעם פרישן שניי. אויב דו וועסט מיך פרעגן ווי אַזוי איך בין ענדלעך אַהיימגעקומען, ווי אַזוי איך האָב דעם וועג אַן אַ וועג דורכגעמאַכט — זאָג איך דיר דאָך בפירוש, אַז איך הויב ניט אָן צו וויסן. ווייל איך האָב דאָס אַלץ דורכגעמאַכט מעכאַניש, כמעט אָן באַוווסטזיין. איך האָב אַפילו ניט געוווּסט ווי לאַנג די נסיעה האָט געדויערט.

ווען מיר זיינען אין הויז אַריינגעפאַלן, האָט די מאַמע פון שרעק אויסגעשריען, ניט דערקענענדיק אונדז — איבערהויפּט מיך. דעם אמת געזאָגט, ווען איך האָב אויף זיך אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, האָב איך זיך ממש דערשראָקן פאַר דער באַשעפעניש וואָס האָט צו מיר אַרויסגעקוקט פונם שפּיגל. און וואָס איז דען דער חידוש? חדשים־לאַנג ניט געשערט זיך, ניט געראַזירט זיך און זייער ווייניק געוואַשן זיך; דערצו נאָך אַזוי אויסגעצערט, און די אויגן האָבן מיט אַן אומהיימלעך פייער געברענט. אַזוי האָט געדאַרפט אויסזען דער פאַרהיסטאָרישער הייל־מענטש . . .

די זעלבע נאַכט, נאָכדעם ווי איך האָב אויף זיך אָנגעטאָן אַ צורת־אדם און עפּעס אַ ביס געטאָן, האָב איך אַ פריש פערד געכאַפּט און אַוועק־גאַלאָפּירט צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע. דאָרט האָב איך געכאַפּט די טרעין קיין קאַלגאַרי. איך האָב קוים דערלעבט צו קומען קיין קאַלגאַרי. נאָך איידער דער צוג איז שטיין געבליבן, בין איך אַראָפּגעשפּרונגען און בין גע־לאָפן זען דעם פאַר־בייער . . .

— אָ, העלאָו, העלאָו סטיוו ! — האָט ער אַן איבערראַשטער אויסגע־שריען דערזעענדיק מיך, — קאַם אין די אָפיס.

אַריינקומענדיק, האָט ער די טיר צוגעשלאָסן און האָט זיך געווענדעט צו מיר :

— זאָג מיר נאָר, סטיוו, ווי קומסטו איצט אַהער? דיין פּאַרטנער האָט דאָך מיר ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק געזאָגט, אַז דו ביסט אין ״גאָדס קאַנטרי״, אויפן טרעפּ־ליין . . .

ווי פון אַ קאַטאַפּולט אַרויסגעשאָסן בין איך אויף אים אַרויפגע־שפּרונגען און טרייסלענדיק אים ווי אַ צווייגל אין שטורעם, האָב איך דורך פאַרדריקטע ציין אַרויסגעזייט :

— וואָס . . . וואָס זאָגסטו ! מיין פּאַרטנער איז דאָ ערשט געווען ? . .

— העי! וואָהאָט איז די העל איז די מעטער וויט יו? לאָז אָפּ, דו דערשטיקסט מיך דאָך. יעס, יעס, דיין פּאַרטנער איז דאָ געווען . . . סאָ וואָטס ווראָנג אַבאַוט איט ? — האָט דער פּאָר בייער געטענהט.

— ״וואָהאָטס ווראָנג״ פרעגסטו ? . . עווערי‌טינג איז ווראָנג ! . . . — האָב איך אויסגעשריען אַפּלאָזנדיק אים, און אַ פונק פון האָפענונג האָט אויפ־געבליצט אין מיר, — האָט מיין פּאַרטנער געבראַכט 200 ביבער־פעלצן?

— יאָ.

— האָסטו אים באַצאָלט?

— יאָ.

— וויפל?

— אַזוי ווי מיר האָבן זיך איינפאַרשטאַנען, 20 דאָלאַר אַ שטיק: סך־הכל פיר טויזנט דאָלאַר.

— קלינג שוין אָן צו דיין באַנק מען זאָל דעם טשעק פאַרהאַלטן, — האָב איך אויסגעשריען אין גרויס אויפרעגונג.

קוקט ער מיך אָן ווי משוגע און גיט מיר א זאָג מיט פאַרוואונדערונג :

— אר יו קרעיזי, סטיוו! ווי אזוי האָב איך אים געקענט געבן א טשעק? ווייסטו דען ניט, אז פאַר "הייסע" סחורה צאָלט מען נאָר מיט מזומן ? . . . אָבער פאַר העוונס סעיק, וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס איז געשען? רעד, דערצייל!

איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר מיין נארישער האנדלונג און האָב אים בקיצור איבערגעגעבן די גאנצע געשיכטע און האָב פאַרענדיקט :

— איך וועל דיר בלייבן אן אייביקער בעל־חוב, אויב דו וועסט מיר ארויסהעלפן אים צו געפינען . . .

ער האָט זיך פאַרטראַכט פאַר א ווייל און האָט געזאָגט :

— אָפקאָורס, סטיוו. איי דאָנט בלעים יו. איך וואָלט דיר גערן געהאָלפן . . . אָבער אלץ וואָס ער האָט מיר געזאָגט איז, אז איר האָט זיך צעטיילט און אז די ביבערס זיינען אויסגעפאַלן אויף זיין חלק, און אז ער פאַרלאָזט באלד קאנאדע, מעגלעך נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן . . . ווען, ווו, וואָס, ווייס איך ניט . . . סאָרי, אָלד באָי, איי קענט העלפּ יו . . .

* * * * *

זוכנדיק האָב איך אויסגעפונען, 75 מייל פון מיין שטעטעלע דעם אזוי־גערופענעם "ווהייט פיש לעיק", 15 מייל די לענג און פינף מייל די ברייט. דער גאנצער געגנט ארום איז דורכגעשניטן פון פאַרשיידענע שטראָמען און געדיכט באוואַלדעט. דער לעיק אין די פלאַכערע וואסערן איז פשוט באדעקט מיט מאָסקרעט־וווינונגען, ווי קליינע היי־שטייגלעך. מאָסקרעטס מערן זיך זייער שנעל, וועז מ׳לאָזט זיי צורו און די פרימא־פעלצן זייערע זיינען אינם פריסטן פרילינג, איידער די וואסערן באפרייען זיך פון זייערע ווינטער־קייטן; דאַן איז דער פוטער כמעט שווארץ, טיף, געדיכט און זיידיק. אז איך וועל האָבן בעלנים אויף אזא סחורה, ווען אפילו "הייסע" סחורה, איז ביי מיר קיין ספק ניט געווען. אָבער דאָ איז דער ריסק געווען פיל גרעסער. דער "געים־וואָרדן" און די "רעד דושעקעטס" זיינען אומעטום פול געווען, האלטנדיק א שארף אויג אויף יעדער איינעם . . . יו־נאָו, ווען זיי פאַקן איינעם מיט "הייסע" סחורה, באקומען זיי דערפון גאָר א היבשן חלק. זוכן זיי, נישטערן זיי אזוי ווי מיט ליכט.

דער וועג צום ווהייט פיש לעיק האָט געפירט דורכן וואלד. פרעג שוין ניט, — סאם ראָוד! דער וועג איז זייער ווייניק באנוצט געוואָרן און דאָס איז גראָד פאַר מיר געווען ווי געוואונטשן . . . נאָך עטוואָס, גאָר ווייניק מענטשן האָבן געוווסט, אז איבער דער צווייטער זייט פונם לעיק איז דאָ עפּעס ענלעכעס אויף א וועג. איך האָב צוגעגרייט מיין פּלאַן ווידער אמאָל מיט מיין ברודערס מיטהילף. מיר האָבן געדאַרפט אוועקרייטן באזונדער, איך מיט א טאָג פריער פאַר אים, און טרעפן זיך ביי א שטעטעלע, א מייל פונם לעיק.

איך האָב אין דער היים געהאַט אן אלט פאָרדל. ווייסט דאָך וואָס פאַר א מאשינקע דאָס איז : אָן א "פענס", אויף הויכע ספרינגס, מיט דינע רעדלעך. ניט עס פאָרט, נאָר עס שפרינגט, און טומל מאכט עס גאָר היבשלעך. האָב איך מיין ברודער שטרענג פאַרזאָגט, אז ביי מיטן אפריל זאָל ער אומבאַ־דינגט זיין ביים לעיק דורך דעם אזוי־גערופענעם אָפענעם וועג. ווייל אפילו אזא מין פאָרדל ווי מיינער וועט ניט זיין ביכולת דורכצושטופן זיך דעם וועג, דורך וועלכן מיר זיינען אָנגעקומען. אזוי האָב איך גערעכנט.

בין איך ווייטער פארבליבן אליין פאר א פּאר חדשים. דאָס מאָל צו טרעפן מאַסקרעטס. פרעג ניט, ברודער עד, כ'האָב שוין געהאט דעם אמתן "גוד טיים". פריער האָב איך מיך געשטאָפּט מיט ביבער־קאַרקאַסעס ביז ס'איז מיר פון האלז געקראָכן. איצט האָב איך געדאַרפט אויסקומען מיט מאַסקרעטס. וואס איז דאָ צו ריידן, קיין צו געשמאַקער דעליקאַטעסען איז דאָס ניט געווען. אָבער אז איך האָב קיין אנדער "מעניו" ניט געהאט, איז געווען ברעקפעסט מאַסקרעט מיט שווארצער קאווע פון צעשמאָלצענעם שניי; מיטאָג — מאַסקרעט מיט טיי פון צעשמאָלצענעם שניי, און סאפער ווידער מאַסקרעט מיט שווארצער קאווע אָדער טיי. דערפאר האָב איך אָנגעקוואָלן זעענדיק ווי מיינע פעק מיט מאַסקרעט פעלצלעך וואקסן פון טאָג צו טאָג. די נארישע היהלעך זיינען ממש אליין געקראָכן אין די טרעפּס. איך האָב שווער געארבעט צו שינדן און אָנציען זיי אויף די פּורעמס צום טריקענען.

קיין צרות האָבן מיר אויך ניט געפעלט פון פארשיידענע רויב־חיות, וואס האָבן דערשמעקט דעם שארפן מאַסקרייח פאר מיילן ווייט אוועק, פון די אָפּגעשונדענע מאַסקרעטס. דאָ האָב איך זיכער ניט געוואגט צו באַנוצן זיך מיט א רייפל. כ'האָב זיך געווערט מיט קאלט געווער. בעליוו מי, ס'איז מיר ניט אָנגעקומען אזוי גרינג אָפּצושלאָגן הונגעריקע וועלף, אָדער די נארישע אָבער מערדערלעכע לינקס, מיט האק און מעסער. איך האָב אויף מיין פּלייצע אן אייביקן אָנדענק, וואס א ריזיקער לינקס האָט איבערגעלאָזן ווען ער האָט מיך מכבד געווען מיט זיין מאַסיווער, שארף באַנעגלטער לאָפּע, ווען איך בין ניט גענוג פלינק געווען אָפּצוווערן זיך.

ענדלעך, ענדלעך האָב איך אַפּריל דערוואַרט. אביסל מער זונשיין, מער ווארעמקייט, לענגערע טעג. בייטאָג האָט עס צוביסלעך געשמאָלצן; ביינאכט צוריק געפרוירן. דאָס אייז אויפן "ווהייט פיש לעיק" איז אזוי ווי אָפּגעפּאָלירט געוואָרן פון די שטארקע ווינטן וואס האָבן אראָפּגעבלאָזן דאָס לעצטע שניי־פּלאַטערל. אָבער די זון־שטראַלן האָבן טאָג־טעגלעך ווי מיט שפּיזן אטאקירט דאָס אייז; דאָ און דאָרט האָבן זיך וואסער־בלאָטקעס באוויזן, כדי אונטערצופרירן פון דאָס ניי איבערנאכט.

א זיבן־הונדערט פּרימאַ־ מאַסקרעט פעלצלעך האָב איך שוין געהאט גרייט און פארפּאַקט. דאָס, צוזאמען מיט מיינע מכשירים, האָב איך געדארפט אריבערטראָגן די פינף מייל איבערן לעיק אויפן אנדערן ברעג ביים וועג, כדי צו האָבן עס גרייט און ניט פארלירן קיין צייט ווען מיין ברודער וועט אָנקומען מיטן פּאַרדל.

צו דער באַשטימטער צייט איז מיין ברודער געקומען. דער טאָג איז געווען א שיינער. כאָטש אין וואלד איז נאָך דער שניי ניט גערירט געוואָרן, איז אָבער דער לעיק פארפלייצט געווען מיט וואסער, אזוי אז דאָס אייז איז ניט געווען צו זיכער.

איך האָב קיין צייט ניט פארלאָרן. מיר האָבן באלד אָנגעלאָדן דאָס גאנצע פארמעגן אויפן פּאַרדל, גוט איינגעבונדן און האָבן געוואָלט כאַפּן א "בייס". פּלוצים האָט מיין שארפער אויער אויפגעכאַפּט דאָס ווייטע זשומען פון אן אויטאָ־מאָטאָר. ווי אן אונטערגעשאָסענער בין איך אויפגעשפּרונגען און האָב אין אויפרעגונג א פרעג געטאָן מיין ברודער:

— אר יו שור נאָבאדי פּאָלאָוד יו ?

איך האָב א קאָמאַנדעווע געטאָן ער זאָל אמשנעלסטן ארונטערנעמען די "לייסנס פּלעיטס" און לאָזן לויפן דעם מאָטאָר פון אונדזער פּאַרדל. איך אליין האָב זיך פארשטעקט הינטער א בוים ביים וועג צו זען ווער עס פאָרט.

מיינע פעלד־גלעזער האָבן מיר געוויזן אינם געדיכטן שאָטן פון די ביימער א גרויסן אויטאָ, ביים רעדל איז געזעסן דער "געים־וואָרדן", לעבן אים א מאונטעד פּאָליסמאַן. דאָ האָט מען געמוזט האנדלען שנעל, פאסן א באַשלוס אויגנבליקלעך . . .

איך האָב א נעם געטאָן דאָס רעדל און האָב א קירעווע געטאָן דאָס פּאָרדל צום לעיק, שיר ניט ברעכנדיק האלדז און נאקן. צו גוט האָב איך געוווסט די געפאר פון דורכברעכן זיך מיטן פּאָרד דורכן אייז, אָבער איך האָב

באשלאָסן צו נעמען דעם שאנס, איידער ארייננצופאלן אין זייערע הענט. עס איז געווען א שוואכע מעגלעכקייט, אָבער א מעגלעכקייט מיר זאָל געלינגען אריבערצוכאפּן זיך די פינף מייל איבערן לעיק. איך בין אָבער זיכער געווען, אז פאר זיי, מיט זייער שווערן אויטאָ, איז עס אבסאָלוט אוממעגלעך געווען. אזוי ארויפקומענדיק אויפן אייז, האָב איך אָנגעדריקט מיטן פוס אויף די געז, און מיין פּאָרדל האָט זיך ווי א צעשראָקענער פויגל א לאָז געטאָן מיט אימפּעט, שפּריצנדיק דאָס וואסער אויף אלע זייטן. איך האָב געפילט ווי דאָס אייז בויגט זיך און שפּאלט זיך אונטער אונדז, אָבער מיין פוס האָט ניט

אויפגעהערט צו דריקן אויף די געז און מיינע אויגן זיינען געווען געווענדעט צום אנדערן ברעג לעיק.

דאָ האָב איך דערהערט א געשריי פונם ברעג:

— סטאָפּ! קאַם בעק! אר יו קרעיזי? יו אר קאַמיטינג סועסייד!..
(שטעל זיך אָפּ, קום צוריק! ביסט משוגע? באגייסט זעלבסטמאָרד!)

איך האָב זיך אפילו ניט אומגעקוקט און האָב געיאָגט דאָס פּאָרדל אלץ ווייטער.

פּלוצלונג האָט א קנאַל געטאָן א שאָס און א קויל האָט ווי א בייזע בין א זשומע געטאָן איבער מיין קאָפּ. איך האָב נאָך שטארקער א דריק געטאָן אויף די געז און געבעטן גאָט, אז מיין פּאָרדל זאָל ניט צעפליען שטיקלעכווייז. אין איניקע ערטער האָט דאָס וואסער דערגרייכט ביז די אקסן. דאָס אייז האָט דראָענדיק געקנאַקט. אָבער דאָס פּאָרדל איז גע־פלויגן ווי פון רוחות געיאָגט.. צוויי רייפלס האָבן אָן אויפהער געהאָגלט מיט קוילן, וואָס האָבן געזשומעט פון אלע זייטן. אָבער ווי דורך א נס האָט קיין איינע ניט געטראָפן, ניט אונדז און ניט דעם פּאָרדל. נאָך א ווײַלע און מיר האָבן נאָר געהערט דאָס קנאַלן פון די רייפלס, אָבער די קוילן האָבן אונדז שוין ניט דעגרייכט.

בעליוו מי, עד, איך האָבן פּרייער אָפּגעאָטעמט. ניט אזוי פאר זיך, ווי פאר מיין ברודערל. איך וואָלט זיך אייביק ניט געקענט מוחל זיין, ווען עס וואָלט אים עפּעס געטראָפן. ענדלעך האָט מיין פּאָרדל, סטימענדיק און פּרייכנדיק, דערגרייכט דעם צווייטן ברעג.

נאָך א צוויי וואָכן טראָבל מיטן געים־וואָרדן און די מאָונטיס, מיט אָן א ברעג פראגן און סטראשונקעס, זיינען זיי געווען געצוווּנגען מיך אָפּצור־לאָזן, ווייל זיי האָבן ניט געהאט קיין ממשותדיקע באווייזן פון אירגענד וועלכן סאָרט קעגן מיר, אז איך האָב געבראַכן דאָס געזעץ. וויפל זיי האָבן ניט געזוכט און געניששטערט, וויפל זיי האָבן ניט געמאטערט מיין ברודערל מיט פארשיידענע פראגן — אָבער די פּעלצלעך האָבן זיי ניט געפונען.

א פּאָר וואָכן מער זיינען פארביי. ווען אלץ האָט זיך ביסלעכווייז בארויקט, האָב איך איבערגעציילט אין מיין טאש 34 נייע, קנאַקנדיקע הונ־דערטערס... די מאָסקרעטס האָבן גוט־געמאכט דאָס וואָס איך האָב ביי די ביבערס פארלאָרן...

— סאָ איט גאָוז, מיי פרענד!..

אזוי האָט דער טרעפּער סטיוו פּארענדיקט זיין דערציילונג פון זיינע לעצטע דערפארונגען פאר זיין גוטן־פריינד, טרעידער עד.

מאָסקואווא — דער געבוירענער לידער

ווען איך האָב באַשלאָסן צו עפענען א טרעידינג פּאָסט אין די קאנאדער נאָרט־וועסט טעריטאָריעס, איז מיין ערשטער געדאנק געווען איינצושאפן זיך א גוטן דאָג־טים (הינט געשפאן). ווייל א טרעידער אָדער טרעפּער אין ווייטן צפון אָן א גוטן הינט געשפאן, איז ווי א שיף אָן א רודער — מ׳קאָן זיך ניט רירן פון אָרט, אפילו דינגען איז ניטאָ ווו. דאָס בעסטע וואָס מען האָט מיר געראטן, איז אויסצוהאָדעווען אליין א טים, ווייל מיט געקויפטע איז מען אויך ניט צו זיכער.

איך האָב א לענגערע צייט נאָכגעקוקט, ביז מיר האָט זיך געמאכט צו קויפן א משפחה פון פיר פול־בלוטיקע האָסקים (האלב וואָלף, האלב הונט) צוויי חדשים אלט. שפּעטער האָב איך צוגעקליבן נאָך איינעם א מאָנגרעל (געמישטן), און האָב זיך גענומען צו זייער דערציונג.

עס וועט פיליכט קלינגען קאָמיש, וואָס הייסט ? א ייד פּארנעמט זיך גאָר מיט הינטלעך. בעט איך אייך, רבותי, לאכט ניט. דאָס לעבן פון דעם טרעידער און טרעפּער אין ווייטן צפון איז גאנץ אָפּט אָנגעוויזן אויף זיינע הינט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. דעריבער איז די דערציונג און דאָס איינברעכן אין געשפאן, כאָטש א "הינטישער" עסק, אָבער זייער א וויכטיקער.

מיין גוטער פריינד, א קרי אינדיאנער טשיף, אדא, האָט געקראָגן דעם כבוד צו באַשענקען זיי מיט נעמען. ער האָט עס דורכגעפירט מיט גרויס ערנסט און מיט פיל צערעמאָניע געגעבן פאר די פיר האָסקים כשרע אינדיאנישע נעמען : מאסקואווא, סעמבא, קיקי, טשיטשאם און פאר דעם געמישטן — באב. ער האָט פאר מיר געהאלטן א לעקציע ווי צו באגיין זיך מיט זיי : ביז זעקס חדשים טאָרן זיי אויסער פיש גאָרנישט ניט עסן (די הויפּט שפּייז פאר די צפון הינט איז נאָר פיש). פון קליינוווייז אָן מוזן זיי שלאָפן אין דרויסן דורך די גרעסטע פרעסט און זאווערוכעס. עס פלעגט זיך אָפטלעך טרעפן, אז אין א פרימאָרגן, נאָך א שטורעמדיקער נאכט, פלעגן זיי אזוי פארשאָטן ווערן מיט שניי, אז עס פלעגט ניט גרינג אָנקומען צו געפינען זיי. טיף אונטערן שניי ליגן זיי איינגעדרייט ווי א בייגל, די פיס מיט דער מאָרדע צוזאמען אריבערגעדעקט מיטן גרויסן פוטערנעם עק, שלאָפן זיי זיך גאנץ באקוועם. נאָר דער הויך פון זייער אָטעם, ווי א דין שטראָמעלע, ציט זיך פון אונטערן שניי. קיין פרעמדער טאָר ניט האָבן קיין צוטריט צו זיי. מען דארף זיין זייער איינציקער "באָס" און זיי מוזן דאָס פארשטיין, וואָרים קוים דערפילט ער, אז אייער אויטאָריטעט וואקלט זיך, טוט ער וואָס ער וויל און איר פארלירט דעם קאָנטראָל איבער אים.

צום איינברעכן האָב איך געקויפט א גוטע טאַבאַגאַן מיט א ספּעשל סעט דאָג הארנעס (הינט געשפּאַן). די וויכטיקסטע אין געשפּאַן זיינען צוויי הינט — דער סלעי־דאָג, וועלכער איז געוויינלעך א גרויסער, שטאַרקער הונט, דער ערשטער ביים שליטל, וואָס מוז קאָנען גוט שלעפּן. דער לידער מוז ניט זיין אזוי שטאַרק, אָבער פלינק, קלוג און פאַרשטענדלעך מוז ער זיין. אַלץ איז אָפּהענגיק פון אים. ער איז דער ווירקלעכער פירער פון טים ווען אין וועג.

עס האָט מיר אויסגעוויזן אז באב וועט מאכן א גוטן לידער און מאסקוואוואַ, וועלכער איז צום יאָר געווען גרויס און שטאַרק, ווי א וואָלד־וואָלף (מיט אזא אויסזען), איז ווי געבאָרן פאַר א סלעי־דאָג.

ביים שפּאַנען צום ערשטן מאָל, האָב איך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. אָנפאַנגס איז עס געווען פאַר דעם יונגוואַרג א קאַטאַוועס. איידער איך האָב איינעם געשטעלט אויפן פּלאַץ און געכומען זיך צום צווייטן, איז דער ערשטער ארויפגעשפּרונגען אויף מיר און האָט מיר גאָר געוואָלט א לעק טאָן אין פּנים, אָדער קייקלען זיך אין זיין געשפּאַן און פאַרפּלאָנטערן אַלץ. מיט גרויסע שוועריקייטן איז מיר דאָך געלונגען איינצושפּאַנען זיי. איך האָב פאַרנומען מיין פּלאַץ הינטערן שליטל און א קאָמאַנדעווע געטאָן "מאַש־מאַש" (פאָרויס)! אַלע הינט האָבן זיך א ריס געטאָן פון פּלאַץ נאָר . . . מאסקוואוואַ, מיין סלעי־דאָג, אויף וועמען איך האָב געלייגט אזויפיל האָפענונג, ליגט אַן אויסגעצויגענער און רירט זיך ניט. דער לידער וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן מיט א בילן, די איבעריקע העלפן אים אונטער, עס איז טויב צו ווערן פון זייערע קולות, און מיין מאסקוואוואַ רירט זיך ניט.

איינגעשטילט די הינט, גיי איך צו צו מאסקוואוואַ. ער קוקט אויף מיר מיט בעטנדיקע אויגן און דרייט חניפהדיק מיטן עק. "מאסקוואוואַ!" גיב איך א געשריי. שפּרינגט ער אויף ווי אַן אונטערגעשאָסענער, גאָר ניי באַלעבט. באטראַכט איך אים, דעם געשפּאַן, אַלץ איז אין אָרדענונג. פאַרנעם איך ווידער מיין פּלאַץ. "מאַש־מאַש!" אַלע גיבן א שפּרונג אויף — מאסקוואוואַ גיט זיך ווידער א לייג אוועק. ווער איך שוין בייז און הייב אָן שרייען. ליגט ער, פּאַכעט מיטן עק און רירט זיך אַלץ ניט. גיב איך א קנאַל מיטן בייטש. אַלע הינט ווערן אויפגעציטערט, שפּרינגען פון הויט — מאסקוואוואַ ציטערט, אָבער ניט פון אָרט.

איך האָב באַמערקט אַז אומהיימלעך פייערל אין זיינע אויגן, וועלכע האָבן ניט מער געקוקט מיט געבעט. ווער איך אויסער זיך און דערלאַנג אים מיטן בייטש. שטשירעט ער מיר אוים זיינע ווייסע וואָלפישע ציין, מיט א דראָענדיקן ברומען — און ווידער ניט פון אָרט. קען איך ניט פאַרשטיין וואָס מיט דעם הונט האָט פּאַסירט. געווען אזא פאָלגנדיקער און פּלוצים . . .

צו דער צווייטער שפּאַן־פּראָבע איז מאסקוואוואַ נעלם געוואָרן. קוים געפונען, באַהאַלטן אין "בוש" (וואַלד). איינגעשפּאַנט — ווידער די זעלבע צרה. קיין מיטלען, קיין קלעפּ האָבן ניט געהאָלפן. ער איז גאָר ווילד געוואָרן און פלעגט זיך ממש וואַרפן אויף מיר מיט א רציחה. ביי יעדער מאָל שפּאַנען האָט ער מיר אָפּגעטאָן אַן אַנדער שפּיצל — איבערבייסן דעם געשפּאַן, פאַרפירן א געשלעג מיט די אַנדערע הינט, פאַרפּלאָנטערן אַלץ. ביז

איך האָב זיך מיאש געווען און האָב געזוכט פּטור צו ווערן פון אים, כאָטש אַזוינע הינט מאַכן זיך ניט אָפט.

אַזוי איז אַוועק אַ לענגערע צייט. טשיף אַדאַ איז געקומען פון זיין טרעפּ־ליין. איך האָב אים אויסדערציילט מיין ביטער האַרץ. אַז ער האָט זיך אָנגערויכערט און אָנגעשפּיִיט, זאָגט ער: ״מירן באַלד זען וואָס פאַר אַ טייוול עס באַפּט אים דאָרט. לאָמיר זען ווי דו שפּאַנסט זיי״.

איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט. ווען מאַסקוואַוואַ האָט מיר ווידער געוויזן זיינע ציין און איך האָב אים געוואָלט דערלאַנגען מיטן בייטש, האָט מיך דער טשיף אָפּגעהאַלטן.

— הער אויס, — און האָט זיך פאַרטראַכט, — האָסטו אים פּרובירט שטעלן אויף אַן אַנדער פּלאַץ, אויסער ביים שליטן?

— ניין, — ענטפער איך.

— האָסטו באַמערקט צי ער שלאָגט זיך מיט די אַנדערע הינט?

— מיט קיינעם ניט אויסער מיטן לידער. איך מוז שטענדיק האַלטן אַן אויג אויף זיי זיי זאָלן זיך ניט קוילענען איינס דאָס אַנדערע, — זאָג איך.

— אהא, אויב אַזוי, — זאָגט ער, — מאַך אַ בייט. פּרוּוו שטעלן מאַסקוואַוואַ אין דער ״ליד״.

ווען איך האָב אים צוגעפּירט צום שפּיץ, איז דער הונט ניי־באַלעבט געוואָרן. באַב האָט געבורטשעט און געשטשירעט די ציין. אַזוי שנעל ווי איך האָב אים אָפּגעטשפּעט פון זיין פּלאַץ, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון מיינע הענט און איז מיט אַ ווילדער רציחה אַרויפגעפאַלן אויף מאַסקוואַוואַ. איידער איך בין געקומען צו זיך, זיינען זיי שוין געווען איינגעקלאַמערט איינס אינעם צווייטן אין אַ טויטלעכן קאַמף.

איך, מיט דער בייטש אין האַנט, האָב זיך אַ וואָרף געטאָן פאַנאַנדער־צושיידן זיי, האָט מיך טשיף אַדאַ קאַלטבלוטיק אָפּגעשטעלט.

— ניטע, אויב דו ווילסט ניט האָבן שפּעטער קיין צרות פון דיין טים, מוזטו זיי לאָזן אַליין אויסקעמפן זייער פּירערשאַפט. איך גלויב אַז מאַסקוואַ איז אַ געבוירענער לידער און ער פילט אַז זיין פּלאַץ איז אין דער שפּיץ. ווען דו צעהאַקסט אים אין שטיקער, גייט ער ניט ערגעץ אַנדערש. ער איז מוטיק און שטאַרק. באַב, דוכט מיר, איז דער שוואַכערער און ציינט אַ פּחדנותדיקן שטריך. דער קאַמף וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן, האָב געדולד.

איין אויגנבליק זיינען זיי געשטאַנען איינער קעגן צווייטן מיט שרעקלעך אויסגעשטשירעטע ציין, די עקן פאַררייסן, די האָר אויפן נאַקן אויפגעשטעלט ווי נאָדלען, די אויגן מיט בלוט פאַרלאָפן. אַ בילד פון פּריי־מיטיווער ווילדקייט מיטן אור־אַלטן אייזערנעם געזעץ "סורווייוועל אָף די פיטעסט" (דאָס בלייבן לעבן פונם צוגעפּאַסטן). בליץ־שנעל האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן איינס אויפן צווייטן, מיט גרויס אימפּעט. די שרעקלעכע ציין האָבן זיך טיף איינגעגראָבן. זיי האָבן זיך געריסן, געפּליקט, אָט שטייענדיק אויף די הינטערשטע פיס און אָט קייקלענדיק זיך אין דעם טיפן שניי. בלוטיקע שוים האָט געשפּריצט פון די מיילער. דער שניי אַרום איז באַ־פאַרבט געוואָרן מיט רויט־ראָז און זיי האָבן זיך געקנוילט ווי שלאַנגען, אָנשטרענגענדיק יעדער נערוו, יעדער מוסקול אין זייער קערפּער, צו אָנכאַפּן דעם קעגנער מיטן לעצטן טויטלעכן צוואַנג. דער אינסטינקט דיקטירט זיי, אַז דער שוואַכפּונקט איז ביים גאָרגל. נאָר פאַרזינקען די שאַרפע ציין און אוים . . .

אָבער עס גיט זיך ניט אַזוי לייכט. דאַכט זיך, אָט אָנגעכאַפּט, און גאַנץ שטאַרק. אָבער די האָר זיינען זייער דיק ביים האַלדז, די ציין זינקען ניט אַזוי לייכט. איין אויגנבליק, אַ וואָרף, אַ דריי און דער האַלדז איז פּריי . . .

באַב האָט זיך אויסגעגליטשט. מאַסקוואַ האָט אַזאַ געלעגנהייט ניט דורכגעלאָזן. מיט איין שפּרונג האָט ער אים פון די פיס אַראָפּגעשלאָגן און אויגנבליקלעך האָט ער פאַרזונקען זיינע ציין אין אַ טויטלעכן צוואַנג אויפן האַלדז. ווי אַ וואָרעם האָט זיך באַב געדרייט און געקאָרטשעט צו באַפרייען זיך, אָבער אומזיסט. די שרעקלעכע ציין זיינען געזונקען דורך די דיקע האָר ביז צום לייב און טיפער. באַב וואָרפט זיך היל־פלאָז אין קאָנווולסיעס, עפנט ס'מויל צו כאַפּן לופט. אָבער די לופט רערן זיינען צו־זאַמענגעדריקט און לאָזן קיין לופט ניט דורך . . .

דאָס וואָרפן זיך ווערט אַלץ שוואַכער. אַ פאַרשטיקטער כאָרכלען רייסט זיך פון האַלדז אַרויס, די אויגן ווערן פאַרגלייזט . . . איך בין אַזוי הינגעריסן געוואָרן פון דעם טויטלעכן קאַמף, אַז איך האָב גאָרניט באַגריפן, אַז איך האַלט ביים פאַרלירן אַ מיטגליד פון מיין טים. ווען איך האָב פּלוצים דערהערט — "דאָס איז גענוג"!

בליץ־שנעל איז טשיף אַדאַ אַ שפּרונג געטאָן און האָט עפּעס אַ שאָט געטאָן דעם הונט אויפן שנוק . . . אויגנבליקלעך האָט מאַסקוואַ אָנגעהויבן נאָכלאָזן זיין צוואַנג פון באַבס האַלדז. נאָך איין אויגנבליק און ער האָט אָנגעהויבן פאַרסקען און ניסן. דאָ האָט טשיף אַדאַ אַ געשריי געטאָן צו מיר: — נעם אים!

איך האָב פאַרוואָרפן די בייטש אויף זיין האַלדז און האָב אים אָפּגע־שלעפּט אַן א זייט.

— וואָס האָסטו געטאָן צו מאַכן אים אָפּלאָזן ? — פרעג איך.

— אַרויפגעשאָטן אביסל טאַבאַק אויף זיין שנוק. קיין לייכטערן מיטל אויף צו צענעמען קעמפּענדיקע הינט איז ניטאָ. אַז דאָס איז ווירקזאַם האָסטו געזען.

עס האָט גענומען א ווייל אוןביידע הינט, פאַרסאָפּעטע און צעבלו־טיקטע, זיינען געקומען צו זיך.

— איצט לאָמיר זיי שפּאַנען, — האָט זיך אָפּגערופן טשיף אדא.

מיר האָבן זיי איינגעשפּאַנט מיט מוסקוואָווא אין דער שפּיץ.

— מאַש־מאַש ! ! !

ווי פייל אויסן בויגן האָט זיך מוסקוואָווא א ריס געטאָן פון אָרט. — דזשי ! א קער געטאָן אויף רעכטס, — האַ ! א קער געטאָן אויף לינקס. סטאָפּ ! א שטעל געטאָן זיך. נאָכאַמאָל, ווידער אַמאָל . . . עס גייט ווי געשמירט.

מיין פריינד, טשיף אדא, האָט זיך צעשמייכלט (א זעלטענע זאַך ביי אים).

— איך גלויב, אַז דו וועסט שוין דיין מוסקוואָווא ניט וועלן מער פאַרקויפן, האַ !

און ווירקלעך, א שטאָלצערן, א לעבעדיקערן און פאַרשטענדלעכערן לידער ווי מאַסקוואָווא איז שווער געווען צו געפינען . . .

דער וואָלף לאָבאָ

לאָבאָ דער וואָלף איז א וועטעראַן אין די באַרען־לענד, ווילדערנישן פון ווייטן צפון. די צעפּאַסעוועטע אויערן און טיפע קאַרבן אויף זיין געזיכט, זיינען עדות פון פיל טויטלעכע קאַמפן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. אורזאַכן פאַר מלחמות זיינען דאָ איבערגענוג אין ווילדן צפון, איבערהויפּט פאַר אַזאַ איינעם ווי לאָבאָ, מיט זיין גוואַלדיקער קאַמף־לוסטיקייט.

אין א וועלפישער געזעלשאַפט מוז מען קעמפן פאַר אַלץ. ניט זעלטן ביז אין טויט אַריין. אָפט ניט מער ווי פאַר א הוילן ביין. אָבער עס פּאַסירט, אַז דער הוילער ביין איז אויך א קרן אויף אָפּצונאַרן א נאָענדיקן, ליידיקן מאָגן. עס זיינען בכלל דאָ א סך חיהשע שונאים, גרעסערע און שטאַרקערע פאַר אים, פון וועלכע מען דאַרף זיך היטן דאָס פּעקל ביינער. דאָס רוב קאַמפן זיינען אָבער מייסטנס צווישן דעם אייגענעם מין און הויפּטזאַכלעך פאַר דער "זי" אין פּאָרונג־פּעריאָד.

אין זיין טשאַטע האָט לאָבאָ קיינמאָל ניט אָפּגעטראָטן די "זי" צו עמיצן אַנדערש, און ניט איין מאָל האָט ער שיר ניט מיט זיין לעבן באַצאָלט פאַר דעם. אָבער איבער אַלעם איז געווען דער קאַמף פאַר פירערשאַפט. שטענדיק האָט ער געזוכט צו זיין דער לידער, דער הערשער איבער דער טשאַטע. דאָס איז גאָרניט אַזאַ גרינגער ענין אין א וועלט פון ציין און נעגל. קוים האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אין א טשאַטע, איז באַלד א קאַמף אויסגעבראָכן אויף לעבן און טויט צווישן אים און דער פריערדיקן לידער.

געוויינלעך פלעגט לאָבאָ אַרויס דער זיגער, זיין ווילדקייט און בלוט־דורשטיקייט געדאָפּלט מיט זיין פלינקער גבורה איז אים שטענדיק ביי־געשטאַנען. זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז פון אַזאַ מלחמה איז ער ניט אַרויס אינגאַנצן ריין. טעג און וואָכן האָט ער געדאַרפט לעקן זיינע ווונדן, ביז זיי האָבן זיך פאַרהיילט.

א געשמאַקער ביסן פאַר לאָבאָן אין די באַרען־לענד איז דער קאַריבו (אַן אַמעריקאַנער הירש). אַז זיי, די הירשן, לאָזן זיך אין וועג אַריין צו זוכן נייע טעריטאָריעס, וואַנדערן זיי אין אומגעהייערע סטאַדעס, וועלכע גרייכן צומאָל אין די שווערע טויזנטער. זיי שניידן דורך די באַרען־לענד, און דאַן איז געווען לאָבאָס יום־טוב, קיין שפּייז האָט אים דאַן ניט געפעלט.

דער קאַריבו איז ניט א גרויסער הירש, אויך ניט קיין חיה וואָס שטעלט זיך קעגן. אָבער לאָבאָ פלעגט דאָך געפינען פאַר נויטיק צו אָרגאַניזירן זיין טשאַטע צו אַטאַקירן די סטאַדע. די דערפאַרונג האָט אים געלערנט, אַז אין פּנים פון געפאַר ווערט דער מילדער, ציטערדיקער קאַריבו פאָרט א געפער־לעכער קעגנער. ניט איינמאָל האָט לאָבאָ געפילט דעם טעם פון די צעצווייגטע הערנער אויף זיינע אָפּגעצערטע זייטן. ווען געצוווּנגען, פאַרגעסט דער קאַריבו אין געפאַר און מורא און קעמפט פאָרט ווי א העלד.

די טשאטע אטאקירט געוויינלעך די סטאדע הירשן פון אלע זייטן, און לאבא באפאלט דעם לעצטן פון זיי ביז ער זונדערט אים אפ פון דער סטאדע. אין דעם מאמענט ווערט ער ארומגערינגלט פון די אנדערע וועלף און ווערט אפגעשניטן פון דער סטאדע, וואס גייט זיך איר וועג. די טייוואלים מיט ברענענדיקע אויגן און שטאלענע ציין, באפאלן אים ממש מיט א ווילדער רציחה, רייסן פון אים שטיקער, איבערהויפט זוכן זיי צו איבעררייסן די פיס־מוסקולן, כדי זייער קרבן זאל ניט קאנען אנטלויפן. דער קאריבו ראנגלט זיך, זוכנדיק אינסטיקטיוו א סטראטעגישן פונקט צו שיצן זיך פון הינטן, א פעלז, א בוים . . . אבער וואס נוצט עס ? ער שטייט מיט די פאדערשטע פיס איינגעגראבן אינם שניי, דעם קאפ נידעריק איינגעבויגן מיט די הערנער פארויס. דער קאמף צעפלאקערט זיך. דער קאריבו בלוטיקט פון פיל וואונדן. ער ווערט אויסגעמאטערט, באוועגט זיך שוין מער ניט מיט אזא פלינקייט לאבא נוצט אויס א פאסיקן מאמענט, גיט א שפרונג מיט א ווילדן געבריל אויפן אויסגעמאטערטן הירש, פארזינקט זיינע גלימערדיקע ציין אינם האלדז און ווארפט אים אנידער אויפן שניי. דער הירש ווארפט זיך און צאפלט זיך א הילפלאזער, אבער לאבאס שארפע ציין זינקען אלץ טיפער. א שטראם זודיק בלוט ווי פון א פאנטאן שפריצט ארויס פארדעקנדיק דעם ווייסן שניי מיט ראז־בלוט. דעם גארגל איבערגעריסן, טרינקט לאבא דורשטיק דאס קאכיקע בלוט. דאס ווארפן זיך גייט איבער אין א צאפלען און איז א צוקן. דעם הירש מילדע מיט שרעק אנגעפילטע אויגן ווערן פארגלעזט, און נאך איידער דער לעבנס־פונק איז נאך אויסגעלאשן, איז שוין די גאנצע טשאטע אויף אים, רייסנדיק פון אים שטיקער.

געציילטע מינוטן שפעטער, לאבא מיט זיין טשאטע באלעקן זיך די פארבלוטיקטע מיילער. געבליבן איז נאר דאס ביסל שריים פון דעם, וואס איז ערשט געווען א שיינע גראציעזע באשעפעניש, א קאריבו. נאר די צעצווייגטע הערנער מיט די קלויען און א הייפל ציינער פארבלייבן. דאס איז דער גרויזאמער אור־געזעץ פונם קאמף פארן "דא זיין". . .

טיפער ווינטער. ניטא מער קיין קאריבו, און ס'וועט ניט זיין פאר א לאנגער צייט. לאבא פילט הונגער ־אנגסטן. מיט די אמאליקע געשמאקע, פעטע סעודות קאן מען דאך ניט זאט זיין. ער זוכט, ער נישטערט, אבער די בארען־לענד איז זייער קארג (דערפאר רופט מען עס דאך בארען־לענד). לאבא איז ניט קיין איבערקלייבער, עס איז גוט וואס עס מאכט זיך, זאל עס זיין אפילו א רעביט. אבער אויך דאס איז א גרויסע זעלטנהייט אין די מקומות און דער מאגן איז א שרעקלעכער מאנער, גיט ממש קיין רו ניט. ער טרייבט, ער יאגט אומברחמנותדיק.

די טשאטע איז זיך שוין לאנג צעפאלן. אז קיין רויב איז ניטא, האט מען זיך שטיקערגעריסן איינער פונם צווייטן. איז איינער פון זיי געפאלן איז אים שוין פארשפארט געווען אויפצושטיין. אין אן אויגנבליק איז פון אים קיין זכר ניט פארבליבן, ווייל וועלף זיינען קאניבאלן. די פארבליבענע זיינען זיך צעלאפן צו זוכן זייער חיונה. יעדערער פאר זיך.

לאבא ליגט א מידער, אויסגעמאטערט, אויסגעהונגערט אין זיין נארע. דרויסן איז אן איבערקערעניש. שוין דער צווייטער מעת־לעת ווי א בליזארד בושעוועט איבער די ווילדע ברייטקייטן פון בארען־לענד. שווער צו אונטערשיידן פון טאג ביז נאכט. דער ווינט וואיעט און דרייט זיך אין א שדים־טאנץ, יאגנדיק מיט זיך געדיכטע וואלקנס שניי, אנפילנדיק די לופט ווי מיט שארפע נאדלען. דער פראסט שטארקט זיך, דעם אטעם ניט אפצוכאפן.

אין דער נאָרע איז גאַנץ באַקוועם. טרוקענער מאָך און גראָז אָנגעבעט, פאַר־שטעלט פונם דורכדרינגענדיקן ווינט. ליגט לאַבאַ צוזאַמענגעדרייט אין אַ בייגל, די פיס מיט דער מאָרדע צוזאַמען, איבערגעדעקט מיטן פוטערדיקן וואַרעמען עק. ער כאַפּט אַ דרעמל, אָבער ניט אויף לאַנג. דער הונגער נאָגט ווי אַ מחנה ראַצן וואָלטן זיין אינגעווייד געקייט און געריסן. און וואָס איז דער חידוש ? טעג און נעכט, נאָך פאַר דער זאַווערוכע האָט ער זיך אַרומ־געיאָגט, פונם בייזן הונגער געטריבן.

ער שפּרינגט אויף מיט אַ פאַרשטיקט יאָמערלעך וואָיען. ווידער די זעלבע יסורימדיקע קאָנוווּלסן . . . די צייט ציט זיך אומענדלעך. ווען וועט שוין דער שטורעם נאָכלאָזן ? ענדלעך האָט אָנגעהויבן ווערן שטילער און דאָס פאַרטויבנדיקע וואָיען און פייפן פונם ווינט האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט.

ס׳איז נאַכט אין באַרען־לענד. דער הימל איז בלוי־שוואַרץ, באַזייט מיט מיליאַרדן פינקלדיקע שטערן. דער פראָסט ברענט ווי אַ העלישער פייער. די גרעניצלאָזע וויסטע ליגט פאַרזונקען אונטער אַ טיפן שניי־צודעק, צוריקוואַרפנדיק דעם אָפּשיין פון די פינקלדיקע שטערן.

לאַבאַ איז פון דער נאָרע אַרויסגעקומען. די זייטן איינגעפאַלן, דין ווי אַ ברעטל, און די אויגן צעפלאַקערט פיבעריש מיט אַן אומהיימלעך פייערל. אויף אַ נאַקעטן פעלזן־שפּיץ, דעם קאָפּ צום אויסגעשטערנטן הימל פאַרריסן, איז ער זיך פאַרגאַנגען, שאַלנדיק אין אַ וואָיען.

לאַבאַס באַגעגעניש מיט אַ מענטשן

געטריבן פונם נאָגנדיקן הונגער, האָט זיך לאַבאַ אַרומגעיאָגט איבער די גרעניצלאָזע רחבותן פון די פאַרפראָרענע באַרען־לענדס. טעג נאָך טעג זיינען פאַרביי, אויסער אַ לעק שניי האָט ער אין זיין פאַרשמאַכטן מויל גאָרנישט ניט געהאַט. אויף ווי ווייט דאָס אויג האָט געגרייכט אין אַלע ריכטונגען, האָט זיך געשפּרייט אַ טויט־ווייסע וויסטעניש, מיט אַ קנאַקנדיקן פראָסט אַלס צוגאָב. די טעג — אויב מ׳קאָן עס אָנרופן טעג — זיינען זייער קורצע.

די אוראָרא־באָרעילים, אָדער ווי ס׳איז בעסער באַוווּסט אינם פאָלקס שפּראַך, די נאָרט־ליכט, פילט אויס ביז אַ געוויסן גראַד די פונקציע פון דער זון. אויב עס שפּריצט ניט אַזאַ העלן ליכט ווי די זון, קאָמפּענסירט עס דער־פאַר אין אַנדערע הינזיכטן, מיטן זילבער־מאַטן שיין.

וואָלט לאַבאַ געהאַט אַ חוש פאַר נאַטור־וווּנדער, וואָלט ער זיכער ניט פאַרפעלט צו באַמערקן דאָס גראַנדיעזע נאַטור־שפּיל אויף דער מאַוויומ־דיקער באַרען־לענד בינע. אַ גרויסער טייל פונם טונקעלן הימל איז ווי מיט אַ רייד־קאָלירטן פאָרהאַנג באַצויגן. אַ שפּילעוודיקע קאָלירן־סימפאָניע, ווי פון זונען־שטראַלן אָפּגעשפּיגלט אין אַ וואַסער־פאַל, אַזוי פאַרגייט די זון.

לאַבאָ איז הונגעריק. עס גייט אים ווייניג־וואָס אָן די וואונדערלעכע נאַטור־שפּיל. ער שטייט אויף אַ הויכן פעלז, דעם קאָפּ צום אויסגעשטערנטן הימל פאַרריסן און פאַרגייט זיך אין אַן אויסגעצויגן יאָמערלעך וואָיען. אַ לענגערע צייט האָט זיין סאָלאָ אָנגעהאַלטן. דאָס איז גלייכצייטיק געווען אַן אויסגוס פון די שרעקלעכע הונגער־ליידן, ווי אויך אַן אַרויסרוף צו זייניקע, אַ יאַגד־רוף פון אור־אַלטער בלוטדורשטיקייט, געבייטשט דורך הונגער. זיין רוף איז ענדלעך דערהערט געוואָרן. פון דער ווייטער ווייטקייט ביים האָ־

ריזאַנטן־ראַנד האָט זיך עס געלאָזט הערן, לאַנג־אויסגעצויגענע דינע קולות, אַז ענטפער אויפן רוף פונם לידער . . .

גרויע סילועטן האָבן זיך שלייכנדיק ווי געשפענסטער פון אַ ניט־רעאַלער וועלט, באוויזן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, שפּרייזנדיק געראַישלאָז דורכן טרוקענעם שניי. די אויגן, צעגליט ווי ברענענדיקע קוילן, בליצן אין דער נאַכטיקער טונקלקייט. אָפּגעצערט און דאַך פול מיט פולסירנדיקער קראַפט, גרייט צו אַטאַקירן אירגענד וואָס און וועמען, האָבן זיי זייער לידער אַרום־גערינגלט.

לאַבאַ האָט שטייענדיק אויפן הויכן פעלז געפּרוווט מיט זיין שאַרפן חוש צו דערשמעקן עפּעס, ציענדיק די לופט פון אַלע זייטן מיט זיינע פלאַ־מענדיקע נאָזלעכער, גלייכצייטיק מיט אָנגעשפּיצטע אויערן צוהערנדיק זיך. אָבער מער דורך אינסטינקט ווי דורך זיינע חושים, האָט ער זיך פאַרנומען אין אַ געוויסער ריכטונג, מיט דער טשאַטע אין אַ לאַנגער שורה הינטער זיך. שעהן נאָך שעהן, אָן אָפּרו, האָבן זיי זיך געיאָגט מיט אַ שפּרינגענדיקן גאַלאָפּ, מיילן נאָך מיילן שטח זיינען אונטער זיי פאַרשלונגען געוואָרן. דער אור־אַלטער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג האָט זיי געטריבן פון זייער אַלט־געזעסענער באַרען־לענד פעסטונג, זייער לאַנג־יאָריקע יאַגד־טעריטאָריע, צו זוכן חיונה ערגעץ אַנדערש־ווו.

אַ טאָג־צוויי זיינען פאַרביי. לאַבאַ האַלט אין דעם אימפּעט. אויף דעם דריטן טאָג האָט ער זיך אינמיטן גאַלאָפּ פלוצלונג אָפּגעשטעלט און איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, אָנשטרענגענדיק אַלע זיינע חושים. עפּעס האָט ער יאָ אויפגעכאַפּט, אָבער אַ גאַנץ אומבאַקאַנטער שפּור, עטוואָס אַזוינס וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל פריער ניט געשפּירט, און ער בלייבט שטיין אומאַנט־שלאָסן. ער ווייסט ווי אונטערצושיידן ריחות פון פאַרשיידענע חיות, ער מוז עס דאָך וויסן, ווייל אין יעדער באַזונדער פאַל פאָדערט זיך אַ גאַנץ אַנדער סטראַטעגיקע פון אַטאַקירן. אָבער . . . וואָס מאַכט עס דען אויס ווער ס'איז הינטער דעם אומבאַקאַנטן ריח !

די לאַנדשאַפט האָט זיך געענדערט. וועלדלעך האָבן זיך באוויזן דאָ און דאָרט, איינגעהילט אין ווייסע קיטלען. לאַבאַ האָט געשפּירט דעם אומ־באַקאַנטן ריח אַלץ שאַרפער און שאַרפער. קירצלעך האָט ער אויך דערשמעקט אַ שפּייז־ריח. זיין ליידיקער מאָגן האָט אָנגעהויבן יסורימדיק צו קרעמפּן און ס'האָט אים געיאָגט מיט מער האַסט. פּלוצלונג האָט זיך לאַבאַ ווידער אָפּגע־שטעלט און האָט פאַר אַ ווײַלע אפילו זיין הונגער פאַרגעסן.

אין אַ וועלדל ווייטער האָט זיין שאַרף אויג עפּעס דערזען. עפּעס האָט געלויכטן מיט אַן אומבאַקאַנטער שיין. אין דעם שיין איז געשטאַנען אַן אומבאַקאַנט באַשעפעניש אויף צוויי פיס, אָט גלייך, אָט איינגעבויגן. און מערקווירדיק, ניט ווייסנדיק וואָס פאַר אַ מין באַשעפעניש דאָס איז, האָט ער דאָך דערפילט אַ גוואַלדיק אָפּשיי פאַר דעם. ווען ניט דער נאָגנדיקער הונגער, וואָלט ער עס גערן אויסגעמידן. דער ווינט האָט געצויגן אין זיין ריכטונג און אַ שאַרפער שפּייז ריח האָט דערגרייכט זיין נאָז, פאַראורזאַכנדיק שאַרפע הונגער־אַנגסטן.

שלייכנדיק האָט ער זיך דערנעענטערט צום וועלדל, האָט זיך אויס־געצויגן אויפן שניי און איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין באָאַבאַכטונג. אויסער דעם צוויי־פיסיקן, זיינען אויך געווען אייניקע פיר־פיסיקע, שטאַרק ענלעך אויף זיין מין. אָבער פאַרט אַנדערש, מיט אַן אַנדער גערוך, מיט אַן אַנדער לשון ווי זיינער. ער האָט צוגעזען ווי דער צוויי־פיסיקער האָט צע־

טיילט שפייז צווישן די פיר־פיסיקע, וועלכע האבן פריילעך געקוויטשעט דערביי און האבן עס אויגנבליקלעך איינגעשלונגען. לאבאס מויל האט שטארק געוואסערט צוקוקנדיק עס. מיט גרויס אנשטרענגונג האט ער זיך איינגעהאלטן פון אוועקרויבן די שפייז פון די פיר־פיסיקע. שפעטער האט דער צוויי־פיסיקער צוזאמענגענומען די פיר־פיסיקע און האט זיך געלאזט אין וועג מיט זיי.

לאבא מיט זיין טשאטשע האבן זיך ארויפגעווארפן אויפן באפרייטן פלאץ, מיינענדיק צו געפינען עפעס עסן, אבער אין אן אויגנבליק איז ער אפגעשפרונגען מיט א יאמערלעך וואיען. ער האט ארויפגעטראטן אויף דאס גליענדיקע פייער און ס׳האט אים א שארפן ברי געטאן אין די פיס. אויך אנדערע פון זיין טשאטשע האבן געכאפט דעם זעלבן פסק און אלע האבן זיך מיט א יאמערלעך וואיען צוריקגעצויגן, לעקנדיק זייערע פארוואונדעטע פיס. דער צוויי־פיסיקער האט איבערגעלאזן א פייער. צום עסן האבן זיי גארנישט ניט געפונען, אבער דער שארפער הונגער, געדאפלט מיט דער גרויסער נייגעריקייט, האבן געטריבן לאבא מיט זיין טשאטשע נאכצופאלגן דעם צוויי־פיסיקן, אפגעזען פון די אומבאקאנטע געפארן. א גאנצן טאג ביז שפעט אין דער נאכט, האבן זיי אים נאכגעפאלגט פון דער ווייטנס, ביז יענער האט זיך ווידער אפגעשטעלט.

טרעידער עד, א פאנגער פון חיות, האט נאך א לאנגן, שווערן טאג באשלאסן צו מאכן א קעמפ איבער נאכט. ער האט זיינע הינט אנגעבונדן ביי א וועלדל, צוזאמענגעשלעפט טרוקענע צווייגן און האט צעלייגט א פייער. ער האט צעשמאלצן שניי און אויפגעקאכט פאר זיך א טעפל קאפע, מיט א שטיקל געטריקנטע פלייש פאר זיך צו עסן. פאר זיינע הינט האט ער אנגעווארעמט פארפרוירענע פיש, יעדער איינעם א צוויי־דריי פונטיק פישל. די כלבים האבן עס כמעט ניט געקייטערהייט איינגעשלונגען.

לאבא איז צוגעקראכן נאענט צום קעמפ און האט געהאלטן א שארף אויג אויף אלץ וואס דארטן קומט פאר. ער האט באמערקט ווי איין הונט האט זיך באפרייט פון זיין קייט און איז אוועק טיפער אין וועלדל אריין. ניט פארלירנדיק קיין צייט האט זיך לאבא געלאזט שלייכנדיק נאך אים. מיט איין שפרונג איז ער געווען אויף זיין נאענטן קרוב, א קנאק מיט שטאלענע ציין און דער הונט איז געבליבן ליגן מיט א געבראכענעם גנניק אן א פיפס ארויסצולאזן. ער האט עס ווייטער אין וועלדל פארשלעפט און אין א קורצער ווילע איז פונם כלב קיין זכר ניט פארבליבן. דאס האט גראד דעם הונגער מער צערייצט ביי דער טשאטשע. די אויגן האבן זיך ביי זיי ווילד צעפלאקערט באלעקנדיק די פארבלוטיקטע מיילער, זיינען זיי שוין גרייט געווען צו באפאלן עדן מיט זיינע הינט. אבער לאבאן האט דער אינסטינקט געווארנט.

— היט זיך פארן צוויי־פיסיקן ! זיי פארזיכטיק ! . .

דער ריח פון פרעגלענדיקן בעיקאן, וואס טרעידער־עד האט פאר זיך געגרייט, מיט דאס געטריקנטע פלייש, האט אזוי פארשארפט זייערע הונגעראנגסטן, אז ניט אכטנדיק אויף לאבאס ווארנונג, האט זיך די טשאטשע מיט ווילדע געברילן א ווארף געטאן אויף די הינט.

א כאאס האט מיטאמאל אויסגעבראכן. א גערانגל, א כארכלען, א ברומען, בלאנקענדיקע ווייסע ציין האבן געקנאקט ווי שטאלענע טרעפס, אויפגעטרענטע פעלן, אויפגעריסענע העלזער, צעביסענע פיס, זודיק־הייסע בלוט פארבט דעם שניי. די צאנקענדיקע פלאמען פון טרעידער־עדס קעמפ־פייער שפריצן מיט פונקען, ווארפנדיק א טונקל־רויטן, מיט שאטנס געמישטן אפ־

שיין, אויף דעם גיהנומדיק בילד. אין מיטן פון אָט דעם כאָאָס, האָט עס א בליץ און דונער געטאָן. ק־ר־ר־ראַד ! . .

די שווארצע נאכט מיטן געהיימניספולן וואלד איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, און איידער דער עכאָ האָט באוויזן אָפּצוהילכן, האָט עס אָפּגעדונערט עטלעכע מאָל נאָכאנאנד . . . לאַבאָ האָט פּלוצלונג דערפילט א גוואלדיקן שטויס, אן אומדערטרעגלעכן ברען אין זיין שולטער, וואָס האָט אים מיט שטארקן האסט צו דער ערד געוואָרפן, אָפּשליידערנדיק אים אין וועלדל אָן א זייט פונם באלויכטענעם שטח און א פינצטערער תהום האָט אים פאר־שלונגען.

א צייט שפּעטער איז לאַבאָ עטוואָס צו זיך געקומען, אויפגעעפנט זיינע פארנעפּלטע, פיבערדיקע אויגן, און האָט געזוכט קלאָר צו מאכן פאר זיך, דעם באדייט פון דער געשעעניש. אמת איז אז דונערן און בליצן האָבן שטענדיק אָנגעיאָגט אויף אים א שרעק, ווי אויך אויף אנדערע חיות, אָבער קיינמאָל פריער האָט עס אים ניט געטראָפן אזוי ווי איצט. ווען זיינע פאר־נעפּלטע אויגן האָבן זיך עטוואָס אויסגעלייטערט, איז אים די רעטעניש אויפגעקלערט געוואָרן.

דער צוויי־פיסיקער איז געשטאנען ביי א דיקן צוים, ניט ווייט פון פייער, האָט געהאלטן א לאנגן, גלאנציקן שטעקן וואָס האָט געדונערט און געשפּיגן מיט פייער. און וואונדער איבער וואונדער ! ער האָט געזען ווי איינער פון זיין טשאטע, וואָס האָט זיך גאנץ ווייט אוועק פונם צוויי־פיסיקן גע־ראנגלט מיט א פיר־פיסיקן, איז געטראָפן געוואָרן פון א דונער, איז מיט א שוידערלעכן קוויטש אויפגעשפּרונגען און איז אויפן שניי צוריקגעפאלן ניט רירנדיק זיך מער פון אָרט. ער האָט אויך באמערקט, אז אַלע אַנדערע פון זיין טשאטע זיינען געלעגן צעוואָרפן אזוי ווי פארגליווערטע אינם שוואכן פייער־שיין. דאָ איז אים קלאָר געוואָרן, אז דער צוויי־פיסיקער מיטן דונער־דיקן שטעקן איז א געפערלעכע זאך און ער מוז זיך היטן פאר דעם. איז ער געלעגן אין ציטערניש, א פארטייעטער, קוים דעם אָטעם געצויגן. פון גרויס שרעק איז ער ווידער פארזונקען געוואָרן אין א פינצטערן תהום . . .

טרעידער־עד האָט באטראכט דעם חורבן וואָס די וועלף האָבן אָנגע־מאכט ביי אים אין קעמפּ. זיינע לעבן־געבליבינע הינט האָבן זיך ארומגעקליבן ארום אים מיט יאָמערלעכע קוויטשערייען. צעמזיקטע, פארבלוטיקטע, האָבן זיי געלעקט זייערע וואונדן. ער האָט באמערקט, אז איין הונט פעלט אים. אויף זיין רופן האָט ער קיין ענטפער ניט באקומען. א צווייטער כלב איז געלעגן מיט אן אויפגעטרענטן האלדז, האָט זיך אפילו אויפהויבן ניט געקאָנט. האָט אים טרעידער־עד באפרייט פון זיינע יסורים מיט א קויל אין קאָפּ. די פארבליבענע האָט ער ווי ניט איז צורעכט געמאכט, האָט צעלייגט א שטארקן פייער און האָט די כלבים פונם פייער ניט אָפּגעלאָזט, אויס זיכערקייט.

ווען לאַבאָ איז ווידער צו זיך געקומען און האָט פון זיין באהעלטעניש ארויסגעקוקט, איז שוין ניט געווען מער דער צוויי־פיסיקער מיט זיין דונער־שטעקן, אויך ניט קיין פיר־פיסיקע און קיין פלאַמענדיקער שיין. ס'איז געווען שטיל ווי אין א קבר, נאָר די שטערן האָבן זיך איבערגעוואונקען הויך איבערן וואלד. זיין וואונד האָט געברענט. זיין גאנצער קערפּער איז געווען ווי מיט בליי אָנגעפילט, זיין צונג איז אזוי פארטריקנט געווען, אז ער האָט זיין וואונד ניט געקאָנט א לעק טאָן. ער האָט דורשטיק געשלונגען דעם שניי. דאָס האָט זיין פיבער עטוואָס געמינערט. ווען ער האָט פּרובירט אויפהויבן זיך, האָט

א שניידנדיקער ווייטיק דורכגענומען זיין גאנצן קערפער און ער איז געבליבן ליגן, ניט קאָנענדיק זיך רירן פון אָרט.

לאבא לאָזט זיך ניט פארנארן אין נעץ

א לענגערע צייט איז לאבא געווען געצוואונגען צו ליגן פארשטעקט אינם וועלדל, דאָס פלאץ וווּ זיינע חברים זיינען געפאלן דורכן דונער־שטעקן. ס'האָט געדויערט א היבשע צייט ביז זיין שולטער האָט אים דערמעגלעכט צו באוועגן זיך. ווען ניט זיינע געפאלענע חברים, וואָלט ער אליין אויך קיין לעבעדיקער ניט פארבליבן. יאָ, זיינע טויטע חברים האָבן אים דאָס לעבן דערהאלטן, אָבער ווען ער האָט זייערע לעצטע ביינדלעך מיט זיינע שטארקע ציין צעקייט ביז ס'איז גאָרנישט ניט מער פארבליבן, און דער הונגער האָט אָנגעהויבן נאָגן פון דאָס ניי, איז ער געצוואונגען געווען צו לאָזן זיך אין וועג זוכן חיונה.

דער פראָסט האָט אלץ געשמידט אין אייז־קייטן. דער גאנצער ארום איז איינגעהילט אין טיפן שניי, אָבער די לאנגע צפון־נאכט האלט ביים אויפ־טאָגן. וואָס א טאָג באווייזט זיך די זון אויפן האָריזאָנט אלץ מער און מער, שפרייטנדיק אירע גאָלדענע בינטלעך שטראלן איבערן ווייסן, בלאנקענדיקן שניי.

פון דער ווייטער, ווייסער וויסטע באווייזט זיך א גרויסער פלעק אויפן ווייסן שניי, ווערנדיק אלץ גרעסער און גרעסער. די לעצטע שטראלן פון דער פארגאנגענער זון, ווי לאנגע שפיזן, האָבן ווי געזוכט דורכצושטעכן די אָנ־קומענדיקע נאכט, און ווערן אויסגעלאָשן. אין דעם אָנקומענדיקן בין־השמשות האָט זיך באוויזן דאָס איינזאַם, שטארק־אָפּגעצערט געשטאלט פון לאבאָ. ניטאָ מער די אמאָליקע האָפערדיקייט, פארשוואונדן איז די עלאסטישקייט פון זיינע באוועגונגען צוזאמען מיט זיין פלינקייט. מיד, דעם קאָפּ ארונטער־געלאָזט, קוים וואָס די פיס פלאָנטערן זיך און דער גרויסער בושיקער עק באמבלט זיך צווישן די פיס.

פאזע א הויכן בארג, לענג־אויס דעם מיט אייז־געשמידטן טייך, שלעפּט זיך לאבאָ. אויפן צווייטן ברעג טייך שאָטנט זיך א טיף־פארשנייטער טונקעלער וואלד. קוים וואָס ער באוועגט זיך, ממש מיט די לעצטע כוחות, די טריפנדיקע גאווערדיקע צונג ווי א רויטע שמאטע ארויסגעהאנגען. גוט נאָך וואָס דער שניי איז הארט פארפראָרן, זינקט ער ניט. ס'איז דאָך גרינגער. פלוצלונג שטעלט ער זיך אָפּ, הויבט אויף דעם קאָפּ, שפּיצט אָן די אויערן און הויבט אָן ציען די לופט מיט זיינע נאָזלעכער. עפּעס האָט ער דערשפּירט, עפּעס האָט ער דערשמעקט, און דאָס עפּעס האָט געמיינט שפּייז פאר זיין איינגעשרומפּענעם מאָגן. און וווּנדער איבער וווּנדער! מאָמענטאל איז ער פארענדערט געוואָרן, גאָר ווי פון דאָס ניי געבוירן, ביים גערדאנק פון שפּייז.

דעם קאָפּ פאררייסן, די אויגן צעצונדן, דער בושיקער עק אין דער הויך, האָט ער מיט באנייטער ענערגיע און פלינקייט א לאָז געטאָן זיך צום וואלד, וווּ זיין גרויער סילועט איז פארשלונגען געוואָרן. פון בוים צו בוים האָט ער זיך געשלייכט, נעענטער און נאָך נעענטער איז ער צו זיין רויב צוגעקומען. דערביי האָט זיין פיין־פילנדיקע נאָז דערשפּירט נאָך עפּעס: א שאַרף־שטינקענדיקן אָבער, א זייער פעטן גערוך וואָס האָט אים געמאכט דאָס מויל וואסערן. פון איין זייט האָט אים דער נאָגנדיקער הונגער געיאָגט, פונם צווייטן זייט האָט אים זיין לאנגע דערפארונג געוואָרנט:

— לאבא, זיי פאַרזיכטיק ! היט דיין פעקל ביינער ! . .

זיינע צעפלאַקערטע אויגן דרינגען דורך די פינצטערניש. ער זעט ווי א פוקס דרייט זיך ארום. ס'איז כדאי צו ווארטן. זאָל זיך דער פוקס גוט צעשטעכן ביים פּאַרטיק מאַכן א יאַזשיק. און דאַן ? דאַן וועט לאבא מאַכן פאַר זיך א סעודה פון זיי ביידן. דאָס אליין האָט אים שוין געמאַכט צו באַלעקן זיך.

א לענגערע צייט האָט דער פוקס ארומגעטאַנצט, אַפּגעטראָטן, צוריק־געקומען, פון איין זייט פון אן אנדער זייט, ביז ער האָט זיך מיט אימפּעט א וואָרף געטאָן אויף עפּעס. גלייכצייטיק האָט זיך דערהערט א דומפּער קלאַפּ און דער פוקס האָט זיך גענומען וואַרפן און שליידערן ווי משוגע, פאַרגייענדיק זיך אין א יאָמערלעכן האַוקען. ער האָט זיך געוואַלגערט אינם שניי, האָט ארומגעטאַנצט, האָט געביסן עטוואָס האַרטעס וואָס האָט אַזש אָפּגעקלונגען — אָבער פונם אָרט איז ער ניט אַוועק.

לאבא האָט דאָס אַלץ צוגעקוקט. ער האָט אָבער ניט געקענט פאַר־שטיין וואָס אַזוינס ס'האָט מיטן פוקס פּאַסירט. אויב ער האָט געכאַפּט א מיאוסן פּסק פונם יאַזשיק, טאָ וואָרום אַנטלויפט ער ניט ? און וואָס אַזוינס איז דאָס געווען דער דומפּער קלאַפּ ? יאָ, און דאָס אָפּקלינגען פון די בייסנ־דיקע ציין ? אומפאַרשטענדלעך ! דער פוקס האָט זיך אַזוי לאַנג געמאַר־דעוועט, ביז ער איז שטיל געבליבן.

אויסוואַרטנדיק א ווײַלע, האָט זיך לאבא גענומען שלייכן נאָענט און נעענטער. דער פוקס האָט דערשמעקט א נייע געפאַר און האָט זיך פון דאָס ניי גענומען ארומוואַרפן. דאָ האָט לאבא דערזען, אַז דער פוקס איז איינגעקלאַמערט אין עפּעס, וואָס האַלט אים שטאַרק, אַזוי אַז ער קען ניט אַנטלויפן. צוקומענדיק גאַנץ נאָענט, באַשמעקנדיק אַלץ מיט גרויס פאַרזיכט און געפינענדיק אַז עס שמעקט ניט מיט קיין געפאַרן, האָט זיך לאבא ארויפ־געוואָרפן אויפן פוקס. אין אן אויגנבליק איז דער פוקס געבליבן ליגן שטיל. ווען לאבא איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער סעודה איז פונם פוקס פאַרבליבן נאָר דער עק און דערביי עטלעכע ארומגעגריזשעטע ביינדלעך. באַלעקנדיק די פאַרבלוטיקטע מאָרדע, האָט לאבא זיך גענומען באַשמעקן דעם קלעם, וואָס האָט געהאַלטן דעם פוקס ביים פוס. ס'איז געווען שווער, האַרט, אויסגעבויגן, ניט קיין האָלץ און ניט קיין שטיין. אויף א קיילעכדיקן צינגל אונטערן אויס־בויג, האָט לאבא דערשמעקט א גערוך וואָס האָט געמאַכט זיין מויל צו וואַסערן. ער האָט עס דערשמעקט און באַלעקט. פאַרשטאַנען האָט ער, אַז דאָס איז ניט גלאַט אַזוי זיך : אַז עפּעס שטעקט אין דעם, אָבער וואָס ? דאָס האָט ער ניט געוווּסט.

איין זאַך איז אָבער יאָ געווען קלאָר פאַר אים, און דאָס איז, אַז ער דאַרף זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פון דאַנען אַזוי לאַנג ווי זיין הונגער איז געשטילט. אוים פאַרזיכט, איז ער פונם וואַלד צוריק ארוים איבערן זעלבן סליאַד וואָס ער האָט געמאַכט ביים אַריינקומען, און האָט געזוכט צו לויפן נאָר וווּ דער שניי איז האַרט געווען, כדי ניט איבערצולאָזן קיין שפּור. אין א פאַרשטעלטן מיט בושעס פעלזן־ווינקל ביים טייך־ברעג, באַלייגט מיט טרוקענע בלעטער און צווייגלעך, האָט ער זיך א באַקוועמען געלעגער אָפּגע־זוכט. צונויפגעדרייט ווי א בייגל, די מאָרדע צווישן די פיס, איבערגעדעקט מיטן בושיקן עק, איז ער באַלד פאַרזונקען אין א וועלט פון וועלפישע חלומות.

טרעידער־עד דערקלערט לאבאָן קריג

עטלעכע יאָר האָט טרעידער עד געהיט א טרעפּ־ליין ניט ווייט פון זיין טרעידינג־פּאָסט, לענג־אויס דעם סטאָני־רעפּידס אויסגוס ביים מזרח־זייט פונם לעיק אטאבאסקא, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיטן דרום־ראנד פון די בארען־לענדס אינם קאנאדער וייטן צפון. ער איז געווען פאררעכנט צווישן די גוטע טרעפּערס, האָט געהאט א נאָמען אלס גוטער ציל־שיסער און עקספּערט טרעפּ־שטעלער, ווי אויך צו פארנארן די חיה אין טרעפּ אריין מיט פּאסיקן בעיט.

ביי מיטן ווינטער האָט ער שוין געהאט אָנגעקליבן א היבשן טראנספּאָרט פּעלצן. צו פארדאנקען דעם שווערן ווינטער, זיינען די פּעלצן געווען פּרימא. זיין טראנספּאָרט האָט פּארמאָגט א היבשע צאָל פארשיידענע פוקסן: רויטע, קראָס, שווארצע און זילבער. ס׳האָט אים אָפּגעגאָלטן, אז דער פּעריאָדישער ראָן פון די ארקטישע ווייסע פוקסן איז געווען איבער זיין טרעפּ־ליין, איז אים אריינגעפאלן גאָר א היבשע צאָל פון זייערע פּעלצן. ארום קריסטמעס־צייט האָט ער אריינגעשיקט קיין עדמאָנטאָן צום פּאָר־אָקשן א טראנספּאָרט פּעלצן, וואָס האָט אים אריינגעבראכט א היבשע אפּותיקא. איצט האָט ער גערעכנט, אז ביז צום שמעלצן, ד״ה, ווען די וואסערן וועלן זיך באפרייען, וועט ער ווידער זיין ביכולת צוזאמענצושטעלן א נישקשהדיקן קאנו־טראנספּאָרט.

א געוויסן פרימאָרגן, ווען די זון האָט זיך נאָר־וואָס באוויזן אויפן מזרחדיקן הימל־ראנד, איז ער ארויס אויף זיין טרעפּ־ליין. צוקומענדיק צום וואלד, ניט ווייט פונם טייך, האָט ער געפונען אייניקע פון זיינע טרעפּס ליידיק. אָבער ביי איין טרעפּ איז ער שטיין געבליבן פארוואונדערט און דערצאָרנט.

— גאָדעמיט! — האָט ער מיט צאָרן אויסגעשריען, — וואָס איז דאָס? די טרעפּ איז געשפּרונגען, דאָס בעיט איז אויפגעגעסן! באטראכטנדיק גוט דאָס פּלאַץ, האָט ער געפונען דעם שניי איינגעטראָטן, מיט בלוט באפארבט, אינם טרעפּ־מויל איז געווען איינגעקלאמערט א פוקסן־פּיסל, ניט ווייט דערפון איז געלעגן א גרויסער, פּוביקער עק. דורך פארדריקטע ציין האָט ער ארויסגעזשיפּעט:

— גאָדעמיט! און גראָד נאָך א קראָס־פוקס! ס׳האָט באדארפט זיין א פּרימא. עס וואָלט זיכער אריינגעבראכט א 150 דאָלאר, און אפשר נאָך מער.

— איי׳ל בי עי סאָן אָוו עי סקאַנק אויב איך וועל זיך ניט אָפּרעכענען מיטן רויבער! — האָט ער אויסגעשריען. זוכנדיק שפּורן, האָט ער געפונען.

— דער פארדאמטער לאבאָ! כ׳האָב טאקע גערעכנט, אז דאָס איז זיין ארבעט. איך וועל מוזן פּטור ווערן פון אים וואָס גיכער, אז ניט וועט ער מיר מאכן א תל פון מיין טרעפּ־ליין. ער וועט היטן די טרעפּס מער ווי איך און וועט זיי אויסליידיקן פאר מיר.

מיט פייערדיקע פויסטן האָט ער געדראָט אין דער ווילדערניש:

— איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט דיר, דו פארפלוכטער וואָלף!

נאָכפאָלגנדיק לאבאָס שפּור, האָט ער עס קירצלעך פארלאָרן אויפן הארטן פארפראָרענעם שניי. דאָס האָט אים שטארק געערגערט און ער האָט זיך א פארטראכטער צוריקגעקערט און האָט פון דאָס ניי איינגעשטעלט די טרעפּס מיט גרויס פּאָרזיכט, באנוצנדיק אזא מין בעיט, וואָס זאָל ברענגען

לאבאַן פון מיילן ווייט אוועק, דעם טרעפּ אין שניי באגראָבן, מיט א פעדער־וויש פארווישט אַלץ ארום, אפילו זיין אייגן שפּור. באטראכטנדיק דעם דזשאב מיט א קריטיש אויג, איז ער א צופרידענער אוועק, מיט דער זיכערקייט, אז דער וואָלף וועט זיך פון זיינע הענט ניט ארויסגליטשן. ס'האָט זיך אים גאָר ניט געחלומט וואָס פאר א פעקל צרות לאבאָ גרייט פאר אים.

מענטש און וואָלף האָבן זיך באגעגנט אין די ווילדע וועלדער פון אמעריקע

לאבאָ איז א גאנצן טאָג אונטערן פעלז געשלאָפן פון קיינעם ניט געשטערט. ווען ער איז פון זיין באהעלטעניש ארויס, איז שוין דער טונקעלער הימל־געוועב באשאָטן געווען מיט מיליאַרדן שטערן. ער האָט זיך קרעפטיק א צי אויס געטאָן מיט זיין מוסקוליסטן קערפּער און האָט ברייט זיך צעגענעצט. אויפהויבנדיק דעם קאָפּ צום הימל, האָט ער ארויסגעשאָלט א ניצחונדיקן ארויסרוף אין דער נאכט אריין. די שטומע נאכט האָט דאָס שאַלן אויפגעכאַפּט און האָט עס איבער פעלזן און וואלד צעטראָגן, אינם פּראַסטיקן האַריזאָנט איז עס אָפּגעהילכט געוואָרן. זיינע וויברירנדיקע נאָזלעכער האָבן איינגעזאַפּט די לופט פון אַלע ריכטונגען און האָבן דערשמעקט דעם ריח פון שפּייז. מער און מער האָבן די נאָזלעכער וויברירט, איינזאַפּנדיק דעם אַפּעטיטנעם גערוך, ביז זיין מויל איז פארוואַסערט געוואָרן און דער מאָגן האָט העפטיק א קרעמפּ געטאָן מיט הונגער־אנגסט. א הייסע כוואַליע האָט א פלייץ געטאָן דורך זיינע גלידער, דאָס בלוט האָט זיך צעזונגען מיט אן אויפברויז פון כוח און לוסט צו יאָגד, צו רויב . . .

ווי דער פרייער ווינט פון די בארען־לענדס, האָט זיך לאבאָ צעלאָזט אין גאַלאָפּ, וווּ דער געשמאַקער ריח האָט געצויגן. אזוי ווי שוועבנדיק האָט ער זיך געטראָגן איבערן גלאַטן, האַרט־פאַרפראָרענעם שניי, קוים אָנרירנדיק עס מיט די פיס. דאָס האָט אים געבראַכט ווידער צום זעלבן באקאַנטן וועלדל.

לאבאָ איז שטיין געבליבן. דער שאַרפער ריח האָט אים איצט שטאַרק אין נאָז געשלאָגן. אָבער, ווי דער הונגער האָט אים ניט געטריבן, האָט אים נאָך שטאַרקער דער אינסטינקט פון זיכערקייט איינגעהאַלטן, געוואָרנט צו זיין פאָרזיכטיק. קיין איין טראָט האָט ער מער ניט געמאַכט ניט באַשמעקנדיק יעדער קלייניקייט. און אזוי האָט ער טראָט־ביי־טראָט זיך דערנענטערט צום פּלאַץ פון וואַנען דאָס גערוך איז געקומען. פּלוצלונג איז ער געבליבן ווי געליימט. זיין שאַרפער חוש־הריח האָט דערשפּירט א גאנץ אנדער גערוך, וואָס האָט אים אזוי ווי פּאַראַליזירט. א קליין, נישטיק בינטעלע וואָל־הערעלעך אויף אן אָפּגעבראָכן צווייגעלע האָבן אים אויסגעזאָגט דעם סוד. דער צוויי־פיסיקער ! . .

לאבאָ איז מאָמענטאַל ארונטערגעזונקען צו דער ערד, דערוואַרטנדיק אויגנבליקלעך דעם דונער און בליץ איבער זיין קאָפּ. ווען גאָרניט איז געשען, האָט ער גרינדלעך באשמעקט דאָס בינטעלע האָר און האָט עס פארבונדן מיט די פּאַסירונגען פון דער לעצטער נאכט. דער פוקס, דאָס קלײַנע וואָס האָט דעם פוקס ביים פוס געהאַלטן, דער זעלבער גערוך, און . . . ער איז איצט זיכער געווען, אז דאָס האָט צו טאָן מיטן צוויי־פיסיקן.

אָבער דער מאָגן וויל פון קיין זאך ניט וויסן. ער מאָנט שפּייז ! אַפּוואַרטנדיק פאַרטייעטרהייט א ווײַלע, האָט ער זיך גענומען רוקן נענ־

טער צו דער בעיט, זייער פּאָרזיכטיק. דער ריח שלאָגט אין נאָז, די סלינע רינט פון מויל, דער הונגער נאָגט. אָט איז ער שוין גרייט א כאפּ צו טאָן דעם געשמאקן, רייצנדן ביסן. אָבער דער פוקס מיטן פּארקלעמטן פּוס פּיקט אים אין קאָפּ. ער טאָר ניט זיין איבעראיילט ! ער באשמעקט אלץ פון דאָס ניי און געפינט אז דער שניי, כאָטש גאנץ גלאט, איז אָבער פריש אויפגעבראָכן. ער האָט גענומען ארומקרייזן דאָס פּלאץ, ביז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן א לאנגער בויגזאמער זאך. ער האָט פּרובירט א צי טאָן דאָס מיט דער לאפּע. עס רירט זיך און גלימפּערט. שפּרינגט ער אָפּ מיט שרעק, אָבער נעמט זיך באלד ווידער ציען. פּלוצלונג א דומפּער קלונג — ווי לעצטע נאכט מיטן פוקס. א פּארציטערטער שפּרינגט ער אָפּ, אָבער גאָרניט איז געשען. נעמט ער זיך ווידער ציען, פּרובירט עס בייסן. אָבער אפילו פּאר זיינע שטאָלענע ציין איז עס צו הארט. אזוי לאנג געצויגן די קייט וואָס האָט געהאלטן דעם טרעפּ צוגעבונדן צום בוים, ביז ער האָט דעם פּארבאָרגענעם טרעפּ ארויסגעשלעפּט. און ווידער איז גאָרנישט ניט געשען. מיט איין שלונג האָט ער דאָס בעיט איינגעשלונגען און האָט זיך צופרידן באלעקט.

לאבאָס אַפּעטיט איז שטארק צערייצט געוואָרן דורך דעם געשמאקן ביסן. געפינענדיק, אז דאָ איז ניטאָ מער וואָס צו עסן, האָט ער זיך ווידער געלאָזט אין וועג זוכן חיונה, רייכער אין דערפארונג ווי פריער. די אויערן אָנגעשפּיצט, די נאָז צו דער ערד, האָט ער זיך ווי א שאָטן געשלייכט דורך דער נאכטיקער פינצטערניש. זיין שארף אויער האָט עפּעס אויפגעכאפּט. הא ! וואָס איז דאָס ? יאָ, דאָס יאָמערלעכע בילן פון א פוקס אין פּאסטקע. ער פאָלגט נאָך דאָס בילן און עס אנטפּלעקט זיך פאר אים אָן ענלעך בילד פון פאָריקער נאכט. דאָס מאָל האָט ער ניט געמאכט קיין לאנגע מחזקות — איינס און צוויי האָט ער א סוף געמאכט צו די יסורים פונם פוקס און זיך רויק גענומען צום מאָלצייט.

דאָס באגינען האָט געטראָפן לאבאָן אין זיין נאָרע, אונטערן פעלז ביים טייך, שלאָפנדיק רויק.

דער סוף פון לאבאָ

טרעידער־עד איז פארטיק געוואָרן מיט דער ארבעט אינם טרעידינג־פּאָסט און האָט זיך ארויסגעלאָזט אויפן טרעפּ־ליין. די צפון־טעג זיינען לענגער געוואָרן. וואָס א טאָג שטייגט די זון אויף עטוואָס העכער, וואַרעמענדיק צו ביסלעך. עד איז פריילעך און האָפערדיק. ער איז ביי זיך זיכער, אז דער טרעפּ, וואָס ער האָט אזוי קונציק צוגעגרייט, האלט פעסט דעם קרבן, דעם ביטערן וואָלף. גענוג שאָדן האָט ער אים ביז איצט אָנגעטאָן. א שיין ביסל פּרימא פעלצן האָט ער אים רויִנירט, אָבער איצט איז דער סוף צום שפּיל. ער וועט זיך ניט צערעמאָניען מיט אים. אזוי גיך ווי ער טרעפט אים אינם טרעפּ, שיסט ער אים אריין א קויל אין קאָפּ פון זיין 22 טרעפּערס פּיסטאָל און — פּטור פון א צרה.

אזוי האָט ער געטראכט, מאכנדיק דעם חשבון אָן דעם באלעבאָס. אויפן וועג האָט ער באזוכט זיינע טרעפּס, אויפקלייבנדיק דאָ א וויזל, דאָרט א מינק. אין א גאנץ קליינעם טרעפּ האָט ער גאָר אומדערווארטעט געטראָפן א גרויסן לינקס. דער דומקאָפּ האָט געשטעקט מיט איין פינגער פון זיין גרויסער לאפּע אינם קליינעם טרעפּ. ער ציטערט און רירט זיך ניט פון אָרט, ווען מיט איין ביס פון זיינע מעכטיקע ציין וואָלט ער געקאָנט

דעם טרעפּ צעשמעטערן, אָבער — ער רירט זיך ניט. א גוט געצילטע קויל, אין איינעם פון די גרינע אויגן, האָבן א גיכן סוף געמאַכט צו דער טראַגי־קאָמעדיע. מיט אן איראָניש געלעכטערל האָט ער זיך גענומען אָפּשינדן דעם לינקס, באַמערקנדיק :

— וואָט עי דעם פול ! . .

ער האָט שויז אין זיין רוק־זאַק א היבשע צאָל פעלצלעך, און גייענדיק ברומט ער זיך א היימיש קינדער־לידל אונטערן נאָז. פּלוצלונג בלייבט ער שטיין. וואָס איז דאָס ? ער איז ניט מער פריילעך, א געשפּרונגענער טרעפּ, שיריים פון א פוקס, ווידער לאַבאָס א שפּיצל ! ער איז אויסער זיך פון צאָרן און פאַרדרוס. ער שילט מיט פאַרקריצטע ציין, אָבער וואָס העלפט עס ? ער מ ו ז עפּעס צוטראַכטן פּטור צו ווערן פון דער אַנשיקעניש, אז ניט וועט ער זיין געצוואונגען אויפצוגעבן די טרעפּ־ליין. ער האָט איינגעזען, אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אן אויסערגעוויינלעך קלוגער חיה, ווו קיין געוויינלעכע מיטלען וועלן ניט העלפן.

ס'זיינען אים אויפן זינען געקומען פאַרשיידענע מעשהס וואָס ער האָט געהערט פון אלטע אינדיאַנער טרעפּערס, וועגן וועלף וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין זייערע טרעפּ־ליינס, ביז זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ. זיי האָבן עס אויסגעטייטשט, אז דאָס זיינען ניט קיין פּשוטע וועלף, נאָר גילגולים פון זייערע פאַרשטאָרבענע שונאים, וואָס זיינען מגולגל געוואָרן אין וועלף, כדי אָפּצורעכענען זיך מיט זיי. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז מיט אזעלכע וועלף איז נוצלאָז צו קעמפן, ווייל קיין טרעפּ וועט זיי ניט כאַפּן און קיין קויל וועט זיי ניט טרעפן.

ער האָט ביטער א שמייכל געטאָן און האָט דורך פאַרדריקטע ציין אַרויסגעזאָגט :

— נו, מיר'ן זען. אויב מיינע טרעפּס וועלן אים ניט קענען פאַנגען, צי וועט ער זיך קענען אַרויסדרייען פון א קויל פון מיין באַליבטער 303 סעוועדזש־רייפל. יאָ, מיר'ן זען ! . .

מיט גיכע טריט האָט ער זיך געלאָזט צום טרעפּ, וואָס ער האָט צוגעגרייט ספּעציעל פאַר לאַבאָ. ס'איז געווען געשפּרונגען און דאָס בעיט אויפגעגעסן. באַטראַכטנדיק גרינדלעך דאָס פּלאַץ, האָט ער באַמערקט ווי לאַבאָ האָט אַרומגעקריזט דעם בוים, צו וועלכן די טרעפּ איז געווען צוגע־פּיקסט און ער האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט.

ער האָט אויסגעזוכט אן איינזאַמען בוים און אין א קרייז אַרום דעם בוים האָט ער זעקס טרעפּס פאַרבאָרגן. אין דריי פון די זעקס טרעפּס האָט ער אוועקגעשטעלט בעיט איינס איבערן אַנדערן. דער חשבון איז געווען, אויב לאַבאָ איז קלוג גענוג צו שפּרינגען טרעפּס, וועט ער גייענדיק פון איין בעיט צום אַנדערן, זיך מוזן אָנשטויסן אויפן בלאַנק, וואָס וועט אים זיכער פאַנגען. ער האָט א צופרידענער מיט זיין איינפאַל, פאַרענדיקט דעם דזשאָב. פאַרווישנדיק יעדער שפּור, איז ער אוועק באַזוכן די אַנדערע טרעפּס.

אויפן צווייטן טאָג איז ער אוועק זען דעם רעזולטאַט פון זיין מי. ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט געפונען אַלע טרעפּס געשפּרונגען און דאָס בעיט אויפגעפרעסן. דער שניי האָט אים דערציילט די געשיכטע. א גרויסער קרייז איז געווען אויסגעטראָטן אַרום דעם בוים. פון דעם קרייז האָט געפירט א סליאַד צו יעדערן פון די טרעפּס באַזונדער. יעדער טרעפּ איז געווען אויסגעגראָבן פונם שניי, איז געשפּרונגען געוואָרן און דאָס בעיט אויפגעגעסן. פון דעם קרייז האָט לאַבאָ צוריקגעטראָטן הינטערוויילעכס

אויף זיינע אייגענע פוס־טריט, איבערלאָזנדיק ניט מער ווי איין סליאַד און איז פארשוווּנדן געוואָרן אַנצוטאָן צרות אנדערשוווּ.

ער איז געווען אויסער זיך.

— גלגול אָדער טייוול, איך שווער אז דו וועסט זיך פון מיינע הענט ניט ארויסדרייען, דו פארפלוכטער וואָלף!

ער האָט זיך באלד גענומען צוגרייטן א פאסטקע צו פאנגען לאבאַן. ער האָט אויסגעקליבן א בוים מיט אן ארונטערהענגענדיקער צווייג, ניט צו הויך פון דער ערד. אויף דעם צווייג האָט ער אָנגעבונדן א שטאָל־דראָטענע סנעיר (פעטליע), א שטיק פלייש פון אן אָפּגעשונדענעם לינקס האָט ער אָנגעהאנגען אָן דעם צווייטן עק פונם סנעיר־דראָט איבערן צענטער פון דער

פעטליע. צו גרייכן דאָס פלייש וועט לאבאַ מוזן דורך דער פעטליע, און אזוי גיך ווי ער וועט נאָר דאָס פלייש א כאַפּ טאָן, וועט ער אויטאָמאַטיש פארציען די פעטליע ארום דעם אייגענעם האלדז. וואָס מער ער וועט ציען, אלץ מער וועט ער זיך אליין פארווערגן. ער איז ביי זיך זיכער געווען, אז פון דער פאסטקע וועט ער ניט אנטרונען ווערן.

אויף מאָרגן האָט ער געפונען לאבאַס שפּורן ארום דעם פּלאַץ, אָבער עס איז גאָרנישט ניט גערירט געוואָרן. ווייזט אויס אז לאבאַ האָט מורא געהאט צו אטאקירן דאָס נייע אומבאקאנטע מיטל.

— וועסט אָבער קומען, דו פאַרדאַמטער וואָלף ! וועסט זיך גוט אויסהונגערן וועסטו קומען און וועסט אַריינפאַלן, — האָט ער אַרויסגעברומט.
נאָך אַמאָל איז ער געקומען זען די פאַסטקע. אָבער, צום טײַפל ! די סנעיר איז געהאַנגען און דאָס פלייש איז פאַרשוווּנדן. ער האָט ממש זײַנע אויגן ניט געגלויבט. ער האָט שוין געטראַכט, אפשר זײַנען טאַקע די אינדיאַנער גערעכט מיט זייערע מעשׂהס ! . .
אונטערזוכנדיק גוט דאָס פּלאַץ, האָט ער אָבער קיין איבערנאַטירלעכס ניט געפונען. לאַבאַ האָט זיך אַן עצה געגעבן. אַנשטאָט צו רוקן דעם קאָפּ דורך דער פּעטליע נאָכן פלייש, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די פאָדערשטע פיס אָן דעם שטאַם פונם בוים, האָט ער זיך אויסגעצויגן אין זײַן פולער לענג, איבערבויגנדיק זיך עטוואָס הינטערווייַלעכס און האָט אָנגעכאַפּט דאָס פלייש דרויסן פון דער פּעטליע.
ער איז אַ לענגערע צייט געשטאַנען פאַרטראַכט. ער האָט איינגעזען, אַז מיט קיין טרעפּס, סנעירס אָדער פאַסטקעס וועט ער דעם וואָלף ניט כאַפּן. אין דעם האָט ער זיך איבערצייגט. איז אים געבליבן דאָס לעצטע, זיכערע מיטל — זײַן 303 סעוועדזש־רייפל. די פראַגע איז נאָר, ווי אַזוי קומט מען צו צו אָט דעם טייוול ? פאַרטראַכטערהייט איז ער אַוועק אַהיים.
די גאַנצע געגנט אַרום עדס טרעידינג־פּאָסט האָט אָפּעהילכט פונם דונערן פון זײַן 303 סעווידזש. נאַכט־איין, נאַכט־אויס האָט ער פּראַקטיצירט ציל־שיסערייַ. אויף אַ ווייטער שטרעקע, אין דער נאַכטיקער פינצטערניש און אויך ביים לבֿנה־שיין, כדי צוצופּאַסן דאָס אויג צו אורטיילן גענוי דעם שטח ווי אויך צו די אָפּטישע אילוזיעס וואָס שאַפן זיך בײַנאַכט. פאַר אַזאַ ספּעציאַליסט אין ציל־שיסערייַ ווי עד, איז אים ניט אַזוי שווער אָנגעקומען צו כאַפּן דעם שניט. ווען ער איז זיכער געווען מיט זיך, האָט ער באַשלאָסן צו האַנדלען.
ער האָט אויסגעזוכט אַן איינזאַמען בוים, אַ צוויי הונדערט יאַרד פונם וועלדל. אויפן צווייג פונם בוים האָט ער מיט אַ דראָט אָנגעבונדן אַ שטיק רויע פלייש, מיטן חשבון, אַז דער וואָלף זאָל עס נאָר קאָנען אָנרירן מיטן שנוק דורך אַ הויכן שפּרונג, אויך ווייט גענוג פונם שטאַם. צוריקקערנדיק זיך צום פּאָסט, האָט ער אָפּגעווישט אַלע שפּורן, אַז לאַבאַ זאָל גאָרנישט ניט דערשמעקן.
ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט ער זיך וואַרעם אָנגעטאָן, זײַן יאַגדמעסער און העקעלע אַרייַנגעשטעקט הינטערן גאַרטל, די ביקס אונטערן אָרעם און האָט זיך געלאָזט אין וואַלד אַהין צו אַ באַשטימטן פּלאַץ — אַ גרויסער, צעצווייַגטער בוים ביים ראַנד פון וואַלד, אין אַ גלייַכער ליניע מיטן בוים, אויף וועלכן ער האָט דאָס פלייש אויפגעהאַנגען. ער איז אַרויף אויפן בוים גאַנץ הויך, האָט זיך באַקוועם געמאַכט אין זײַנע צווייַגן, אַזוי אַז ער זאָל האָבן אַן אָפענעם אויסזיכט אויף זײַן ציל און איז געבליבן געדולדיק וואַרטן.
די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ ליכטיקע און פראָסטיקע. שרעקלעך לאַנגזאַם האָבן זיך די שעהן געצויגן. דער פראָסט האָט דורך דער ביבערנער פּאַרקאַ דורכגעדרונגען צו זײַן לייב. די פיס זײַנען ביי אים, דורך די עטלעכע פּאָר וואָלענע זאָקן און ווייכע מאָקאַסינס, ווי אָפּגענומען געוואָרן פונם פראָסט, אָבער ער רירט זיך ניט און נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון זײַן ציל.
ווען דער בייזער פראָסט האָט אים ניט געקאָנט איינברעכן, איז אים אַן אַנדער שונא באַפאַלן — דער שלאָף. ניט אַזוי גרינג איז אים אָנגעקומען

דאָס ראַנגלען זיך מיטן נייעם שונא. צו גוט האָט ער געוווסט, וואָס עס מיינט איינצושלאָפן אונטער די אומשטענדן. איינשלאָפן וואָלט געמיינט, מער ניט אויפשטיין. דעריבער האָט ער שטיקער געריסן פון זיך אליין, כדי ניט איינצושלאָפן.

אין מזרח האָט דער הימל אָנגעהויבן צו בלייכן. ער איז אַן אַנטויש־טער אַראָפּ פונם בוים, אָבער ער איז אַזוי געווען פאַרשטייפט פון קעלט, אַז ער האָט קוים געקענט א ריר טאָן מיט א גליד. מיט גרויס אָנשטרענגונג איז אים געלונגען צו ברענגען די בלוט־צירקולאַציע אין זיינע פאַרשטייפטע גלידער, ביז ער האָט זיך דערשלעפּט אהיים.

אויך א צווייטע און א דריטע נאַכט איז אַוועק מיט גאָרניט. לאַבאַ האָט זיך ניט באַוויזן. ער איז א פאַרצווייפלטער. איז זיין פאַרצווייפלונג באַשליסט ער, אַז די פערטע נאַכט וועט אויך זיין די לעצטע נאַכט, וואָס ער וועט וואַכן, ווייל ערשטנס האָט זיך זיין געדולד אויסגעשעפּט, און צווייטנס איז ער שרעקלעך מיד און אויסגעמאַטערט פון וואַכן און ניט שלאָפן. און צולעצט, ער האָט שוין צופיל פאַרנאַכלעסיקט דאָס געשעפט אין זיין טרעי־דינג־פּאָסט יאָגנדיק זיך נאָכן ווינט.

ער זיצט אויפן בוים די פערטע נאַכט, ווי א פויגל אין נעסט, און בעט גאָט, אַז דאָס ווינטעלע זאָל ציען פונם באַוואַכטן בוים צו זיין ריכטונג, כדי אויב לאַבאַ וועט דאָך קומען, זאָל ער ניט קענען דערשפּירן. ווי געווויינ־לעך האָבן אים די דערמאָנטע שונאים ווידער אַטאַקירט — דער פראָסט פון איין זייט און דער שלאָף פון אַן אַנדער זייט. ער קעמפט מיט אַלע כוחות, אָנווענדנדיק זיין ווילנס־קראַפט. ער האַלט וואַך, ער גיט זיך ניט אונטער. אָט שליסט דער שלאָף זיינע מידע אויגן, אָבער אַזוי גיך ווי דער קאָפּ פאַלט אַרויף אויף זיין ברוסט, גיט ער זיך א כאַפּ אויף מיט א ציטער. דאָס ווידער־האָלט זיך מערערע מאָל און די נאַכט ציט זיך ענדלאָז. ער האָט כמעט ווי פאַרלוירן דעם באַגריף צווישן שלאָף און וואַכזאַמקייט.

די לבנה א פולע, א קאַלטע, שווימט זיך מאַיעסטעטיש איבערן טונקל־בלויען הימל־געוועלב, די שטערן ווינקען זיך איבער פיל באַדייטנדיק, ווי זיי וואָלטן עפּעס געמיינט. עדס אויגן זיינען געשלאָסן. דער קאָפּ זינקט אויפן ברוסט מיט איבערמענטשלעכע כוחות רייסט ער אויף זיינע שווערע אויגן־לעדלעך, און ווי מיט בליי־געלאָדענע הענט זוכט ער צו פאַרטרייבן דעם שלאָף פון זיך, ווי א בייזע פליג. צופעליק וואַרפט ער א מידן בליק צום בוים, הא! וואָס זעט ער? חלומט זיך עס אים? דאַכט זיך, אַז עמיצער דרייט זיך אַרום דעם בוים.

ער רייבט זיך גוט אויס די אויגן מיט זיין באָקסקין הענטשקע און קוקט ווידער. ניין! ס'איז ניט קיין חלום. א שאָטן באַוועגט זיך אונטערן בוים, דרייט זיך אַרום בוים, באַשמעקנדיק אַלץ.

דאַנקען גאָט, דער ווינט ציט ניט פון אים צום בוים און עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט לאַבאַ זאָל אים דערשמעקן. ער נעמט אַריין דעם שלאָס פון זיין ביקס אין זיינע הענט צו דערוואַרעמען עס עטוואָס, כדי עס זאָל ניט זיין צו שטייף און חלילה ניט פאַרהאַקן זיך. ער פּרובירט דעם לעווער פאַר־זיכטיק, ער אַרבעט ווי געהעריק. ער נעמט זיך צילן, אָבער ער שיסט ניט. ערשטנס, ווייל ער גוט באַטראַכטן זיין שונא, און צווייטנס, וואַרט ער אויף א פּאַסיקן מאָמענט צו שיסן אים דורכן קאָפּ אָדער דורכן האַרצן, כדי צו פאַר־שפּאָרן אים טויטלעכע אַגאָניעס. ווייל נאָך אַלעמען האָט ער גרויס דרך־ארץ

צו אזא סאַרט אנטאגאָניסט, וואָס האָט אים געגעבן "עי גוד ראַז פון היז מאַני" (האָט אים גוט אויסגעמאטערט).

לאַבאַ באַשמעקט גוט דעם שניי ארום און ארום. אַלץ איז ריין, גאַרניט פאַרדעכטיקט. ער הויבט אויף דעם קאָפּ און ציט אין זיך די לופט פון אַלע זייטן מיט זיינע פיין־פילנדיקע נאָזלעכער, די אויערן אָנגעשפּיצט. אָבער ניט זיין נאָז און ניט די אויערן גיבן וועלכע ניט איז געפאַר־וואָרנונג. זוכט ער א מעגלעכקייט ווי אזוי צו באַקומען דאָס פלייש, דרייט זיך אַהער, דרייט זיך אַהין. עס איז צו הויך. שפּרינגענדיק גרייכט ער עס קוים מיטן שנוק. שפּאַרט ער זיך אָן אינם שטאַם, הויבט זיך אויף אין זיין פולער לענג, און אָנגעשפּאַרט מיט די פאָדערשטע לאַפּעס, ציט ער זיך אויס. אָט־אָט גרייכט ער עס, און . . .

ק ר ר ר א ד ! . . האָט א דונער א קנאַל געטאָן. לאַבאַס שאַרפער אויער האָט עס בליץ־שנעל אויפגעכאַפּט, אָבער נאָך שנעלער איז געוועזן די גוט געצילטע קויל פון טרעידער־עדס באַליבטער סמוועדזש רייפל.

לאַבאַ האָט דערפילט א גוואַלדיקן שטויס אונטערן אָרעם. דאָס ווילדע אומגעצוימטע הארץ האָט א צאַפּל געטאָן און איז מאָמענטאַל פּאַראַליזירט געוואָרן, א דורכגעלעכערטע פון דער קויל. לאַבאַ האָט א ווילדן שפּרונג געטאָן און איז צוריקגעפאַלן זינקענדיק אין תהום; זיינע ברענענדיקע אויגן זיינען אויסגעלאָשן און פאַרגלעזט געוואָרן . . .

— —
— —
— —

דער ווייסער, הארטער שניי ארום אים איז מיט ראָז־בלוט באַפאַרבט געוואָרן . . .

וואָלווערין

אין דער פּאַרטאַגיקער גרויקייט פון דעם ווייטן צפון, איז זשאַק לאַראַק, א פאַנגער פון חיות, ארוים באַזוכן זיין טרעפּ־ליין, צו זען וואָס איז אריינגעפאלן. די טרעפּ־ליין האָט זיך געצויגן א צען מייל, פּאַזע א געדיכט באַוואַלדערטער קייט פון בערג, לענג אוים דעם אַטאַבאַסקאַ טייך, א צוואַנציק מייל פון פאָרט טשיפּוועין.

לאַראַק איז שוין ניט געווען קיין יונגערמאַנטשיק. ארום דרייסיק שווערע צפון־ווינטערן האָט ער אויף זיינע געבויגענע דאַרע פּלייצעס אַריבערגעטראָגן, איבער א העלפט פון זיין לעבן.

א קליין, דאַר, אָבער רירעוודיק מענטשעלע, מיט א סך אויסדויער, ווי עס פּאַסט פאַר איינעם וואָס האָט זיך צוזאַמענגעלעבט מיטן בייזן צפון.

דער צפון בכלל האָט ניט ליב קיין טשיטשאַקאָס (ווייך־לייביקע). א טענדערפוט קען זיך דאָרט לאַנג ניט איינהאַלטן. ענטוועדער די שטאַרקע פרעסט און שניי־זאַווערוכעס פאַרטרייבן אים, אָדער די דריקנדיקע איינזאַמקייט ברענגט אים אום.

צווישן די טרעידערס און טרעפּערס, אַלע סאָרטן חיה־פאַנגערס אין דער טעריטאָריע ארום לעיק אַטאַבאַסקאַ, איז לאַראַק געווען פאַררעכנט פאַר א ספּעציאַליסט א טרעפּער. צו פאַרדינען זיך אַזא נאָמען אין יענע מקומות איז גאָרניט אַזוי גרינג, ווייל דאָרט האָט איינער געמוזט ווייזן מיט ממשותדיקע מעשים, אונטער אויסערגעוויינלעך שווערע באַדינגונגען, זיין ווערט. און דאָס האָט דער קליינער לאַראַק מער ווי איין מאָל דערוויזן, סיי מיט זיין יערלעכן פוטער־פאַנג און סיי מיט בייקומען די שווערסטע און קריטישסטע אומשטענדן.

דער אמת איז, אַז ס'איז שווער געווען צו געפינען א צווייטן וואָס האָט אַזוי גוט און גרינדלעך געוווסט און פאַרשטאַנען די נאַטור און געוווינהייטן פון אַלע חיות אינם ווייטן צפון, פון דער קלענסטער ווייזעלע ביזן גרעסטן גריזלי־בער, צווישן די פוטער חיות, — און פונם קליינעם קראָליק ביזן גרויסן מוס־הירש, צווישן די פליש־חיות. ער האָט געוווסט דעם סוד וואָס פאַר א בעיט פאַר וועלכער חיה עס פאָדערט זיך אַמבעסטן. ער האָט אויך געוווסט פאַר וועלכער חיה מען ברויכט א טרעפּ, א סנעיר אָדער א פּאַסטקע. דערפאַר זיין דערפאָלג אין טרעפּינג, דערפאַר האָט אים קיינמאָל ניט אויסגעפעלט קיין פריש, געטריקנט, אָדער גערויכערט פלייש, ווי אויך שוד און קלייד וואָס זיין ווייב האָט אליין גענייט, אויסאַרבעטנדיק די פעלן פון חיות.

לאַראַק האָט מיט זיך מיטגענומען זיין פּאַק־זאַק אויף זיין טעגלעכער נסיעה איבער דער טרעפּ־ליין, א שטיקל געטריקנט פלייש מיט אַן אויסגעטריקנטן פלעצל, דאָס קיי־טאַבאַק, בעיט ווידערצולאָדן די געשפּרונגענע טרעפּס און א בינטל רימענע שנירלעך אונטערן גאַרטל — א שאַרף יאַגד־מעסער און

א האק. אויפן פּליצע, אויסערן פּאק־זאק, איז אָנגעבונדן א פּאָר באָביש שניי־שיך, אין פאַל דער שניי איז פריש און ווייך, ניט צו זינקען. פאַרשטייט זיך, אז אַן שוועבעלעד לאָזט זיך בכלל קיינער ניט אין וועג אינם ווייטן צפון. ניט זעלטן פּאַסירט, אז דעם וואַנדערערס לעבן איז ממש אָפּהענגיק פון א שוועבעלע.

דעם באַטרעפנדיקן פרימאָרגן האָט לאַראַקן דערוואַרט אַן אומאַנגענעמע איבערראַשונג. אין דער גרויסער טונקלקייט פונם פּראָסטיקן פרימאָרגן, האָט ער אָנגעטראָפן אויפן פרישן שניי גרויסע, האַנט־אַרטיקע שפּורן, די שפּיצן פאַרענדיקט מיט שאַרפע נעגל. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אז פון די שפּורן קען ער קיין גוטס ניט דערוואַרטן. האָט ער זיך גלייך גענומען די שפּורן נאָכפאָלגן. דאָס האָט אים געבראַכט צו דער ערשטער פּאַסטקע אויף זיין טרעפ־ליין. אין דער פּאַסטקע האָט ער געפונען א טיילווייז אויפגעגעסענעם מאַרטען און די פּראַכטפולע פעל אויף שטיקלעך צעריסן. לאַראַק איז אויפגעקאָכט געוואָרן פון צאָרן. שוין דאָס זעקסטע מאָל ווי ער געפינט זיינע טרעפּס באַרויבט.

ביז איצט האָט ער קיין קלאָרע שפּורן פונם רויבער ניט געפונען. האָט ער גערעכנט, אז דאָס איז וואַרשיינלעך די אַרבעט פונם כיטרען פוקס. אָבער די אַנטדעקטע שפּורן האָבן אויסגעזאָגט דעם סוד. איצט האָט ער געוווּסט, אז ער האָט צו טאָן מיט א שרעקלעך־בלוטדורשטיקן שונא, וואָס איז גאָר ניט צו פאַרגלייכן מיטן איבערגעשפּיצטן אָבער שרעקעדיקן פוקס, נאָר אויך ניט מיט פיל אַנדערע רויב־חיות. זיינע קליינע, טיף־שוואַרצע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען, האָבן אויפגעבליצט מיט פאַרדראָס און צאָרן. מיט פאַרדריקטע פויסטן האָט ער אַרויסגעזשיפּעט :

— מיין נאָמען וועט ניט זיין זשאַק לאַראַק, אויב איך וועל זיך ניט אָפּרעכענען מיט דיר, ווער דו זאָלסט ניט זיין, דו פאַרפלוכטער טייוול ! . .

דער שפּור האָט אים געפירט עטלעכע הונדערט טריט ווייטער, אין א געדיכטן נאָדל־ביימער וועלדל, און דאָ איז פונם שפּור קיין סימן ניט פאַרבליבן. אַן אַנטוישטער האָט ער זיך צוריקגעקערט צו דער רוינירטער פּאַסטקע, האָט עס צורעכט געמאַכט און איז ווייטער אַוועק באַזוכן די אַנדערע טרעפּס. שלייכנדיק זיך ווי א שאָטן צווישן די ביימער, האָט ער אינסטינקטיוו געפילט אויף זיך א פּאָר דורכדרינגענדיקע אויגן. מערערע מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, וואַרפנדיק א בליק אויף צוריק. ער האָט אָבער גאָרנישט ניט געזען.

נאָך א פּאַסטקע האָט ער געטראָפן מיט א טיילווייז אויפגעגעסענעם קראָם־פוקס, און דאָס פאַרבליבענע איז געווען אויף שטיקלעך צעריסן, ווערטלאָז. אַביסל ווייטער אינם בוש האָט ער אַנטדעקט, אז דער טרעפּ איז אינגאַנצן נעלם געוואָרן. נאָכפאָלגנדיק דעם שפּור באַרג־אַראָפּ, האָט ער עס אונטן געפונען פאַרגראָבן אין שניי. אין הילפלאָזן צאָרן האָט זיך לאַראַק מיט זיין הייזעריק קול צעשריען :

— אַפילו מיינע טרעפּס באַגראָבסטו, דו גנבהדיקער טייוול ! אויסער וואָס פּאָר איבער דריי הונדערט דאָלאַר פעלצן האָסטו מיר געפּטרט ! . .

שעלטנדיק האָט ער געשלעפּט דעם טרעפּ צוריק באַרג אַרויף. דער ברענענדיקער צאָרן האָט זיין פאַרעלטערטן אויסגעדאַרטן קערפּער צוגעגעבן כוח און פלינקייט. גייענדיק ווייטער, ניט פילנדיק דעם שטאַרקן פראָסט, האָט ער געטראָפן איין טרעפּ נאָכן אַנדערן אָדער געשפּרונגען און די בעיט אויפגעגעסן, אָדער ווערטפולע פעלן טיילווייז אויפגעפרעסן און געגנצלעד

רויִנירט. פון די עטלעכע און צוואנציק טרעפּס, וואָס ער האָט באזוכט, האָט ער נאָר פינף געטראָפן ניט גערירט. זיין צאָרן האָט גאָר קיין גרעניץ ניט געהאט.

די צפון־זון האָט פּאר א ווײַלע ארויסגעשיינט איבער דער ווילדער וויסטעניש. די קאַלטע שטראַלן, אָפּגלאַנצענדיק פונם בלאַנקעַנדיקן שניי, האָבן ווי מיט מעסער די אויגן געשניטן. לאַראַק, מיט זיינע טרעפּס אויף די פּלייצעס, האָט זיך געשלעפּט בארג אראָפּ זייער א פאַרצאָרנטער. פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אראָפּגעוואָרפן פון זיך די טרעפּס און האָט זיך א וואָרף געטאָן צום דערבייאיקן וועלדל, פאַרשטעקנדיק זיך אונטער די נידעריק־הענגענדיקע צווייגן פון אן אלטן סאָסנע־בוים.



דער וואָלווערין באווייזט זיך

פון אונטער אן אנדער סאָסנע, א פּופציק טריט בארג־ארונטער, האָט זיך באוויזן א שווארץ־ברוינער הויקערדיקער רוקן פון א חיה, וואקלענדיק זיך ביים גיין ווי א קליינער בער. מיטן אונטערשייד וואָס ביים בער און אנדערע ענלעכע חיות איז די פעל אויפן רוקן טונקעלער ווי אויף די זייטן און ביי דער חיה איז עס געווען פאַרקערט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, ארומקוקנדיק זיך. ניט געאײַלט האָט זי אָנגעשטעלט א פּאָר טונקל־גרוילעכע אויגן אויפן מענטשן אונטערן בוים. דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז געווען, וואָס זי האָט מיט איין שווערער לאַנג־נעגלדיקער לאַפּע פאַרשטעלט די אויגן פונם שאַרפן זון־שיין, ממש אזוי ווי א מענטש, כדי צו קענען בעסער באָאבאכטן

דעם באהאלטענעם מענטשן. א שוידער איז דורך לאראקן איבערן לייב פון דעם קאלטן דורכדרינגענדיקן בליק.

— גוט באטראכטן ווילסטו מיך, דו שווארצער טייוול ! — האט לאראק מיט צארן אויסגעשריען, און מיטן בלאנקן יאגד־העקל אין האנט האט ער זיך א לאז געטאן בארג־אראפ. די חיה איז אויגנבליקלעך פארשוואונדן געווארן צווישן די ביימער. לאראק איז איניקע מינוטן געשטאנען אינם טונקעלן שאטן צווישן די געדיכטע ביימער, קעמפנדיק קעגן אן אלט־איינגע־ווארצלטן אבערגלויבן.

א ריזיקער וואלווערין — די קללה פון יעדער טרעפער אויף וועמעס טרעפ־ליין ער באווייזט זיך נאר, באוווסט אונטער פארשיידענע נעמען, למשל, פרעסער קארקאזשא, צפון־טייוול, אדער אינדיאנער טייוול. דער וואלווערין איז אויסשליסלעך א צפון־חיה. ער האט קורצע און גראבע פיס מיט א האריקן עק, און ער באלאנגט צו דער וויזל־משפחה, פון וועלכער דער וויזל איז דער קלענסטער. דאן קומט דער מינקס דער מארטען, דער פיטש, און דער גרעסטער איז דער וואלווערין. זיי אלע באזיצן א שטארקן מארד־לוסט, צו מארדן און צעשטערן, ניט נאר אוים הונגער, נאר גלאט אזוי זיך, צוליב מארד. זיי שטעלן זיך ניט אפ צו אטאקירן פיל גרעסערע און שטארקערע חיות פון זיך אליין. דער וואלווערין שטייגט זיי אלע איבער אין די דער־מאנטע "מעלות". ער איז דער גרעסטער, כמעט ווי א שווארצער בער די גרויס, מיט א גרעסערן כוח ווי דער בער. בעת דער בער איז געוויינלעך גוט־מוטיק און איז גראז־עסנדיק, איז דער וואלווערין בלוט־דורשטיק און א קאל־טער מערדער, אויסערגעוויינלעך דורכגעטריבן און ביטערער פונם שלויען פוקס. צו זיין פלייש וועט זיך קיין חיה ניט צורירן, ווי הונגעריק זי זאל ניט זיין.

אבער איין אייגנארטיקייט באזיצט זיין פעל, וואס קיין אנדער חיה באזיצט עס ניט. עס נעמט ניט אויף זיך קיין פראסט. דאס האט געשפילט א וויכטיקע ראל ביים אנפאנג פון אוויאציע אינם וויטן צפון, אין דער צייט פון אפענע עראפלאנען. צו באשיצן דאס פנים פונם ווינט אין דער ביטערער קעלט, פלעגן די פליערס מוזן האבן פוטער ארום פנים. צופעליק האט מען אויסגעפונען פון אלטע אינדיאנער דעם סוד, אז וואלווערין נעמט ניט קיין פראסט אויף זיך. דאס פוטער איז וואליק און ווארעם. דאס האט פאר א געוויסער צייט געשאפן א נאכפראגע אויף דער וואלווערין־פעל און זיין ווערט איז גאר היבשלעך געשטיגן.

די אבערגלויביקע אינדיאנער פונם צפון, האבן גרוים אפשיי פארן וואלווערין. ביי זיי איז געווען אנגענומען, אז ווען א וואלווערין באווייזט זיך אויף איינעמס א טרעפ־ליין, איז דאס גלייכסטע די טרעפ־ליין אויפצוגעבן. זוכן צו כאפן אים, ווער רעדט הרגענען ,איז ממש סכנות נפשות, ווייל ער איז א ניט־גוטער, א שד. דאס האט זיך ווארשיינלעך גענומען דערפון וואס דער וואלווערין האט כמעט שטענדיק איבערגעקליגט דעם מענטשן און האט זיך ניט געלאזט אזוי גרינג פאנגען. אויך צווישן די ווייסע טרעפערס זיינען א סך געווען אנגעשטעקט מיטן אבערגלויבן, און אויך לאראק איז ניט געווען קיין אויסנאם.

דער ערשטער געדאנק לאראקס איז געווען אויפצוגעבן די טרעפ־ליין. ער האט געוווסט, אז דער טייוול וועט אים נאכגיין פוס־טריט און וועט רוינירן זיין פאנג, שפרינגען און פארשלעפן די טרעפס און בכלל אנטאן אים גרויסע צרות. אבער באטראכטנדיק זיך, איז ער געקומען צו אן אנדער שלוס. ווי קען ער אויפגעבן א טרעפ־ליין וואס האט אים פאר מערערע יארן באזארגט

מיט אזעלכע פראכטפולע פעלצן, וואָס האָבן אריינגעבראכט טויזנטער דאָ־לאַרן? דאָס ערגסטע איז אָבער, ווי קען ער, זשאַק לאַראָק, זיך דערלויבן צו לאָזן זיך פארטרייבן פון זיין טרעפּ־ליין דורך וועמען ניט איז? וואָס וועלן די טרעידערס און טרעפּערס זאָגן? . .

ס'איז שוין געווען גוט פינצטער ווען ער איז א מידער, א דערצאָרנ־טער אריינגעפאלן אין זיין קעבין נאָכן דורכשפּרייזן דעם גאנצן טרעפּ־ליין. אראָפּווארפנדיק דאָס בינטל שטאָלענע טרעפּס מיטן פּאַק־זאַק, אויפהענ־גענדיק אויף א טשוואָק די שניי־שיך, האָט ער מיט רוגזה א זאָג געטאָן צו זיין ווייב, וועלכע האָט געשטאַמט פון אינדיאַנער און וואָס האָט זיך ווי א שאָטן ארומגעשלייכט איבער דעם טונקל־באלויכטענעם קעבין צוגרייטנדיק דאָס עסן.

— פארלאָרן ס'מזל! דער טייוול אליין פארפאָלגט מיך! דער אינדיאַנער טייוול רויבט מיינע טרעפּס, צעשטערט מיין פאַנג. ניט אומזיסט האָב איך דורך די לעצטע פּאָר נעכט קיין אויג ניט צוגעטאָן.

וועגן דעם וואָס דער "טייוול" האָט אים אזוי שארף באטראכט, האָט ער קיין וואָרט ניט דערמאָנט, דערפאר ווייל ער אליין אין זיך האָט שטארק מורא געהאַט פארן בייזן כישוף פון אזא קוק, און זיין ווייב וואָלט אינגאנצן פארציטערט געוואָרן.

אין דער ארומיקער טעריטאָריע איז געווען פארשטאַנען, אז טרעפן א וואָלווערין איז א זאַך פון דער אוממעגלעכקייט. אויך די מורא פאר דער חיהס קוק האָט זיך נאָך ביי לאַראָקן ניט אויסגעוועפּט, אָבער מיט אלעם דעם האָט ער צו גוט געוווּסט, אז אויב ער וועט די חיה ניט פאַנגען, אָדער ווי ניט איז אומברענגען, וועט ער מוזן פארלאָזן די טרעפּ־ליין.

די נאַכט האָט לאַראָק ווידער קיין אויג ניט צוגעמאַכט. ווי נאָר זיינע אויגן האָבן זיך געשלאָסן, האָט זיך די חיה באוויזן, דורכשטעכנדיק אים מיט אירע קאַלטע, גרינע, דורכדרינגענדיקע אויגן .

די געהיימניספולע וועגן פון דעם וואָלווערין

אין דער גרויער פּראַקטיקייט פונם פריען מאָרגן איז שוין לאַראָק געווען אויף זיין טרעפּ־ליין. א גאַנצע וואָך נאָכאַנאַנד איז אָנגעגאַנגען אַן אוממאויפהערלעכער קאַמף צווישן מענטש און חיה, א קאַמף איבערצוקליגן איינס דעם אנדערן. לאַראָק האָט דערביי אָנגעווענדעט אלע זיינע מיטלען און שפּיצלען, וואָס זיין לאַנג־יאָריקע דערפארונג מיט חיות האָט אים גע־לערנט. דאָפּלטע און דרייפאַכע טרעפּס האָבן אויך ניט געהאָלפן. דער וואָלווערין האָט באוויזן איבערצוכיטרעווען אלץ.

געוויינלעך פלעגט לאַראָק ניט אויסריידן קיין האלבן טוץ ווערטער א טאָג מיט זיין ווייב. איצט אָבער פלעגט ער שטונדן־לאַנג אויסגיסן זיין ביטער הארץ פאר איר אויפן פיר־פיסיקן טייוול. זי פלעגט אויסהערן, מערקנדיק די פארטייעטע שרעק אין זיינע אויגן, און שטיל שווייגן. דאָס האָט אים געטריבן אָנצווענדן אויסערגעוויינלעכע מיטלען קעגן דעם אינ־דיאַנער טייוול, ווייל ער האָט פארשטאַנען, אז אינסטינקטיוו פילט זי אויך זיין מורא. פאר איר איז קלאָר געווען, אז ער האָט פארכישופט איר מאַן, און דער פרימיטיווער גלויבן האָט איר געוואָרנט, אז קיין גוטס וועט דערפון ניט ארויסקומען.

אין א געדיכטן בוש האָט ער פאַרבאָרגן א געלאַדענע ביקס מיט אַן אויפגעהויבן צינגל. אין פאַרנט פונם רער האָט ער אויפגעהאנגען א געשמאקן ביסן. אן אָנגעבונדענער שנור האָט זיך געצויגן פון דעם בעיט צום ביקס־צינגל, אזוי אז ווען מען גיט נאָר א צי דעם דראָט, מוז די ביקס אויסשיסן אינם ציל. דאָס אַלץ האָט ער קונציק פאַרמאַסקירט אין דער זיכערקייט, אַז דאָס וועט פּאַקן זיין שונא.

אין אן אנדער פּלאַץ, ביי א שפּרודלדיקן קוואַל, וואָס איז אפילו אין די גרעסטע פרעסט ניט פאַרפראָרן, האָט ער אויף אן אראָפּהענגענדיקער צווייג אָנגעבונדן אן אנדער געשמאקן ביסן פּונקט איבערן קוואַל. אינם וואסער האָט ער פאַרבאָרגן א שווערן וואָלף טרעפּ, באדעקט עס מיט גרינעם מאָך, ס׳זאָל אויסזען ווי א פאַרוואַקסענער שטיין, אזוי אז ווען א חיה וועט זוכן צו גרייכן די בעיט זאָל זי מוזן אריינפאַלן אין דער פאַרבאָרגענער טרעפּ אונטערן וואסער.

ווען ער איז אויף מאָרגן געקומען זען דעם רעזולטאַט פון זיין קונסט־ווערק, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. די ביקס האָט אויסגעשאָסן, דאָס בעיט אויפגעפרעסן — אָבער פון קיין וואָלווערין איז קיין זכר ניטאָ.

ביים קוואַל האָט זיך א פאַרצווייפלטער פּלוד ארויסגעריסן פון זיין האַלדז. די טרעפּ אונטערן וואסער איז געשפּרונגען געוואָרן, איבערן וואסער ארום איז צעשפּרייט געווען זילבער־ווייסע האָר און אינם טרעפּ איז געווען א האַלב־אויפגעפרעסענער זילבער־פוקס, וואָס איז מער ווערט געווען ווי אַלע ביז איצט רויִנירטע פעלן. ער איז מער איינגעשפּאַרט און אנטשלאָסן געוואָרן פּטור צו ווערן פונם רויבער.

ביים סוף טרעפּ־ליין האָט ער צוגעגרייט א מיז באהעלטעניש פון אָנגעהויפענע קלעצער. אין דער באהעלטעניש האָט ער צוגעגרייט פאַרשייד־דענע עסנווארג, קיי־טאַבאַק, ווארעמע קליידער, טרעפּס און אַמוניציע. מיט שווערע צווייגן האָט ער דאָס אַלץ איבערגעדעקט, פאַרשאָטן מיט שניי און גוט באַגאָסן מיט וואסער פונם קוואַל. דער חשבון איז געווען, אז ווען דאָס וועט איינפרירן, וועט קיין טייוול ניט קענען צוקומען דערצו, סיידן אויפצוהאַקן עס מיט א האַק, און דאָס אויך גאַרניט אזוי גרינג. גערעכנט האָט ער, אזוי ווי עס קען אים אמאָל אויסקומען, ביי זיין שטענדיקער וואַנד, צו בלייבן נעכ־טיקן אוועק פונם קעבין, זאָל ער האָבן א פאַרטיק פּלאַץ מיט אַלעם נויטיקן. ווידער האָט ער געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס.

אייניקע טעג איז אים ניט אויסגעקומען צו זיין דאָרט, אָבער איין פרימאָרגן האָט ער אנטדעקט דעם ״טייוולס״ שפּור. מיטנעמענדיק די שווער־געלאַדענע ביקס (ער האָט זיך שוין בכלל ניט גערירט פון אָרט אָן דער ביקס) מיט אַלע אנדערע מכשירים, האָט ער זיך געלאָזט נאָכפּאָלגן דעם שפּור, וואָס האָט אים דערפירט ביז צו דער באהעלטעניש.

ער האָט געפונען אז פון זיין באהעלטעניש איז גאָרנישט ניט געוואָרן! די אייז־געשמידטע פעסטונג, וואָס וואָלט געקומען א געזונטן מענטשן שטונדן־לאַנג אויפצוהאַקן, איז צעוואָרפן געווען. די שפּייז אויפגעפרעסן און פאַר־פּאַסקודעט. די קאָלדרעס אויף שטיקלעך צעריסן, די טרעפּס און די אַמוניציע אוועקגעשלעפּט. אַלץ איז געווען אזוי פּריש, אז וואָלט לאַראַק געווען אָנגע־קומען מיט א האַלבער שעה פריער, וואָלט ער מעגלעך געכאַפּט דעם רויבער אויפן פּלאַץ.

מיטן ביקס אין האנט, האט לאראק ווייטער נאכגעפאלגט דעם שפור. דאס מאל האט ער זיך ניט אפגענארט. א הונדערט פוס ווייטער האט זיך פון א געדיכטן בוים באוויזן דער וואלווערין. א גוט־געצילטער שאס האט א דונער געטאן און דער שד איז געפאלן, באפארבנדיק דעם בלאנקענדיקן שניי ארום זיך מיט רויט־ראז.

אבער דערמיט האט זיך עס ניט פארענדיקט

א פאר גרינגע, ווי גלאז־הארטע אויגן האבן צו לאראקן ארויפגעקוקט פונם שניי ארויס — אויגן וואס האבן די מינדסטע שרעק ניט ארויסגעוויזן. א ים מיט האס און פאראכטונג האט גאר פון זיינע אויגן ארויסגעשיינט. דער ברייטער, פלאטשיקער קאפ מיטן אייזערנעם קין און אנטבלויזטע, שטאלענע ציין האבן מיט טראציקן צארן גארגלענדיק געברילט אין זייער הילפלאזיקייט.

לאראק האט אין דעם מאמענט דערזען פאר זיך עטוואס, וואס דורך אלע זיינע יארן אין דער ווילדערניש האט ער נאך ניט געזען. א טויטלעך־פארוואונדעטע חיה זאל דעם קלענסטן שפור פון מורא ניט ארויסווייזן פנים אל פנים מיטן יעגער. דאס האט אים אזוי אויפגערייצט, אז ער האט זיך מיט א ווילדער קללה אווארף געטאן מיט דער בלויזער האק אויפן וואלווערין צו פארענדיקן אים.

עטלעכע שטארקע קלעפ איבערן קאפ מיטן פלאד פון דער האק און די חיה איז געבליבן באוווסטלאז. לאראק האט מיט שטארקע רימענס געבונדן אים די פיר פיס, איבערהויפט האט ער באווארנט דעם שנוק מיט די געפער־לעכע ציין, ארומבינדנדיק עס מיט גרויס פארזיכטיקייט.

לאראק האט זיך ארומגעזען אז עס ווערט שפעט און מ׳מוז זיך איילן אהיים. האט ער אנגעהאקט צווייגן, אנגעבונדן דעם וואלווערין און אויף א שליטל געשלעפט אהיים. צו שלעפן א פאר הונדערט פונט א צען מייל איז גארניט געווען קיין גרינגע זאך, אבער דאס נקמה־געפיל האט צוגעגעבן לאראקן כוח. שפעט אין אוונט איז ער אהיימגעקומען. א זעץ אין טיר און ס׳האט אויפגעפראלט. מיט ניצחון־שטאלץ ווי א זיגער, האט ער דעם געפאנגענעם אריינגעשלעפט. זיין ווייב האט מיט שרעק אויסגעשריען, ווען זי האט די חיה דערזען, און ער האט זיגעריש ארויסגעברומט: זאלן זיי נאר דערהערן אינם פארט וועגן זשאק לאראק, דעם טרעפער! זאלן זיי נאר דערהערן ווי אזוי איך האב נאכגעשפירט דעם טייוול פאר עטלעכע וואכן און ווי אזוי איך האב אים ענדלעך געפאקט! . .

דאס גארגלענדיקע ברומען פון דער חיה איז געווען דער איינציקער ענטפער אויף לאראקס רייד, און ער האט א קאמאנדעווע געטאן צו זיין ווייב:

— האלט אן אויג אויף אים ביז איך וועל מאכן פלאץ אינם שטעלכל. טאמער באפרייט ער זיך — שיס אים גלייך! . .

אביסל שפעטער איז ער צוריקגעקומען און האט אוועקגעשלעפט די חיה אינם שטעלכל וו ער האט זיינע פעלצן געהאלטן. ס׳איז געבויט געווען פון שווערע קלעצער און ער האט ארייננגעפעסטיקט אין צוויי ווענט, איינס קעגנאיבער דעם אנדערן, אייזערנע קייטן, איינשליסנדיק שטייף דעם וואל־ווערין מיט יעדע עקן פון די איינגעפעסטיקטע קייטן, אזוי אז ער איז געוועזן אינמיטן שטעלכל מיט זייער ווייניק מעגלעכקייט צו באוועגן זיך. ער האט אויפגעשניטן די רימענס וואס האבן די חיה געבונדן. דערפילנדיק זיך פריי,

האָט דער וואָלווערין זיך געוואָרפן, געשליידערט, זוכנדיק צו באַפרייען זיך פון די קייטן וואָס האָבן אים געשטיקט. ער האָט געברומט אין זיין הילפלאָ־זיקייט. און לאַראַק האָט אָנגעקוואָלן פון נחת.

דער וואָלווערין האָט פאַרנומען לאַראַקס גאַנצע צייט און אויפמערק־זאַמקייט. דער מאַן האָט ווייניק געגעסן, נאָך ווייניקער געשלאָפן, אפילו די טרעפּ־לייַן פאַרנאַכלעסיקט: ער האָט נאָר געטראַכט ווי אַזוי ער וועט ברענגען דעם טייוול אין פאָרט, ווי אַלע וועלן עס לויפן דעם בייז־ווונדער אָנקוקן, ווי אַזוי ער וועט עס זיין דער העלד פון טאָג און שנאַפּס וועט זיך גיסן ווי וואַסער נאָר צוליב אים, צוליב זשאַק לאַראַק.

די פּאָר וואָכן ביז צום פאָרן האָבן זיך פאַר אים געצויגן צו לאַנגזאַם. ער האָט געפילט, אַז די חיה איז נאָך וויַיט ניט באַזיגט.

יעדער טאָג איז ער געקומען זען דעם געפאַנגענעם, אָבער אָן צופרידנ־הייט. דער וואָלווערין האָט זיך ווי אויף להכעיס געפילט פון טאָג צו טאָג בעסער, כאָטש ער האָט אים געהאַלטן הונגעריק. ער האָט זיך מער ניט גע־וואָרפן, ער איז נאָר רויִק געלעגן און נעצנדיק די לאַפּע מיט זיין סליונע, האָט ער עס איינגעריבן אין די ווונדן און די ווונדן האָבן זיך געהיילט מיט מערק־ווירדיקער שנעלקייט.

איין מאָל האָט לאַראַק געטראָפן זיין וויַיב צוגרייטנדיק אַ מאָלצייט פאַרן וואָלווערין פונם אָפּפאַל פון זייער טיש. האָט עס אים גוואַלדיק דער־צאָרנט, און ער האָט זיך צעשריען אויף איר:

— פּיעסטשען ווילסטו גאָר דעם טייוול! . . דו נאַרעשע וויַיב, ווייסטו דען ניט אַז ער האָט מיר אָפּגעאָקסט איבער פינף טויזנט דאָלאַר! . .

לאַראַק איז געוואָרן אומגעדולדיק און אויף דער צווייטער וואָך האָט ער זיך שוין גענומען גרייטן אין וועג אַריין. די וויַיב איז אַרומגעגאַנגען אין שרעק. זי האָט געפילט ,אַז קיין גוטס וועט ניט אַרויסקומען פון דעם שפּיל מיטן טייוול. זי האָט זיך געבעטן ביים מאַן, ער זאָל דעם שד ניט פירן צום פאָרט.

ער האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. צורעכט געמאַכט דאָס שליטל, האָט ווידער דערשלאָגן דעם וואָלווערין ביז באַוווסטלאָזיקייט, דאַן האָט ער אים אָפּגעשלאָסן פון די קייטן און מיט רימענע פּאַסן איינגעבונדן אים שטייף אין שליטל. מיטן ביקס איבערן אַקסל, מיטן מעסער אונטערן גאַרטל, האָט ער זיך אַליין איינגעשפּאַנט אין שליטל און אין אַ פריען פרי־מאָרגן האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

די קאַלטע צפון־זון האָט געשיינט. דער פראָסט האָט געברענט, דער שניי איז געווען האַרט און געפּאַקט פון שטאַרקע ווינטן און פאַרפראָרן ווי גלאָז, אויך אַזוי גלאַנציק. אויף פלאַכע שטרעקעס איז עס גוט געווען דאָס שליטל האָט זיך לייכט געגליטשט. אָבער ווען עס איז געקומען באַרג־אַראָפּ אָדער באַרג־אַרויף, איז עס שוין גאַרניט אַזוי גרינג געווען. באַרג־אַראָפּ איז נאָך פיל שווערער געווען, ווייל דאָס שליטל האָט געיאָגט און פון די פיס געוואָרפן. לאַראַק האָט געמוזט אָנהאַקן שטאָפּלען אינם שניי, זיינע פיס זאָלן האָבן אַן אָנשפּאַר. אַזוי אַרום האָט ער דורכגעמאַכט מער ווי אַ העלפט וועג. ביי איין לאַנגן באַרג־אַראָפּ האָט ער מאַניפּולירט דאָס שליטל זייער פאָרזיכטיק, אָבער אומדערוואַרטעט האָט ער זיך אויסגעגליטשט און . . . די האַק, די ביקס, לאַראַק און דאָס שליטל מיטן שד זיינען געפלויגן מיט שווינדלענדיקן האַסט באַרג־אַראָפּ, אין פאַרשייעדע ריכטונגען. אַ טויזנט

שפּאָן ווייטער אין לאַראַק צו אַ שטילשטאַנד געקומען. ער האָט זיך באַלד גענומען אַרומקוקן און האָט דערזען ווי די ביקס האָט ניט ווייט פון אים געשטעקט מיטן רער טיף אין שניי, די האַק איז אויך ניט ווייט געלעגן, אָבער פונם שליטל מיטן "שוואַרצן טייוול" איז קיין זכר ניט געווען.

ווי אַן אונטערגעשאָסענער איז ער אויפגעשפּרונגען, אַ כאַפּ געטאָן די ביקס און האָט זיך געלאָזט צוריק באַרג־אַרויף. ער האָט דאָרטן דערזען דאָס שליטל אין שניי איינגעגראָבן. אָנשלאָגנדיק זיך אָן אַ שאַרפן פעלז, איז עס איז צווייען צעשפּאָלטן געוואָרן און די רימענס, וואָס האָבן דעם "שד" געבונדן, האָבן געפּלאַצט. זיינע פאָדערשטע לאַפּעס זיינען פריי געווען און ער איז געשטאַנען אויף די הינטערשטע לאַפּעס, וואָס זיינען נאָך גע־ווען געבונדן, און האָט מיט די ציין און נעגל געזוכט צו באַפרייען זיך אינ־גאַנצן. אָט נאָך אַ מינוט־צוויי און ער איז פריי.

לאַראַק האָט קיין צייט ניט פאַרלאָרן. קניענדיק, האָט ער פאַרזיכטיק געצילט, טראַכטנדיק מיט פאַרדראָס: קיין לעבעדיקער וועסטו פון מיר ניט אַוועק, דו שוואַרצער טייוול! געצילט און . . .

ער האָט גאָרניט געוווסט וואָס עס האָט אים געטראָפן. די ביקס האָט אים אין פּנים עקספּלאָדירט און ער איז טויט געווען איידער ער איז אַנידערגעפאַלן . . . פון גרויס אויפרעגונג איז אים ניט איינגעפאַלן אויסצו־רייניקן די אייז מיט וועלכער די רער פון דער ביקס איז פאַרשטאָפּט געוואָרן, בלייבנדיק שטעקן אינם שניי.

דער דונערנדיקער אויפרייס האָט דעם וואָלווערין אויפגעטרייסלט און מיט פאַרדאָפּלטער ענערגיע האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו די לויז־געוואָ־רענע רימענס. נאָך איניקע מינוטן און ער איז געווען פריי. ער האָט זיך ניט געאיילט צו אַנטלויפן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און אַרויפגעקוקט אין דער הויך וווּ דער "מענטש" איז געלעגן ניט רירנדיק זיך, אין זיין אייביקער רו . . .

קאַלט און געלאַסן, מיט פעסטער זיכערקייט אין זיך, איז דער וואָל־ווערין פאַרשוואונדן געוואָרן אין דעם שטומען, מיט תכריכים איינגעהילטן סאַסנע־וואַלד. די חיה האָט געזיגט, ניט דער מענטש . . .

אין טויטלעכן קאַמף מיט אַ גריזלי

װעלכער ס'איז יעגער װאָס האָט געהאַט װעלכע ניט איז דערפאַרונג אין די װילדערנישן פון בריטיש קאָלומביא געבערגן װייס, אַז צו באַגעגענען זיך מיט אַ גריזלי איז גאָרניט קיין שפּילעכל, אַפילו פאַר אַזאַ איינעם מיט מאָדערנעם געװער, װעלכער איז זיכער צו שיסן אויף טויזנטער יאַרדס.

עס איז אַ באַװוסטער פאַקט פאַר די װאָס זיינען באַקאַנט מיט דער זאָאָלאָגיע פונעם גאַנצן צפון־טייל פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אַז קיין שרעקלעכערע, בלוטדורשטיקערע חיה װי ער איז אויף דער װעלט ניטאָ. דער גריזלי איז כמעט דער איינציקער אָנצופאַלן און אַטאַקירן װעמען עס זאָל ניט זיין אָן קיין פּראָװאָקאַציע, נאָר אויס איינפאַכן מאָרד־לוסט. אַזוי װי דער לייב איז פאַררעכנט פאַרן קעניג פונעם אַפריקאַנער דזשאָנגל, אַזוי איז דער גריזלי דער אומבאַשטרייטבאַרער הערשער פון די בריטיש קאָלומביער געבערגן. די מייסטע יעגערס װייסן עס און זוכן װי װייט מעגלעך אים אויסצומיידן.

דער גריזלי איז גאַנץ פאַרשיידן פון אַלע אַנדערע פון זיין מין; צ"ב, דער שװאַרצער, ברוינער אָדער צימרינג בער, און אַפילו װי דער שרעקלעך בייזער בער, פון די צפונדיקע באַרען־לענדס. דער אונטערשייד איז מער װי אין איין פּרט: ערשטנס, אין גרויס איז דער גריזלי פיל גרעסער אין דורכשניט פון אַלע זיינע דערמאָנטע קרובים, און ער באַזיצט די װילדע גבורה פון אַ מאַנסטער; צװייטנס, זיינען אַלע אַנדערע, מיט װייניק אויסנאַמען, גראָז־עסנדיקע, איבערהויפּט יאַגעדעס, פרוכטן און האָניק. זיי שפּייזן אויך ניט אויס פאַרשיידענע שרצים ורמשים. אין האַרבסט פרעסן זיי אויסערגעװיינלעך פיל, ביז זיי קלייבן אָן אויף זיך אַ דיקן שיכט שמאַלץ און אַזוי שנעל װי דער װינטער לייגט זיך אַװעק, דער שניי באַדעקט דאָס לאַנד אַרום און די ערשטע פרעסטלעך קומען אָן, פאַרקריכן זיי אין זייער באַצייטנס צוגעגרייטער, מיט צװייגלעך און בלעטער אויסגעבעטעטער נאָרע, נעמען אַריין די לאַפּע אין מויל און שלאָפן איין מיט אַ לאַנגן, באַטויבנדיקן, לעטאַרגישן שלאָף ביז העט אין פרילינג אַריין. זעלטן װען קען זיך אַ יעגער אָנשטויסן אויף איינעם פון זיי אין מיטן װינטער, סיידן, איבער איין אָדער אַ צװייטער אורזאַך, האָט דער בער ניט באַװיזן אָנצופרעסן זיך פאַרן שלאָף און האָט זיך ניט פאַרגרייט גענוג פעטס פאַרן גאַנצן װינטער. מיט אַזאַ בער איז אויך ניט קיין צו גרויסער פאַרגעניגן צו באַגעגענען זיך, װייל דאַן איז ער שרעקלעך הונגעריק און בייז, און ביי דער קלענסטער אומשולדיקער פּראָװאָקאַציע איז ער גרייט צו אַטאַקירן.

דער גריזלי איז כמעט אינגאַנצן אַ פליישפרעסער. ער װייס ניט װאָס עס הייסט מורא האָבן, אַפילו פאַר אַ מענטשן. און װעל־כולם קען ער זיך קיינמאָל ניט אָנפרעסן, אַז עס זאָל אים האַלטן דורכן װינטער. דערום כאַפּט

ער נאָר א דרעמל אזוי לאַנג ווי דאָס קוועקזילבער פלירטעוועט אין טערמאָ־מעטער העט אונטער זעראָ. קוים גיט זיך אָבער דאָס קוועקזילבער א הויב ארויף איבער נול, קריכט ער שוין ארויס פון דער נאָרע און לאָזט זיך ארויס זוכן אן איבערבייס. דאָן, מר. יעגער, היט דיין פעקלביינער ! . .

* * * * *

איך מיט מיין חבר דעיטאָן האָבן יענעם ווינטער געהאַט אונדזער טרעפּ־ליין בשותפות ביי די ברעגן פונם סעמאַן־ריווער, אינם פּרינץ דזשאָרדזש געגנט פון בריטיש־קאָלומביא, וואָס האָט געשמט מיט די גריזלים. פיל יעגערס האָבן טאָקע צוליב דעם אויסגעמידן דעם געגנט, אָבער ווייל דער געגנט איז ניט אזויפיל עקספּלואַטירט געוואָרן, זיינען די אויסזיכטן געווען פיל בעסערע, כאָטש די ריזיקע איז אויך פיל גרעסער געווען.

מיין חבר, אזוי ווי איך, איז ניט געווען קיין איבערגעשראָקענער יינגל. א יאָר פינף און דרייסיק, געזונט, ענערגיש און אקטיוו, האָט ער גוט געוווּסט ווי צו באַגיין זיך מיט שיס־געווער און איז בכלל געווען אן אויסגעצייכנטער ציל־שיסער אויף לאַנגע שטרעקעס, האָט אויסגעצייכנט קענען געלערנט די נאַטור פון די פאַרשיידענע פוטער־חיות ווי אויך פון די פליייש־עסנדיקע חיות.

האָבנדיק אזעלכע דערפאַרונגען, האָבן מיר זיך פאַר די גריזלים ניט אָפּגעשראָקן. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אונדזער קעביז אזוי באַקוועם ווי נאָר ס׳איז מעגלעך פאַר טרעפּערס אין דער ווילדערניש, ווייט אוועק פון ציוויליזאַציע. איבערהויפּט האָבן מיר ניט געקאַרגט אויף אונדזער טרעפּינג־אויסשטייער, אזוי אז מיר זיינען געווען צוגעגרייט מיט אַלעם נויטיקן פאַרן גאַנצן ווינטער און האָבן זיך געקענט אומגעשטערט אָפּגעבן מיט אונדזער טרעפּינג.

דער פאַנג האָט זיך איינגעגעבן בעסער ווי דערוואַרטעט. די טרעפּ־ליין איז איינגעטיילט געוואָרן צווישן אונדז און ווען מיר פּלעגן זיך (מייסטנס סוף־וואָך) צוזאַמענקומען אין אונדזער הויפּט־קעביז, פּלעגט אונדזער פּאַק פוטער־פעלצן פאַרגרעסערט ווערן מיט פאַרשיידענע פוקסן, מינק, לינקס און מאַרטען, אויסער קלענערע און ביליקערע פעלצן.

אזוי זיינען געלאָפן די וואָכן און חדשים אומגעשטערט. אונדזער פוטער־פּאַק איז געוואַקסן פיל פאַרשפּרעכנדיק. מיר האָבן שוין אָנגעהויבן מאַכן פּלענער פאַרן פרילינג־סעזאָן צו טרעפן ביבער און אָטער, וועלכע זיינען אין דעם געגנט געווען לרוב, ווי אויך מאַסקרעטס. עס האָט אונדז דערוואַרט א גלענצענדער דערפאָלג אָפּצושפּאָרן היבשע עטלעכע טויזנט דאָלאַר.

מיר האָבן אפילו צוגעגרייט פּלענער פאַר דער נאָענטער צוקונפט און ס׳איז צווישן אונדז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אז אויב דעיטאָנען וועט ניט געלינגען צו הייראַטן דאָס מיידל וואָס ער האָט געהאַפט און צוליב וועלכער ער איז גרייט געווען אויף אַלץ, אבי נאָר אָפּצושפּאָרן עטלעכע טויזנט דאָלאַר כדי ניט צו קומען מיט ליידיקנס צו איר, — זאָלן מיר זיך ווידער צוזאַמענקומען אויף דער זעלבער טרעפּליין אויך קומענדיקן ווינטער. כאָטש דעם טרעפּערס לעבן איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין : שטענדיק געפאַרן־פול, ווייט ניט אזוי גרינג ווי עס קאָן זיך אויסדוכטן און שרעקלעך מיט זיין איינזאַמקייט, דאָך האָט עס פאַרן אמתן טרעפּער א שטאַרקע אַנציאונג. עס איז איבערהויפּט שווער איבערצוגעבן דעם פאַרגעניגן־געפיל ווען דו נעמסט ארויס פון טרעפּ, לאָמיר זאָגן, א זילבער־פוקס. עס ליגט דיר גאָרניט אינזינען אויפן מאָמענט,

אז דאָס מיינט א פּאָר הונדערט דאָלאר. ניין ! דו טראכסט גאָרניט פונם געלט. דו זעטיקסט נאָר דיין אויג און דאָס הארץ טאנצט פאר פרייט ווען דו פירסט דורך די האנט דורך דעם טיפן ווייך־זיידענעם פוטער, וואָס פינקלט ווי מיט זילבער־שטויב באשאָטן.

און ווען אין דרויסן צעהוליעט זיך דער שרעקלעכער בליזארד, אז ס'איז א געפאר ארויסצוגיין עטלעכע טריט פונם קעבין און מ'איז געצווונגען צו זיצן ענדלאָזע טעג נאָכאנאנד ביים אָנגעגליטן אויוון, און ניט וועלנדיק זיך צוהערן צום אומאויפהערלעכן וואָיען און פייפן פון דער זאווערוכע אין קוימען, וואָס טרייבט אָן א שרעקלעכן אומעט און מעלאנכאָליע, ממש ביז משוגעת, דארף מען נאָר נעמען און אויסלייגן דעם פּאַק פעלצן איבער די ווענט און דיל פון דעם קעבין און די גאנצע מעלאנכאָליע פארשווינדט באלד. דאָס אויג קאָן זיך ניט אָנקוקן צו זאט און עס פינקלט, דאָס הארץ קלאפט און דאָס בלוט הויבט אָן פולסירן מיט א שנעלן טעמפּאָ — דו ווערסט גאָר ניי געבוירן . . .



* * * * *

ארום ניי־יאָר איז ביי אונדז פרישע פלייש אויסגעגאנגען. האָט מיר דעיטאָן געזאָגט, אז ער האָט אויף זיין לעצטנס באמערקט מוז־טרעקס און ער וועט דעריבער מיטנעמען זיין שוועד געווער און וועט דעם סליאד נאָכפאָלגן. ער האָט גערעכנט אז אינם טיפן שניי וועט אים ניט לאנג דויערן צו דערטאפּן א גוטן, פעטן מוז און דאָס מיינט פרישע פלייש אויף א גוטן חודש אָדער מער.

ביי אונדז זאָגן מיינט טאָן. שפּעט אין אָוונט פונם זעלבן טאָג איז דעיטאָן געקומען אַן אויסגעמאַטערטער, אָבער אַ צופרידענער.

— נו, האָט ער דאָס מיך אַביסל אָנגעטריבן! — האָט ער גענומען דערציילן, זיצנדיק ביים זודיקן טעפּעלע קאַפע.

— ס׳האָט מיר ניט לאַנג געדויערט אויפצוזוכן זיין סליאַד, און נאָכן סליאַד האָב איך געזען, אַז דאָס דאַרף זיין אַ ריכטיקער בחור. האָב איך באַשלאָסן ניט צו פאַרלירן קיין צייט. וויסנדיק גוט די טאָפּאָגראַפיע פון דעם געגנט, האָט איך אויסגערעכנט אַ סטראַטעגישן פּלאַן ווי אַמשנעלסטן אים צו פּאַקן. אַנטוענדיק מיינע שניי־שיך, האָט איך זיך מיט חשק גענומען צו דער אַרבעט און אין אַ פּאָר שעה אַרום בין איך אָנגעקומען אויף אים.

— דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שפּיל אין קאַמער־קאַמער־הויז. זינקענדיק ביזן בויך אינם טיפן שניי, האָט ער זיך באַוועגט לייכט און שנעל. אַ פּרעכטיקער עקזעמפּליאַר פאַר אַ ספּאָרטסמאַן, מיט אַ פּאָר צעצווייגטע הערנער — אַ פּראַכט. אָבער ווו ער האָט זיך ניט געווענדעט, האָב איך אים אָפּגעהאַקט דעם וועג, ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו צוקומען צו אים אויף אַ געהעריקער שיס־דיסטאַנץ, ביז מיר איז געלונגען אַריינצופּרעסן אים אין אַ שאַרפן ווינקל פון אַ דריי־עק, צווישן הויכע פעלזן־ווענט. צו דער צייט זיינען מיר שויןביידע געווען אויסגעמאַטערט פונם שפּיל. אין אַזאַ פּראַסט, ווי דו ווייסט איז ניטאָ קיין צייט צו פאַרלירן, האָב איך זיך צוגעאײַלט אָפּצושינדן און צעפּערטלען דאָס פלייש איידער עס וועט פאַרפרוירן, און האָב עס באַהאַלטן הויך אויף אַ בוים. ביז איך בין פאַרטיק געוואָרן איז שוין געוואָרן שפּעטלעך און כ׳האָב נאָך געהאַט היבשע עטלעכע מייל צו דעקן ביזן קעבין. אָבער מאָרגן וועל איך זיך אַריבערכאַפּן און וועל ברענגען אַ טייל פונם פלייש.

* * * * *

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך אויף מיין חבר דעיטאָן געוואַרט. אַ טונקעלער פאַרגעפיל האָט מיין האַרץ גענאָגט. עפּעס אַן אומגליק האָט מיט אים געמוזט טרעפן. אָבער מיין פאַרשטאַנד האָט מיר אונטערגעזאָגט: ״נע־ווער פיר, דעיטאָן קען טעיק קער אָוו הימסעלף״ (האָב קיין מורא, דעיטאָן קאָן נאָכקוקן נאָך זיך).

די נאַכט איז פּאַריבער אין שרעקלעכע חלומות פון וועלכע איך האָב זיך אייניקע מאָל אויפגעכאַפּט מיט אַ קאַלטן שוויים באַגאָסן. אַ בליאַסק אויף טאָג, אַזוי שנעל ווי איך האָב נאָר געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן דעם סליאַד, האָב איך גענומען די שווער־קאַליבערדיקע ביקס און בין אַוועק זוכן מיין חבר. דאָס שווערע פאַרגעפיל האָט מיך אויף קיין מאָמענט ניט אָפּגעלאָזט.

דער זון־אויפגאַנג האָט מיך געטראָפן עטלעכע מייל ווייט פון אונדזער קעבין און נאָך די לאַנד־מאַרקן, האָב איך דערקענט אַז עס דאַרף זיין ניט ווייט פון זיין ״קעיטש״ (באַהאַלטונג־פּלאַץ). אַ געהיימע קראַפט האָט מיך געיאָגט וואָס שנעלער פאָרויס. פּלוצלונג האָט עס מיר אַ זעץ געטאָן אין האַרצן. פון גאַנץ ווייט האָב איך באַמערקט אַ טונקעלן קעגנשטאַנד ליגנדיק אויפן שניי. אַן אומזעבאַרע קראַפט האָט מיך אַ שטויס געטאָן פאָרויס און אין די אומגעלומפּערטע שניי־שיך האָב איך זיך געלאָזט לויפן צום פּלאַץ

ווי דער קעגנשטאנד האָט זיך געזען. וואָס נעענטער איך בין צוגעקומען, אַלץ מער האָב איך געפילט ווי מיינע פיס ברעכן זיך מיר אונטער . . .

א שטייף־פאַרפרוירענער אין א טייך פאַרפרוירן בלוט, איז געלעגן דאָס וואָס איז פון מיין פריינט און חבר דעיטאָן פאַרבליבן. דער קערפּער שוידער־לעך צעריסן פון די שרעקלעכע נעגל פון א גריזלי, מיטן פאַרבלוטיקטן יאַגד־העקל שטייף אריינגעפרוירן אין זיין האנט. און עטוואָס האָב איך ארויסגע־לייענט פון דעם שוידערלעכן בילד וואָס האָט זיך אנטפּלעקט פאַר מיינע, מיט טרערן פאַרלאָפענע אויגן.

דעיטאָן האָט מיט זיך מיטגענומען נאָר דאָס יאַגד־העקל (ניט האָבנדיק קיין באַגעגעניש, האָבן מיר גאָר פאַרגעסן אַז דער גריזלי־געפאַר) אויף צו האַקן דאָס פאַרפרוירענע פלייש. ווען ער איז אָנגעקומען צום דריי־עק ביי וועלכן דער בוים מיטן פלייש איז געווען, האָט ער גאַרנישט ניט באמערקט, ביז ער האָט זיך פאַרקירעוועט ארום דעם שאַרפן פעלזן־ווינקל, וואָס האָט אים פּלוצלונג געבראַכט פּנים־אל־פּנים מיטן אויסגעהונגערטן גריזלי, וועלכער דערשמעקנדיק דאָס מוז־פלייש, איז געקומען צו כאַפּן א מאָלצייט.

קיין צייט אָפּצוטערטן איז ניט געווען, ווייל דער טייוול האָט אים ווארשיינלעך גלייך באמערקט און האָט, ווי זיין שטייגער איז, מיט א ווילדער רציחה א וואָרף געטאָן זיך אויף אים. דאָ איז אנטשטאַנען דער ווייט ניט גלייכער קאַמף (ביי וועלכן דעיטאָן האָט מיט זיין לעבן באַצאָלט) צווישן דעם מאַנסטער, באוואָפנט מיט א צענדליק כמעט דריי־צאָליקע שוידערלעכע נעגל, געפּאַסט אין צוויי ריזיקע פאָדער־לאַפּעס מיט א סעט אייזערנע, שטאָלענע ציין, געפּאַסט איז א שטאָלענעם קין־ביין, קעגן דעם שוואַכן, הילפלאָזן מענ־טשעלע מיט א קליין העקעלע . . .

און דאָך האָט זיך דאָס מענטשעלע ניט אזוי לייכט אונטערגעגעבן: נאָך דעם איינגעטראָטענעם שניי, נאָך דעם פאַרבלוטיקטן העקל און נאָך דעם צעקצבטן קערפּער פון מיין פריינט, וועלכער איז כמעט נאַקעט געווען, האָט זיך געלאָזט מערקן, אַז דער קאַמף האָט א היבש ביסל צייט אָנגעהאַלטן. אויסער דעם, האָב איך אינם שניי געפונען דריי פינגער מיט די שרעקלעכע נעגל פונם מאַנסטער און א בלוטיקער סליאַד האָט זיך געצויגן פונם קאַמף־פּלאַץ אין דער ווייסער וויסטע אריין . . .

ס'איז געווען א הערקולעסן ארבעט צו ברענגען מיין פריינט צו זיין אייביקער רו. ביי זיין אָפענעם קבר האָב איך געשווירן אייביקע נקמה פון דעם מין מאַנסטער, וואָס הייסט גריזלי . . .

* * * * *

פיל גריזלים זיינען יענעם יאָר געפאַלן דורך מיין שוואַר־קאַליבערדיק געווער און איך בין אַלץ ניט זאַט געוואָרן. א סאָרט מאַניע האָט מיך באַ־הערשט און האָט מיך רוען ניט געלאָזט.

אַן ערך צום יאָרצייט פון מיין חברס טויט, האָב איך געהאַט א באַ־געגעניש מיט איינעם פון די גרעסטע און שרעקלעכסטע גריזלים וואָס איך האָב ווען אמאָל באַגעגנט אָדער געהערט — אַן אמתער מאַנסטער פון דעם מין. ביים ערשטן אויגנבליק האָט ער זיך געוואָרפן אויף מיר מיט א בלוט־פאַר־

גליווערנדיקן ברום אויפהויבנדיק זיך אויף די הינטערשטע פיס. די פּאָדער־שטע לאַפּעס מיט די שוידערלעכע נעגל אויסגעשטרעקט, דאָס מויל מיט די משונהדיק גרויסע, גלימערנדיקע און גאַווערדיקע ציין ברייט צעעפנט . . .

איך בין אָבער גרייט געווען אים צו באַגעגענען. אמת, ניט גרינג איז מיר אָנגעקומען צו ספּראַווען זיך מיט אים, דעם גאַנצן מאַגאַזין שווער־קאַליבערדיקע קוילן האָב איך געמוזט אַריינפּאַמפּען אין אים ביז ער איז כמעט ביי מיינע פיס אַ טויטער געפאַלן.

איצט שטעלט זיך פאַר מיין אומגעהייערע פרייד און איבערראַשונג, אַז ווען איך האָב גענומען אַראָפּציען זיין פעל, האָב איך אויסגעפונען, אַז זיין שאַרבן איז אַמאָל שיר ניט דורכגעהאַקט געוואָרן און פון זיין רעכטער לאַפּע האָבן דריי פינגער געפעלט . . .

ענדי באהר

דעם 31טן מאי, 1935, האָט זיך באַוויזן אין דער לאָבי פונם פּרעכטיקן האָטעל מאַקדאָנאַלד, אין עדמאָנטאָן, א נידעריקער, פעסט־געבויטער, עלטע־רער מאַן, אין דער באַגלייטונג פון א לופט־פּליער, מיט וועלכן ער איז ערשט אָנגעקומען פון די ווייטע קאַנאַדער צפון־ווילדערנישן. אָנגעטאָן איז א ביבערנעם "פּאַרקאַ", דער מיץ באַזוימט מיט געדיכטן לינקס פוטער, ארום א פּנים וואָס האָט אויף זיך געטראָגן טיפע קארבן און אייביקע סימנים פונם בייזן צפון־ווינטער. אויף די פיס הויכע "עסקימאָ־מאַקלאַקס" שטאַרק אויס־געטראָגן, שווערע אָטער־הענטשקעס זיינען ארונטערגעהאַנגען אויף שנירלעך פון זיין נאַקן.

די לאָבי פונם האָטעל איז פול געווען מיט רייכע געסט, מענער און פרויען. אָבער ביים אריינקומען פון דעם אויסטערלישן גאַסט האָט זיך ווי א בליץ דורכגעטראָגן די נייעס, און דער עולם האָט אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן. א טייל האָבן אים באַטראַכט מיט גרויס נייגער, אנדערע מיט באַ־וואונדערונג און יראת־הכבוד.

איידער ער האָט באַוויזן אראָפּצוציען זיין פּאַרקאַ־מיץ און איידער ער האָט זיין נאָמען אינם האָטעל־רעגיסטער פאַרצייכנט, זיינען אים רעפּאָר־טערס באַפאַלן פון אַלע זייטן, לאָקאַלע ווי אויך ספּעציעל־אָנגעקומענע פון מרחקים. יעדער איינער פון זיי האָט געזוכט צו זיין דער ערשטער צו כאַפּן א שמועס מיטן נייעם "משה", וואָס האָט ערשט פאַרענדיקט איינע פון די מערקווירדיקסטע "יציאותן" וואָס די געשיכטע האָט צו פאַרצייכענען. אָט דער פינף־פוסיקער, גוטמוטיקער, שוויינגנדיקער לאַפּלאַנדער, האָט ארויסגע־רופן די באַוואונדערונג פון א גאַנצן קאָנטינענט צו זיך, מיט זיין וויניק־רעקלאַמירטן אָבער ממש איבערמענטשלעכן אויפטו. ער האָט געראַ־טעוועט קאַנאַדעס נאַטורס־שטיף־קינדער, די עסקימאָסן, פונם ווייטן צפון ביים ארקטישן ראַנד פון לאַנגזאַמען אָבער זיכערן אונטערגאַנג.

ניט אַזוי גרינג איז עס אָנגעקומען די צייטונגסלייט ארויסצובאַקומען א וואָרט פון דעם צפונדיקן שווייגער. ווייל ווייסן דאַרף מען, אז דער בייזער צפון לייגט שטענדיק ארויף זיין שטעמפּל אויף זיינע ליבלינגען, און דער אַלטער ענדי באַהר איז אָן א ספק א ליבלינג אָדער בעסער געזאָגט, אן אוממיטלבאַרער טייל פונם בייזן צפון. וואָרן ווען ניט וואָלט ער קיין לעבע־דיקער צוריק ניט געקומען.

חדשים זיינען אַוועק ביז מען האָט פון זיינע געציילטע ווערטער ארויסבאַקומען איינע פון די וואונדערלעכסטע געשיכטעס פון אונדזער צייט אַזוי גוט ווי פון אַלע צייטן. א געשיכטע פון איבערמענטשלעכער אָנ־שטרענגונג, געדולד און אויסדויער געטאָפּלט מיט גרעניצלאָזן מוט, קראַפט און אונטערנעמונג־גייסט.

פּראָבלעמען און עקספּערימענטן

די קאַנאַדער רעגירונג איז געשטאַנען פּנים־אל־פּנים פאַר א שווערן קאַמף־און־האַרץ־ברעכנדיק פּראָבלעם. וואָס טוט מען צו ראַטעווען פון לאַנגזאַמען אָבער זיכערן אונטערגאַנג די הילפלאָזע עסקימאָסן באַפעלקערונג ? אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דעם האָט צוגעשטעלט דער באַרימטער אַרקטישער פאָרשער מאַיאָר בורמאַש, וואָס האָט יאָרן פאַרבראַכט אין די אַרקטישע געגנטן. ער האָט צווישן אַנדערש אויך שטודירט די לאַגע פון די נאַיווע, גוטמוטיקע עסקימאָסן. ער האָט געזוכט צו באַווירקן די רעגירונג אין אָטאַוואַ צו פאַרלייכטערן די שווערע לאַגע פון די שוצלאָזע נאָמאַדן.

מיט דער אויסשפּרייטונג פון אונדזער ציוויליזאַציע ווערט דער אומשולדיקער עסקימאָס פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. דער ווייסער מיט זיין אַריינדרינגען אַלץ טיפער אינם וויטן צפון, האָט צו זיין דינסט אַלע מאָדערנע דערפינדונגען און געווער פאַר געיעג אויף די פוטער־און־פלייש חיות, ווי אויך אויף די פאַרשיידענע ים־חיות. דערמיט האָט ער בוכשטעבלעך אַרויסגעריסן דעם ביסן פון מויל ביים עסקימאָס, וועמעס איינציקע חיונה דאָס איז אַלעמאָל געווען.

אמת, די רעגירונג האָט באַשטימט רעגולאַציעס שאַפנדיק ספּעציעלע טעריטאָריעס, וואָס זיינען שטרענג פאַרבאָטן פאַרן ווייסן, וואָס זיינען נאָר פאַרן בענעפיט פון די עסקימאָסן און אינדיאַנער, ווייל אויך זיי זיינען אָנגעוויזן מיט זייער חיונה נאָר אויף די פלייש־און־פוטער חיות, און די פישן פון די צפונדיקע וואַסערן, אָבער אויך דאָס האָט ווייניק געהאָלפן.

צו פאַרזיכערן די אינדיאַנער אין אַן עת צרה האָט די רעגירונג נאָך מיט יאָרן צוריק געמאַכט א דערפאָלגרייכן עקספּערימענט מיט בופל־אָקסן. דעמאָלסט האָט עס געהאַלטן דערביי, אַז די בופל־אָקסן וואָס האָבן פאַרפלייצט די נאָרד־אַמעריקאַנער פליינען אין סטאַדעס פון צענער־טויזנטער, זיינען אַזוי גרינטלעך אומגעבראַכט געוואָרן, אַז ס'האָט געהאַלטן ביי א פולשטענדיקן אונטערגאַנג פונם גאַנצן מין. די רעגירונג האָט זיך אַרומגעזען, אַז עס וועט זיין א פאַרברעכן צו דערלאָזן, אַז דער "מאָנאַרך פון די פּרעירים" זאָל פאַרשווינדן. האָט די רעגירונג אָפּגעטיילט א נאַציאָנאַלן פּאַרק אַרום וועינרייט, אַלבערטאַ, און האָט דאָרט געשאַפן א "סאַנקטום" פאַר דעם פאַרשווינדנדיקן בופל־אָקס, וואָס האָט זיך אין א פּאָר צענדליק יאָר אַזוי פאַרמערט, אַז ס'איז ענג געוואָרן דאָס פּלאַץ און די רעגירונג האָט געלאָזט יערלעך אויסשלאַכטן א פּאָר טויזנט פון זיי.

איז געקומען קאָלאָנעל קאַרנוואָל, א וועטעראַן פונם וויטן צפון, וואָס איז אויסגעבונדן מיט אַלע אינדיאַנישע שבטים פונם צפון, מיט אַלע זייערע נויטן און הונגער־געפאַרן, און האָט געוואָרנט דער קאַנאַדער רעגירונג ניט צו פאַרנאַכלעסיקן די אינדיאַנער. אָבער אָטאַוואַ איז צו ווייט און הגם מען האָט זיינע וואָרנונגען יאָ גענומען אין אַכט, איז אָבער א לאַנגע צייט גאָרניט געטאָן געוואָרן, ביז קאָלאָנעל קאַרנוואָל איז געקומען מיט א פּאַרטיקן, פּראַקטישן פּלאַן :

זאָל די רעגירונג בדרך עקספּערימענט אַוועקשיקן א צאָל בופל־אָקסן אין א באַשטימטער וואַלדיקער געגנט, אין דעם מאַקענזי־ריווער באַסיין, אין די נאָרד־וועסט־טעריטאָריעס. ער, קאַרנוואָל, נעמט זיך אונטער צו טראַנספּאָרטירן זיי אַהין, לאָזן זיי דאָרטן און זען ווי זיי וועלן זיך דאָרטן אַקלימאַטיזירן אונטער די נייע, שווערע צפון־באַדינגונגען. נאָך זיין מיינונג נאָך

האָט עס געמוזט געלינגען, ווייל דער בופל־אָקס איז א שטאַרקע אומדער־שראָקענע חיה, איז גרייט צו קעמפן קעגן וועלכער עס איז רויב־חיה און קען זיין שטעטל באשטיין. אויסער דעם האָט ער א שווערן פעלצענעם פוטער אויף זיך קעגן די שטאַרקע פרעסט, און מעכטיקע שאַרפן קלויען ארויסצובא־קומען זיין חיונה פון אונטערן שניי אום ווינטער.

אז ער האָט רעכט געהאט האָט זיך עס שפּעטער ארויסגעוויזן, ווען די רעגירונג האָט זיין פּלאַן גוטגעהייסן. צוויי טויזנט געקליבענע בופל־אָקסן האָט קאַרנוואַל טראַנספּאָרטירט צו דער ניי־באַשטימטער היים, א מרחק פון ארום פופצן הונדערט מייל ווייט אין צפון. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אז ס׳איז געווען א הערקולעסן־אויפגאַבע, מיט אַזעלכע ווילדע טייוואַלים, דורך אַזא ווילדערניש. ער האָט עס מיט גוואַלדיקע שוועריקייטן דורכגעפירט. די בופל־אָקסן האָבן זיך שנעל אַקלימאַטיזירט. זיי האָבן זיך געמערט און זיך געפרוכפּערט ווי גאָט האָט געבאָטן.

א ווייסן אין שטרענג פאַרבאָטן צו שיסן זיי. די אינדיאַנער האָבן די פּריווילעגיע צו שיסן זיי אין הונגער־צייט, ווען קאַריבו פעלט אויס, נאָר א באַשטימטע צאָל אויף א פאַמיליע.

דער דערפאָלג מיט די בופל־אָקסן האָט געדינט פאַר א גוטן ביישפּיל בנוגע דעם הילפלאָזן עסקימאָס, אז עפּעס דאַרף און קען געטאָן ווערן פאַר אים. אָבער ביים סוב־אַרקטישן און אַרקטישן צירקל קענען קיין בופל־אָקסן ניט עקזיסטירן. דאָרטן טרעפט מען נאָר אַמאָל א מאָסק־אָקס, וואָס איז בכלל פון קליינעם נוצן אפילו פאַרן עסקימאָס. האָט מען זיך ארומגעזען, אז ס׳איז דאָ א חיה וואָס הייסט רעינדיר (פון דעם מין וואָס איז געשפּאַנט צו "סאַנטאַ קלאָוס" שליטן).

דער רעינדיר איז אַנטוויקלט געוואָרן אין די אַרקטישע געגנטן אין נאָרוועגיע. אינם ווייטן סיביר איז עס כמעט דער איינציקער קוואַל פון חיונה פאַר די גאַנץ און האַלב ווילדע נאָמאַדן־שבטים, ווי טשוקטשען, אָסטיאַקן, טונגוזן, לאַפּלאַנדער א״א. דער דאָזיקער הירש באַזאָרגט זיי מיט אַלעם גוטן אזוי ווי די נאַטור וואָלט אים ספּעציעל באַשאַפן פאַר זיי. ער לאָזט זיך גרינג טרענירן צו גיין אין שפּאַן און צו טראָגן לאַסט. דאָס פליש איז גוט צום עסן, פון דער פעל מאַכט מען קליידער און שיך, אויך א צודעק פאַר די "יורטעס"; די אָדערן צום נייען, דעם חלב צו באַלייכטן די וווינונגען. אויסער דעם ווערן זיי אויך געמאָלקן.

דעם רעינדיר אויסצוהאַלטן קאָסט כמעט גאָרניט. איז דאָ וועלכע עס איז גראָז איז גוט, א בלעטל, א קוסט אויך ניט שלעכט. די הויפּט־שפּייז פונם הירש איז אָבער דער מאָך פון די גרעניצלאָזע זומפּיקע טונדרעס. ווינטער־צייט ווען אַלץ איז טיף פאַרשאָטן מיט שניי איז עס פאַרן הירש ניט קיין שטערונג. מיט זיינע שאַרפע קלויען שלאָגט ער אויף דעם שניי צו דערגרייכן זיין שפּייז. נאָר די לאַסט און הויז הירשן ווערן אָפּגעהיט און צומאָל געשפּייזט. אַלע אַנדערע וואַנדערן ארום פראַנק און פריי איבער דער אָפענער טונדרע.

אַלאַסקאַ האָט דעם רעינדיר אריבערגענומען פון סיביר, און ספּעציעל די לעצטע דריי־צענדליק יאָר איז עס אויסגעוואַקסן אין א גוואַלדיקער אינ־דוסטריע. געוויסע געזעלשאַפטן פאַרמאָגן ביז 50־60 טויזנט קעפּ און מער. זיי זוכן צו אַנטוויקלען אויף די אומגעהייערע רחבותן פון צפון־אַלאַסקאַ, וווּ די נאַטור אַליין זאָרגט פאַרן הירש, א נייע פליש־אינדוסטריע פאַר דעם אַמעריקאַנער מאַרק.

די קאנאדער רעגירונג האט ענדלעך באשלאסן אריבערצובורענגען דעם רעגינדיר אויך קיין קאנאדע, ווי א חיונה־קוואל פארן הילפלאזן עסקימאס. אויב דער הירש קאן געדייען אויף די סיבירער, נארוועגישע און אלאסקא טונדרעס, איז ניטא קיין סיבה פארוואס ער זאל ניט קאנען לעבן און זיך אנטוויקלען אויך אויף די קאנאדישע טונדרעס, אינם ווייטן צפון.

ענדי באהר קומט צו הילף

— מיר מוזן דיך האבן, ענדי ! — האט ראלף לאמען, פון די "לאמען בראדערס קארפארייישאן", אויפן באלדרווין האלב־אינזל, אלאסקא, זיך געזעגנט מיט א דרינגענדיקן אפיל צום 67 יאריקן לאפלאנדער, וועמען ער האט אויפגעזוכט אין סעאטל.

— כ'האב זיך אין ניו־יארק געטראפן מיט א פארשטייער פון דער קאנאדער רעגירונג. געשלאסן א קאנטראקט מיט אים צוצושטעלן דריי טויזנט רעגינדירס פונם קאטזעביו־סאונד טעריטארי, אלאסקא, ביז צום ריטשארד־איילענד, אין די נארד־וועסט טעריטאריעס, קאנאדע, דארטן ווו דער מעכטיקער מאקענזי ריווער ליידיקט אויס זיינע רוישיקע וואסערן אין דעם ארקטישן ים. דו, ענדי, נאר דו! ביסט דער יעניקער, וואס קען עס טאן. דו, און קיינער א חוץ דיר. דו מיט דיין לאנג־יאריקער באקאנטשאפט פונם ווייטן צפון, דו מיט דיין לאנג־יאריקער דערפארונג מיטן רעגינדיר, ביסטו דער איינציקער אונטערצונעמען עס. אויף דיר לייגט די קאנאדער רעגירונג איר האפענונג צו ראטעווען די הילפלאזע עסקימאסן, וואס זיינען פארמשפט צו בוכשטעבלעכן אונטערגאנג.

— א לאנגער שפאציר, — האט דער אלטער ענדי לאקאניש א זאג געטאן.

— יא, מעגלעך א יאר און א האלב, — האט לאמען געענטפערט.

— און אפשר צוויי יאר, — האט ענדי צוגעגעבן אויף זיין קאלט־בלוטיקן שטייגער.

— איך ווייס, ס'איז זייער א שווערע נסיעה ! — זאגט לאמען.

— יא, א סך וועלן פאלן אין וועג, אבער די קעלבער וועלן אויספילן דעם פארלוסט, — האט ענדי געלאסן פארענדיקט. פאר אים איז עס בכלל געווען א צו לאנגער שמועס.

ענדריו באהר, אדער אין קורצן ענדי, ווי ער איז באוווסט איבערן גאנצן אמעריקאנער ווייטן־צפון, איז געבראכט געווארן פונם נארוועגישן צפון מיט זיינע עלטערן ווען ער איז נאך געווען א יונגער יינגל. געבראכט האט זיי די אמעריקאנער רעגירונג צו אנטוויקלען די רעגינדיר אינדוסטריע אין אלאסקא. ווי א לאפלאנדער האט ער געירשנט די ליבע צו די רעגינדירס און די צוגעבונדנקייט צום בייזן צפון. ער אליין איז געווען דערפאלגרייך אין דער רעגינדיר אינדוסטריע. אבער האבנדיק אפגעשפארט א היבשן פארמעגן, האט ער באשלאסן אויף דער עלטער זיך צוריקצוציען פונם מסחר, חתונה האבן און פירן א רויק פאמיליען־לעבן.

מיט דעם צוועק איז ער געקומען קיין סעאטל, מיטברענגענדיק מיט זיך א לאנדסמיידל מיט וועמען ער האט חתונה געהאט. ס'האט ניט לאנג געדויערט ביז ער האט זיינע שווער־פארהארעוועטע, אפגעשפארט טויזנטער פארלארן אין די פארשיידענע אונטערנעמונגען — אוועקגעבלאזן ווי דורך א בליזארד, האט ער זיך אויסגעדריקט.

גראָד אין יענער צייט האָט זיך לאַמען געווענדעט צו אים, ווי צום בעסטן רעינדיר־עקספּערט אין דער גאַרער וועלט, אונטערצונעמען זיך אַרי־בערצוברענגען אַ דריי טויזנט קעפּיקע סטאַדע הירשן איבער אַ שטרעקע פון אַ צוויי טויזנט מייל און מער, ממש איבערן דאַך פונם ערד־קוגל.

צוויי טויזנט מייל פון וויסטער, באַרגיקער, פּעלזיקער, זומפּיקער, פאַרפראָרענער, דורך קיינעם ניט קיין אויסגעפּאַרשטער ווילדערניש, פול מיט געפאַרן אויף שריט און טריט, דאָס איז געווען ענדיס אויפגאַבע. ווער נאָך טאַקע ווי ענדי אַליין האָט פאַרשטאַנען און געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט איינעם אויף אַזאַ נסיעה ?

שרעקלעכע שניי־זאַווערוכעס, בליזאַרדס, וואָס האַלטן אָן טעג נאָכ־אַנאַנד, אָנפילנדיק די לופט מיט שטעכיק־געדיכטן טרוקענעם ווי זאַמד שניי, וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם און וואַרפט פון די פיס. פרעסט, וואָס פרירן ביז צום מאַרך פון די ביינער. די לאַנגע אַרקטישע נאַכט, באַלויכטן מיטן שוואַכן אָפּשיין פון דער פאַנטאַסטישער אָוראָראַ־באָרעאַליס (נאָרד־ליכט, אויף דער פאָלקס־שפּראַך). טשאַטעס פאַרהונגערטע, בלוטדורשטיקע וועלף. אפילו דער קורצער זומער ברענגט ווייניק דערלייכטערונג. דער נאָר טיילווייז אָפּ־געגאַנגענער באָדן ווערט פאַרוואַנדלט אין זומפּן. מיליאַרדן מאָסקיטאָס און נאָרד־פליגן בייסן אומברחמנותדיק דורכן גאַנצן דריי־חדשימדיקן זומער־טאָג. די אַרקטישע זון, וואָס באַהאַלט זיך דורכן לאַנגן ווינטער, ברענט אומדערטרעגלעך אין זומער. דאָס און נאָך אַ סך אַנדערע אומגעהייערע שוועריקייטן האָבן אים דערוואַרט. ער האָט עס גוט געוווּסט, אָבער ס'האָט אים ניט אָפּגעשראָקן. דאָס איז ענדי באַהר . . .

ענדי לאָזט זיך אין וועג

אין עראָפּלאַן האָט אַרויפגענומען ענדי באַהר ביי דער "לאַמען־ברידער" באַזע, אין אַלאַסקאַ, און איז שעהן לאַנג אַרומגעפּלויגן איבער דער ווילדערניש. ענדי, מיט אַ שטאַרקע פּאָר פעלד־גלעזער ביי די אויגן, האָט ביי זיך אין זכרון פאַרצייכנט זיין מאַרשרוט ווי אויך באַזעס פאַר זומערדיקע קעמפּס. דורך באַרג־קייטן, טייכן, טונדרעס, טאָלן, אָפּגרונטן — אין אָט דעם ווילדן כאַאָס האָט ער זיין וועג אָנגעצייכנט.

אויף מאָרגן נאָך ניטל פון יאָר 1929, בלויז צוויי יאָר נאָך זיין חתונה, האָט זיך ענדי מיט זיינע אַרויסהעלפערס, פינף לאַפּלאַנדער און פינף עסקי־מאָסן, אַכט רעינדיר־הינט און פינף איידאָהאָ שאָף־הינט, זיך גערירט אין וועג. די סטאַדע איז באַשטאַנען פון 3,442 הירשן, אויסגעקליבן פון 20 טויזנט, די יינגערע, ווייל זיי זיינען ניט צו שטאַרק צוגעבונדן צו זייער געבורט־פּלאַץ, און די שטאַרקסטע, כדי זיי זאָלן קענען אויסשטיין די אָנ־שטרענגונג פון אַזאַ נסיעה. 2,800 נקבות, 305 זכרים. די איבעריקע זיינען געווען טרענירט צו שלעפּן 49 שווער־געלאָדענע, ספּעציעל צוגעגרייטע שליטנס מיט פּראָוויאַנט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די ווונדער־מעשה פון אַ זעלטענער אויס־טערלישער נסיעה. ענדי פאַרלאָזט נאַבאַקטוקיק, עלעפאַנט־פּאָינט אינם צפון, ביים מערב ראַנד פון אַלאַסקאַ, אין דער באַגלייטונג פון דער גאַנצער לאָקאַלער באַפעלקערונג. באַלד נאָך דעם איז ענדי מיט זיין הייפעלע אַרויסהעלפערס און מיט דער ריזיקער האַרדע הירשן פאַרשלונגען געוואָרן אין דער ווילדער, וויסטער, פאַרפראָרענער טונדרע. מיטן פּנים געווענדט צום אַרקטישן צפון־

ראנד, און פון דארטן צום מזרח ביז דער מעקענזי ריווער דעלטא און ריטשארד איילענד — א שטרעקע פון איבער צוויי טויזנט מייל.

וואכן נאך וואכן זיינען אוועק. דער בייזער צפון האט ארויסגערופן אלע זיינע משחיתים פון זייערע באהעלטענישן צווישן די פאליום-אייזבערג: שניי-שטורעמס, ווילדע בליזארדס, וואס האבן טעג נאכאנאנד געהוליעט אין א שדים-טאנץ, אנהויפנדיק בערג מיט שניי, שמייסנדיק אומברחמנותדיק דעם קאראוואן; פרעסט וואס האבן געברענט, דעם אטעם ניט אפצוכאפן. דער בייזער צפון האט געזוכט צו באשטראפן דעם קליינעם מענטשעלע פאר זיין חוצפה צו וועלן דורכשפרייזן זיין קעניגרייך מיט א גאנצן קאראוואן. אבער ענדי האט זיך ניט אונטערגעגעבן. אין פנים פון די אלע שטערונגען האט ער געבראכן דעם וועג און איז לאנגזאם געגאנגען פארויס.

דער שטורעם און פראסט האבן נאכגעלאזט. אבער דער צפון האט אנדערע שפיצלעך צוגעגרייט. א ווארעם ווינטל האט פלוצלונג א בלאז געטאן און דער אנגעהויפנטער שניי איז ווי מיט הארטן גלאז באדעקט געווארן. די הירשן האבן מער ניט געקאנט ארויסקאפען דעם מאך פון אונטערן שניי. דאס האט ענדין געבראכט פנים־אל־פנים מיט א הונגער־געפאר פאר זיינע הירשן. ענדי פארלירט זיך ניט, גיט א סיגנאל אפצושטעלן זיך, הייסט זיך נעמען פאר האק און פיקע. שעהן נאכאנאנד ארבעט מען אן אפרו, ביז א גרויסער שטח איז אויפגעבראכן געווארן און די הירשן האבן וואס צו עסן.

די לאנגע צפון־נאכט האלט אן. ענדי רוקט זיך ביסלעכווייז פארויס, ביז ער קומט צו אן אומדערווארטעטן באריער. דער איינציקער שמאלער דורכגאנג צווישן די פעלזיקע בערג איז אזוי געדיכט מיט בוים און קוסט פארוואקסן, אז ס'איז אוממעגלעך דורכצוגיין. ענדי ווייס וואס צו טאן: ווידער א סיגנאל זיך צו נעמען פאר די העק. ווי געשפענסטער פון אן אומרע־אלער וועלט אין דער דין, בין־השמשותדיקער טונקלקייט, ביים כוואליענדיקן אפ־שיין פונם נארד־ליכט, האבן די עטלעכע פארלארענע מענטשן געשוויצט אינם ברענענדיקן פראסט, האקנדיק א דורכגאנג פאר די הירשן. און מען רוקט זיך פארויס.

פלוצלונג ווערן די ניט־גוט געניבטע שפאן־הירשן דערשראקן פאר עפעס און לאזן זיך לויפן אין אלע ריכטונגען, ברעכנדיק דעם געשפאן, צע־ווארפנדיק דעם פראוויאנט איבערן שניי און שאפנדיק א פאניק צווישן דער גאנצער סטאדע. עס גאדויערט א שיין ביסל צייט און אנשטרענגונג צו בארויקן די הירשן, צוזאמענצוברענגען די צעלאפענע, צונויפנעמען דעם צעווארפענעם פראוויאנט און צו ברענגען אלץ אין ארדענונג.

ענדי באפעלט זיך אפצושטעלן אויף א זעקס שעה אפרו. אנגעהאקט יונגע ביימלעך, ארומגערייניקט די צווייגלעך פון די שטאמען, געמאכט א דיל אויפן שניי, די צווייגן פון דריי זייטן ארומגעשטעקט, אנהויפנדיק שניי ארום דעם. ביים פערטן, אפענעם זייט צעלייגט א שטארק פייער, ביז א געוויסן גראד דאך א שוץ קעגן ווינט און פראסט.

די הינט האלטן די הירשן אין ארדענונג. די מענטשן נעמען זיך אויס־צוקלאפן זייערע פארפרארענע, פארשנייטע פעלצן, כדי ניט נאס צו ווערן ביים אפשמעלצן, און מען נעמט זיך צום ארעם־מאלצייט. אביסל געקאכטע רייז, געטריקנטע פיש און קאכעדיקע טיי. א טעפל הייסע טיי העלפט צו דערווארעמען זיך וואס גיכער. די שרעקלעכע מידקייט פילט זיך אין אלע גלידער ווי מיט שווערן בליי און מאכט שלעפעריק. מען וויקלט זיך איין אין

די עטוואס אַנגעוואָרעמטע פעלצן און איידער דער קאָפּ באַרירט דעם האַרטן דיל, שלאָפט מען שוין מיט א שווערן, האַרטן שלאָף, וואָס ברענגט מיט זיך פרישע קרעפטן.

אַלע שלאָפן, נאָר ניט ענדי. ווי קען ער שלאָפן? האָבנדיק אזא גרויסע אחריות אויף זיך, זיצט ער געבויגן, זיין מילדער בליק געצילט אויפן צאַנקנדיקן פייער פון וועלכן דער אָפּשיין פאַלט אַלץ שוואַכער און שוואַכער, באַלייכטנדיק די שלאָפנדיקע הינטער אים מיט א בלאַסער שיין. די הירשן, צופרידן פונם אָפּרו, שטייען רויִק, געפּאַקט אין א געדיכטער מאַסע, עס זאָל זיין וואַרעמער. דער אָפּשיין פונם שוואַכן פייער צעוואָרפט פאַנטאַסטישע שאָטנס אַרום זיי. אין דער טיפער טונקלקייט פון דער נאַכט זעט אויס די סטאַדע הירשן מיט זייערע צעצווייגטע הערנער, ווי א באַוועגלעך וועלדל.

דער שוואַרץ־בלויער הימל־געוועלב איז מיט מיריאַדן בליצנדיקע שטערן פאַרזייט. די נאַכט איז שטיל, פול מיט סודות. דער פראָסט שטאַרקט זיך, דאָס נאָרד־ליכט צעשפּילט זיך איבערן הימל־רוים אין א פאַנטאַסטיש־וואונדערלעכער קאָלירן־סימפאָניע. אָט צעפאַלדעוועט זיך עס ווי א גיגאַנטי־שער פאָרהאַנג איבערן גאַנצן הימל־געוועלב און אָט קנוילט זיך עס, פלעכ־

טנדיק מערקווירדיקע רעגן־בויגנס אוזאָרן, אָנפילנדיק דעם גאנצן אויר מיט א קוים הערבארן, סודותדיקן געדויש, ווי דאָס פאַכעז פון לייכטע פליגל. דאָס גראַנדיעזע, ווונדערלעכע, קאָלירן שפיל ציט, כישופט און פאַרוויגט מיט א שלאָף פון וועלכן ס׳איז ניט צו דערוואַכן. איינס פון די בייזע צפונדיקע שפּיצלעך. קען ער ניט אומברענגען מיט בייזן, זוכט ער עס צו טאָן בנשיקה. אָבער ניט ענדי וועט זיך לאָזן פאַרפירן פון דעם כישוף, צו גוט איז אים באַקאַנט דער צפון.

פלוצלונג האָט זיך דערטראָגן פון דער פאַרגליווערטער נאַכט אַרויס צו ענדיס אָנגעשפּיצטע אויערן אַן אויסגעצויגן פאַלצעטאַ, שאַרף דורכדרינ־גענדיק, און איז אַזוי ווי געבליבן הענגען אין דער פראָסטיקער נאַכט, אָפּ־הילכנדיק אין דעם גאַנצן אַרום. דאָס איז געווען דער אור־אַלטער אימפּעדיקער פּרימיטיווער רוף פון דעם פאַרהונגערטן צפון־וואָלף צו דער טשאַטע צו וואַרפן זיך אין שלאַכט פאַר בלוט, היים פולסירנדיק בלוט, צו שטילן דעם דאַרשט און נאָגנדיקן הונגער, וואָס פרעסט דאָס אינגעווייד ווי א בייזער וואָרעם. איידער דער פאַלצעטאַ־אָפּקלאַנג איז אָפּגעשטאָרבן, האָבן זיך גע־לאָזט הערן אָפּרופן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. איינס, צוויי, צען און נאָך און נאָך . . . א גאַנצער ווילדער כאָר, פון וועלכן די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך אויפגעשטעלט, דורכשטעכנדיק דעם מוח. ס׳זאָל הייסן, מען איז גרייט צו דער שלאַכט. די הירשן ווייסן צו גוט זייער אור־שונא, ווערן שטאַרק אומרויק. אין א מאָמענט קען אויסברעכן א פּאַניק צווישן זיי, וואָס וועט קאָסטן א שיין ביסל הירשן־לעבנס. ענדי שפּרינגט אויף, כאַפּט זיין ביקס און וועקט באַלד אויף אַלעמען : צו די ביקסן! צו די ביקסן ! ! ! די פאַרפלוכטע נאָרד־רויבערס זיינען דאָ! ניט מער שלאָפן, מיר מוזן האַלטן וואַך ! ! !

די צייט און די סטאַדע רוקן זיך לאַנגזאַם פאָרויס. אָט איז מען אָנגעקומען צום סעלוויק־ריווער. פון ביידע זייטן הויכע, פעלזיקע ברעגן. נאָך א לאַנג זוכעניש האָט ענדי געפונען א שוועדן, אָבער מעגלעכן צוגאַנג צום טייך. שעהן לאַנג האָט געדויערט, ביז מען האָט געצוווּנגען די הירשן אַרונטערצולאָזן זיך דורך דעם ניט־צו־זיכערן אַראָפּגאַנג. מערערע זיינען אומגעפאַלן איבער די שאַרפע, מיט שניי באַדעקטע שטיינער, און זיך מער ניט אויפגעהויבן. אַזעלכע האָט ענדי אויס רחמנות געמוזט שיסן. ווען מען האָט ענדלעך געבראַכט די סטאַדע ביז צום טייך, האָט זיך אַנטפּלעקט א שפּאָגל־נייע, געפערלעכע שטערונג. די שטורעמס האָבן אַראָפּגעבלאָזן דעם שניי און האָבן אָפּגעשלייפט דאָס אייז, ביז ס׳איז געוואָרן האַרט ווי שטאָל און שרעקלעך גליטשיק. ס׳איז ממש ניט מעגלעך געווען איינצושטיין אויף די פיס. די הירשן זיינען ביים קלענסטן ריר געפאַלן אויפן אייז. ווידער א פּאַניק, די געפאַר איז גרויס.

ענדי פאַרלירט זיך ניט, — צו די העק! שרייט ער אויס. און חברה האָט זיך גענומען אָנקאַרבן דאָס אייז איבער גאָר דער ברייט פונם טייך. א הערקולעסן־אַרבעט, אָבער אָפּגעטאָן און אַריבערגעפירט די סטאַדע בשלום אויף דער אַנדערער זייט.

ס׳איז סוף פעברואַר. די סטאַדע איז ערשט דורכגעגאַנגען בערך איבער הונדערט מייל, אָבער ענדי מיט זיינע אַרויסהעלפערס האָבן דורכ־געמאַכט צוויי־דריי מאָל אַזויפיל אויף סקים און שניי־שיד. מען האָט שטענ־דיק געמוזט האַלטן א שאַרף אויג אויף די לידערס, זיי זאָלן ניט מאַכן קיין

השיבנו נאזאד, די זייטיקע זאַלן ניט פאַרקריכן קיין בויבעריק און די הינ־טערשטעליקע זאַלן זיך גלאַט אַזוי ניט אָפּשטעלן. מענטש און חיה זיינען שטאַרק מיד, אויסגעמאַטערט.

ס'הויבט אָן צו טאָגן. די לאַנגע צפון־נאַכט הויבט אָן מינוטנווייז צו ווערן קירצער. די זון ווייזט זיך ביים הימל־ראַנד, ווי דער סערפּ פון א נייער לבנה, צעשפּרייטנדיק א בינטל קאַלטע שטראַלן נאָר פאַר א ווייל, מיט יעדער טאָג אַביסל לענגער — אין אַנזאָג, אַז דער קורצער צפון־זומער האַלט ביים אָנקומען. ענדי הייבט אָן טראַכטן וועגן א זומער־קעמפּ פאַר דער סטאַדע, ווייל ראשית, זיינען דאָ א סך טייכן און שטראָמען, וואָס ס'איז אוממעגלעך איבערצוגיין אין זומער; והשנית, די טונדרע־זומפּן זיינען זייער געפערלעך; והשלישית, מיטן פרילינג הויבט זיך אָן דער קאַלב־סעזאָן, די מוטערס מוזן האָבן רו און פּאַשע פאַר און נאָכן געבורט. דאָס יונגוואַרג מוז האָבן גענוג צייט צו שטעלן זיך אויף די פיס אויסצושטיין די גרויסע שוועריקייטן פון דער ווייטערדיקער נסיעה.

געזוכט און געפונען א פּאַסיק פּלאַץ פאַרן זומער־קעמפּ אין דעם האַנט־ריווער טאָל, צופוסנס דער ענדיקאַט באַרג־קייט. צוויי חדשים זיינען אוועק. געדעקט האָט מען בערך איבער א הונדערט מייל, מיט א קלייניקייט פון נאָך קאַרגע צוויי טויזנט מייל צו דעקן . . .

דער קעמפּ איז ווי געוואונטשן: גוטע פּאַשע, גוט וואַסער און גוטע שוץ־פּלעצער פון א שטורעם. אָבער דער קורצער זומער האָט מיט זיך געבראַכט א נייעם קוואַל פון צרות און אַנשיקעניש. ראַיעס בלוט־זויגנדיקע פליגן און קאָמאַרעס, האָבן אומברחמנותדיק געביסן מענטשן און חיה. די אַרקטישע זון האָט, ווייזט אויס, געזוכט גובר צו זיין דעם בייזן ווינטער מיט זיינע פרעסט, האָט זיך אַזוי צעוואַרעמט און צעהיצט, גרייכנדיק העט איבער 90 אין שאָטן. צוזאַמען מיט דער אַרומיקער פייכטקייט איז עס געווען ממש אומדערטרעגלעך.

מיטן אָנקומען פונם קאַלב־סעזאָן איז די סטאַדע געוואָרן שטאַרק אומרויִק. אַן איינגעבאָרענער אינסטינקט ציט זיי צו געבוירן דאָרט וווּ זיי אַליין זיינען געבאָרן געוואָרן, ד"ה, ביי זיך אין דער היים . . .

אונטערוועגס

נאָך צען חדשים אונטערוועגס, האָט דער קאַראַוואַן צום ערשטן מאָל דערזען א מענטשן. א ריזיקער עראָפּלאַן האָט זיך פון די וואָלקנס אַרונטער־געלאָזט. זיין אָנקומען איז געווען העכסט צייטמעסיק. ראשית, געבראַכט זייער נייטיקן פּראָוויאַנט; והשנית, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פון פריער אָנגעצייכנטער מאַרשרוט האָט ניט געטויגט. גאַלע פעלזן־בערג מיט אָפּגרונטן, קיין גראָז, קיין קוסט און קיין מאָד — און די הירשן דאַרפן האָבן פּאַשע.

אַריינגעמענדיק ענדין אינם עראָפּלאַן, האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט זוכן א נייעם וועג. מיט שטאַרקע פאַרגרעסערונג־גלעזער ביי די אויגן, האָט דער קליינער לאַפּלאַנדער מיט זיינע אָדלער־אויגן געפאָרשט די טעריטאָריע איבער וועלכער זיי זיינען געפלויגן. אויבן, — שניי־באַלאָדענע שטורעם־וואָלקנס, אונטן, — אַן ענדלאָזער מדבר באַזייט מיט פעלזיקע באַרג־שפּיצן,

דורכגעשניטן מיט טייכן און שטראָמען. צווישן אַט־דעם גראַנדיעזן לאַבי־רינט האָט ענדי ביי זיך אין זכרון פאַרצייכנט א נייעם מאַרשרוט. זיי לאָזן זיך אַרונטער לעבן קעמפּ. דער פּילאָט שמועסט מיט ענדין, געזעגנט זיך און ווערט פאַרשלונגען צווישן די פינצטערע וואָלקנס. די פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט איז ווידער אָפּגעשניטן. ענדי גרייט זיך אין וועג אַריין.

סוף נאָוועמבער, 1930, רירט זיך ענדי מיט זיין קאַראַוואַן אין וועג דורכן אַמבלער־ריווער דורכגאַנג. זיין סיגנאַל צו רירן זיך איז גלייכצייטיק אויך געווען א סיגנאַל פאַרן בייזן ווינטער לויז צו לאָזן זיינע סטיכישע עלעמענטן: ס'האָט אויפגעבלאָזן אַזאַ שטורעם וואָס האָט ממש פון די פיס געוואָרפן חיה און מענטש, בלענדנדיק די אויגן און אַנהויפנדיק בערג מיט שניי. די מענטשן האָבן געמוזט איינגראָבן זיך אינם טיפן שניי, כדי ניט פאַרטראָגן צו ווערן פונם שטורעמווינט, וואָס האָט געפייפט און געהוזשעט, גלייך דער גיהנום וואָלט לויז געלאָזן אַלע זיינע משחיתים. די הירשן אין גרויס פּאַניק זיינען זיך צעלאָפן אַוועק פונם שטורעם. ווען דער שטורעם האָט נאָכגעלאָזן און די דערשעפּטע מענטשן מיט די אויסגעמאַטערטע הינט האָבן זיך פונם טיפן שניי אַרויסגעגראָבן, איז מער ניט געווען קיין סטאַדע.

זינקענדיק אינם פרישן אָנגעהויפנטן שניי, האָט זיך ענדי מיט זיינע באַהעלפערס געלאָזט זוכן די הירשן, ווער אויף סקים און ווער אויף שניי־שיך. דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, די צפון־נאַכט האָט זיך אויסגעצירט אין איר פולער גלאָריע. פון אונטן אַן ענדלאָזע שניי־וויסטע, פון אויבן א טיף־בלויער הימל־געוועלב אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן, וואָס האָבן שטיפעריש אַרונטערגעווונקען פון דער וויַיטער הויך.

שעהן נאָך שעהן זיינען אַוועק אין איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג. ענדי גיט ניט אויף. שפּאַנט פאָרויס מיטן קאָמפּאַס אין האַנט און אָט, זיינע סקים פאַרטשעפּען זיך אין א שאַרפן פעלזן שפּאַלט. קומענדיק צו זיך געפינט ער אויס אַז פון זיין קאָמפּאַס איז דאָ אים אין האַנט פאַרבליבן נאָר א צעבויגן שטיקל מעטאַל. דאָס שטעלט אים אָבער ניט אָפּ. ער וואַרפט אַוועק די שיריים פון זיין קאָמפּאַס און מיט די אויגן געווענדט צום צפון־שטערן האָט ענדי ווידער געשפּרייזט.

הונגער, קעלט און די שווערע שעהן לאַנגע אָנשטרענגונג, האָבן צעטרייסלט זיינע נאָכפאָלגערס. זייערע כוחות און נערוון האָבן ניט אויס־געהאַלטן. פּלוצלונג דערהערט ער אַן אויסגעשריי אין דער נאַכט:

— מיר בלאָנדזשען, מיר זיינען פאַרלאָרן!

ענדי האָט באַגריפן די געפאַר. ער האָט אָבער זיין קאַלטבלוטיקייט ניט פאַרלאָרן אַפילו אין דעם קריטישן מאָמענט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויסגלייכנדיק זיך אין זיין פולער פינף־פוסיקער הויך און האָט געלאַסן א זאָג געטאָן:

— קענט איר מיך זען אָדער ניט?

זיי האָבן שטילערהייט געענטפערט, אַז זיי קענען אים זען.

— נו, אַזוי לאַנג ווי איר קענט מיך זען, זייט איר ניט פאַרלאָרן! מיט מיר זייט איר ווי ביי זיך אין דער היים. פאָלגט מיר נאָך!

אָפּווישנדיק דאָס פאַרשנייטע פּנים מיט דער הענטשקע, האָט ער זיך ווידער געלאָזט שפּאַנען און אַלע, פאַרשעמטע, נאָך אים...

די הירשן ווי ניט איז צוזאמענגענומען, א צאָל האָבן געפעלט, אָבער אזוינס מוז מען דערווארטן. טעג נאָך טעג, וואכן נאָך וואכן, האָט ענדי געפירט זיין קאַראַוואַן דורך די ווילדע בערג. די לאַנגע צפון־נאַכט האָט זיך גאַרניט געוואָלט ענדיקן. אויף שריט און טריט גוואַלדיקע שוועריקייטן איבערצוקומען, אָבער קיין זאַך האָט זיין גאַנג ניט געקאָנט אָפּשטעלן.

אָבער אָט ווייזט זיך שוין אויפן מזרחדיקן הימל־ראַנד א גרויע מילכיקע ווייסקייט — און אַנזאָג, אז די לאַנגע נאַכט הויבט אָן צו ווערן קירצער. דאָס מיינט, אז מען דאַרף שוין טראַכטן וועגן א זומער־קעמפּ פאַר דער סטאַדע. ענדי האָט עס גוט אין זינען. דאָס פּלאַץ האָט ער ביי זיך אין זכרון פאַרצייכנט. אָבער ווער ווייס וויפל נאָך שטערונגען ער וועט באַגעגענען, ביז ער וועט דעם ציל דערגרייכן? . .

א שמחה, א פרייד! די בערג דורכגעשניטן, דעם געזוכטן קאַלדוועל־טאָל, מיט גוטער פּאַשע פאַר די הירשן דערגרייכט. ס'איז נאָך אייגנטלעך צו פרי צו מאכן א קעמפּ, אָבער ביז אן אַנדער קעמפּ־פּלאַץ איז צו ווייט, טאָר מען ניט ריזיקירן. באַשליסט ענדי צו בלייבן דאָ זומערן.

די זון הויבט אָן שיינען אַלץ מער און מער. עס ווערט וואַרעמער. דער שניי הויבט אָן שמעלצן. די טונדרע ווערט ווייך, זומפּיק. קיין מאָד פאַר די הירשן פעלט ניט, אָבער שפּייז פאַר זיך און די הינט איז אויסגעגאַנגען. דער הונגער נאָגט, אַלץ וואָס מען האָט געהאַט מיט זיך האָט מען אויפגעגעסן. אָבער שלאַכטן א הירש דערלויבט ניט ענדי ביז א טויטלעכן הונגער־אַנגסט. ענדי איז ענדלעך געצוווּנגען צו קוילענען א הירש. דער שרעקלעכער הונגער פון מענטש און הונט איז געשטילט געוואָרן. זאָל עס זיין מיט רוי־פלייש.

קיין צופיל אַרבעט אין קעמפּ איז ניטאָ. ס'איז דאָ מער צייט צו רוען. ווען ניט דער נאָגנדיקער הונגער וואָלט שוין געווען ניט שלעכט. די קליינע גרופּע דרייט זיך אַרום דורכן טאָג מיט די אויגן צום הימל. אולי ירחם! . .

פּלוצים באַווייזט זיך א פּלעק אויפן ווייטן האָריזאָנט. עס ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. עס דערהערט זיך א שטיל הוזשעריי וואָס ווערט שטאַרקער און הילכעדיקער. ענדלעך וואַקסט אויס פאַר זייערע אויגן א ריזיקער פּראַכט־עראָפּלאַן, קרייזלט זיך אַרום, ביז ער לאָזט זיך אַראָנטער אויפן אָנגעצייכנטן פּלאַץ, פול געלאָדן מיט נויטיקן פּראָוויאַנט און אַנדערע נויטיקע מכשירים.

חברה האָט זיך א וואָרף געטאָן אויפן שפּייז ווי הונגעריקע וועלף. דער פּילאָט האָט געהאַט א קורצן שמועס מיט ענדין. אויסלאָדנדיק דעם פּראָוויאַנט האָט ער אים ווידער מיטגענומען אויסצופאָרשן דעם מאַרשרוט פאַרן קומענדיקן ווינטער און אויך א פּלאַץ פאַרן קומענדיקן זומער־קעמפּ. ברענגענדיק ענדין צוריק, נאָך עטלעכע שעה אַרומפליען האָט זיך דער פּילאָט געזעגנט מיט זיי און איז אַוועקגעפלויגן. דער קאַראַוואַן בלייבט איבער אויף נאָך א יאָר אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, אָנגעוויזן אויף ענדי באַהר.

דורכן קורצן זומער האָבן זיך מענטש און חיה גוט אויסגערוט, אויף וויפל ס'איז מעגלעך געווען, זיך אָפּגערוט און ווידער געגעסן; געגעסן, געשלאָפן און ווידער געגעסן . . .

ס'איז שוין שפּעט אין ווינטער, 1932.

דער קאַראַוואַן איז אַריינגעדרונגען טיף אינם אַרקטישן צירקל. ביים שוואַכן אָפּשיין פונם נאָרד־ליכט האָבן זיי זיך געריקט לאַנגזאַם אַלץ ווייטער און נעענטער . . . די טעמפּעראַטור איז געפאַלן וואָס אַמאָל נידעריקער. ס'איז שוין 60־65. דער טערמאָמעטער איז אינגאַנצן פאַרפראָרן. די קעלט דרינגט דורך און זויגט אויס דעם מאַרך פון די ביינער. אַ רוי ווינטל האָט עס פאַרשאַרפט ביז אומדערטרעגלעכקייט. די טרייבער בעטן זיך ביי ענדיין אָפּצושטעלן זיך ביז די קעלט וועט נאָכלאָזן. ער ענטפערט גאָרניט. שווייגנדיק שפּרייזט ער ווייטער. פּעריציק שעה אַז אָפּרו, אַן, שפּייז, אַן שלאָף — פלאָנטערן זיי זיך פאָרויס. ס'האָט אויסגעזען ווי די עלעמענטן ווילן דאָך ברעכן דעם איינגעשפּאַרטן ענדי באַהר.

די פירער פון דער סטאַדע האָבן רעוואָלטירט, ווייטער וועלן זיי ניט גיין. קיין מיטלען, וואָס דער דערפאַרענער ענדי האָט אָנגעווענדט האָבן ניט געהאָלפן. איז דאָס נאָך ווייניק, האָט זיך פּאַיאַוועט אַ נייע צרה. פּלוצלונג ווי פונם טיפן שניי אַרויסגעוואַקסן, האָבן זיך באַוויזן גרויע סילועטן — ווי שאָטנס האָבן זיי זיך בליצשנעל אַריינגעשלייכט צווישן דער סטאַדע. ברענענדיקע אויגן שיסן מיט פייער, גאַווערדיקע ציינער אַרויסגעהאַנגען, גלימעריק־ווייסע ציין גרייט מיט בלוטדורשט אַריינצוזינקען אין וואַרעם־צאַפּלדיק לייב.

אַ טשאַטע פאַרהונגערטע וועלף, געבייטשט פון די שרעקלעכע פרעסט, געיאָגט פונם נאָגנדיקן הונגער — קען זיי קיין זאַך ניט אָפּשטעלן און אָפּשרעקן.

אַ בייזע בהלה, אַ יאַטקע אין דער פינצטערניש פון דער אַרקטישער נאַכט; אַ רייסעניש, אַ כאָרכלעניש פון טויטלעכע אַנגסטן. ציין קנאַקן ווי שטאָלענע טרעפּס, ציינער כראָמטשען ,הירשן פאַלן, דער שניי ווערט ראָזרויט פונם קאָכיקן בלוט. די צעווילדעוועטע סטאַדע צעלויפט זיך אין גרויס פּאַניק, אין אַלע זייטן ,געיאָגט פון די צעיושעטע וועלף. הילפלאָז איז דער קלענער לאַפּלאַנדער. ער האָט זיין שפּיל פאַרלאָרן. האָט ער פאַרלאָרן?

אָ, ניין! ניט ער, ענדי באַהר . . .

ער שטעלט זיך אָפּ, מאַכט קעמפּ. לאָזט זיינע מיטהעלפער קומען צו זיך פונם קאָשמאַר. און ווען דער גיהנום ווערט אַביסל איינגעשטילט, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ גוואַלדיקן חורבן, ווערט ערשט קלאָר פאַר ענדין וואָס פאַר אַ שלאַכטפעלד ס'איז איבערגעבליבן אויף זיינע הענט: שיריים פון צענדליקער הירשן צעוואָרפן איבערן פאַרבלוטיקטן שניי, און פון דער סטאַדע קיין סימן ניט. ער אַרבעט אויס אַ פּלאַן, אויסרעכענענדיק ווי ווייט די הירשן קענען זיין אַוועק. ער טיילט פאַנאַנדער זיינע מענטשן אין צוויי פּאַרטיעס, צעטיילט דעם פּראָוויאַנט צווישן זיי און אַרבעט אויס אַ מאַרשרוט מיט אַלע איינצלהייטן.

ענדי מיט צוויי עסקימאָסן און אַ לאַפּלאַנדער, האָבן זיך געלאָזט זוכן די צעוואָרפענע סטאַדע הירשן. דער אַנדער פּאַרטיע האָט ער צוגעגרייט אַ מאַרשרוט צו גיין גלייך צום בלאַר־ריווער טאָל אויף דער קאַנאַדער טעריטאָריע, און וואַרטן דאָרטן ביז ער וועט אָנקומען מיט די הירשן. די צווייטע פּאַרטיע האָט איינגעשטימט אויסצופאָלגן ענדים פאַראָרדענונגען. אַזוי שנעל

ווי ער מיט זיין פּאַרטיע זיינען פאַרשוואונדן אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט, האָט זיך די צווייטע פּאַרטיע געלאָזט אין וועג. זיי האָבן צונויפגעקליבן אַ געוויסע צאָל הירשן, כדי זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן און האָבן זיך פאַרקי־רעוועט צוריק. אַזוי האָבן זיי בכל אופן גערעכנט. וואָכן זיינען פאַרבײַ, די דעזערטירער זיינען זיכער געווען ביי זיך, אַז זיי וועלן שוין ענדין מער ניט זען.

די קאַנאַדער רעגירונג, דערוואַרטנדיק אַז דער קאַראַוואַן דאַרף זיך שוין פון לאַנג געפינען אויף קאַנאַדער טעריטאָריע, ביי אַ געוויסן פּונקט, האָט אַרויסגעשיקט אַן עקספּעדיציע. אָבער נאָך אַ לאַנגן זוכן האָט זיך די עקספּעדיציע צוריקגעקערט שטאַרק אַנטוישט און מיט דער איבערצייגונג, אַז דער גאַנצער קאַראַוואַן, צוזאַמען מיט ענדין איז אומגעקומען ערגעץ אין דער ווילדערניש. האָט מען אַרויסגעשיקט אַ צווייטע עקספּעדיציע אויף עראָפּלאַנען. די טעג זיינען עטוואָס לענגער געוואָרן. דער זומער איז שוין אונטערוועגס. דער פּילאָט מיט זיין באַגלייטער האַלטן די אויגן אָפן, פאַר־שנדיק אַלץ פון דער הויך. הא ! וואָס איז דאָס ? זיי גלויבן ניט זייערע אויגן. דורכשניידנדיק דעם בלאָר־ריווער טאָל, האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זייערע אויגן אַ היבשע סטאַדע הירשן. זיי האָבן זיך גלייך אַרונטערגעלאָזט און ענדי איז געווען ביים עראָפּלאַן צו באַגעגענען זיי. וואָס אַזוינס איז געשען? ענדי גיט זיי אַלץ איבער אין געציילטע ווערטער.

ביים צעטיילן זיך האָט די צווייטע גרופּע געהאַט בסך־הכל אַ פּאָר צענדליק מייל צו דערגרייכן דעם באָר־ריווער טאָל. ענדי מיט זיין פּאַרטיע האָבן געהאַט צו דעקן הונדערטער מיילן, צוזאַמענצוקלייבן די יתר־הפליטה פון דער הירשן־סטאַדע. די ווילדערניש איז פאַרזייט געווען מיט הונדערטער פאַרשטאַרטע, האַלב־אויפגעפרעסענע הירשן. ס'האָט אים געדויערט אַ פּאָר חדשים צוזאַמענצוברענגען די פאַרבליבענע הירשן דאָ אויפן פּלאַץ. אָבער צו זיין גרויס פאַרדרוס האָט ער דאָ פון דער צווייטער פּאַרטיע קיין סימן ניט געפונען.

ענדי לאָזט איבער זיין פּאַרטיע אַכטונג צו געבן אויף די הירשן און אַליין, מיט עטלעבע הינט, לאָזט ער זיך אוועק זוכן די פאַרלאָרענע . . . יאָ, ער האָט זיי געפונען קוים לעבעדיקע, מיט אַ הייפל הירשן, אויסגעשלאָ־גענע פון די כוחות, אַרומבלאָנדזשענדיק איבער דער ווילדערניש. אָן קיין טענות אָדער פאָרוואורפן, האָט ער זיי געלאָזן אַ זאָג געטאָן :

— מיר קערן זיך אום צום בלאָר־ריווער וועלי ! — אָן קיין שום ענטפערן האָבן זיי אים שווייגנדיק נאָכגעפאָלגט, אָנקומענדיק אַ פּאָר וואָכן שפּעטער צום באַשטימטן קעמפּ־פּלאַץ . . .

די פליער האָבן ווידער גענומען ענדין אויסצופלאַנירן זיין ווייטערדיקן מאַרשרוט פאַרן קומענדיקן ווינטער, צוזאָגנדיק צו באַזאָרגן אים מיטן נויטיקן פּראָוויאַנט, זיינען זיי אוועק.

דער קאַלב־סעזאָן איז אָנגעקומען זייער אַ געראָטענער און פּרוכט־באַרער. דאָס וואָס די שטורעמס מיט די וועלף האָבן אוועקגערויבט, איז כמעט ווי פאַרפולט געוואָרן דורך די צוגעקומענע קעלבער.

ענדי האלט וואָרט

דער זומער סעזאָן איז פאַרביי. ענדי פילט זיך זייער האַפּערדיק. אַט־אַט, און ער דערגרייכט מיט מזל זיין ציל. אינגאַנצן זעכציק מייל ביז צום פּלאַץ, נאָך איבערצוגיין די זומפּיקע טונדרע פון דער מאַקענזי ריווער דעלטאַ. ער וואַרט ביז דער פראָסט וועט איינשמידן די וואַסערן און האַרט מאַכן די טונדרע־זומפּן. אָבער, ער האָט געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַ־לעבאָס. דער בייזער צפון האָט צוגעגרייט שפּאָגל־נייע שפּיצלעך פאַר אים.

ביזן מיטן יאַנואַר זיינען גאָר קיין "לייטישע" פרעסט ניט געווען. אמת, די טייכן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אָבער די טונדרע איז נאָך ניט געווען זיכער. לענגער וואַרטן איז ניט מעגלעך געווען, האָט ענדי באַשלאָסן זיך צו רירן אין וועג. אָבער ביים ערשטן פּרוּוו זיינען א צאָל הירשן פאַרזונקען געוואָרן, און ער איז געצוואונגען געווען צו בלייבן אויפן פּלאַץ.

דער גאַנצער ווינטער איז ווי אויף צו להכעיס געווען זייער א מילדער און ענדי איז מיט גרויס פאַרדראָס געווען געצוואונגען צו בלייבן אויפן אָרט אויף נאָך א יאָר, האַרט ביי זיין ציל. א זעלטענער אויסערגעוויינלעכער פאַל פאַרן וויטן צפון.

אויך דאָס יאָר איז פאַריבער. דער זומער האַלט ביים סוף. ענדי קלייבט זיך אין וועג. נאָך א 60־מייליקער שפּרונג און זיין נסיעה איז פאַר־ענדיקט . . . אַזוי נאָענט און דאָך אַזוי ווייט . . .

דען קראָולי, אַגענט פאַר די לאָמען־ברידערע, איז געקומען צו פליען בייצווווינען דעם סוף פון דער נסיעה און צו זיין ביי דער "דעליווערי".

דער גרויסער מאָמענט איז געקומען. פעברואַר, 1935, ביי א פּאָלער לבנה מיט א שרעקלעכן פראָסט, אין א פאַרגליווערטער לופט, האָט זיך ענדי גערירט פון אָרט מיט דער סטאַדע הירשן איבער די אומזיכערע זומפּן פון דער דעלטאַ. פון אינדזעלע צו אינדזעלע האָט ער מיט זיינע אַרויסהעלפערס און הינט, געפירט די סטאַדע, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון דעם קאַראַ־וואַן, ניט רוענדיק קיין מינוט. במשך פולע 60 שעה האָט זיך ענדי אפילו ניט צוגעזעצט. ער איז אומעטום פול געווען, ביז מען איז די געפערלעכסטע שטחים אריבער. די העלפערס זיינען אינגאַנצן אויסגעשעפּט געווען, אפילו די הינט האָבן קוים מיט די פיס געפּלאָנטערט. אָבער ענדי איז שטאַרק צו־פרידן געווען. נאָך פינף לאַנגע, קאַשמאַרנדיקע יאָרן, האָט ער ענדלעך זיין ציל דערגרייכט.

דעם 26טן פעברואַר, 1935, האָט ענדי באַהר אריינגעטריבן די אויס־געמאַטערטע הירשן אין די פון פריער צוגעגרייטע "קאָראַלן" ביי קיטיגאַזויט, ריטשאַרד איילענד, אין נאָרט־וועסטערן טעריטאָריס. מאַרט דעם 6טן האָט ער געמאַכט די אָפיציעלע ליפערונג צו דער קאַנאַדער רעגירונג דורך אירע פאַר־שטייערס אינם וויטן צפון. די ראַדיאָ האָט פאַרשפּרייט איבער דער וועלט די נייעס, אַז ענדי באַהר האָט געהאַלטן וואָרט!

די עסקימאָסן פון דער גאַנצער געגנט אַרום האָבן זיך פאַרזאַמלט אָפּצוּדאַנקען זייער מלאך־הגואל מיט גרויס פרייד, אָבער דער קליינער לאַפּ־לאַנדער איז ווייניק גערירט געוואָרן פון דעם, — וואָס האָט ער דאָ אויפגעע־

טאָן? ער האָט נאָר זיין וואָרט געהאַלטן, ניט מער. ער האָט פּרובירט א שמייכל טאָן, אָבער ס׳איז ארויסגעקומען א פארקרימטע, פארפראָרענע גרימאַסע.

די עסקימאָסן פונם ווייטן קאַנאַדער צפון זיינען געזיכערט פון אונ־טערגאַנג. די רעגירונג האָט פאַרהאַלטן די פינף לאַפּלאַנדער צו לערנען די עסקימאָסן ווי זיך צו באַגיין מיט די הירשן, ווי זיי צו טרענירן אין שפּאַן, צו טראָגן לאַסט, צו מעלקן, אויסצואַרבעטן זייערע פעלן פאַר קליידער, ווי אויך צו דעקן די "יוכטעס" אין זומער, און ווי צו מאַכן בעט־געוואַנט פאַר די איגלוס אין ווינטער. ווען דער פיש־פאַנג איז שלעכט און די קאַריבו ווייזן זיך ניט, מעגן זיי נוצן די הירשן פאַר שפּייז.

דאָס אַלץ האָט מען דערגרייכט נאָר א דאַנק דעם, וואָס ענדי באַהר, דער קליינער לאַפּלאַנדער, האָט געהאַלטן וואָרט . . .

אויפן האמסטעד

(שטריכן און בילדער פונם פיאָנערן לעבן אין
די מערב קאַנאַדער פּרייריס)

אויפגעזוכט דעם "האָמסטעד"

דער מאַרלי־טרעיל האָט געזאָלט זיין די הייװעי, אָבער אין די פּיאָנערן־טעג פון 1905־6, ווען קאַלגארי האָט געציילט א באַפעלקערונג פון ארום צוועלף טויזנט, מיט א גאנצן מנין יידישע משפחות, און רונד ארום און ארום איז געווען ווילדע פּריירי, זיינען די אזוי־גערופענע הייוועיס ניט געווען קיין צאַצקעדיקער ענין פאר א שווער־געלאָדענעם וואגן דורכצוקלייבן זיך באַרג־ארויף באַרג־אראָפּ.

דער מאַרלי־טרעיל איז געלאָפן צו מערב פון קאַלגארי, אין דער ריכ־טונג פון די באַוווסטע ראָקי־מאַונטענס, און אין דער ריכטונג, אינם שוים פון די פוטהילס, איז געלעגן מיין "האָמסטעד" — 160 אקער לאנד (וואָס די קאַנאַדער רעגירונג האָט געגעבן יעדער איינעם, וואָס האָט אין לאנד אָפּיס איינגעצאָלט די סומע פון צען דאָלאַר). עטוואָס איבער 90 מייל פון שטאָט, און וועלכע איך האָב נאָך גאַרניט אָנגעקוקט.

אזוי נאָענט צום שטאָט איז אייגנטלעך קיין פרייע לאַנד ניט געווען צו קריגן, ווייל אָדער עס האָט באַלאַנגט צו פּריוואַטע רייכע רענטשערס און געוויסע איינצלנע סעקשאָנס האָבן באַלאַנגט צו דער סי־פּי־אַר, אָדער צו דער האָדסאָנס בעי קאָ., און א גאַנץ קליינער טייל איז געווען אָפּן פאַר סעטלערס. אָבער דער טייל איז שוין לאַנג געווען צעטיילט. נאָר דורך א צופאַל האָט געקאָנט פּאַסירן, אז א האָמסטעדער האָט צו דער באַשטימטער צייט ניט באַוויזן צו מאַכן די נויטיקע ארבעט וואָס דאָס געזעץ האָט פון אים געפאָדערט, האָט ער זיין זכות אויפן באַשטימטן שטיק לאַנד פאַרלאָרן.

דורך אזא מין צופאַל איז מיר געלונגען צו קריגן דעם האָמסטעד, אָבער אונטערצוזוכן אים איז קיין צייט ניט געווען. אין אנונג האָב איך געהאַט אז דאָס לאַנד איז ניט איבעריקס גוט. שטייניק און בערגיק, אָבער אזוי ווי איך האָב דערוואַרט צו פאַרנעמען זיך הויפּטזאַכלעך מיט מעלקן בהמות און פירן די פּראָדוקטן אין שטאָט, איז עס ניט אזוי שלעכט געווען.

דערווייל האָב איך געאַרבעט אין שטאָט און געזוכט צו פאַרדינען זען מיין נחלה, ביז א געלעגנהייט איז געקומען: מיינער א נאָענטער פריינד, אביסל געלט איינצושטעלן דאָס באַלעבאַטישקייט און געקליבן זיך צו פאָרן וועלכער האָט מיט אן אייגענעם שפּאַן געפּעדלט איבער דער סביבה, האָט מיר פאַרשפּראָכן, אז ווען שניט־צייט וועט קומען, וועט ער פאָרן צו מיין שכן אים העלפן מאַכן היי מיט זיינע פערד, דאַן וועל איך קאָנען מיטפאָרן מיט אים. צי ער וויים דעם וועג? — א שאלה דאָס איז. ער איז שוין א פּאָר מאָל געווען דאָרט און וועט עס מיט פאַרמאַכטע אויגן געפינען.

עס קלאַפּט מיר שטאַרק דאָס האַרץ צווייפאַך: ערשטנס, צו זען וואָס גיבער מיין נחלה. א קלייניקייט! געוואָרן א באַלעבאָס (אזוי האָב איך אַלנפאַלס גערעכנט) פון 160 אקער לאַנד, א פּאַמעשטשיק. כ'האָב

זיך געמאָלן בילדער אויף מיין פּולוואַראַק איינס גראַנדיעזער פונם צוויטן. גערטנער, סעדער, שאָף און רינדער — און וואָס ניט ? . .

דאָס צוויטע הארץ קלאָפּעניש : וועט נאָך אַלעמען דאָס לאַנד פּאַסיק זיין ? מיר האָט מען פיל אָנגערעדט, אַז אין דעם געגנט טויג דאָס לאַנד צו גאָרניט, נאָר פאַר רענטשינג. דאָס הייסט, פאַר פי־צוכט, און פאַר דעם איז איין פּערטל ווייט ניט גענוג. דעריבער האָב איך מיט גרויס אומגעדולד דערוואַרט אָנצוקוקן עס.

"סאָני אַלבערטאַ!" אַזוי רופט מען אונדזער פּראָווינץ, דערפאַר ווייל אין ניט קיין וואָלקנדיקע טעג שיינט די זון, און אַז די זון שיינט דאָ איז ליכטיק און צייטנווייז אויך וואַרעם. דעם טאָג האָט אונדזער זון געשיינט אין איר פולן פּראַכט און גלאַנץ. ס'איז געווען היי־שניט צייט און איך מיט מיין פריינד זיינען געפאָרן אָנקוקן מיין נחלה צום ערשטן מאָל. די לופט איז געווען טרוקן און דורכזיכטיק, פריש און דערקוויקנדיק. דער מאָרלי־טרעיל לויפט אין פאַרשיידענע זיגזאַגן און שלענגלט זיך באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. אָט ווערט עס פאַרפאַלן אין טיפן טאָל און אָט דראַפּעט זיך עס אויף א ווייטערדיקן באַרג. דאָס לאַנד אַרום איז אָפן, ניט פאַרצאַמט, כמעט הויל — אַן א ביימעלע, נאָר צעוואָרפענע קוסטעס דאָ און דאָרט. צו דרום, נידעריקער צום טייך באָו־ריווער, זיינען די ברעגן באַזוימט מיט וואַלד, וועלכער טונקלט זיך אין דער ווייטקייט ווי מיט רויך איינגעהילט, אונטער די שאַרפע זונען־שטראַלן. זעלטן ווו מען טרעפט אַן איינזאַם פאַרמערס הייזל אַן א הויף, און איינציקע רינדער בלאָנדזשען אַרום, זוכן א זאַפטיק גרעזל. וואָס ווייטער פון קאַלגאַרי האָט זיך די נאַטור געביטן. עס האָבן זיך באַוויזן ביימער, אָפּטערע פאַרמס און רינדער אַן א צאָל. רינדער פון פאַרשיידענע רענטשערס, וועלכע האָבן פראַנק און פריי אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער אָפענער פּריירי דעם גאַנצן זומער.

מיר זיינען אַרויסגעפאָרן נאָכמיטאָג, ניט איבעריקס געיאָגט זיך. מיין פריינד האָט מיר פאַרזיכערט, אַז צו וועטשערע וועלן מיר זיין אויפן פּלאַץ. דעם אמת געזאָגט, בין איך ניט איבעריקס זיכער געווען אין זיין באַהויפּטונג ,אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן ?

די זון נידערט צו מערב, לאַנגע שאָטנס ציען זיך איבער דער פּריירי. עפּעס א מאָדנער געפיל באַהערשט מיך, א רעליגיעזער געפיל. כאָטש ניי אַראָפּ פון וואָגן און שטעל זיך דאַווענען מנחה אויף דער אָפענער, פרייער נאַטור, אַרומגערינגלט פון גאָטס אומשולדיקע באַשעפענישן. עס איז מיר דאַן געוואָרן קלאָר פאַרוואָס מענטשן, וואָס לעבן אין שויס פון דער נאַטור, זיינען מער רעליגיעז געניגט. מען איז פּשוט נעענטער צו מעשי בראשית, צום באַשאַף. מיט די לעצטע זון־שטראַלן קערט מיין פריינד זיך אָפּ פון דעם מאָרלי־טרעיל אויף א זייטיקן, קוים מערקבאַרן וועג און דערקלערט מיר :

— אָט, נאָך איינציקע מייל מיט דעם וועגעלע און מיר זיינען אויפן פּלאַץ. אהא, כ'האָב דיר געזאָגט !

איך בין נאָך אַלץ געווען סקעפּטיש. אָבער מיר פאָרן ווייטער. די נאַכט איז צוגעפאַלן, קיין לבנה האָט זיך ניט באַוויזן. דאָס פינצטערניש איז אַלץ געדיכטער געוואָרן, נאָר דער טונקל־בלויער הימל־געוועלב איז אָנ־געפּיקעוועט מיט פינקלענדיקע שטערן, וואָס האָבן ווי געוווּנקען פונם הימל־רוים. מיר פאָרן, אָבער אַן קיין סימן פון א וועג, קיין שיין פון א פאַרוואָרפן האָמסטעדערס וווינונג צו מערקן. אפילו קיין ביל פון א הונט דערטראָגט

זיך ניט, אויסער דעם אומהיימלעכן קאנצערט פון די נאכט־רויבער, די פריירי וועלף, פארגייענדיק זיך אין א יאמערלעכן געוויין.

א שעה נאך א שעה איז פארביי. מיר פארן אלץ אן א ציל און אן א צוועק. די פערד פלאנטערן מיט די פיס. מיין פריינד קירעוועט זיי אהין, אהער. איך פארשטיי, אז ער ווייסט ניט ווו ער פארט. אבער ער באהאלט עס פון מיר, ער שווייגט — איך שווייג אויך. דער חושך איז אזוי געדיכט געווארן, אז מיר האבן אונדזערע פערד מער ניט געקאנט זען. פלוצלונג הויבן די פערד אן צו כראפען און ווארפן זיך.

—האו, האו ! — שרייט מיין פריינד, ציענדיק די לייצעס, און די פערד בלייבן שטיין.

— הו איז דעיר ? — הערט זיך אן אויסגעשריי פון דער פינצטער ארויס.

מיין פריינד ווערט אזוי אויפגערעגט ,אז ער שרייט אויס : — גוד מארנינג ! גוד מארנינג ! . .

— גוד דעי ! — קומט אן ענטפער פון דער נאכט ארויס, מיט א געלעכטער, — ווהין פארט איר ? וועמען זוכט איר ?

מיין פריינד האט דערקלערט אין א צעקאליעטשעטן ענגליש וועמען מיר זוכן און האט געפרעגט ווי אזוי מיר קאנען געפינען דעם וועג אהין. אונדזער רואה ואינו נראהדיקער מורה־דרך האט אונדז דערקלערט, אז מיר זיינען בערך א דריי מייל פונם פלאץ, און אויב מיר וועלן זיך פארנעמען א האלב מייל ווייטער צו רעכטס, דאן פארקירעווען זיך אויף לינקס און דורכפארן נאך א פאר מייל, וועלן מיר אנקומען צום פלאץ. ווינטשנדיק אונדז א גליקלעכע רייזע, איז דער נאכט־וואנדלער אוועק זיין וועג און מיר זיינען ווייטער געפארן.

נאך א פאר שעה האבן מיר זיך ארומגעבלאנקעט אין דעם חושך־מצרים, ביז די פערד האבן ווייטער ניט געוואלט גיין — אויסגעמאטערט. זאג איך צו מיין פריינד :

— וואס נוצט דאס מאטערן די פערד ? לאמיר בעסער אויסשפאנען. העי האבן מיר גענוג אויפן וואגן, וועלן מיר צובינדן די פערד, זאלן זיי דערווייל עסן. מיר וועלן כאפן א דרעמל אויפן ליידיקן וואגן, אויב עס וועט זיך לאזן. שוין ניט פיל געבליבן צו שלאפן סיי ווי סיי. מיטן טאג וועלן מיר גאנץ גיך געפינען דאס פלאץ.

ניט האבנדיק קיין אנדער ברירה, האט מיין פריינד צוגעשטימט. אפגעקערט פון וועג(?), אויסגעשפאנט, צוגעבונדן די פערד צום וואגן. ער האט זיך געלייגט אויפן וואגן, איך האב זיך געלייגט אויפן גראז איבערגעדעקט מיטן מאנטל און בין איינגעשלאפן ווי א געהרגעטער.

עס חלומט זיך מיר, אז מען שרייט, מען רופט מיך, און וואס אמאל הער איך די געשרייען אלץ נעענטער און דייטלעכער. מיין פארפלאנטערטער באוווסטזיין איז קלארער געווארן און איך האב אויפגעוואכט. איך עפן די אויגן און הער ווי מיין פריינד שרייט און רופט, פרעגט ווו איך בין. נאכן קול הער איך אז ער איז ניט ווייט פון מיר און קוק זיך אום. ערשט ער איז ניט ווייטער ווי א צען פוס פון מיר, דעם קאפ פארריסן אין דער הויך, שטארק צעשויבערט און צעשראקן, און מיט טרערן איז קול רופט ער מיך. איך מאך זיך געפגרט און ריר זיך ניט פון ארט, ביז ער איז געקומען הארט צו מיר, ממש שיר ניט ארויף אויף מיר, און שרייט מיט

א ברייט, צעעפנט מויל. דאַ גיב איך זיך פּלוצים אַ הויב אויף ווי פון אונטער דער ערד ארוים און גיב אַ זאָג:

— האַ, וואָס שרייסטו ? . .

ער איז שיר ניט אומגעפאַלן פון שרעק פון מיין פּלוצימדיקן אויסרוף.

— טפו זאָלסט ווערן ! האָסט מיך איבערגעשראָקן. ווו ביסטו פארפאַלן געוואָרן ? איך האָב די נאַכט קיין אויג ניט צוגעטאָן און אַ בליאסק אויף טאָג בין איך שוין אויף געווען. איך קוק זיך ארום, ערשט אַט דאָ דערבייַ, אָנווייזנדיק מיטן פינגער, איז אַ פּארמער. לאָז איך זיך גלייך גיין אויסצוגעפינען ווו מיר זיינען אין דער וועלט. איך קום צו נאָענט. האַ ? וואָס איז עס פאַר אַ פאַרבלאָנדזשעניש ? דאַכט זיך ס'איז העקטערס, דיין שכן. עס האָט זיך מיר אַלץ ניט געגלויבט ביז זיין הינטל איז מיך באַפאַלן. אים האָב איך גלייך דערקענט. אַט אַ שוואַרץ יאָר ! ארומגעבלאָנדזשעט אַ נאַכט און געבליבן נעבעכדיקן אין דרויסן, פונקט אונטערן נאָז ביי העקטערן . . . שוין אַ צייט אַז איך זוך דיך. אַן איינפאַל פון אַ מענטשן צו לייגן זיך אויף דער הוילער גראָז, עס איז דאָך אַלץ נאָס פון טוי.

— ווו דען האָסטו דערוואַרט מיך צו געפינען ? — פרעג איך אים.

— אויפן הימל ? אָבער גענוג געבאַלבעט, לאָמיר שפּאַנען !

געזאָגט און געטאָן. אין אַ האַלבער שעה ארום זיינען מיר שוין געווען אויפן פּלאַץ. ביים צופאָרן האָט זיך מיין שכן העקטאָר, אַ פּאַר־שלאָפענער, באַוויזן אין טיר פון זיין נאָך ניט פאַרענדיקטער הייזקע, גע־נעצנדיק און רייבנדיק די פאַרשלאָפענע אויגן, האָט ער אונדז באַגריסט.

פונם הינער־שטעלעכל האָט זיך געהערט אַ פּאַטשעריי פון פליגלען און אַ הילכיקער קו־קו־רע־קו האָט זיך צעטראָגן אין דער מילכיקער פרי־מאָרגנדיקער גרויקייט. פונם קאַראַל האָט זיך דערהערט דאָס הירזשען פון פערד, עס האָט געמיינט אַ פערדישער ברוך־הבא, אויף וואָס אונדזערע סוסים האָבן באַלד אָפּגעענטפערט. פון אַן אַנדער ווינקל האָט זיך דערטראָגן אַ מרוקען פון קי, אַ מעקען פון קעלבער, — אַן אָנזאָג אַז מען איז הונגעריק, צייט צו פרישטיקן, און דאָס מיינט אַז מען דאַרף שוין גיין מעלקן.

פון קוימען האָט זיך ארויסגעשלענגלט אַ זייל רויך העט ארויף און איז אין דעם פייַכטן מאָרגן־טוי פאַרשלונגען געוואָרן. פון הויז האָבן זיך דערטראָגן קולות פון אַ פרוי און קינדער. האַמסטעדערס לייגן זיך פרי שלאָפן, אָבער זיינען פריענדיקע אויפשטייערס.

אין מזרח, ביים הימל־ראַנד, האָט זיך באַוויזן אַ שריפהדיקער ראַנד פון דער אויפגייענדיקער זון, פאַרטרייבנדיק די גרויע שאָטנס און באַגי־סנדיק מיט געלייטערטע, פון טוי־געוואַשענע שטראַלן גאַנס אויפוואַכנדיק וועלטל . . .

באַלד נאָך אָנבייסן, בין איך אוועק באַטראַכטן מיין נחלה . . .

שרעק

דעם ערשטן ווינטער אויפן האמסטעד איז אונדז גארניט געווען וואס מקנא צו זיין . ביז מיר זיינען פארטיק געווארן מיט א וווינונג (פארענדיקט נאר פון דרויסן), צונויפגעשלאגן פיר ווענט ווו צו פארשפארן די מעלקנדיקע קו אמוויניקטנס (במקום א דאך, פארלייגט מיט היי) און אויפגעשטעלט צוויי מייל צוים פון דריי שטעכעדיקע דראטן (ס'הייסט פיר זייטן צו האלבן מייל), איז שוין באלד דער ווינטער געלעגן אויפן קאפ.

ערשט איצט האט מען באדארפט צוגרייטן אלץ אויפן ווינטער : האלץ, קוילן, מעל, צוקער, חוץ אנדערע קלייניקייטן, אויסצומיידן שלעפן זיך אין שטעטל אריין זיבן שווערע מייל ווייט, דורך אנגעבלאזענע הויפנס שניי, אין א 40-50 און אמאל מער אונטער זערא. קיין טרונק־וואסער איז אויך ניט געווען — צו לעבן א ווינטער מיט געשמאלצענעם שניי איז א קליינער פארגעניגן.

אביסל גראסערים האבן מיר נאך געהאט, אויך א הייפל קוילן וואס מיר האבן דורכן זומער אפגעהיט, הייצנדיק מיט ריטלעך און צווייגלעך, וואס מען האט אנגעהאקט פון די ארומיקע קוסטעס. אבער אויף ווינטער מוז מען האבן שווערע האלץ, ווייל מיט ריטלעך קאן מען קיין קוילן ניט אנהייצן. איז די ערשטע דאגה געווען — האלץ ! אבער ווו קריגט מען עס ? אז אלץ וואס וואקסט ארום איז נאר "בראש", קייןביימער זיינען ניט געווען בנמצא, סיידן פאר פינף און צוואנציק מייל אן א וועג צום וואלד. איז ניט געווען קיין צייט דערפאר און ניט מיינע פערדלעך זיינען געווען שטארק גענוג פאר אזעלכע נסיעות.

דערמאן איך זיך, אז זוכנדיק א פארבלאנדזשעטע בהמה, בין איך דורכגעפארן דעם ביג־היל־קריק, א דריי מייל צו מערב, האב איך דארטן געזען פארלאזענע חורבות פון א גרויסן "לאג־קעבין" געבויט פון שווערע און דיקע באלקעס. באשלים איך דורכצופארן זיך אהין, זען אויב מ'קאן זיך באנוצן דערמיט. געזאגט און געטאן. ס'האט זיך אבער ארויסגעוויזן, אז אראפצופארן מיט פערד און וואגן צו דעם ביג־היל־קריק, איז א גאנץ אנדער ענין ווי רייטנדיק. די הויכע, פעלזיקע ווענט האבן זיך פערפענדיקולאר געהויבן . מיט גרוים מי האב איך אויסגעזוכט א קוים מערקבאר וועגעלע, וואס האט געפירט צו א שמאלן שפאלט אין די הויכע פעלזן־ווענט. דורך אט דעם שמאלן שפאלט האב איך זיך קוים דורכגעשטופט מיט סכנות נפשות און בין אנגעקומען צו די חורבות, איבערבראדזשענדיק דעם קריק.

אויף מיר האבן די חורבות געמאכט א מערקווירדיקן איינדרוק. עס איז געווען צו מערקן אז אמאל, ווי עס זעט אוים נאך אין די צייטן ווען די ווילדע אינדיאנער האבן זיך פריי, ווי דער ווינט פון די פריירים, ארומגעיאגט נאך די אומצאליקע סטאדעס אקסן, האט אן אומדערשראקענער פיאנער אויסגעבויט פאר זיך אט די נעסט, אין פנים פון אלע געפארן, אויסקלייבנדיק

סטראטעגיש א נאטירלעכע פעסטונג, מיט לויפנדיק וואסער זומער און ווינ־טער, וואס איז פאר רינדער אומגעהייער וויכטיק.

האבנדיק צו יענער צייט גענוג וואלד אויפן פלאץ, האט מען געהאקט שווערע קלעצער און געבויט א פעסטונג, קעגן וועלכער ניט נאר די אינדי־אנער פיילן, נאר אפילו קוילן, האבן ניט געשאדט. שיינקייט פון ארכיטעק־טור איז טאקע ווייניק געלעגן אין זינען, דאך אפגעזען פון דער רויקייט און גראבקייט פון די געברויכטע מאטעריאלן און סטרוקטור, האט עס דאך פאר־מאגט א נאטירלעכע, פרימיטיווע שיינקייט.

דער שמאלער דורכגאנג וואס דער שטראם האט פאר זיך דורך פאר־לאפענע יארהונדערטער דורכגעשווענקט צווישן די פעלזן, איז אין דעם פלאץ געווען גאנץ ברייט צעוואקסן מיט יונגן נאדל־וואלד ביז צו די וואסער־ברעגן. שטיקער פעלזן צעווארפן אין כאאטישן צושטאנד, ווי דורך א קאפריז פון א שפילעוודיקן גיגאנט. היבשע שטחים זיינען געווען אויסגעשפרייט אין ברייטע לאנקעס, ווי גרינע סאמעטענע טעפיכער. אין אט דעם פארהוילענעם ווינקל, האט דער אלטער פיאנער־רענטשער געבויט זיין נעסט, — א גרויס, גראם קעבין מיט א גרויסן קעלער אונטער דעם גאנצן הויז, מיט פארשיידענע אפטיילונגען.

דער חורבן האט זיך אויף אלץ צעשפרייט. אינם גרויסן עס־זאל, וואס האט געדינט אלס אלגעמיינער צימער, איז געווען איינגעבויט א גרויסער, שויז האלב־צעפוילטער קאמין, פון נאטירלעכע, ווילדע שטיינער. דורכגייענדיק דאס גאנצע הויז, בין איך ארום אויף דער ווערצנדע, אויסגע־לייגט מיט געטעסעטע ברעטער, פון וועלכע מערערע האבן געפעלט און די פארבליבענע זיינען ניט געווען צו זיכער, האלב פארפוילט. איך בלייב שטיין פארזונקען אין מחשבות. די זון האט זיך צווישן די ביימער דורכגע־זיפט און די שאטנס זיינען אין באוועגלעכע אוזארן געפאלן אויף אלץ. די שטילקייט ארום איז כמעט א פולקאמע, אויסער דאס איינזאמע גרילצנדיקע קרא־קרא פון א פארוואגלטער קרא און דאס זאפטע רוישן פונם קריק אונטער מיינע פיס, וועלכער יאגט זיינע קרישטאל־קלארע, קילע וואסערן מיט אימ־פעט, אנשלאגנדיק זיך אן די צעווארפענע פעלזן און שומענדיק פון כעס, צוליב די פארשיידענע שטערונגען אין זיין וועג. וואס פאר א סודות אנט־האלט אין זיך דער קריק און וואס פאר א ווונדערלעכע אדער שוידערלעכע מעשהם וואלט ער געקאנט דערציילן? . .

ס'איז פלוצלונג טונקל געווארן. איך הויב אויף די אויגן — א פארביילויפנדיק וואלקנדל האט שטיפעריש פארשטעלט די זון, וועלכע האט אנגעהויבן צו נידערן אין מערב זייט. איך האב זיך ווי פון שלאף אויסגע־טשוכעט און בין אוועק אויספארשן ווייטער. ביי דער אפענער קעלער־טיר בין איך שטיין געבליבן. א פינצטערע לאך שלאגט אפ מיט דעמפקייט און שימל. איך האב באשלאסן אריינצוגיין. פארזיכטיק, טראט ביי טראט, האט מיך די פינצטערע דעמפקייט פארשלונגען.

פלוצים ווער איך א פארצווייפלטער. א געדרויש פון א וויכער האט זיך אויפגעהויבן ארום מיר. איך בין גרייט צו לויפן אין גרויס שרעק צוריק, אומקערנדיק זיך, האב איך אינם שוואכן אפשיין פון דער קעלער־טיר דערזען אז דאס זיינען . . . פלעדער־מייז. איך האב מיט הארץ אויסגעשפיגן און בין אוועק ווייטער, אונטערפייפנדיק פון הימלעכקייט וועגן.

עפענענדיק א טיר פון אן אנדער אפטיילונג אין קעלער, האב איך באמערקט א שוואכע שיין, וועלכע האט משונהדיק אפגעשיינט אויף דעם גערדיכטן מיט שטויב באדעקטן שפינוועב. איך האב אויסגעפונען אז די שיין

קומט פון א שפאלט אינם וואנט פונם פונדאמענט, און איך האב זיך אומ־געקערט צו גיין ווייטער און איך בין געבליבן שטיין ווי א פאראליזירטער פון שרעק. דער שוואכער, ארייגגעדרונגענער שטראל איז געפאלן אויף עפעס . . . ס'האט זיך מיר אויסגעדוכט — גייסטער פון א ניט־רעאלער וועלט. טונקעלע סילועטן מיט לאנגע צעשפרייטע הערנער, מיט גרויסע, הוילע אויגן־לעכער. איך רייב די אויגן, מיינענדיק אז עס דוכט זיך מיר אוים. ניין, עס שיינט צו זיין גאנץ מאטעריעל. איך פיל ווי א קאלטער אנגסט־שוויים באדעקט מיך, מוראשקעס יאגן איבער מיין רוקן און די האר ווערן ווי טשוועקעס אויף מיין קאפ. איך וויל לויפן און איך קאן זיך ניט רירן פון ארט. מיין דענק־אפאראט האט זיך אפילו אנטזאגט צו פונקציאנירן. ווער ווייס ווי לאנג איך בין אזוי געשטאנען, ביז איך האב באוויזן צו ברענגען מיינע געדאנקען אין ארדענונג און איך האב אליין מיט זיך אנגעהויבן צו רעאגירן, וואס אייגנטלעך האב איך זיך דא צו שרעקן ? . . גייסטער ? . . נארישקייטן ! גוט פאר קינדער־מעשהלעך ! . . זאל עס זיין עטוואס בייזעס, ממשותדיק, וואלט עס מיך ווארשיינלעך באפאלן. אויב אבער עס רירט זיך ניט פון ארט, דארף עס זיין אומשעדלעך . . .

צו דעם שלום בין איך מיט זיך אליין געקומען, אבער רירן זיך פון ארט ,צוגיין נאענט אויסצוגעפינען, איז מיר גארניט אזוי גרינג אנגעקומען צו פועלן ביי זיך. דער שכל־הישר האט דיקטירט איינס — די חושים עפ־וואס אנדערש. אין דעם קאנפליקט מיט זיך אליין, האב איך פעסט בא־שלאסן, אז יהיה מה שיהיה ! מוז איך גיין אויסגעפינען וואס דאס איז אזוינס. און מיט איבערמענטשלעכער אנשטרענגונג האב איך זיך א ריס געטאן פונם ארט און גיי גלייך צו צו די סילועטן. מיט ציטערנדיקע אויס־געשטרעקטע הענט, האב איך אנגענומען א הארן, איך פיל עס גאנץ ממשות־דיק, אבער עס רירט זיך ניט. ווער איך אביסל דרייסטער און טאפ ווייטער, איך פיל אן אויסגעטריקנטע פארמעט־פעל מיט אויסגעקראכענע האר און איך שטויס זיך אן אז דאס זיינען אמאל געווען רינדער. איך האב אוים־געזוכט א שוועבעלע און אנגעצונדן. א סקרוד איז מיר דורכגעגאנגען איבערן לייב פונם בילד וואס האט זיך פאר מיר אנטפלעקט אינם צאנקענדיקן שווע־בעלע־שיין. מערערע רינדער זיינען אין פארשיידענע פאזעס געלעגן אין דעם קעלער אפטיילונג. סקעלעטן מיט שווארץ־פארטריקנטער פארמעט־פעל פארצויגן. אויף אזויפיל אויסטריקנט, אז קיין געדוך האט זיך ניט מער פון דעם געפילט. ווער ווייס וויפל יארן זיי געפינען זיך דא ? אבער ווי קומען זיי אהער ? דאס האט מיך שטארק אינטערעסירט. די טיר איז פארמאכט. קיינער גייט ניט אהער, איך האב די שרעק און ווידערווילן אינגאנצן פאר־געסן.

ביים ארויסגיין צוריק, האב איך אלץ אויפמערקזאם באטראכט און מיר איז קלאר געווארן דער גאנצער ענין. דער טייל פונם קעלער האט ווארֿ־שיינלעך געדינט אמאל פאר אן אמוניציע סקלאד, ווייל די ווענט און די טיר זיינען געווען זייער דיקע. איך האב אויך באמערקט, אז די טיר עפנט זיך שטייף און מאכט זיך צו פון זיך אליין, אזוי אז עס האט געדינט אלס איינ־פאכע פאסטקע צו פאנגען די רינדער, וועלכע האבן זיך צופעליקערווייז, וועלנדיק ווארשיינלעך באהאלטן זיך פון א שטורעם אדער א זאווערוכע, זיך אהער פארקליבן און זיינען שוין קיינמאל ניט מער ארוים, בלייבנדיק אויטאמאטיש געפאנגען ביזן טויט אריין. א שוידער איז מיר דורכגעלאפן איבערן לייב ביי דעם געדאנק, און ווי געזאגט, ביז איך פונם קעלער געלאפן אויף דער פרייער לופט ארוים.

די זון האָט זיך גערוקט נעענטער צום האָריזאָנט און איך האָב נאָך גאָרניט אויפגעטאָן. האָב איך זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט — ברעכן די שווערע באַלקנס פון דער חורבה און זיי געלאָדן אויפן וואָגן. ס'איז גאָר־ניט קיין גרינג שטיקל אַרבעט געווען, אָבער איך האָב באַוויזן אָנצולאָדן אַ וואָגן. ווען איך בין אַהיימגעקומען, האָט מיך דער טאַטע באַגעגנט:

— ווו ביסטו דאָס אַזוי שפּעט געווען? מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן, — און דערזעענדיק דעם וואָגן שווערע באַלקנס, האָט ער צוגעגעבן, — אַהאַ! ווו האָסטו דאָס דערטאַפּט?..

— לאָמיר בעסער וואָס גיכער אויסשפּאַנען, — האָב איך געזאָגט, — עס ווערט שוין שפּעט. מען דאַרף וואָס גיכער די בהמות מעלקן, שפּעטער אין אָוונט וועל איך דיר אַלץ דערציילן. איך גלויב אַז מיר וועלן האָבן גענוג האָלץ, מער ווי אויף איין ווינטער...

די חתונה

או־וואַ, או־וואַ ! עס ברענט די וועלט ! — איז מיין פּלימעניקל בערצע, אריינגעלאָפן אין הויז, דאָס פּנים צונטער־רויט מיט אַ בלויקייט פונם קנאַקנדיקן פראָסט און געשמאַקן ווינט.

— "אייל בעט יו, אַנקל", אַז ס'איז ארום 50 בעלאָו. קוים מיט צרות די קעלבער פארטריבן אין שטאַל. געבריקעוועט, ניט געוואָלט אוועק פונם שטויג היי.

איך בין מסכים געווען מיט אים, ווייל ווען איך האָב געפיטערט די פערד און בהמות ביים שטויג, מיט אַ פּאָר שעה פריער, האָט מיר דער אָטעם פארכאַפּט פונם פראָסט. די לופט איז געדיכט און נעפּלדיק געהאנגען און מיט יעדער אָטעם־צוג האָבן זיך די נאָז־לעכער צוזאַמענגעקלעפּט, די אויגן־לעדלעך האָבן זיך געקלעפּט און דער היי־גאָפּל האָט דורך די שווערע הענטש־קעס געברענט די הענט.

דעם טאָג האָב איך געדאַרפט פיטערן די בהמות אַ טאָפּלטע פּאָרציע היי. אָנצופיטערן אַ פופציק־זעכציק שטיק, פערד און בהמות, פון אַן איינ־געלעגענעם שטויג היי, ווו מ'מוז רייסן מיט גוואַלד יעדער גאָפּל היי, איז ניט קיין שפּילעכל. ס'איז נאָך געווען טונקל ווען איך האָב זיי פון שטאַל ארויסגעטריבן, ניט געוואָלט ארויס פון דער וואַרעמקייט. די מעלקנדיקע בהמות האָבן מיר אין שטאַל געפיטערט און געמאָלקן. ארום עלף אזייגער האָבן מיר זיי געטריבן צום וואַסער (אויסער די קעלבנדיקע און די קעלבער) ארום צוויי מייל ווייט. די פרעסט זיינען דעם ווינטער געווען אַזוינע שטאַר־קע, אַז די מייסטע "סליום" זיינען אויסגעפרוירן געוואָרן ביז צום דעק (קיין ברונים וואָסער איז ניט געווען בנמצא).

עס איז גאָרניט געווען וואָס מקנא צו זיין צו טרייבן איבערן טיפן שניי צום וואַסער אַ 50־60 שטיק אין אַ 40־50 גראַד אונטער זעראָ און נאָך מיט אַ צפון־ווינטל דערצו. איינער האָט געטריבן, אַ צווייטער איז מיט אַ שעה פריער אוועק דורכהאַקן דאָס אייז וואָס איז געווען אַן ערך 3־4 פוס דיק. האַקן האָט מען געדאַרפט אַ שמאָלע און לאַנגע עפענונג, כדי די בהמות, שטויסנדיק זיך, זאָלן ניט אריינפאַלן אונטערן אייז און כדי וואָס מער בהמות זאָלן אויף איין מאָל קאָנען טרינקען, נאָר איין מאָל אין טאָג. ווען די האַק האָט דערגרייכט דאָס וואַסער, זיינען די שפּריצן, ווי הארטער אַרבעס, צוריק אויפן אייז געפאַלן. די בהמות האָבן אָבער דורך אזא דיקן אייז ניט געקאָנט גרייכן דאָס וואַסער, האָט מען געמוזט אַרומהאַקן אַ קאַנאַוועס אַ פּאָר פוס ארום דער עפענונג, גרינגער צו מאַכן פאַר די בהמות אָנצוטרינקען זיך.

איך האָב זיך שטאַרק געאיילט פאַרטיק צו ווערן מיט דער ארבעט וואָס פריער, ווייל ס'איז געווען מיין יום־הדין, דער וויכטיקסטער מאָמענט אין מיין לעבן — כ'האָב געדאַרפט פאָרן אין שטאָט שטעלן אַ חופּה. דער

טאטע און די מאמע זיינען שוין כמעט א וואך געווען אין קאלגארי צו צוגרייטן אלץ, נאך איך מיט בערצען האבן אליין באזארגט אלץ, און איצט האב איך געמוזט אים אליין איבערלאזן אויף א גאנצן מעת־לעת. דעריבער האב איך געמוזט טאפלט פיטערן, טאפלט וואסערן, אנווארפן א וואגן היי, מיטצונעמען אין שטאט, ווייל כאטש מען פארט צו דער אייגענער חתונה, אבער ווי טרייבט מען דאס א טים פערד מיט ליידיקן ? נעמט מען פאר איין וועגס מיט א וואגן היי, אגב העלפט עס צושטייער אויף חתונה־הוצאות.

ארום צוועלף אזייגער זיינען די פערד געשפאנט צום געלאדענעם וואגן. געזעגנט זיך מיט בערצען, אנגעזאגט ער זאל אכטונג געבן אויף אלץ, היטן די אויוונס, אויסמעלקן נאך די צוויי פרישע בהמות און אנטרינקען די קעלבער. איין הונט זאל ער לאזן ביים שטויג, דעם צווייטן זאל ער מיטנעמען אין הויז אויף דער נאכט, ס'זאל זיין היימלעכער צו שלאפן, פארט ניט אליין, חוץ וואס זיי האבן זיך שטארק ליב געהאט. ארויף אויפן וואגן און — וויא־א־א ! . .

די זון האט ווי דורך א שלייער אזוי ווי פארשעמט ארויסגעקוקט און ווידער באהאלטן דאס פארנעפלטע פנים.

די רעדער האבן ארויסגעזונגען א הילכיק, פראסטיק־סקריפנדיק געזאנג. די פערד זיינען געגאנגען טראט ביי טראט, נאך בארג־אראפ איז מען אונ־טערגעלאפן צו ביסלעך. די פארע פון זייערע נאזלעכער האט געזעצט ווי פון א לאקאמאטיוו, פארמירנדיק אייז־צעפלעך אויף זייערע ליפן און בארד־קנדיק זיי איינגאנצן מיט וויים־גרויען צודעק. איך בין געזעסן איינגעהילט אין מיין קורצן "שיפסקין", איינגענורעט אין היי, האלטנדיק א א שארף אויג אויף די פערד און אויפן וועג, וועלכער האט זיך געשלענגלט בארג ארויף און בארג אראפ, ניט אפלאזנדיק די לייצעס.

בסך־הכל איז דא אינגאנצן ארום צוואנציק מייל צו קאלגארי. אבער מיט א שווער־געלאדענעם וואגן געדויערט אזא נסיעה א 5־6 שעה. ביי א זומערדיקן וועטער איז עס כמעט א לוסט־רייזע, אויף א פרישן וואגן היי, איבער גאטס פרייער, גרינער, כוואליעדיקער פרייריע. אנדערש איז אבער אין א 40־50 אונטער זערא, מיט א שפילנדיק ווינטל, וואס פילט אן דעם אוויר מיט א דינעם שטעכעדיקן שניי־שטויב. דער פראסט איז א גוואל־דיקער קריכער און האט זיך צו ביסלעכווייז פארקליבן אונטער מיין פעלצל און מיינע שיך, ביז ס'האט מיך ארונטערגעטריבן פונם וואגן. דורכלויפנדיק זי א פאר מייל, האב איך דעם פראסט פארטריבן און בין צוריק ארויף אויפן וואגן.

אנגעקומען קיין קאלגארי בין איך שפעט אין אוונט. פטור געווארן פונם וואגן היי, פארפארן צום ברודער, אויסגעשפאנט און באזארגט מיט אלעם די פערד. אריינקומענדיק איז הויז בין איך באפאלן געווארן פון אלע זייטן :

— ווארום אזוי שפעט ? קוקט נאר אן דעם פארמער ,אפילו צו זיין חתונה איז ער שפעט ! . . די כלה האט שוין די אויגן אויסגעקוקט . . . טאטע־מאמע זיינען שטארק אומרויק, צי האט ניט ווידער א צרה אויפן וועג פאסירט אא"וו — ביז מיין עלטערע שוועסטער איז צוגעקומען מיט א געשריי :

— וואס זייט איר אים באפאלן ווי די היישעריקן ? לאזט אים גיין זיך ארומוואשן, זיך איבערטאן ! לאזט אים קומען צו זיך ! . .

אין איין האלבער שעה בין איך כמעט ווי אין א פריץ פארוואנדלט

געוואָרן און חברה האָבן מיך אוועקגעפירט צו מיין שוועסטער. דאָרט האָט באַדאַרפט זיין די חתונה.

קומענדיק אויפן פּלאַץ האָב איך דערזען די חופּה־שטענגלעך. דאָס האָט מיך פאַרדראָסן: וואָס הייסט! כ׳האָב בפירוש אָנגעזאָגט, אַז איך וויל און דאַרף קיין חופּה ניט! איך וועל נאָר אָפּזאָגן דעם הרי את און שוין. איך וויל פאַר קיין פאַל ניט גיין אונטער דער חופּה, ווייל ס׳איז קעגן מיינע פּרינציפּן . . .

האָט זיך אָנגעהויבן א נייער טומל. די כּלה האָט זיך צעוויינט, טאַטע־מאַמע האָבן זיך אָנגעבלאָזן, שוועסטער, ברידער האָבן זיך א נעם געטאָן צו מיר פון אַלע זייטן:

— דיינע "פּרינציפּן"! צוליב דיינע פּרינציפּן דאַרפסטו פאַר־שאַפן טאַטע־מאַמע אַזויפיל עגמת נפש און דער כּלה הארצווייטיק! עס וועט דיר דען עפּעס אָפּקומען אַז דו וועסט יאָ גיין אונטער דער חופּה? זיי ניט איינגעשפּאַרט און מאַך ניט קיין לייטיש געלעכטער. פאַרבייג דיינע פּרינציפּן דאָס מאָל . . .

אַזוינע און ענלעכע טענות האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן. איך בין שטאַרק צעטומלט געוואָרן. ס׳האָט מיר ווי געטאָן פאַר דער כּלה, פאַר טאַטע־מאַמע: ס׳איז מיר אָבער אויך שווער געווען צו פאַרבייגן מיינע פּרינציפּן. דער סוף איז געווען אַז מיר האָבן זיך אויסגעגלייכט: איך וועל גיין אונטער דער חופּה, בתנאי, ניט געדרייט זיך . . .

און ס׳איז געוואָרן מיט מזל ששון ושמחה! אָפּגעזאָגט דעם הרי את מקודשת, אָפּגעגעסן די חופּה־וועטשערע און אָפּגעהוליעט ביז העט־העט אין דער נאַכט אַריין. קרובים און פריינט האָבן געבראַכט חתונה מתנהס, זייער נוצלעכע זאַכן. זיי האָבן געוווּסט אַז דאָס יונגע פּאָר פאָלק דאַרף האָבן באַלעבאַטישקייט, האָט מען ניט פאַרשווענדעט די פּאָר דאָלאַר אויף שמאָכטעס מיט נעכטיקע טעג, נאָר געקויפט ממשותדיקע זאַכן . . .

פאַרטאָג בין איך שוין וואַך געווען. דער פּלימעניקל, א קינד פון עלף, איינער אַליין געבליבן מיטן גאַנצן ביסל אַרעמקייט — מוז מען זיך איילן אהיים . . .

אויסגעפּיטערט די פערד, האָבן מיר זיך גענומען אָנלאָדן אונדזערע מתנות: א קאַמפּליט בעט, א ביוראָ, א הייץ־אויוועלע, עטלעכע בענקלעך, א טישל, טישטיכער, האַנטיכער, פאַרשיידענע כּלים און שאר ירקות, אויסער א צוזאָג פון א פריינט, א "בייבי קערידזש". ווי עס זעט אויס איז ער זיכער געווען, אַז קיין קינדערלאָזע וועלן מיר חלילה ניט בלייבן (און ער האָט טאַקע געטראָפן). ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן מיטן אָנלאָדן און איינבינדן, זיינען שוין אַלע אין הויז געווען וואַך און א פריילעכער מיטאָג האָט זיך געגרייט.

צו באַגלייטן אונדז האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע קרובים און פריינט און האָבן אונדז געווונטשן א פריילעכע "האָניק־חודש־רייזע". דאָס יונגע ווייבל האָט מען איינגעוויקלט און איינגעבונדן, אַז זי האָט זיך קוים געקאָנט רירן, און מיר האָבן זי אויך איינגעפּאַקט אין וואָגן. עס איז געווען צו קאַלט מיטצונעמען די אַלטע מאַמע, האָבן מיר זי איבערגעלאָזט אין קאַלגאַרי, אָבער דער טאַטע איז מיטגעפאָרן.

די זון האָט זיך אָנגעברוגזט און האָט זיך איינגאַנצן ניט באַוויזן. די לופט איז פול געווען מיט א געדיכטן און טרוקענעם שניי־שטויב, באַ־דעקנדיק אַלץ מיט א זייבער־ווייסן צודעק. עס איז שווער געווען צו אָטעמען

די מיט שווערן פראָסט אָנגעלאָדענע לופט. די נסיעה איז געווען כמעט א פאַנטאַסטישע ווען דער פראָסט וואָלט זיך ניט געווען לאָזן פילן אזוי רעאַ־ליסטיש . . .

אַלץ איז געווען ווייס געצירט: ביימער און קוסטעס האָבן שעמערירט מיט מילי־מיליאָסן דימענטענע פליטערלעך, אפילו די לופט האָט דערמיט געפינקלט. א טויטע שטילקייט האָט געהערשט ארום, אויסער דאָס גריל־צנדיק־מאָנאָטאָנע געזאַנג פון די רעדער איבערן האַרט־געפּאַקטן שניי און אמאָל דאָס פאַרשקען פון די פערד, וועלנדיק פּטור ווערן פון די אייז־צעפּלעך אויף די נעז.

דער טאַטע זיצט ניט איין לאַנג. מיטן פראָסט איז ניט צו שפּאַסן. ער כאַפּט זיך אַרונטער, לויפט דורך א פּאָר מייל, דאַן גיב איך אים די לייצעס און כאַפּ זיך אליין אַרונטער פאר א סטימולירונג שפּאַציר. דאָס ווייבל רירט זיך ניט.

— פילסטו וואַרעם? — פרעג איך זי.

— יאָ! — ענטפערט זי מיר.

פאָרן מיר ווייטער. אַרום האַלב וועג באַמערק איך, אז מיט מיין ווייבל איז עפּעס ניט גלאַט און אז פון דער „האָניק חודש רייזע“ וועט זי קיין האָניק ניט לעקן. פרעג איך איר צום צענטן מאָל:

— איז דיר וואַרעם?

קען זי מיר שוין ניט ענטפערן.

שטעל איך אָפּ די פערד און בעט דעם טאַטן ער זאָל מיר העלפן אַראָפּנעמען זי פון וואָגן. מאָלט אייך אז ס'איז אונדז ניט אזוי גרינג אָנגעקומען, ווייל מיין יונג ווייבל איז קיין עין הרע ניט געווען קיין איבער־געפּאַלענע און איז ניט ווייניק אָנגעפּעלצט געווען דערצו, און אליין רירן זיך האָט זי ניט געקאָנט מער. זי איז איינגאַנצן פאַרשטייפט געוואָרן. זי האָט אפילו אויף די פיס ניט געקאָנט מער איינשטיין. דער טאַטע האָט לאַנגזאַם געטריבן די פערד, איר האָב איך געהייסן זיך מיט ביידע הענט אָנהאַלטן פון הינטן ביים וואָגן און אונטערהאַלטנדיק זי האָבן מיר זיך ווידער געלאָזט אין וועג.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט זי אָנגעהויבן קומען צו זיך. אָפּגייענדיק אזוי א פּאָר מייל נאָכן וואָגן, האָט זי זיך געגנוג דערוואַרעמט צו גיין צוריק אויפן וואָגן, מיט א פאַרשפּרעכן, אז אויב עס וועט איר ווידער קאַלט ווערן, וועט זי זיך בעטן אַראָפּ . . .

עס ווערט שוין טונקל. דער טאַטע האָט געדאַוונט מנחה נאָכגיי־ענדיק נאָכן וואָגן און איך האָב אויף מעריב צו זיין אין דער היים.

איך קריך אַרונטער צו עפּענען דעם טויער פון מיין האָמסטעד, ב"ה מיט מזל געקומען אהיים. אָבער אינגאַנצן רויק בין איך ניט. וועל איך אַלץ געפינען אין אָרדענונג? וואָס קאָן מען מ'שטיינס געזאָגט, דערוואַרטן פון אַן עלף־יאָריקן קינד?

דער הימל האָט זיך צו דער נאַכט צו אויסגעלייטערט. טונקל, כמעט שוואַרץ־בלוי, באַשאָטן מיט פינקלענדיקע שטערן. דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט.

וועלן מיר טרעפן א וואַרעמע הויז? א הייסע גלאָז טיי? . . מיינע מחשבות ווערן פּלוצלונג איבערגעריסן פון א געבילעריי פון די הינט, וועלכע זיינען ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן אַרום מיר, און שפּרינגענדיק גראָד געוואָלט א לעק טאָן מיט זייערע וואַרעמע צינגער מיין קאַלט־פאַרפרוירן

פנים. די הויז־טיר טוט זיך א פראל אויף ארויסלאזנדיק א געדיכטן וואלקן פארע און בערצע לויפט מיט שמחה אנטקעגן:

— האלאו! . . מזל־טוב! . .

ער האט זיך גלייך גענומען אויסשפאנען די פערד. האב איך אים געזאגט ער זאל נעמען דאס יונג ווייבל אין הויז און העלפן איר פאנאנדער־פעקלען זיך. איך מיטן טאטן וועלן באזארגן די פערד.

אין שטאל האב איך אלץ געפונען אין דער בעסטער ארדענונג, צו מיין צופרידנהייט. פאר די פערד איז דאס פלאץ געווען פריש געבעט און היי אנגעגרייט. אריינקומענדיק אין הויז האט אונדז א שלאג געטאן א מחיהדיקע ווארעמקייט. דאס יונגע ווייבל האט זיך דערווארעמט און גע־גרייט צום טיש גלעזער. דער ריח פון פריש פארקאכטער טיי האט זיך איבערן הויז געטראגן.

נאכן טיי און צוביים האבן מיר זיך ערשט גענומען אריינטראגן אין הויז דאס באלעבאטישקייט. ביז שפעט אין דער נאכט האבן מיר געאר־בעט, ביז אלץ איז אויסגעשטעלט געווארן אין דער געהעריקער ארדענונג. בערצע האט מיר דערציילט, אז אונדזער שכן האט אים געהאלפן אנפיטערן די בהמות (אבער ניט געוואסערט) און אויך ביי דער ארבעט. עס איז אים געווען אומעטיק צו שלאפן אליין, אבער ער האט ניט מורא געהאט, ווייל "קאולי" איז מיט אים אין הויז געווען . . .

שפעט ביינאכט, ווען מיר זיינען אין אונדזער אויבערשטיבל פאר־בליבן אליין, פרעג איך מיין יונג ווייבל:

— זאג מיר, מיין טייערע, ווי געפעלט דיר אונדזער "האניק־חודש רייזע"? . .

זי האט א פארשעמט־שמייכלענדיקע געענטפערט:

— מיט דיר, מיין טייערע, דורך פייער און פראסט, ביז צו עק וועלט . . .

נסיעה לשם מצוה

איך בין שטארק פארנומען מיט צוזאמענשטעלן א נייעם שאר־מאשין, וואָס איך האָב געבראכט פון שטעטל אויף אויסצאָלן. די ערד־ארבעט מאשין קאָמפּאני איז א גוטע — אנטזאגט קיינעם ניט צו געבן אויף באָרג, אויף ווי לאנג איינער וויל נאָר. אלץ וואָס זיי פארלאנגען נאָר איז פּראָצענט און פּראָצענט אויף פּראָצענטן ווען עס פארציט זיך . . . דערווייל דארף מען ניט דער־לאנגען קיין מזומנים, וועלכע זיינען דרך־אגב טאקע ניטאָ.

דאָס וועטער האט גוט געהאלטן. הייסע, זוניקע טעג און קילע, טוייִקע נעכט. האָט מען זיך געאיילט צוצוגרייטן אלץ צום שניט. און דערפאר האָב איך ניט געקוקט אויף שבת און האָב שטארק געשוויצט ביים צוזאמענשטעלן די מאשין צום ווּיפלטן מאָל. זעלבסטפארשטענדלעך אז אין די פארוואָרפענע שטעטלעך פון ווייס־רוסלאנד, מיט א דריי־צענדליק יאָרן צוריק, האָב איך קיין ערד־ארבעט מאשינען ניט געזען. איז עס טאקע ניט געגאנגען. איין מאָל, א צווייטן מאָל און א דריטן מאָל צוזאמענגעשטעלט — און ס׳וויל ניט ארבעטן. דער טאטע וויל איך זאָל עס לאָזן צו רו. מ׳וועט א רוף טאָן א שכן וואָס וויים ,א בעט טאָן אים, וועט ער עס מאכן איינס און צוויי . . .

מיר איז עס אָבער אריין אין אן אמביציע. אויב א ליאדע פארמער קען עס מאכן, ווארום ניט איך? און איך נעם זיך פון דאָס ניי צו שטודירן דעם פּלאַן און הויב ווידער אָן צונויפשטעלן די מאשין. איך האלט שוין ביים סוף הער איך ווי דער טאטע שרייט אוים:

— אָן פּאָרט עמיצער, ווער קען עס זיין? מ׳פּאָרט, דאכט זיך מיר, צו אונדז.

איך קוק זיך ארום. יאָ, מ׳פּאָרט, און טאקע צו אונדז. עס נעמט ניט לאנג און איך דערקען מיין ברודער און שוואָגער פון שטאָט.

מיר האָבן זיך שטארק דערפרייט מיט די געסט, אָבער די מאשין האָב איך ניט אָפּגעלאָזן. זיי האָבן אליין אויסגעשפּאנט און זיינע צוגעקומען צו מיר פונקט ווען איך האָב מיט נצחון און שמחה אויסגעפּרובירט די צונויפגעשטעלטע מאשין, וועלכע האָט געארבעט ווי געשמירט און איז גע־גאנגען ווי מזמור.

— א בעלנות פון אים, — רופט זיך אָפּ דער טאטע, — איינגע־שפּארט זיך אליין צונויפצושטעלן די מאשין. זאָג איך אז ער וועט עס ניט קענען. פון וואנען זאָל ער יע קענען, פרעג איך אייך? איז — ניין. עסקט ער זיך דערמיט שעהן לאנג און . . .

— זע נאָר, טאטע, ווי עס ארבעט! — שלאָג איך אים איבער מיט התפעלות, — דארף מען בעסער? צו וואָס זיך בעטן ביי יענעם? מ׳מוז אליין פּרובירן. מיט פרעמדע הענט איז גוט הייסע קוילן צו שארן. האָסט פון

מיר געלאכט, אז כ'וועל די שנייד־מאשין אויך ניט קאָנען צורעכט מאכן. אָבער זעסט! אז מ'וויל קאָן מען!

דער טאטע וויל ניט צוגעבן לפנים, אז איך האָב רעכט, אָבער פון זיינע אויגן שיינט ארויס צופרידנהייט און שטאָלץ מיט מיין דערגרייכונג.

— גוט־שבת, ר' מרדכי, גוט־שבת אלעמען!

מיר קוקן זיך ארום — אונדזער שכן — דער איינציקער יידישן שכן איז צוגעקומען מיט זיין קליינוואַרג, איינס אויף די הענט און צוויי ביי די פּאָלעס. ער האָט זיך באלד גענומען נאָכפרעגן ביי די געסט אויף זיין פרוי וועלכע האָט דורכגעמאכט א שווערע אָפּעראַציע.

קיין געניויען גרוס האָבן אים די געסט ניט איבערגעגעבן. זיי האָבן נאָר געהערט אז זי איז שוין ארויס פונם שפּיטאָל און געפינט זיך אין א פּריוואַטער הויז . . .

אָבער פּלוצים פּלאצט ארויס דער שכן אין א יאָמערלעכן געוויין. די צעשראָקענע קינדער האָבן זיך אויך צעוויינט. וואָס איז? מיט שווערער מי, שלינגענדיק די טרערן, דערציילט ער, אז זיין פרוי איז נאָך מיט א פּאָר וואָכן צוריק אוועק אין שטאָט פאר אן אָפּעראַציע. עס האָט זיך ארויסגעוויזן געפערלעכער ווי דערוואַרטעט, אָבער ב"ה איבערגעקומען בשלום. איצט האָט ער דערהאַלטן א בריוו פון איר און זי פאָדערט ער זאָל אומבאַדינגט באלד קומען נאָך איר, נעמען זי אהיים, אז ניט וועט זי עס ניט איבערטראָגן, וויסנדיק אז די פּיצלעך קינדער זיינען אָן איר אויפזיכט, און־און־און . . . .

— וואָס־זשע קאָן איך טאָן, ר' מרדכי? פאָרן נאָך איר — האָב איך ניט אויף וועמען איבערצולאָזן די קינדער. חוץ וואָס מ'מוז מעלקן די קי, געבן עסן די קעלבער; שלעפּן זיך מיט אלע קינדער איז אוממעגלעך. עס איז גאָר ביי מיר איבערהויפּט א פּראַגע צי מען קען זי גאָר איצט נעמען אהיים, עטלעכע און צוואַנציק מייל אויף די "טייערע" וועגן, וואָס קאָנען ארויסטרייסלען ביי א געזונטן מענטשן די געדערים, ווי זשע זאָל מען פירן א חולה נאָך אזא שווערער אָפּעראַציע? אָבער פאָרן מוז איך סיי ווי סיי. אויב ניט וועט זי זיך חלילה א מעשה אָנטאָן.

אזוי האָט דער שכן א וויינענדיקער, אויסגעגאָסן זיין ביטער הארץ פאר אונדז. ביי אלעמען האָט געציטערט א טרער אויפן ברעם. מיר זיינען ווי שולדיקע געשטאַנען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— שוין צוויי וואָכן, — האָט דער שכן ווידער אָנגעהויבן, — ווי כ'האָב ניט צוגעטאָן מיט אן אויג. אין פעלד גאָרניט געקאָנט טאָן — ווי לאָזט מען איבער פּיצלעך קינדער אליין? און דאָ בין איך ווי א פארסמטער ארומגעשפּרונגען פון הויז אין שטאַל, הין און צוריק. ווי פרי כ'האָב זיך ניט אויפגעהויבן, זיינען שוין די פּיסקליאַטעס וואַך געווען, און לאָזן מיך ניט אָפּ פון אויג. עס איז דאָך שוין שניט־צייט און ביי מיר איז נאָך גאָרניט צוגעגרייט . . .

— ווען עמיצער מעלקט אוים די בהמות פאר מיר (שבת האָט דער טאטע ניט געמאָלקן), וואָלט איך זיך אריבערגעכאַפּט אין שטאָט אריין פאר אייך, — האָב איך זיך אָפּגערופן, — עס דאַרף שוין זיין ארום 5 אזייגער. אויב אייערע פערד זיינען אין שטאַל בין איך שוין גרייט.

דעם שכנס אויגן האָבן זיך צעשמייכלט דורך די טרערן און מיט גרוים צופרידנהייט און דאַנקבאַרקייט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן מיין פאָרשלאָג.

— די פערד זיינען אין שטאַל. אין א צען מינוט האָב איך זיי געשפּאַנט אין "דעמאָקראַט" און וועל זיין דאָ מיט זיי, און וועגן מעלקן די קי . . .

— נו, מיט די בהמות וועלן מיר זיך יאקאָס אָז אייך ספּראַווען, — שלאָגט אים איבער מיין שוואָגער, — איר לויפט און ברענגט די פערד.

דאָס קליינוואַרג, שרייענדיקע, האָט ער איבערגעלאָזט מיט דער מאַמען און אליין איז ער באַלד אוועק נאָך די סוסים. אין אייניקע מינוטן אַרום איז ער שוין געווען צוריק מיטן פולן געשפּאַן.

— איך בעט אייך, זשאַלעוועט ניט די פערד, פאָרט שנעלער. עס איז טאַקע פינף אַזייגער. איר קאָנט עס מאַכן קיין קאַלגאַרי אין א דריי שעה, עטוואָס אויסרוען די פערד און באַלד צוריק, אַזוי אַז אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט זייט איר דאָ צוריק.

אַזוי ווי איך בין געשטאַנען אינם העמד מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, א פאַרשוויצטער פון דער אַרבעט, בין איך אַרויפגעשפּרונגען אויפן "דעמאָ־קראַט" מיט פרישער היי און — וו־י־אָ־אָ . . .

די נסיעה קיין קאַלגאַרי האָב איך געמאַכט אין צוויי מיט א האַלבער שעה. די פערד, אויסגערוטע, האָבן זיך געטראָגן ווי ווייכערס, און ווען איך בין אויפן הויף אַרויפגעפאָרן זיינען זיי אינגאַנצן באַדעקט געוואָרן מיט א ווייסן שוים און די זייטן האָבן געפּאָכעט ווי א בלאָז־זאַק אין קוזניע. ניט קיין אויסגעטאָגענע האָב איך זיי צוגעבונדן צום וואָגן, איבערגעדעקט, ווייל די אָוונטדיקע קילקייט האָט זיך שוין געפילט אין דער לופט, און בין אַריין אין הויז זיך נאָכפרעגן אויפן חולה.

די באַלעבאָסטע, דערהערנדיק נאָך וואָס איך בין געקומען, איז א פאַרצאַפּלטע געוואָרן און האָט זיך צעשריען :

— איך לאָז זי פון אָרט ניט רירן זיך, איר הערט ? משוגע דאַרף מען זיין ר"ל ! דער דאָקטאָר האָט צוגעשטימט אַרויסצולאָזן זי פון שפּיטאָל, נאָר בתנאי, אַז זי זאָל א פּאָר וואָכן ליגן אין בעט און איר ווילט זי גאָר פירן אויפן פאַרם, עטלעכע און צוואַנציק מייל טרייסלען זי אין אַזאַ צושטאַנד ! ניין און ניין ! ! ! . . .

איך האָב א פאַרשולדיקטער, א פאַרלאָרענער אויסגעהערט איר מענה־לשון און ניט געוווסט וואָס צו טאָן אָדער וואָס צו זאָגן. פּלוצים דערהערט זיך א שוואַך קול פון אויבן. מ'רופט מיך. מיר קוקן זיך איבער,ביידע פאַרלאָרענע. יאָ ענטפערן — ניט ענטפערן ? . .

— זי רופט עס אייך, — זאָגט די באַלעבאָסטע שטילערהייט, — איר מוזט אַרויפגיין צו איר. זי האָט אייך דערקענט, איז אויב איר וועט ניט אַרויפגיין וועט זי זיך אויפרעגן און דאָס טאָר מען ניט דערלאָזן. זי רייסט זיך ווי פון קייט צו פאָרן אַהיים. א גאַנצן טאָג הערט זי ניט אויף צו ריידן וועגן די קינדער, און אַז מ'וועט קומען נאָך איר . . . אַז ניט פאַרשטייט זי דען צי זי איז פון געפאַר אַרויס ? אסור איז מיר ! גייט אַרויף צו איר און זעט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו ווירקן זי זאָל ניט פאָרן. זאָגט איר צו אַז איר וועט קומען נאָך איר אין א פּאָר וואָכן אַרום.

פון א באַרג מיט גרויסע קישנס און הויכן איבערבעט האָט אַרויסגע־קוקט א שטאַרק אָפּגעצערט בלייך פּנים מיט פינקלענדיקע אויגן, וועלכע האָבן זיך איינגעגעסן אין מיר. מיט א שוואַך, אויפגערעגט קול האָט זי מיך באַ־שאָטן מיט פראַגן :

— וואָס טוען די קינדערלעך : בעטילע, טאַבעלע, סעמעלע ? א געזונט אין זיי, מיינע אָרעמע פייגעלעך ! וויי דער מאַמען, אַליין איבערגע־לאָזט. ווי האָט ער דען צייט אָפּצוגעבן זיך מיט זיי ? מ'קען זיך דען צערייסן. וואָס קען ער נעבעך טאָן מיט זיי ? כ'רייס מיך שוין לאַנג אַהיימצופאָרן,

ס'איז דאָך שוין שניט־צייט! און דער דאָקטאָר לאָזט ניט. איר ווייסט, — זאָגט זי שטילערהייט, — איך האָב דעם דאָקטאָר אָפּגענאַרט: געזאָגט אים אַז איך מוז פון דעם שפּיטאָל ארויס. די ריחות דאָרטן האָבן מיך קראַנק געמאכט. כ'האָב אים צוגעזאָגט צו ליגן נאָך א פּאָר וואָכן אין בעט. אָבער א כּפּרה אויף אלע שונאי־ציון, זיי וועלן מיך דאָ ניט איינהאלטן. איך פּאָר שוין, באלד! זייט איר מיט אונדזערע פערד געקומען? טאָ זשאלעוועט זיי ניט, איך בעט אייך. גייט, שפּאנט זיי און לאָמיר פּאָרן...

כ'בין געשטאנען א צעטומלטער, ניט געוווסט וואָס צו טאָן. גיי, זאָג איר אַז א שענערע לייגט מען אין קבר, אַז זי נאַרט זיך, ניט דעם דאָקטאָר... און זי דרינגט דורך מיט אירע פאַרדעכטיקט־שמייכלענדיק־בעטנדיקע אויגן, מיט אויגן פון א מאמע, וועלכע איז גרייט אָן איבערלייג זיך מקריב זיין פאר אירע "פּיצעלעך פייגעלעך" מיט א שמייכל אויף די ליפּן.

— שפּאנען איצט קאָן מען ניט, — זאָג איך, כדי צו געווינען צייט, — די פערד זיינען אויסגעשפּילט, צו שטארק געטריבן זיי, אזוי מיך אַז אפילו די פרישע היי ווילן זיי ניט עסן. איך דאַרף זיי ערשט גוט אָפּרייבן, אָנוואָסערן, אָפּמעסטן זיי דעם האָבער און ערשט דאַן, אין א פּאָר שעה ארום וועלן מיר זיך אפשר קאָנען רירן אין וועג. די פראגע איז נאָר: ווי פירט מען אייך?..

אויף דעם האָט זי שוין געהאט א פארטיקן ענטפער:

— די צרה איז, וואָס איך קאָן ניט זיצן און מוז ליגן. אָבער אונדזער "דעמאָקראט" איז לאנג גענוג. וועט איר אזוי גוט זיין אויסשפּרייטן איבער די היי דאָס איבערבעט. איר זעט? עס זיינען דאָ גענוג קישנס. וועט איר מיך גוט אונטערשפּארן און איינדעקן מיט דער דיקער קאָלדרע. כ'זאָג אייך, איך וועל פּאָרן ווי א פּריצה — שונאים און דעם דאָקטאָר אויף צעפּוקעניש (אויפן דאָקטאָר האָט זי געטראָגן א גוט הארץ).

כ'האָב זי ווי ניט איז בארויִקט, דערציילנדיק איר מיט איינצלהייטן וואָס עס טוט זיך אין דער היים און בין אוועק באזאָרגן די סוסים. אונטן האָב איך איבערגעגעבן דער באלעבאָסטע ביי וואָס עס האלט. זי האָט אזש מיט די הענט פארבראָכן.

— גוואלד געשריען, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?.. די פרוי ברענגט אויף זיך אן אומגליק!.. מ'טאָר זי ניט לאָזן פּאָרן!!!...

— אדרבא, — זאָג איך, — טראכט עפּעס צו אן אויסוועג. איך קאָן זיך ניט אויסטענהן מיט איר און איך וואָרן אייך, אַז קיין טענות וועלן ניט העלפן. זי איז אנטשלאָסן צו פּאָרן, און אויב איך נעם זי ניט איצט, וועט די פרוי זיך עפּעס אָפּטאָן... דאָס איינציקע וואָס מיר קאָנען נאָר טאָן, איז פּרובירן איינריידן איר אַז איך וועל קומען נאָך איר אין א וואָך ארום.

מיר זיינען ביידע ארויף צו איר אין צימער און זיינען געבליבן שטיין געפּלעפט, אָן לשון. מיין שכנה איז שוין כמעט אינגאנצן אָנגעטאָן געווען, חוץ אויבער בגדים, און זי איז שוין גרייט צו פּאָרן...

מיר האָבן זיך איבערגעקוקט און אונדזער געדאנק וועגן איבעררייידן זי ניט צו פּאָרן, איז צערונען געוואָרן.

— נו, שכן, זייט איר שוין פארטיק? איך בין באלד פארטיק און מיר קאָנען פּאָרן, — רופט זי זיך אָפּ א ניי־באלעבטע, און צו דער באלעבאָסטע זאָגט זי, — זייט אזוי גוט און העלפט מיר אָנציען דעם אויבערמאנטל.

די באלעבאָסטע האָט א טיפן זיפץ געטאָן און האָט היילפלאָז א מאך געטאָן מיט די הענט.

ארום צען אזייגער ביינאכט האט מען אונדז ארויסבאגלייט. די באלעבאסטע מיט די שכנות ארום, האבן זיך ארומגעקליבן ארום אונדזער וואגן. מיין שכנה איז ווי א פרינצעסין געזעסן פארזונקען אין די גרויסע קישנס און טיפן איבערבעט, ארומגעדעקט מיט דער פוכאווער קאלדרע און האט צופרידן געשמייכלט צו אלעמען ארום זיך. די אויגן האבן געשיינט פון פרייד — ענדלעך פארט זי צו אירע "פייגעלעך".

כ'האב געוווסט אז עס שטייט מיר פאר א לאנגע נסיעה. דעריבער האב איך געוואלט אנציען אויפן שטאטיקן ברוק, ווייל אויפן אפענעם פעלד וועל איך זיין געצוווּנגען צו פארן לאנגזאם. אזוי שנעל אבער ווי איך האב א ריר געטאן די פערד פון ארט האב איך שוין דערהערט אן "אוי" פון וואגן מיט א תחנונימדיק קול:

— טוט מיר א טובה און פארט פאוואליע, עס טרייסלט . . .

טראכט איך מיר, אויב אזוי, בין איך שוין פארזיכערט מיט א דזשאב אויף דער גאנצער נאכט. אויב אויפן שטאט־ברוק איז אזוי, טא וואס וועט שוין זיין אויפן וועג ? . . כ'האב געמוזט איינהאלטן די פערד, געלאזט זיי גיין טראט ביי טראט. עס איז שוין געווען ארום מיטנאכט, ווען כ'האב איבער־געלאזט די שטאט הינטער זיך.

די נאכט איז געווען זייער א קילע. א שווערע ראסע האט זיך געלייגט און אלץ נאס געמאכט. דער טונקעלער הימל איז געווען געדיכט אויסגעזייט מיט פינקלדיקע שטערן און די לבנה האט זיך ווארשיינלעך אנגעברוגזט און האט זיך גארניט באוויזן, נאר א קיל, נאכט־ווינטל האט ווי געזיפצט אין דער נאכט אריין און דורכגענומען מיך א דורכגענעצטן פון דער שווערער ראסע אויף דורך און דורך, אז ס'האבן מיר געטרייסלט די ציין אין מויל.

דאס איז אבער ניט געווען דאס ערגסטע. עס האט מיך אנגעהויבן נייגן צום שלאף. נאך א לאנגן, שווערן טאג ארבעט און דער שטארקער אויפ־רעגונג, האט עס מיך היבשלעך אויסגעמאטערט. איז גאר קיין חדוש ניט וואס די אויגן האבן זיך מיר געקלעפּט. כ'האב זיך געראנגלט מיט אלע כוחות, וויסנדיק די געפאר פון איינשלאפן מיט די האלב־ווילדע פערד . . . עס האט מיך ניט געשראקן אזוי פאר זיך ווי פאר דעם חולה. אבער דאס לאנגזאמע, מאנאטאנע טרייסלען האט געוויגט צום שלאף, כאטש די פערד האבן זיך גע־ווארפן און געפארשקעט פון אומגעדולד.

טראכטנדיק אז איך טאר ניט שלאפן, בין איך שוין געשלאפן, אויפ־כאפנדיק זיך באלד א פארציטערטער. כ'האב די לייצעס ארומגעבונדן ארום זיך כדי ניט צו פארלירן זיי, אבער ווען די פערד האבן מיך שיר פון זיץ ניט ארונטערגעשלעפּט איינשלאפנדיקערהייט, האב איך באשלאסן אז ווייטער קאן עס אזוי ניט אנגיין.

כ'האב אפגעשטעלט די פערד, געפרעגט דעם חולה צי זי איז באקוועם.

— זי איז געווען פולקאם צופרידן. כ'האב איר דערקלערט מיין צושטאנד און געפרעגט צי עס וואלט איר ניט געארט אפצושטעלן זיך פאר א פאר שעה צו כאפּן א דרעמל. עס האט איר ניט געארט.

געזאגט און געטאן. אפגעקערט פון וועג, אויסגעשפאנט און צוגעבונדן די פערד צו א טעלעגראף־סלופּ. אונטערן זיץ געפונען אן אלטן "סליקער" וואס איז געווען הארט ווי א בלעך און קאלט ווי אן אייז־באקס, אבער דאך געשיצט פונם ווינט, בעסער ווי איז איין העמד. אונטערגעשפּארט א שטיין צוקאפּנס, אויף דער הוילער ערד, איינגעהילט אינם "סליקער" בין איך איינ־געשלאפן מיט א הארטן, שווערן, אומרויִקן שלאף.

פּלוצים, מ׳וועקט. איך קאָן די אויגן ניט עפענען, דעם קאָפּ ניט אויפהויבן, אָבער מ׳וועקט פאָרט. שלעפעריק פרעג איך וואָס מ׳וויל. פאַר־מערס פאָרן פון שטאָט, שפּעט ״געשאָפט״, געזען פערד אַנגעבונדן, א וואָגן, קיינער ניטאָ דערביי, געמיינט אַז ״עקסידענט״. אפשר נויטיקט מען זיך אין הילף ? . .

דערקלער איך זיי די לאַגע, אַפּגעדאַנקט און כ׳שלאָף ווידער . . .

מען וועקט פון דאָס ניי !די זעלבע געשיכטע ווידערהאָלט זיך עטלעכע מאָל, ביז איך פיל אַז מיין קאָפּ שפּאַלט זיך מיר פון ווייטיק. ס׳איז ניט מער צו טראַכטן וועגן שלאָף. באַשלאָסן צו רירן זיך אין וועג. מיין חולה שלאָפט רויק. גראָד די פרישע, קילע נאַכט־לופט האָט דערקוויקנדיק געווירקט אויף איר און האָט זי איינגעשלעפערט מיט א געזונטן, דערהאָלנדיקן שלאָף.

איך פאָר ווייטער מיט האַלבע טריט. די פערד דרייען מיר אויס די פּאַרגליווערטע הענט, בייסן די ציימלעך, וואַרפן זיך ווי די טייוואָלים, אָבער איך מוז זיי האַלטן אין צאַם. ניט נאָר פאָרער האָבן מיך איבערגעיאָגט, נאָר אויך פוסגייערס און איך שלעפּ זיך בכבדות . . .

— ״האַו איז עי טשענס פאַר עי רייד״ ? — דערהער איך פון דער נאַכט ארויס.

איך קוק זיך אום, פון ביידע זייטן וואָגן גייען צוויי חברה. אַנפאַנגס האָב איך זיך דערשראָקן, אָבער א ווײַלע שפעטער, זיינען זיי שוין געזעסן אויף ביידע זייטן פון מיר און האָבן מיך כאָטש עטוואָס דורכגעוואַרעמט. אויסער דעם איז טאַקע געוואָרן אביסל פרייליכער אויך. עס איז געוועזן א געהיקעטער שמועס, אָבער דאָך א שמועס וואָס האָט געהאָלפן פאַרטרייבן די שרעקלעכע לאַנגזאַמקייט פון דער אומענדלעכער נסיעה.

אָבער אויך דאָס האָט זיך געענדיקט. זיי געזעגנען זיך מיט מיר, דאָ גייען זיי אַרונטער, נאָר א האַלב מייל פון וועג און זיי זיינען אין דער היים. רבש״ע ! איין האַלב מייל און איך האָב נאָך ארום אכט מייל מיט זייטיקע פאַרם־וועגן צו פאָרן, ווו מ׳מוז זייער פאָרזיכטיק זיין ! וועל איך עס דערפאָרן ? . .

דאָס נאַכטיקע ווינטל איז פאַרטאָג צו שטאַרק קאַלט געוואָרן. ס׳האָט מיך דורכגענומען און ס׳האָט מיך ווי אין א קדחת געוואָרפן. כ׳וואָלט גערן אראָפּ זיך דורכצולויפן, דערמיט זיך צו דערוואַרעמען — טאָר איך אָבער ניט אַפּלאָזן די לייצעס אויף קיין מאָמענט. שלעפּ איך זיך ווייטער . . .

ווי איך האָב זיך דערקליבן ביז צום שכנס הויף ווייס איך ניט. איך ביז געוועזן אין א מין קאָמאַ־צושטאַנד. ווי דורך א חלום געדענק איך אראָפּ־קריכנדיק עטלעכע מאָל פון וואָגן אויפצועפענען און צומאַכן טויערן פון פּרעמדע ״האָמסטעדס״, וואָס כ׳האָב געדאַרפט דורכפאָרן. מעכאַניש, אָדער בעסער געזאָגט ,אויטאָמאַטיש האָב איך עס געטאָן, עפּעס נאָר ווי דורך בלינדער ווילנס־קראַפט.

אזוי ווי דורך א נעפּל געדענק איך ווי דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן גרויען אין מזרח. דאָס האָט אויף מיר קיין איינדרוק ניט געמאַכט. עס טאָגט ? זאָל טאָגן, וועמען ארט עס ? איך דאַרף זיך אומענדלעך שלעפּן . . .

די זון האָט א שיין געטאָן א געלייטערטע און געוואַשענע פונם נאַכ־טיקן טוי, און האָט זיך מיט אירע קאָסע שטראַלן רעגנבויגנדיק מעבטיק אָפּ־געשפּיגלט אין די מילי־מיליאָסן טוי־טראָפּנס אויף קוסט, בוים און גראָז, וועלכע זיינען ווי באַצירט געוואָרן אין דימענטן און בריליאַנטן. נו, טאָ זאָל

זי שיינען. נאָך אזא לאנגער נאכט, מוז דאָך קומען דער טאָג מיט דער זון. קען דען אנדערש זיין ? . .

די פערד האָבן זיך אליין אָפּגעשטעלט. א טומל, א געפּילדער ארום. דאכט מיר, אז מ׳רופט מיך, כ׳זאָל פון וואָגן אראָפּ. איך וויים ניט פארוואָס, אָבער כ׳בין געליימט, קען מיך ניט רירן, קאָן אפילו די לייצעס פון די הענט ניט ארויסלאָזן.

. . . ווען כ׳האָב מיך אויפגעכאפּט און האָב די אויגן אויסגעריבן, האָב איך זיך געפונען אין בעט, ניט קיין אויסגעטאָנענער. די מאמע איז א פארזארגטע געזעסן לעבן מיר. כ׳האָב זיך באלד אויפגעהויבן און האָב גענו־מען האָגלען אויף דער מאמען מיט פראגן :

— ווי שפּעט בין איך געקומען ? . . ווי האלט איצט דער זייגער ? . . איז עס פארטאָג צי פארנאכט ? . . . ווי פילט די שכנה ? . . און אזוי ווייטער און ווייטער . . .

די מאמע האָט, א שמייכלענדיקע, מיך בארויקט, אָנזאָגנדיק אז אלץ איז אין אָרדענונג. די שכנה פילט זיך ב״ה אויסגעצייכנט. זי זאָגט אז די טובה וועט זי מיר קיינמאָל ניט פארגעסן און אז איך האָב פארדינט די גרעסטע מצווה מיט דער נסיעה . . .

ביים שכן אין הויז איז יום־טובדיק . . .

כ׳דארף בענטשן גומל

דריי טעג און דריי נעכט האָט ניט אויפגעהערט צו שטורעמען. א שניי־זאווערוכע (אָדער ווי די ענגלישע רופן עס: א בליזארד), וואָס אָבות־אבותינו האָבן אזוינס ניט געזען — שיר הייזער ניט פארשאָטן געוואָרן. מיין פאָטער האָט פאָרויסגעזאָגט א שניי, אָבער ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אזעלכעס?

נאָך פון מיטאָג אָן איז דער הימל פארצויגן געוואָרן מיט א געדיכטן, מילכיקן וואָלקן, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזט נידעריקער און נידעריקער. קיין שטארקער פראָסט האָט זיך ניט געפילט, קיין ווינט אויך ניט. אָבער באלד נאָכמיטאָג איז געוואָרן אזוי טונקל, אז מ׳האָט געדארפט אָנצינדן דעם לאָמפּ אין הויז. פערד און בהמות האָבן זיך ארומגעבלאנקעט מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, און האָבן זיך געריסן אין שטאל. אפילו די הינט האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אז די בייזע נאטור־כוחות האלטן איין דעם אָטעם פאר אן אטאקע אויף דער זינדיקער ערד, און האָבן געזוכט א באהעלטעניש אינם היי.

ווען מיר האָבן געפיטערט די בהמות ביים שטויג היי אויף דער נאכט, האָט עס אָנגעהויבן צו בלאָזן. א בלאָז און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם — און נאָך א שטארקערער בלאָז. שטראָמעלעד לויזער שניי צעיאָגן זיך געשלענגלט אין אלע ריכטונגען. איך לאָז איבער דעם טאטן, לויף צום הויז אָנצוגרייטן האָלץ און דאָס לעצטע ביסל קויל̃ן צום האנט — מאלע וואָס עס מאכט זיך . . . פארטיק דערמיט, לויף איך צום טאטן צו ברענגען אלץ אין אָרדענונג, פאר־שפּארן די קעלבלעך באזונדער, קעלביקע בהמות באזונדער, פערד באזונדער אא״וו. ווען מיר זיינען פארטיק געוואָרן האָבן מיר שוין קוים געטראָפן דעם וועג צוריק צום הויז.

א ווינט מיט א געדיכטן שניי האָט געיאָגט מיט אימפּעט פון צפון און האָט אלץ און אלעמען פארדעקט און פאַרשלונגען. דער באגריף פון ריכטונג איז פארלאָרן געוואָרן. עס האָט געדרייט, געהוזשעט און געפייפט, אזוי ווי דער גיהנום וואָלט לויז געלאָזן אלע זיינע משחיתים אין א ווילדן קאראהאָד. עס האָט אייגנטלעך געבלאָזן פון אלע זייטן מיטאמאָל, פון אונטן און פון אויבן. הימל און ערד אין שניי איז איינס געוואָרן — כאאָס! . . און וואָס אמאָל האָט זיך עס געשטארקט, געוואָרפן פון די פיס, געשמיסן אין פנים ווי מיט פלאָ־מענדיקע בייטשן, דעם אָטעם ניט אָפּצוכאַפּן. קוים אָפּציענדיק דעם אָטעם זיינען מיר אין הויז אריינגעפאלן.

אין שטוב איז טונקל. דאָס פייער אינם לאָמפּ טאנצט און הוידעט זיך, ווייל דאָס גאנצע הויז ציטערט. די אלטע מאמע שלייכט זיך ארום אי־בערן הויז א בלייכע, א צעשראָקענע און זאָגט א תּפילה שטילערהייט. ביים טיש רעדט קיינער קיין וואָרט ניט, דאָס הוזשען און וואָיען האָט אלץ פאר־טויבט. א שרעקלעד שווערער אומעט האָט אומדערקלערבאר געדריקט.

באלד נאָך וועטשערע איז מען געגאנגען שלאָפן. איך בין אוועק אין

מיין בוידעם־שטיבל. געוואַלט עפּעס לייענען, געוואָלט צו פרי צו שלאָפן, אָבער קוקנדיק אין בוך, האָב איך גאָרניט געזען. ניט ווילנדיק זיינען מיינע מחשבות געווען אין דרויסן.

הו־הו־הו ! . . צעלאַזט זיך דער בליזאַרד איבער באַרג און איבער טאָל מיט ניצחון, ווי ער וואָלט געפילט אַז ער איז אַלמעכטיק איבער דער אָפענער פרייערי. ווער קען זיך אים דען אַנטקעגן שטעלן ? ער באַפאַלט דאָס הויז מיט ווילדן ווּט און מאַכט די ווענט ציטערן ביזן פונדאַמענט; רייסט זיך דורך די פענצטער מיט אַ קלינגערייַ און דורכן קוימען מיט פּאַשיידענעם אָנשטעל: אָט צעווויינט זיך עס ווי אַ קליין קינד און אָט צעוואַיעט זיך עס ווי אַ טשאַטע הונגעריקע וועלף. דאָס בעטל ציטערט און הוידעט זיך אונטער מיר. איך לעש אויס דעם לאָמפּ, ליג מיט פאַרמאַכטע אויגן און הער זיך צו צום שדים־טאַנץ אין דרויסן. ביסלעכווייז שיילט זיך אַרויס פונם אַרום אַ מין כאַאָטישער ריטם, וועלכער פאַרוויגט מיך אויף מיין געלעגער מיט אַ שטאַרקן חלומלאָזן שלאָף.

איך כאַפּ זיך אויף און הער זיך צו. דער בליזאַרד, שיינט מיר, האָט זיך פאַרשטאַרקט. אין מיין דאַך־שטיבל איז שטאַרק קאַלט. דער ווינט שפּאַציִרט דאָ אַרום גאַנץ פרייַ. אויף יעדער טשוואָק איז אָנגעפּראָרן אַ ווייס קעפל, אַזוי אַז דאָס גאַנצע בוידעמשטיבל איז געווען ווי אַן אויסגעשטערנטער הימל. פון מיין אָטעמען האָט אַ פּאָרע געשלאָגן און מיינע האָר זיינען גרוי, מיט פראָסט באַדעקט. איך כאַפּ זיך אַרונטער פונם געלעגער אין דער פינצטער, וואַרף אַרויף די קליידער און לויף אַרונטער אונטן צו זען וואָס עס טוט זיך. דער טאַטע זיצט ביים אויוון און זאָגט תהילים מיטן אַלטן באַקאַנטן טרויעריקן ניגון; די מאַמע שטריקט אַ וואַרעמע זאָק און שאָקלט צו צום טאַקט מיטן קאָפּ. דער אויוון ברענט, דער לאָמפּ דערביי לייכט מיטן זעלביקטן הוידענדיקן פייערל.

— וואָס טוט מען ? — גיב איך אַ פרעג, — ווי גייט מען פיטערן און מעלקן די בהמות ?

— ס'איז נאָך צו פרי, — ענטפערט דער טאַטע, — אפשר וועט גאָט העלפן און מיטן טאָג וועט עס שטילער ווערן.

ס'איז אָבער ניט שטילער געוואָרן. ניט דעם טאָג און ניט אויף דעם צווייטן טאָג. נאָר צום סוף פונם דריטן טאָג איז דער בליזאַרד מיד געוואָרן. מיר האָבן זיך געמוזט אויסגראָבן פון הויז. טיר און פענצטער פאַרטראָגן מיט שניי. צו צוקומען צום שטאַל האָט מען געדאַרפט מאַכן אַן אמתן טונעל. מיט צעשמאָלצענעם שניי איז מען אויסגעקומען פאַר זיך, פאַר די קעלבער און פאַר די קעלביקע קי. די אַנדערע האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט לעקן דעם שניי.

אויפן פערטן טאָג האָט זיך די זון צום ערשטן מאָל באַוויזן. עס איז געווען אַ געפאַר פאַר די אויגן אַרויסצוקוקן אין דרויסן. אַ טויטע תכריכים־ווייסקייט האָט געהערשט אַרום, באַגאָסן מיט אַ ים זונען־שטראַלן, וואָס האָבן צוריקגעשלאָגן פונם שניי מיט אַ גוואַלדיקער בלענדעניש. דאָס אויג האָט ניט געהאַט אויף וואָס אָפּצורוען זיך. מ'האָט געמוזט זיך היטן פון שניי־בלענדעניש . . .

מ'דאַרף אומבאַדינגט פאָרן אין שטעטל. ניטאָ קיין קוילן, ניטאָ באַלד וואָס צו עסן — און דער פראָסט שטאַרקט זיך. עס איז טאַקע ניט מער ווי אַ זיבן מייל. אַהין באַרג־אַראָפּ, צוריק איז אָבער באַרג אַרויף מיט אַ געלאָדענעם וואָגן. אויסער דעם איז אַ פראַגע: ווי רירט מען זיך פון אָרט, אַז ס'איז ניט מעגלעך אַרויסצופירן אַ פערד אין דרויסן, ווער רעדט אין שפּאַן ? . . נאָך

א לאנגן ישוב־הדעת איז געבליבן איבערצוואוארטן נאך א פאר טעג, ביז פריי־טיק, אפשר וועט אימעצער דערוויל דורכרייסן א וועג אינם פרישן שניי.

מיר האבן זיך געפעדערט גאנץ פרי, פרייטיק. באזארגט אלעם נויטי־קעס, צוגעביסן עטוואס, געשפאנט די פערד אין וואגן (קיין שליטן האט מען ניט געקאנט באנוצן צוליב דעם בערגלדיקן באדן, וויל די בערגלעך זיינען תמיד געווען ריין פון שניי), גענומען מיט זיך צוויי גראב־אייזנס און געלאזט זיך פארן אין שטעטל. א צוויי מייל איז אונדז אויסגעקומען אפצושארן א וועג פאר די פערד, ביז מיר האבן זיך דערקליבן צו א סימן פון א וועג. ארום מיטאג זיינען מיר אנגעקומען אין שטעטל. אזוי ווי ס'איז געווען ערב שבת, האט מען זיך געמוזט צואיילן. אויסגערוט און אונטערגעפיטערט די פערד, איינגעקויפט אלעם נויטיקעס, איבערהויפט אנדערהאלבן טאן קוילן, און פארקירעוועט די האלאבליעס צוריק אהיים.

דער בארג איז געווען איינגעטיילט אין דריי טעראסן, ווי גיגאנטישע טרעפ. און דער וועג האט זיך געשלענגלט, איינגעשניטן פאזע דעם בארג־ארויף איבער פיר מייל, ריין פון שניי. גלייך פונם שטעטל ארום הויבט זיך דאס בארג־ארויף. דער וואגן איז געווען שווער פאר די פערדלעך, איז דער טאטע אראפ פון וואגן און האט זיך געלאזט גיין בארג ארויף אויף א פריער. אן ערך א האלב מייל ארויף־בארג האבן זיך די פערדלעך אנגעהויבן מארדעווען. איינער האט זיך געוואלט אפשטעלן און פארן צווייטן איז געווען איבער די כוחות צו שלעפן אליין, האט ער אנגעהויבן שפרינגען און דער וואגן האט אנגעהויבן ציען אויף צוריק.

די געפאר איז געווען גרויס. פון איין זייט וועג האט זיך געהויבן דער בארג, פונם צווייטן זייט איז געווען אן אפגרונט. איין אומפארזיכטיקער קער און מען פאלט צום עזאזל. האב איך פארזיכטיק און געלאסן מאניפולירט מיט די לייצעס ביז כ'האב אויסגעקירעוועט דעם וואגן מיטן הינטן צום בארג, ס'זאל ניט שלעפן צוריק, גערעכנט אפצורוען די פערד א ווילע. אבער די צעהיצטע פערדלעך האבן זיך ניט באררוקט, נאר האבן געשפרונגען און געווארפן זיך איינם אויף דאס אנדערע. איך האב געמוזט האלטן די לייצעס שטארק אנגע־צויגן צו האלטן זיי אין צאם און ס'האט זיך מיר געדוכט, אז כ'האב זיי קאנ־טראלירט.

פלוצים האב איך דערפילט אז די פערדלעך קירעווען זיך בארג־אראפ. מיין איך אז כ'האלט די לייצעס צו שוואך. שטעל איך זיך אויף און שפאר זיך איין מיט די פיס אין וואגן און רעכן אז דאס וועט די פערדלעך זיכער אפ־האלטן. צו מיין שרעק זע איך אז זיי האבן זיך שוין פארקירעוועט בארג־אראפ. איך ווער צעטומלט און פארשטיי ניט וואס אזוינס דא קומט פאר — איך זאל ניט קאנען איינהאלטן די פערד ? . .

וואס א מאמענט צעלאזן זיך די פערד אלץ מער אין א ווילדן גאלאפ בארג־אראפ. איין פאלשער קער — און מ'וועט מיינע ביינער דארפן קלייבן. אין קאפ דרייט ווי א וויכער, אבער די לייצעס האלט איך איינגעקלאמערט אין מיינע הענט. עס וויגט מיך שטארק, שטייענדיק אויפן וואגן, זוכנדיק איינ־צוהאלטן די פערד אין דעם בארג־אראפיקן גאלאפ. און פלוצים — א גוואל־דיקער שטויס. עס גיט מיך א הויב אין דער לופטן און א שליידער פארויס צווישן די פערד. אן אויגנבליק — כ'בין אונטערן וואגן און . . . דער גאנ־צער בארג איז אויף מיר ארויפגעפאלן מיט א שרעקלעכן קראך . . . משונה־דיקע גלעקער האבן זיך אין מיינע אויערן צעקלונגען. איך האב אנגעהויבן זינקען אין א פינצטערן, שרעקלעכן אפגרונט . . .

עס דוכט זיך מיר, איך הער דעם טאטנס געשריי, אָבער ווי קומט דער טאטע אין דעם פינצטערן אָפּגרונט ? גוואלד ! וואָס דריקט עס אזוי ? איך פיל אז מיינע גלידערים ווערן פון מיר ארויסגעקוועטשט און דער קאָפּ איז ווי אין אייזערנע צוואנגען איינגעקלאמערט. אָט־אָט און איך פיל אז ס׳וועט אמבאדינגט פלאצן. איך זע אפילו ווי מיין געהירן איז צעשפּריזט איבער די שטיינער. עס שווינדלט מיך אויף . . . אָ, א סוף זאָל עס נעמען ! ווי לאַנג וועט עס נאָך אזוי דריקן ? עס איז דאָך ניט אויסצוהאלטן. עס קאָן לאַנג ניט געדויערן, טרייסט איך זיך. אָט, נאָך א דרוק און אויס ! . .

אויס ! . . בליצט אויף אין מיין פארנעפּלטן מוח. אויס ! . . ס׳האָט מיך ניט פארדראָסן און ניט געשראָקן. אָבער עס גלויבט זיך עפּעס ניט, אז ס׳איז טאקע אויף אן אמת אויס. און וואָס איז וועגן מיינע עלטערן, פריינט און באַקאַנטע, מיין כלה ? וועלן זיי עס גלויבן ? כ׳האָב דאָך נאָך גאָרניט געלעבט, גאָרניט אויפגעטאָן — און שוין אויס ! . .

— ניין ! . . ניין ! — שרייט אין מיר אויס א פּראָטעסט.

א שרעקלעכער שטוים. איצט בין איך זיכער, אז דאָס איז דער סוף, אָבער עס איז מיר גאָר אזוי גרינג געוואָרן — אויס דריקעניש . . . און איך טראַכט, ס׳איז גאַנץ פּשוט : אז ס׳איז אויס פילט מען ניט מער קיין דריקעניש, קיין פיזישע ווייטיקן . . . אָבער ס׳איז מיר געוואָרן ליכטיק. און דוכט מיר ווי כ׳הער דעם טאטן שרייען. וואָס מיינט דאָס ? דאָס אַלץ האָט מיט א משונה־דיקער שנעלקייט געיאָגט דורך מיין פארנעפּלטן מוח, און פּלוצים דערהער איך קלאָר און דייטלעך דעם טאטנס פארצווייפלטע געשרייען :

— מיין זון ! . . מיין זון ! . . כ׳האָב דאָך דיך געוואָרנט ! . .

כ׳הויב אויף אביסל דעם קאָפּ און — דוכט זיך מיר אז כ׳לעב נאָך . . . ווי דורך א גרעדיכטן נעפּל זע איך ווי דער טאטע לויפט בארג־אראָפּ. די לאַנגע, גרויע באָרד צעשפּרייט פון ווינט, און שרייט מיט באַנומענע קולות. טראַכט איך : מ׳מוז אים בארויקן, און איך רוף זיך אָפּ :

— טאטע, וואָס שרייסטו ?

ער איז צוגעלאָפן צו מיר אָן אָטעם :

— דו פרעגסט וואָס איך שריי ? ! גיב נאָר א קוק אויף זיך. רבונו של עולם, זע וואָס פון דיר איז געוואָרן ! . . גוואלד, זון מיינער ! . . כ׳האָב דאָך דיר געוואָרנט און דו האָסט מיך ניט געפאָלגט, — ס׳האָט אים אויסגע־פעלט אָטעם און ער איז אנטשוויגן געוואָרן.

— כ׳פארשטיי נאָך אַלץ ניט וואָס דו האָסט זיך אזוי צעשריען, — רוף איך זיך אָפּ, — איך פיל ניט קיין ווייטיק, — דערווייל דערמאָן איך זיך און טו א פרעג : — וווּ זיינען די פערד און וואָגן ?

— א כפּרה די פערד און וואָגן — וואָס עס ליגט אים אין זינען ? . . אויב דו פילסט ניט קיין ווייטיקן, וואָרום ליגסטו ? פארוואָס הויבסטו זיך ניט אויף ? . .

איך פּרוביר זיך אויפהויבן און קאָן ניט. דער טאטע צעלאַכט זיך היסטעריש :

— נו, פארוואָס שטייסטו ניט אויף ? . .

— איך קאָן ניט, ווייל איך ליג בארג־אראָפּ, — פאַלט מיר איין.

ער העלפט מיר זיך אויפהויבן. איך קוק זיך ארום און דערזע פערד און וואָגן בארג־אראָפּ, און רוף זיך אָפּ :

— אָט זיינען דאָך די פערד און וואָגן ! זיי זיינען גאָר ניט אנטלאָפן ? לאָמיר גיין צו זיי.

קוקומענדיק, דערזע איך א הינטערשטע אקס איז אָפּגעבראָכן. ווייז איך עם דעם טאטן.

— ווען האָט דאָס פּאסירט ? — פרעג איך אים.

— ווייז מיר ניט און פרעג מיך ניט, — זאָגט ער, — דאָס האָט דאָך דיך פון וואָגן אראָפּגעוואָרפן . . .

און ער האָט מיט קורצע, אָפּגעהאקטע ווערטער דערציילט וואָס ס'איז ווירקלעך פאָרגעקומען :

ווען די פערד זיינען געשפרונגען איינס אויף ס'אנדערע, האָט איינער פארטשעפּעט דעם האטשיק פון זיין לייצע וואָס האלט דאָס ציימל אינם קלעשטש פונם צווייטן פערד און האָט עס אָפּגעבראָכן, מאכנדיק פריי דאָס צוימל. איך האָב עס ניט געקאָנט באמערקן און האלטנדיק די לייצעס זייער שטארק אָנגעצויגן, מיינענדיק איינצוהאלטן זיי האָב איך אליין געקירעוועט די פערד בארג־אראָפּ. די הינטערשטע אקס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אָן א שטיין אינם זייט בארג און האָט זיך אָפּגעבראָכן, און ווען דער הינטערטייל פון וואָגן האָט א פאַל געטאָן, האָט עס מיך א שליידער געטאָן פון פאָרנט ארויס צווישן די פערד, און ווען דער שווער־געלאָדענער וואָגן איז ארויף אויף מיר, האָט א שרויף פון דער אָפּגעבראָכענער אקס מיך פארכאפּט, איינעסנדיק זיך מיר אין רוקן און האָט מיך געשלעפּט מיטן בויך איבער די שטיינער בארג־אראָפּ, דריי־קנדיק מיט דער גאנצער געוויכט פונם געלאָדענעם וואָגן. צו מיין גליק איז אויפן וועג געווען אן אויסגעשלאָגענע גרוב און דאָס גריבל האָט מיך געראַ־טעוועט, ווייל ווען כ'בין אהין ארייננגעדריקט געוואָרן, איז דער וואָגן איבער מיר אריבער, ארייננטעררייסנדיק די קליידער פון מיין רוקן צוזאמען מיטן הויט און פלייש מיט דער שארפער שרויף.

מ'קאָן זיך שוין פאָרשטעלן וואָס דער טאטע האָט איבערגעלעבט דער־זעענדיק דאָס בילד. און איבערהויפּט ווען ער האָט מיך דערזען ליגנדיק אינ־גאנצן א צעבלוטיקטער, די קליידער אראָפּגעריסן און אויסגעמישט מיט בלוט, זאמד און שניי.

אויפן טאטנס געשרייען זיינען אָנגעלאָפן אייניקע מענטשן. האָט זיך דער טאטע געווענדעט צו זיי אויף שטום־לשון : — "דאָקטאָר, דאָקטאָר", — ווייזנדיק אויף מיר. זיי האָבן אליין גוט פארשטאנען ווענן וואָס דאָ האנדלט זיך און איינער פון זיי האָט זיך גלייך געלאָזט לויפן צוריק אין שטעטל. איך האָב פּראָטעסטירט, אז כ'דארף קיין דאָקטאָר ניט, כ'פיל קיין ווייטיקן ניט — אָבער ער איז שוין אוועק.

א גוואלדיקע מידקייט האָט מיך באהערשט. מיינע גלידער זיינען ווי מיט בליי אָנגעגאָסן געוואָרן. מיינע קני האָבן זיך אונטער מיר געבויגן. איך האָב זיך צוגעזעצט אויפן וואָגן און געפרעגט דעם טאטן וואָס מיר וועלן איצט טאָן . . .

— מיר מוזן לייען א וואָגן, איבערשפּאנען און איבערלאָדן אלץ, און וואָס גיכער פאָרן אהיים אויף שבת, — האָב איך געזאָגט.

— אוי, מיין זון, מיין זון ! . . דו טראכסט נאָך צו פאָרן אהיים אויף שבת ? . . מנע ! . . זאָל גאָט געבן זאָלסט כאָטש אין עטלעכע שבתים ארום קאָנען אהיימקומען, — האָט ער א מאד געטאָן מיטן האנט און האָט זיך טיף אָפּגעזיפצט.

ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן פילן ווייטיקן. פון קיין באשטימטן פלאץ, אָבער ס'האָט זיך געשטארקט ביז מיין גאנצער קערפּער איז געוואָרן איין שרעקלעכער צאָן־ווייטיק. איך האָב פארקריצט די ציין ניט צו שרייען,

כדי ניט צו שרעקן דעם טאטן. א מאכטלאָזיקייט איז מיך באפאלן. איך האָב זיך געמוזט אָנהאלטן ביים וואָגן ניט אומצופאלן. געמיינט האָב איך אז איך וועל זיך שוין אויפן דאָקטאָר ניט דערווארטן.

ענדלעך, ענדלעך איז דער דאָקטאָר אָנגעקומען. ער האָט מיך באַטראכט און האָט געבעטן מ'זאָל אים העלפן צו נעמען מיך אין זיין "באָגי". מיט איין האנט האָט ער מיך צוגעהאלטן און מיט דער צווייטער גענומען די לייצעס. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז די נסיעה אין שטעטל אריין וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. די יסורים זיינען געווען איבערמענטשלעכע.

קיין שפיטאָל איז אינם שטעטל ניט געווען, האָט דער דאָקטאָר פאַראָרדנט מ'זאָל צוגרייטן א צימער אויפן צווייטן שטאָק אין האָטעל און דאָרט האָט מען מיך ארויפגענומען. דער דאָקטאָר רוימט מיר איין כ'זאָל דעם טאטן זאָגן ער זאָל ניט אריינקומען אין צימער ביז ער וועט פארטיק ווערן מיט מיר און גיט מיר צו פארשטיין :

— ס'וועט זיין א שווער שטיקל ארבעט צו ברענגען דיך אין אָרדענונג, ווילט זיך ניט אז דער אַלטער זאָל עס צוזען . . . ער קאָן נאָך אמאָל שטערן, איז בעסער אז ניט . . .

ביים טיר פון צימער שטעל איך אָפּ דעם טאטן און גיב אים איבער דעם דאָקטאָרס פארלאנג. ער האָט אָנפאנגס ניט געוואָלט הערן, אָבער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן.

די שריים פון מיינע קליידער האָט דער דאָקטאָר מיט דער הילף פונם האָטעל-באדינער שטיקלעכווייז מיט א שער ארונטערגעשניטן פון מיר. דאַן איז געקומען דאָס אמתע שטיקל ארבעט — ארומצווואשן מיך, ווייל עס האָט פון מיר אַלץ ארויסגעקוועטשט. דער דאָקטאָר האָט זיך שטארק געשראָקן, אז מיינע גערערים זיינען שטארק צעשעדיקט. אויף מיין גאנצן קערפּער איז קיין אומבארירטער פּלאַץ ניט געווען. דער קאָפּ צעלעכערט און אייניקע פּלעצער: דער רוקן אינגאנצן צעאַקערט, א דריי ריפּן צעבראָכן, אויסער וואָס בכלל גענומען בין איך געווען צעקוועטשט און צעקלאַפּט ווי א ווייניקער עפּל.

צוויי פולע שעה האָט געדויערט דאָס צורעכט מאכן מיך. ווען דער דאָקטאָר איז ענדלעך פארטיק געוואָרן איז פון מיר געבליבן א בארג מיט באַנדאַזשן. דורך דער גאנצער צייט איז דער טאטע געשטאַנען הינטער דער פארשפּארטער טיר. כ'האָב געהאלטן די ציין פאַרדריקט ניט צו שרייען פון ווייטיק. דער טאטע, ניט הערנדיק קיין פּיפּס פון מיר, האָט איבערגעטראכט גאָט ווייס וואָס, און האָט מיט תחנונים געקלאַפּט אין טיר רופנדיק מיך. כ'האָב געמוזט ענטפערן, אז איך בין "אָלרייט" (דאָס האָט ער פארשטאַנען).

ווען מ'האָט אים אריינגעלאָזן צו מיר אין צימער, איז ער שיר אין חלשות געפאלן א קוק טוענדיק אויף מיר. כ'האָב באמערקט זיין שרעק און האָב (מ'שטיינס געזאָגט) א שמייכל געטאָן, צוגערופן אים נעענטער און האָב אים געפרעגט וואָס ער גייט טאָן. ער האָט דאָס לשון פארלאָרן און האָט מיט שטומער שרעק געקוקט אויף מיר.

— טאטע, — רוף איך זיך אָפּ, — פארגעס ניט אז די מאמע איז געבליבן אליין. ס'ווערט שוין שפּעט, ס'איז ערב שבת. זי וועט ניט וויסן וואָס איבערצוטראכטן. וואַרט ניט, טאטע ! . . כ'וועל זאָגן דעם דאָקטאָר ער זאָל אימעצן בעטן מ'זאָל דיר העלפן איבערשפּאַנען און איבערלאָדן. די ענגלישע זיינען פיינע מענטשן. זיי וועלן דיר זיכער העלפן. פארליר ניט קיין צייט און פאָר באַלד אהיים.

— אָבער ווי קאָן איך דיך איבערלאָזן דאָ אליין ? — האָט ער מיט וויטיק אויסגעשריען, — ווי איז מיר ! . . . זע וואָס פון דיר איז געוואָרן ! . .

— טאַטע, איך בלייב דאָ ניט אליין. מ'וועט דאָ גוט אכטונג געבן אויף מיר, שרעק זיך ניט. חוץ דעם וועל איך בעטן מ'זאָל טעלעפאָנירן קיין קאַלגאַרי, אימעצער פון אונדזערע זאָל קומען, וועלן זיי שוין אכטונג געבן אויף מיר. אָבער דו פאָר באַלד אהיים, די מאַמע איז אליין . . .

ער איז נאָך א א ווײַלע געשטאַנען, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון מיר און א שטראַל האָפענונג האָט אויפגעשיינט אין זיינע מיט טרערן פאַר לאָפענע אויגן.

— מיין זון, אים ירצה השם, אז דו וועסט געזונט ווערן, פאָרן מיר אין שטאָט אריין גומל בענטשן, דו הערסט ? . . ביסט דאָך ביי מיר א געפונענער ! . .

ער האָט אויף גיך אָפּגעקערט דאָס פנים פון מיר, ווישנדיק אין אייל ניש די אויגן און איז אוועק. ס'איז שוין געווען שפּעט. ניט וועלנדיק אריינפאָרן אין שבת, האָט ער די פערד צו פוס אהיים געטריבן. שלעפּנדיק זיך און זינקענדיק אין די טיפע שנייען, איז ער קוים א לעבעדיקער שפּעט אין אוונט אין הויז אריינגעפאַלן . . .

ווי עס זעט אויס, האָט מיר דער דאָקטאָר איינגעגעבן עפּעס צו שלאָפן, ווייל אינגיכן נאָכן טאַטנס אָפּשייד האָבן מיינע אויגן אָנגעהויבן טומפּיקער ווערן, כ'האָט געפילט אַליץ גרינגער און גרינגער, ביז כ'האָב זיך דערפילט שוועבנדיק אויף צאַרטע, אומזעבאַרע פליגלען אין א ליכטיקער אומרעאַלער וועלט . . .

— —

— —

ווי לאַנג כ'בין געשלאָפן ווייס איך ניט. ווען כ'האָב מיינע אויגן געעפנט, האָב איך דערזען מיין כלה א פאַרוויינטע לעבן בעט און מיין שוועסטער, אויך א פאַרוויינטע איז געזעסן אין אן אנדער ווינקל.

דער לאָמפּ איז געווען אריינגעדרייט, דאָס צימער איז געווען פאַרזונקען אין האַלב־טונקלקייט. מיינע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט אין א צופרידענעם שמייכל: איך לעב נאָך — איך וועל לעבן . . . מיינע מידע אויגן האָבן זיך ווידער געשלאָסן אין א דויערנדיקן דערהאָלנדיקן שלאָף . . .

דער פארשטערטער יום-טוב

דער זייגער שלאָגט צוועלף ביינאכט. אין דרויסן האָט זיך דער הארבסטיקער ווינט מיטן רעגן פארשטארקט און האָט אומאויפהערלעך און מאָנאָטאָן געשמיסן איבערן פלאכן דאך פון אונדזער "שעק". מיין פרוי שפרינגט אויף מיט א הארצרייסנדיקן געשריי :

— גאָט מיינער ! . . וואָס וועט פונם קינד ווערן אין אזא קאלטער, נאסער, שטורעמדיקער נאכט אין דרויסן . . . דער מוח הויבט זיך מיר . . . איך ווער משוגע ! . .

זי לויפט צו צו מיר :

— וואָס ליגסטו ? ! גוואלד, וואָס ליגסטו ! ! ! הער וואָס אויפן גאס טוט זיך . . . ער איז דאָך ערגעץ אין דער נאסער פינצטערניש איינער אליין אויפן פעלד, אין וואלד ! . .

איך בין געלעגן אויפן בעט אין מיינע קליידער. דורכגענעצט ביזן מארך, פון א זיבן־אכט שטונדיקן אומאויפהערלעכן זוכן, רייטנדיק און צופוס אין א גוס־רעגן.

איצט בין איך געלעגן אין א הינערפלעט. איך האָב געהערט די פארצווייפלטע, אפגעריסענע געשרייען פון מיין פרוי, ווי דורך א געדיכטן נעפל. איך האָב געוואָלט אויפשפרינגען, בארויקן זי כאָטש אביסל, זאָגן איר א פּאָר טרייסט־ווערטער (אין וואָסערע איך האָב אליין ניט געגלויבט). אָבער מיין קאָפּ און אויך מיין גאנצער קערפער איז געווען ווי מיט בליי אָנ־געפילט. מיט הייסע, זודיקע בליי וואָס האָט געברענט דעם מארך און ווי א דריקנדיקע כוואליע געשטורעמט דורך מיינע אָדערן. איך האָב נאָר ארויס־געלזאָט פון צייט צו צייט א קרעכץ ווי א פארוואונדעטע חיה. אָבער פון אָרט האָב איך זיך ניט געקאָנט רירן.

עס איז שטיל געוואָרן. איך האָב אָנגעהויבן זינקען אין א טיפן תהום פון פארגעסנהייט. יעדער טראָפּן רעגן אויפן דאך האָט מיר ווי א האמער געטראָפן איבערן קאָפּ און ווי א שפּיז אין הארצן. איך זינק אלץ טיפער און טיפער . . . פארשיידענע ניט קלאָרע בילדער ,וואָס האָבן זיך מיט א רגע צוריק דורכגעטראָגן דורך מיינע געדאנקען ווי א וויכער, הויבן אָן פארשווינדן און ווערן פארוואנדלט אין א כאָאָס . . .

איך זינק אין א פוסטער ליידיקייט און פיל ווי איך ווער צעשוווּמען, צונויפגעגאָסן. עס אַרט מיך ניט, איך בין גאָר צופרידן צו ווערן ניט מער . . .

פלוצים : א פארצווייפלטער אויסגעשריי, אזוי פול מיט ווייטיק, אז עס האָט מיך פון דעם הינערפלעט צושטאנד אויפגעריסן . מיין פרוי לויפט אום אין דער האלב־טונקלקייט פון אונדזער קליין צימערל, באלויכטן פון א קעראָסין־לעמפל; דאָס פנים פארשוואָלן פון אומאויפהערלעכן יאָמער, מיט ביידע הענט צוגעדריקט די שלייפן :

— גאָט אין הימל ! איך וועל דאָס ניט אריבערטראָגן ! . . איך וועל . . . און זי איז זיך פארגאנגען אין שלוכצן . . .

איך האָב זיך פארווירט ארומגעקוקט איבערן צימער. אונדזערע צוויי מיידעלעך זיינען זיך רויק געשלאָפן אין זייערע בעטעלעך, אזוי ווי גאָרנישט ניט וואָלט געשען. דער ווינט און רעגן האָט נאָך געהאָלפן פארשטארקן זייער זיסן שלאָף. אָבער אונדז, זייערע אומגליקלעכע עלטערן, האָט זיך ניט גע־שלאָפן. אונדזער גדאנק האָט ארומגעוואנדערט דורך דער נאסער פינצ־טערניש נאָך אונדזער פארבלאָנדזשעט קינד, נאָך אונדזער איינציקן, פיר־יאָריקן זונעלע . . .

איך בין אינדערפרי אוועק אין שטאָט מיט דער מילך. ער האָט זיך געשפילט מיט די קינדער. דאַן קומט ער צו צו דער מוטער :

— גיך, מאמע, טו מיר אָן. פעט וויל מיך מיטנעמען אין פעלד.

די מאמע האָט אים ווארעם אָנגעטאָן, האָט אים מיט גרויס ליבשאפט אָנגעקושט. האָט אים אָנגעזאָגט ער זאָל זיך היטן, ניט אוועק פון פעטן, ער וועט נאָך חלילה פארבלאָנדזשען. און ער איז א פריילעכער, א לאכנדיקער אוועק, אום ניט מער געזען צו ווערן לעבעדיקערהייט.

ער האָט פעטן ניט געטראָפן. פעט האָט זיך ניט דערוואָרט אויף אים און ער איז אליין אוועק. ער האָט זיך געלאָזט נאָכיאָגן. דאכט זיך אויפן ריכטיקן וועג ? . .

מיטאָג־צייט. פעט איז צוריקגעקומען אליין.

— ווו איז מיכאַלקע ? — פרעגט די מאמע מיט א ציטער אין קול.

— איך האָב אים פון אינדערפרי אָן ניט געזען, — איז דער ענטפער.

דער מאמען האָט זיך עפעס אָפגעריסן אין הארצן . . .

דער הימל איז שטארק פארוואָלקנט. א קאַלטער, פייכטער ווינט האָט געבלאָזן. עס איז געווען צו דערוואַרטן א רעגן צו יעדער מינוט.

— מיר מוזן גיין זוכן דאָס קינד, — זאָגט די צעטראָגענע מוטער.

פעט איז געווען שטארק צוגעבונדן צום קינד. מען האָט איבערגעלאָזן דעם אומבארירטן מיטאָג און מען איז אוועק זוכן. אייניקע דערבייאיקע פאר־מערס האָבן מיטגעהאָלפן זוכן, אָבער אָן קיין דערפאָלג.

איך האָב אין שטאָט באַדאַרפט פארשיידענעס באַזאָרגן, האָב איך פארשפעטיקט. אויף א געוויסן פלאַץ רופט מען מיך צום טעלעפאָן. וואָס איז ? מיין פרוי, מיט א וויינענדיק קול רעדט :

— קום באַלד אהיים ! מיכאַלקע, מיכאַלקע . . . איז פארלאָרן געוואָרן ! . .

עס האָט מיר אין הארצן א זעץ געטאָן. איך וואַרף דעם טעלעפאָן, שפאַן אויס א פערד, כאַפּ זיך ארויף רייטנדיק און לויף אהיים. ניין, איך בין ניט געלאָפן — געפלויגן בין איך. ווי אזוי דאָס פערד האָט אונטער מיר ניט קראַפירט ווייס איך ניט. איך בין אָבער געקומען אהיים פאר ליכטיקן. מיין פרוי האָט מיך באגעגנט מיט א געוויין. די איבעריקע זיינען געשטאנען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ . . . מ׳האָט אומעטום געזוכט — ניט געפונען. דערוויַיל האָט אָנגעפאנגען רעגענען, האָט מען אויפגעהערט צו זוכן.

איך האָב פארזיכטיק אויסגעפרעגט יעדערן באזונדער, ווי און ווו מ׳האָט געזוכט. אויסהערנדיק זייערע ענטפערס, בין איך אליין אוועק זוכן. זיי האָבן מיר נאָכגעפאָלגט.

דער רעגן האָט שווער געמאַכט דאָס זוכן. עס האָט דעם סליאַד אָפּגעוואַשן. פאר מיר איז אָבער גענוג געווען א צוגעטראָטן גרעזעלע, אן

אפגעבראכן צווייגעלע און איך האב טראט ביי טראט נאכגעפאלגט דעם שפור. זיי אלע צעשרייען זיך אז איך פארליר צייט אומזיסט. זיי האבן שוין דא דורכגעזוכט אומעטום. איך לאז ניט אפ און פאלג נאך דעם שפור פאר א פאר מייל, ביז זיי באפאלן מיך ווידער: גוואלד, עס ווערט שוין באלד פינצטער, מען מוז גיין זוכן אין אן אנדער ריכטונג . . .

איך האב זיך ניט־ווילנדיק אונטערגעגעבן. מיר האבן זיך צעשפרייט אויף א געווויסן שטח און האבן אים גערופן ביים נאמען — קיין ענטפער . . . אונדזערע קולות האבן אפגעקלונגען איבערן פעלד און וואלד און זיינען פארשלונגען געווארן, אפגעשטארבן אין דער דיקער, נאסער פינצטערניש. ביז שפעט אין דער נאכט האבן מיר געזוכט, אבער אן קיין דערפאלג.

אויסגעמאטערטע, דורכגענעצטע האבן מיר זיך צוריקגעקערט אהיים מיט יאוש אין הארצן און מיט א געראנק אין קאפ, וואס האט ווי טיטוסעס מוק, אן אויפהער געפיקט דעם מארך: וואס וועט ווערן פון אונדזער זונעלע? . . אזא נאכט אין ווילדן וואלד אליין! . .

אט די אגאניע האט זיך געצויגן דורך דער אומענדלעכער, פול מיט שרעקנס־בילדער נאכט, ביז א בליאסק אויף טאג. דאן איז אנטשטאנען די פראגע: וואס איצט? . .

איך בין אוועק צו אן אנגעזעענעם אלטן פארמער און האב אים מיט א צעבראכן הארץ דערציילט פון מיין אומגליק. ער האט מיך בארו־יקט אויף וויפל מעגלעך און האט מיך אפגעשיקט אהיים, פארשפרעכנדיק באלד צו ארגאניזירן א זוך־פארטיע. ארום זיבן אזייגער אינדערפרי האבן מענטשן אנגעהויבן אנקומען: פארמערס פונם גאנצן געגנט, ארבעטער פון די דער־בייאיקע קוילן מינען און אן אפטיילונג רייטנדיקע פאליציי. אויך פיל שטאט־מענטשן זיינען שפעטער צוגעקומען.

מען איז ארוים זוכן. ביז פארנאכט האט מען דורכגעזוכט יעדער ווינקל. יעדער קוסט און גרעזל ארום האט מען ארומגעזוכט. פארשמאכטע, פארהונגערטע האט מען זיך צוריקגעקערט מיט ליידיקן. מען האט אונדז אבער געטרייסט: אזוי ווי קיין שפור האט מען ניט געפונען, איז מעגלעך, אפילו זיכער, אז ער איז צוגעקומען צו א וועג, וווּ א פארבייפארער פארמער האט אים אויפגעקליבן. דעריבער דארף מען נאר אנאנסירן אין די צייטונגען און ער וועט זיך אפזוכן.

מיר האבן אזוי געטאן. עדמאנטאנער יידן האבן זיך דערוווּסט פון דער פאסירונג, איז מען געקומען אונדז זען און טרייסטן.

טעג נאך טעג האבן זיך אומענדלעך געצויגן, פול מיט יסורים און פיין — אבער קיין נייעס איז ניט אנגעקומען. עס איז ערב ימים־נוראים אויף דער וועלט, ביי אונדז איז הויז אבער איז תשעה־באב . . . ניט מען עסט, ניט מען טרינקט און ניט מען לעבט. מיר גייען ארום ווי אין א קאשמאר. טאג־איין, טאג אויס האב איך ציללאז ארומגעוואנדערט איבער בארג און טאל, וואלד און פעלד. צייטנווייז מיט א שרעקלעכן יאוש אין הארצן און צייטנ־ווייז מיט א טעמפער גלייכגילטיקייט צו אלץ און אלעמען.

שלאפלאזע נעכט האבן נאכגעפאלגט. נעכט, דורכגעזאפט מיט בלוטיקע טרערן פון מיין פרוי און פול מיט דערוואַרטונג פון עפעס שרעקלעכעס פאר מיר. איין פראגע האט רוען ניט געלאזט: פארוואס? . . אין פארצווייפלונג האב איך געהאלטן א ויכוח מיטן רבש״ע: ביסטו אן אב הרחמן? פרעג איך. און אויב איך האב זיך ביי דיר פארזינדיקט, שטראף מיך פערזענלעך.

אבער וואס האסטו צו מיין איינציקן אומשולדיקן זונעלע . . . פארוואס ? פארוואס ? . .

דאס פייפן פונם ווינט און דאס שמייסן פונם רעגן אויף די שויבן זיינען מיין ענטפער געווען. עס האט נאר אויסגעזען ווי די פענצטער מיט די פארטרערטע שויבן וואלטן געהאלפן מיטוויינען אויף אונדזער בראד . . .

פארשיידענע מענטשן זיינען דורך דער צייט געווען ביי אונדז, אויסגעפרעגט איינצלהייטן פון דער פאסירונג, ביז אויפן צוועלפטן טאג אינדערפרי איז אנגעקומען אן אפטיילונג פון "באי סאקוטס" מיט זייער פירער.

באטראכטנדיק די געגנט ארום און אויספרעגנדיק געוויסע פראגן, האבן זיי אוועקגעמארשירט צום דערבייאיקן וועלדל.

ארום צוויי אזייגער נאכמיטאג, ערב ראש־השנה תרע"ה, איז אנגעקומען מר. טש. לייאנס (אים קומט א דאנק פון טיפן הארצן פאר זיין אומדערמידלעכער ארבעט און מיטהילף אין דער זאך), און האט אונדז אנגעזאגט, אז מען האט געפונען שפורן פון דעם קינד אויף א געאקערטן פעלד ארום דריי מייל פון אונדזער פלאץ. אבער ווי קלאר דער אנזאג האט ניט אנגעדייטעט, אז אונדזער קינד איז ניט מער צווישן די לעבעדיקע, האבן מיר דאך עקשנותדיק געהאפט — אויף וואס ? . .

ארום דריי אזייגער בייטאג איז אנגעקומען א שליח פון די באי־סקאוטס און האט עפעס אנגעהויבן שטאמלען. דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז אלע צווייפלען און אלע האפנונגען זיינען צו ענד. איך האב מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם געפרעגט :

— איז עס געשען ? . .

— יא, עס איז געשען ! . .

ער האט א מאד געטאן מיטן האנט און פונם וועלדל האבן זיך באוויזן די באי־סקאוטס, דער פירער פארויס און נאך אים האבן פיר געטראגן אן איבערגעדעקט טראג־ברעטל. די איבעריקע האבן נאכגעפאלגט מיט אנטבלויזטע קעפ . . .

איך האב מיט ציטערנדיקע הענט אויפגעהויבן דעם שווארצן צודעק. מיין קינד, מיין איינציק זונעלע, איז געלעגן איבערגעדעקט מיט צווייגלעך און מיט פארגעלטע הארבסט־בלעטלעך . . .

די אונטערדריקטע, פאר די צוועלף טעג אנגעזאמלטע טרערן, האבן ווי צוויי הייסע שטראמען א שפאר געטאן פון מיינע אויגן. אלץ איז פאר צויגן געווארן ווי מיט א נעפל און איך ביז צו דער ערד געזונקען. מיין גאנצער קערפער איז אויפגעטרייסלט געווארן פון קאנוולסיעס . . .

זיי האבן אים געפונען ליגנדיק אונטער א קוסט, כמעט אינגאנצן איבערגעדעקט מיט צווייגלעך, ארום א האלבן מייל פון דעם פלאץ ווו איך ביין גלייך פון אנפאנג זוכן געגאנגען. ווען מען שטערט מיר דאן ניט . . .

מען האט זיך געמוזט צואיילן. עס איז דאך ערב יום־טוב . . .

קלוג און געראטן ביסטו געווען, מיין ליב אומשולדיק קינד. אבער אויף קורצע יאר . . . רו אין אייביקן פרידן . . . ערע דיין אנדענק ! . .

פון

מיין פאטערס מעשות

(טיפן און בילדער פון דער אלטער היים)

ר׳ זלמן-מאיר בוידער

קעגן דעם וואָס איר זאָגט, אַז אַ גוי איז אַ גזלן, דאַרף איך אייך זאָגן, אַז צומאָל זיינען אחינו בני־ישראל ניט בעסער.

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ״זיבקאָי״ (נאָוואָזיבקאָוו) וועגן געשעפט אַסיען־צייט. געוויינטלעך, ווו פאַרפאַרט אַ ייד ? צו אבנר קאָמיסאַראָוו, אין אכסניא, ווו מען קען צו יעדער צייט טרעפן וועמען מען וויל. פאַרנאַכט־צו, ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט מיינע עסקים, בין איך אַ מידער און הונגעריקער אריינגעפאַלן אויף דער אכסניא. איך האָב דאָרטן געטראָפן אַ היבש ביסל אורחים. יידן פון כל המינים, און צווישן זיי אויך זלמן־מאיר בוידער. און אָט וועגן דעם זלמן־מאירן וויל איך דערציילן.

ער איז געווען אַ ייד אַ תושב אינם דאָרף בוידע מכמה יאָרן. אַ יוס־טער באַלעבאָס, האָט שטענדיק געפירט מסחרים מיט די גויים פון די דערפער און האָט צו זיי חלילה גאָרניט דערלייגט. און די גויים האָבן פון אים געהאַלטן אַן עולם ומלואה.

איז דאָרף האָט ער פאַרמאָגט, אויסער אַן אייגענעם הויף פאַרבויט ווי אַ קאַסטן מיט שפייכלערס און שטאַלן, אויך אַ פיינע באַקאַליי־קראָם; אַן ״אַליינע״ (פלאַקס אויל ״פלענט״), וואָס פלעגט גיין כמעט דורכן יאָר, און אויך אַ גרויסע ״קרופּאַ־דיאָרנע״ (גרויפּן־מיל). חוץ דעם האָט ער געפאַכטעט פון אָרטיקע פריצים פאַשע. פלעגט אויסקויפן ״סקאָט״ (פי) אויף אָטפּאַס (אָפּ־צופיטערן) און פלעגט עס פאַרקויפן מיט גוטן ריווח.

זלמן־מאיר בוידער איז געווען אַ ייד קרוב צו די זעכציקער, אַ שווע־רער, געזעצטער ייד, מיט אַ לאַנגער, ברייטער, גרויער באָרד מיט לאַנגע, גרויע ברעמען וואָס זיינען אריבערגעהאַנגען איבער די אויגן.

קיין צו גרויסער למדן, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז ער ניט געווען. ער איז געווען גאַנץ טעמפּלעך אויף די שוואַרצע פינטעלעך און איז אויך ניט געווען צופיל פאַנאַנדערגעוואָרפן מיטן רובל. אָבער אַן ערלעכער ייד איז ער געווען ביז גאָר: אַ וואָרט זיינס איז געווען הייליק סיי אין מסחר, סיי אין וואָס ניט איז אַנדערש. אַ ייד האָט ביי אים אַלעמאָל געקראָגן איבערצובייטן און אַמאָל אויך איבערנעכטיקן. מיט איין וואָרט — אַ ישובניק.

דער עולם איז משמעות געווען גאַנץ הונגעריק, האָט מען אָפּגעכאַפּט אַ מעריב מיטן מנין, ביי אבנרן איז שוין די וועטשערע געווען גרייט, נאָך מיט אַ גוטן לחיים דערצו. און ביים עולם האָבן זיך די צינגער צו ביסלעך פאַנאַנ־דערגעבונדן . . .

נאָכן בענטשן האָט מען זיך ארומגעזעצט ארום דער ״הרובע״, ווו אַ פייער פון בעראָזעווע האָלץ האָט לעבעדיק געקנאַקט און ווייל אויפן גאַס איז געווען קאַלט און נאַס, אַן אמת אָסיענדיקע פּאָגאָדע, איז ארום דער הרובע געווען אַ מחיה. ווער עס האָט פאַררויכערט אַ פּיפּקע, ווער אַ פּאַפּיראָסל, אַנדערע האָבן ארויסגענומען דעם ״ראָזשאָק״ (אָפּגעצאַצקעט האָרנדל), געכאַפּט

א געשמאקן שמעק טאבאק און אויך מכבד געווען די ארומיקע. אזוי האָט זיך ביסלעכווייז פארפירט א שמועס. אין די רייד כאפט זיך ארויס א יונ־גערמאנטשיק:

— ר׳ זלמן־מאיר, דערציילט עפּעס אונדז וועגן אייער גומל־בענטשן!

אלע האָבן עס גלייך אונטערגעכאפּט. יעדערער האָט שוין געוווסט וועגן דעם גומל בענטשן, אָבער דאָך האָבן אלע געוואָלט הערן פון זלמן־מאירן אליין. ער האָט גענומען א גוטן שמעק טאבאק, אָפּגעווישט די נאָז מיט זיין רויטער פאטשיילקע, אויסגעגלעט די בּאָרד גאנץ בהרחבהדיק און האָט אָנגע־הויבן מיט זיין באסאווען קול:

מיט ניין יאָר צוריק האָב איך געהאט אויף "אָטפּאָס" א דריי הונ־דערט "שטיקלעך", וואָס זיינען געווען פארטיק פארן מארק. פארקויפן האָב איך זיך אָבער ניט געאיילט. ווייל ערשטנס, איז ביים פּריז אויף די אָפּגע־שניטענע פעלדער געווען גענוג פּאשע, און צווייטנס, האָט זיך דער מקח אלץ געהויבן, ווייל גוטע סחורה איז ניט געווען בנמצא.

איין פרימאָרגן קומען צו מיר עטלעכע קצבים, טאקע זיבקאָווער, און ווילן ביי מיר אָפּקויפן דאָס גאנצע בינטל סחורה. איך האָב זיי ארויסגעפירט אנצוקוקן און עס איז זיי גראָד געפעלן געוואָרן. אָבער ווען איך האָב זיי א לאָמר געטאָן דעם מקח, האָבן זיי די נעזער פארקערט. האָבן אָנגעהויבן פרא־ווען זייערע ווויל־יונגערישע קצבישע שטיק מיט מיר. האָב איך מיט זיי גע־מאכט קורץ און שארף: עס געפעלט אייך ניט? דארף מען ניט! און איך האָב פארקערט דאָס פערד צוריק אהיים.

זיי האָבן אָבער פּאָרט באדאַרפט האָבן די סחורה — ערב יום־טובים, יידן דארפן פלייש, קאזנא וויל פלייש פאר די אָסטראָגן וכדומה — האָט מען זיך גענומען דינגען מיט מיר. בקיצור, זיי האָבן זיך געדונגען און מען האָט מיר באצאָלט דעם מקח אין מזומן ארום זיבן טויזנט רובל, אָבער מיט ציין־קריצעניש. איך האָב דאָס ביסל מזומן פארשלאָסן אין א שקאטולקע וואָס איז געשטאַנען אויף א טישל אין מיין שלאָף־קאמער.

דער מסחר איז פאָרגעקומען אָנהויב וואָך. ארום פרייטיק ,איך בין אין קראָם. געשעפט ב״ה איז ניט שלעכט איז מען פארנומען, שטארק פאר־נומען. מיין לאה איז געווען פארנומען מיטן פאררוקן דעם טשאָלנט אויף שבת. קומט אריין א "סטארעץ" (בעטלער). פרעג איך אייך, איז עפּעס א נייעס אין א דאַרף א "סטארעץ"?

מיין לאה דערלאנגט אים א שטיק ברויט און חידושט זיך, — אזא גרויסער, שטארקער גוי זאָל גאָר בעטלען. ער האָט דאָס ברויט צוגענומען אין זאק און אָנשטאָט צו גיין צוריק דורכן קיך־טיר, איז ער פארקראָכן אין די וויטערדיקע חדרים. מיין לאה האָט אים אָנגעוויזן דעם וועג ארוים און האָט אָן אים באלד פארגעסן.

צו ליכט־בענטשן בין איך אריינגעפאלן אין שטוב אָנגעהאָרעוועט ווי א פערד. די קינדער, דריי מיידלעך און יעקבקע, מיין מיזינעק, דאן א 15 יאָריקער יינגל, האָבן זיך אויך גענוג אָנגעטיאָפּקעט.

איך האָב בחיפזון מקבל־שבת געווען . מיין לאה האָט געגרייט דעם טיש אין זאל (אין דער וואָכן פלעגן מיר עסן אין קיך) און מיר האָבן אָפּגעגעסן די שבתדיקע וועטשערע. צום בענטשן בין איך שוין געפאלן אויפן נאָז (קיין זמירות צומאָל ניט געזונגען, ניט פּאר גאָט אויסגערעדט), און לאה האָט גע־מאכט די בעט. ארויסגעשיקט יעקבקען צושפּארן די לאָדנס און מיר זיינע אלע אוועקגעפאלן שלאָפן ניט אויפראמענדיק דעם זאל.

איידער איך דערצייל אייך ווייטער, איז כדי איר זאָלט בעסער פאַר־שטיין, וועל איך אייך אויסלייגן דעם פּלאַן פון מיין הויז: פון הויף צו, א פאַרהויז מיט א שטאַרקער טיר, וואָס פאַררוקט זיך פון אינעווייניק; א קלאַ־דאָווקע (פּעקטאַרי) מיט א טיר צום פאַרשפּאַרן די קיך. פון קיך צום זאַל גייט מען דורך פאַרביי דעם קינדערשן שלאָף־צימער און פון זאַל עפנט זיך די טיר צו מיין שלאָף־קאַמער.

איבערשלאָפנדיק דעם ערשטן, שטאַרקן שלאָף, האָב איך אויפגעוואַכט און ליג און טראַכט מיר איבער די מסחרים פון דער וואָך. איך האָב זיך דער־מאָנט אַז די קצבים ווי בייז זיי זיינען געווען, וויל זיי, די קלוגע, האָבן דעם נאַר, דעם ישובניק, הייסט עס, ניט געקענט אויסכיטרעווען, און האָב מיר א שמייכל געטאָן אין וואָנצע.

פּלוצלונג האָט עפּעס א קלאַפּ געטאָן אין זאַל. איך האָב אנגעשפּיצט די אויערן און האָב זיך אויפגעזעצט. אָבער מער ווי דאָס קלאַפּן פונם וואַנט־זייגער האָב איך ניט געהערט. איך האָב שוין געמיינט, אז דאָס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט און איך האָב זיך ווידער געלייגט. גיט מיר אָבער פּלוצים א האַק אין מוח — דאָס געלט . . . די קצבים . . . אזוי ווי פון א שלאַנג געביסן כאַפּ איך זיך אראָפּ פון בעט און לויף צום טיר. איך לייג ארויף די האַנט אָפּצושפּאַרן און שטעק עס אַן אויף עפּעס שאַרף און שפּיציק . . . איך גיב מיט אימפּעט א רייס אויף די טיר און . . .שטויס מיך אָן אויף אימעצן.

ניט געטראַכטערהייט כאַפּ איך אָן דעם אימעצן. אָבער די שרעק האָט ביי מיר דאָס לשון אָפּגענומען און איך שוויג. איך האָב באַלד דערפילט ווי איך ווער געטראָגן ארויס פון הויז דורך אַלע חדרים אין הויף אריין.

קענט איר זיך פאַרשטעלן וואָס איך האָב דורכגעלעבט אין די מינוטן? אָבער ווי א געליימטער בין איך געווען. ניט א קול, און אזוי ווי צוגעוואַקסן צו מיין טרעגער.

טראָגנדיק מיך צום גאָרטן איבערן אָנגעוואָרפענעם הויף, האָט זיך דער אימעצער פאַרטשעפּעט און איז אומגעפאַלן. איך אויף אים. ער האָט זיך געדרייט ווי א שלאַנג לויז צו ווערן פון מיר, אָבער ווי מיט אייזערנע צוואַנגען האָב איך אים געהאַלטן. ניט אנדערש דער רבש״ע האָט מיר געגעבן שמשון הגיבורס גבורה. איך וואונדער זיך ביז היינטיקן טאָג, ווי איך האָב אים דאָס געקענט איינהאַלטן.

ווי לאַנג מיר זיינען אזוי געלעגן ווייס איך ניט. מיר האָט עס אויס־געזען זייער לאַנג. מיטאַמאָל דערהער איך מיין לאה רופט מיך. איך וויל איר ענטפערן און קען ניט. זי, ניט קריגנדיק קיין ענטפער, האָט געמאַכט א גוואַלד. די קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט צעשראָקענע. מען פרעגט דער מאַמען וואָס איז? זי האָט מיך געהערט ארויסגייענדיק פון קאַמער, עס איז שוין פאַרביי א לענגערע צייט און איך בין ניטאָ. זי גייט זען וווּ איך בין, געפינט זי אַלע טירן אָפן, א זאַך וואָס איך טו געווייינלעך קיינמאָל ניט. דאָס האָט זי שטאַרק אויפגערודערט און איצט שרייט זי און רופט, אָבער קריגט ניט קיין ענטפער.

די קינדער האָבן זיך מיט א געפילדער צעלאָזט איבערן הויף זוכן אין דער פאַרטאָגיקער גרויקייט, ביז זיי האָבן זיך אָנגערוקט אויף אונדז.

עס איז נאָך געווען צו טונקל צו באַמערקן וואָס און ווער. אויף די גע־שרייען "אָט ליגט דאָ אימעצער" איז מיין יעקבקע אָנגעלאָפן מיט דער איי־זערנער פענטע (האָבל) און, מיינענדיק, אז אימעצער וואַרגט דעם טאַטן, טראַכט ער ניט לאַנג און דערלאַנגט א "צי" מיט דער אייזערנער פענטע און טרעפט, ועמען מיינט איר . . . טאַקע מיך אליין. אָבער א "צי" אז עס האָבן זיך מיר

פונקען פון די אויגן א שאָט געטאָן און איך האָב אויסגעשריען פון ווייטיק. דאָס האָט מיר אָפּגעבונדן די צונג. די מהומה איז געוואָרן נאָך גרעסער. עס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן די שכנישע גויים און בינו לבינו האָט אָנגעהויבן טאָגן. האָט מען זיך פאַנאַנדערגעקליבן . . .

דער אימעצער וואָס איך האָב געהאַלטן איז געווען א מאַן פון משונה־דיקער גרויס מיט א פּאָר פּלייצעס פון גלית הפלישתי, שוין אין די פופציקער, אָבער שטאַרק ווי אייזן. עס האָט גענומען א היבש ביסל גויים איינצוהאַלטן אים. ער האָט דערלאַנגט קלעפּ ווי מיט האַמערס, ביז מיין יעקבקע האָט זיך צוגערוקט מיט דער "פּענטע" און האָט אים דערלאַנגט א טשמעל איבערן קאָפּ, אַז ער איז ווי אַן אונטערגעקאָסיעטער א פאַל געטאָן צו דער ערד. די גויים האָבן זיך ארויפגעוואָרפן אויף אים ווי צערייצטע וועלף און מען האָט אים גענומען שלאָגן.

איר האָט אַמאָל געזען ווי דער מוזשיק שלאָגט ? ניט געאיילט, גע־לאַסן. ביז איינער ווערט מיד, טרעט ער אָפּ — נעמט זיך א צווייטער. מיט די הענט, מיט די פיס (און שווערע שטיוול מיט פּאָדקאָוועס) און אַזוי אָן אָן אויפהער און וויי ווער עס טרעפט.

אַז איך בין געקומען צו זיך און האָב דערזען וואָס די גויים האָבן געמאַכט פון דעם חברה־מאַן, בין איך א פאַרצאַפּלטער געוואָרן. עס איז מער ניט געווען צו דערקענען דעם העלדן גיבור מיט די ברייטע פּלייצעס. דאָס פּנים איז ניט מער געווען קיין פּנים, נאָר א צעטראָטענע, צעקלאַפּטע שטיק פלייש. אַז א קרעכץ ארויסצולאָזן איז ער געלעגן איינגעוואַלגערט אין בלאָטע מיט בלוט צעמישט און די גויים הערן ניט אויף צו שלאָגן.

איך האָב זיך א וואָרף געטאָן אויף די גויים מיט א געשריי זיי זאָלן אים אָפּלאָזן. אָבער ניט אַזוי גרינג איז עס מיר אָנגעקומען, ביז איך האָב זיך איינגעבעטן ביי זיי זאָלן אויפהערן.

מען האָט אים צוגעטראָגן צום שטוב, אוועקגעלייגט אויפן גראָז און אָפּגעגאָסן מיט קאַלטע וואַסער. ער האָט קוים־קוים געעפנט די פאַרשוואָלענע ברעמען און מיט א בלאַנדזשענדיקן קוק אונדז דערזען. מיט זייער א שוואַד קול האָט ער געבעטן א טרונק וואַסער. די קינדער האָבן אים דערלאַנגט א פולע קוואָרט. ער האָט עס מיט גרויס דורשט אויסגעטרונקען, האָט זיך שטאַרק אָפּגעזיפצט און איז געבליבן ליגן שטיל.

דערווייל איז אָנגעקומען דער "אוראַדניק". נאָכדעם ווי ער האָט אונדז אויסגעפרעגט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז ער צוגעגאַנגען צום חברה־מאַן, האָט אים א טאָרע געטאָן. יענער האָט געעפנט די אויגן. דער אוראַדניק האָט אים גענומען פאַנאַנדערפרעגן.

ער האָט א מאַך געטאָן מיטן האַנט און אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. מיט זייער א שלאַפן קול האָט ער אָנגעהויבן :

— פאַרן ערדישן געריכט האָב איך ניט וואָס מורא צו האָבן. איך וועל ניט לאַנג געדויערן אויף דער וועלט, נאָך די קלעפּ וואָס איך האָב דאָ איצט געקראָגן. קיין גאַנץ גליד איז מיר ניט געבליבן. איך וויל אָבער ניט שטאַרבן אָן ווידוי. גאָט דער באַרעמהערציקער זאָל מיר מוחל זיין. א זינדיק לעבן האָב איך געפירט, ניט איין נשמה אויף יענער וועלט אָן ווידוי אוועק־געשיקט . . .

— מיין נאָמען איז קאַליאַיעוו און איך קום פון סלאָבאָדקע, אַרום נאָוואָזיבקאָוו. רויב און מאָרד איז מיין פּרנסה געווען פּאָר א לאַנגער צייט. מיין באַנדע איז מיר געווען געטריי מיט לייב און לעבן און פּיל־פּיל פּינצטערע

מעשים האָבן מיר אָפּגעטאָן און א האָן האָט אפילו ניט א קריי געטאָן. אנדערע האָבן יאָ געוווסט פון אונדזערע מעשים, האָבן זיי אָבער געשוויגן פאר מורא.

— די וואָך האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אז ביים יידן איז דאָ א מטמון מיט געלט אין הויז פאר "סקאָט" וואָס ער האָט פארקויפט. איך האָב עס גע־רעכנט פאר א גרינג שטיקל ארבעט און האָב עס געוואָלט אָפּטאָן אליין. איך האָב צוזאמענגעפּאקט מיין געצייג: א ברעך־אייזן, א גרויס שארף מעסער, א גרויסן בויערער און אנדערע מכשירים; אויסגעמארקירט צו קומען פרייטיק, ווייל נאָך דער שבתדיקער וועטשערע שלאָפן די יידן גאנץ געשמאַק.

— איך האָב זיך פארשטעלט פאר א "סטארעץ" כדי איך זאָל קאָנען אלץ אויסקוקן אָן צו ציען אויף זיך א חשד און עס האָט זיך מיר איינגעגעבן. ביינאכט בין איך געקומען, האָב דורכגעבויערט די פאָר־הויז טיר און האָב עס אָפּגעשפּארט. דאָס זעלבע האָב איך געטאָן מיט די איבעריקע טירן אָן קיין שטערונג.

ער איז אנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך ווידער שווער אָפּגעזיפצט און געבעטן נאָך א טרונק וואסער. ער האָט זיך עטוואָס אָפּגערוט און ווידער אָנגעפאנגען:

— איך בין אריין איז זאל. עס איז געווען שטארק פינצטער. איך האָב גוט אין זינען געהאַט צו וואָסער זייט די שלאָף־קאמער איז און איך האָב זיך געלאָזט גיין ניט וויסנדיק, אז די שטולן זיינען צעוואָרפן איבערן גאנצן זאל, און דאָ האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אָן א שטול. איך בין מיט פארכאפּטן אָטעם געבליבן שטיין. אָבער אלץ איז געווען שאַ־שטיל. איך האָב זיך ווידער געלאָזט מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט און געפונען די שלאָף־קאמער טיר צוגע־שפּארט, האָב איך זיך גענומען בויערן. דאָ האָב איך דערהערט אימעצן טאַ־פּנדיק פון יענער זייט טיר, האָב איך זיך אומגעקערט צו נעמען דעם ברעך־אייזן ווען די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און אימעצער איז אויף מיר ארויפ־געשפּרונגען פון הינטן.

— מיין רעטונג איז נאָר געווען אין האנדלען קאלטבלוטיק. און דאָס האָב איך געטאָן. עס האָט מיך נאָר געוווּנדערט ווארום ער שווייגט. פאר מיר איז דאָס געווען ווי געוווּנטשן, מיין פּלאַן איז געווען פארטיק.

— איך וועל אים ארויסטראָגן דורכן הויף צום גאָרטן און דאָרטן איז עס ביי מיר א מינוט זאך צו פארטיק ווערן מיט אים. אָבער דער אלמעכטי־קער גאָט האָט אנדערש געוואָלט. איך האָב זיך ספּאָטיקעט און געפאלן. דאָס איבעריקע ווייסט איר שוין אליין. און איך פיל עס . . . אוי, פיל איך עס . . .

ער איז שטיל געוואָרן און האָט אין דער שטיל געמורמלט:

— דערבארעמדיקער גאָט — פ־א־ר־ג־י־ב — מ־י־ר — ד־ע־ם — ז־י־נ־ד־י־ק־ן — ק־נע־כ־ט — דיינעם . . .

זיין האנט איז צוריקגעפאלן אין מיטן צלמען זיך . . .

און מען זאָגט אז היינטיקע ציימן טרעפן ניט קיין נסים. זעט וואָס פאר א גרויסן נס האָט מיר גאָט געטאָן !

זלמן־מאיר איז אנטשוויגן געוואָרן צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

מענדל ימחשמוניק

„שלח לחמך על פני המים, כי ברוב הימים תמצאנו״.

אין דרויסן איז סכנות נפשות — איינע פון די ערגסטע שניי־זאווע־רוכעס וואָס אַלטע לייט געדענקען. מ׳האָט די ליכטיקע וועלט ניט געזען. דער שניי האָט שוין דעם דריטן טאָג אָן אויפהער געשאָטן און מיט יעדער טאָג האָט זיך דער ווינט געשטאַרקט. די לופט איז געווען געדיכט אָנגעפּילט מיט שניי און שניי, און ווידער שניי, טרוקענער ווי זאמד, געשמיסן יעדן איינעם אומברחמנותדיק אין פּנים, ווער עס האָט נאָר געוואגט ארויסשטעלן די נאָז אין דרויסן.

דאָס קליינע בית־מדרשל איז געווען טונקל באַלויכטן. די הרובע איז געווען שטאַרק אָנגעהייצט און עס האָט זיך געפילט א מחיהדיקע וואַרעמקייט. עס איז שוין געווען נאָך מעריב. א מנין עלטערע יידן זיצן ארום דער וואַרעמער הרובע און מ׳פירט א שמועס אין האַלבע טענער. דאָס וואָיען פונם ווינט רייסט זיך אריין דורכן קוימען. אַט פאַרגייענדיק זיך אין א הילפלאָזן געוויין פון א קליין קינד און אַט אין א פאַרגליווערנדיקן וואָיען פון א טשאַטע הונגעריקע וועלף.

דער שמועס האָט זיך ניט געקלעפּט. אהיים ווילט זיך ניט גיין אזוי פרי, די נאַכט איז ווי א יאָר, טאָן איז ניטאָ וואָס און די זייטן הויבן אָן ווי טאָן פון לאַנג ליגן — ווילט זיך אוועקהרגענען א פאָר שעה אין בית־מדרש.

— ר׳ מרדכי, — רופט זיך אָפּ איינער פון די יידן, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט צו הערן מיין פאָטערס מעשיות, — דערציילט עפּעס ס׳זאָל צעטרייבן די מרה שחורה.

דער עולם איז ווי אויפגעלעבט געוואָרן.

— יאָ, יאָ, טאַקע ר׳ מרדכי, עס ווילט זיך ניט גיין אהיים אזוי פרי!

— און אַלע האָבן בעטנדיק אָנגעשטעלט די אויגן אויף מיין פאָטער.

איך האָב אויפגעשטעלט מויל און אויערן און האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דער ראָזשעק האָט זיך געיאָוועט, יעדער איינער האָט גענומען א געשמאַקן שמעק טאַבאַק, אויסגעהוסט, אויסגעניסט זיך און אין בית־המדרש איז געוואָרן שטיל ווי אויף א בית־עלמין. מיין פאָטער האָט זיך פאַרטראַכט, פאַרקנייטשט דעם שטערן, אזוי ווי ער וואָלט פון דאָס ניי דורכגעלעבט דאָס וואָס ער גרייט זיך צו דערציילן.

— דאָס האָט פּאַסירט ווען איך בין נאָך געווען א יונגערמאַנטשיק פון א יאָר אַכט־און־צוואַנציק, און אפשר דרייסיק. איך בין שוין געווען א באַלעבעסל פון א דריי־פיר פּיצלעך קינדער. פּרנסה צו יענער צייט איז געווען זייער שווער צו פאַרדינען. נאָר איך האָב ב״ה קיינמאָל ניט געזינדיקט, אַלע־מאָל געזאָגט גם זו לטובה. מיין דירה איז דאַמאָלסט געווען לעבן דעם „צווינטער״ (קיִרך־הויף), בשכנות מיט איוואן קאַזין (אונדזער איצטיקן „סטאַרשינאַס״ פאָטער). א ביטערער גוי געווען, א שונא ישראל. שטענדיק געזוכט צו פאַרפירן א קריג, איך האָב אָבער אַלעמאָל פאַרשוויגן. זיין

זונדל איז שוין דאן געווען א שרייבערל ביים "זעמסקי נאטשאלניק".
מאכט זיך אמאל א זומער פארנאכט, איך שטיי און ארבעט, גע־איילט זיך צו פארענדיקן א נויטיק שטיקל ארבעט פארן שטעטלשן דאקטאר וועלכער איז געווען מיט מיר "ווי אנדערע צוויי", א ווויל מענטשל געווען. קומט אריין "מיינע" און זאגט מיר אז די ציג איז פארקראכן צו קאזינען אין גארטן. איך ווארף אוועק די ארבעט און לויף ארויס פון שטוב. יא, די ציג איז אין גארטן. ניט וועלנדיק פארקריגן זיך מיטן ערל, שפרינג איך אריבער איבערן פארקן, כאפ די ציג ביי די הערנער און שלעפ זי אהיים. ווען איך בין שוין ביי דער אייגנער "פארטקע", יאגט מיך אן קאזין מיט גוואלדן, ווי אימעצער וואלט אים געקוילעט:
— דו זשיד איינער, דיין "פארשיווע" ציג האט מיר דעם גאנצן גארטן צעפטרט, — און ער וויל אויסרייסן די ציג פון מיינע הענט צו פארנעמען זי אין היזק.
עס פארשטייט זיך, אז איך האב אים די ציג ניט געגעבן (ווארום צו יענער צייט האט מען באדארפט האבן מער ווי איין גוי און אפילו מער ווי א צענדליק גויים צו ספראווען זיך מיט מיר . . . אנדערע צייטן, אנדערע כוחות געווען . . . עד־עדן!) איך האב אים נאר געזאגט, אז אויב די ציג האט אנ־געטאן היזק (ווו היזק, וועז היזק?) זאל ער רופן דעם סטאראסטא, וועל איך באצאלן. די ציג מוז מען אבער באלד מעלקן, ווייל עס ווערט שוין שפעט. ער וויל אבער פון גארניט ניט וויסן, נאר די ציג זאל איך אים אפלאזן. הער איך אים ווי די קאץ, עפן די פארטקע, לאז אריין די ציג, גיי אליין אריין און וויל צומאכן די פארטקע, מאכט ער קולות:
— אוי, מיין פוס! . .
ערשט איך זע, ער האט אריינגערוקט א פוס איך זאל ניט קאנען צו־מאכן די פארטקע. וויל איך אים אפשטופן, כאפט ער אריין מיין פינגער אין מויל און האט גענומען בייסן מיט רציחה. דא האב איך פארלארן דאס געדולד און האב אים נאר געגעבן שטויס אין הארצן איז ער אומגעפאלן. איך האב אויף דער גיך צוגעשפארט די פארטקע און בין מיר געלאפן צו פאר־ענדיקן מיין ארבעט.
אויף מארגן זאגט מען מיר, אז מיין שכן איז שטארק קראנק. ארט עס מיך ווייניק. אויף איבערמארגן זאגט מען מיר, אז קאזין האלט ביים אפזאגן די עטלעכע גילדן. מ'האט געשיקט נאך זיין זינדל און ער איז שוין געקומען. מיר איז ער אריין אין דער נאז: זאל זיך חלילה דער ערל איבער־קוליען, וועל איך דארפן אנליינען . . .
ווילנדיק, ניט־ווילנדיק האב איך גאט געבעטן פאר אים. עס האט אבער ניט געהאלפן. אויפן דריטן טאג האט זיך קאזין אפגעטראגן . . . מיר האט מען געלאזט וויסן, אז איך וועל באשולדיקט אין פאראורזאכן זיין טויט און עס האלט זייער שלים. עס איז מיר געווארן ביטער און פינצטער. זאלן די דאקטוירים ביים פאלמעסן אויסגעפינען, אז דורך מיין שטויס איז ער אוועק . . . שמעקט עס מיט א פינף־זעקס יאר קאטארגע אדער אז גאר גוט, איז "ארעסטאנסקי ראטע". און דאס ווייב מיטן קליינוואַרג וועלן געשוואלן ווערן פון הונגער. מילא, אין הויז איז געווארן א חושך און ביי מיר אליין הויבט זיך דער מוח: וואס טוט מען? וואס טוט מען! מאין יבא עזרי? . . .
צוליב מיין באקאנטשאפט מיטן פריסטאוו האט מען מיך ניט ארעס־טירט. פלעג איך ארומלויפן דורכן טאג זוכן הילף. דער דאקטאר האט מיך אויסגעמוסרט:

— איך האָב דאָך דיר פּיל מאָל געזאָגט, מאָטל, אז דו זאָלסט זיך היטן פון אויפהויבן דיין האַנט ! . .

דאָך האָט ער מיר געגעבן זיין וואָרט, אז אויב עס וועט זיך ווענדן אין אים, וועט אַלץ גוט זיין. אויב אָבער נאַטשאַלסטוואָ וועט אונטערשיקן דעם "וואָיעַנעם" (מלוכה) דאָקטאָר פונם אויעזד צו פּאַלמעסן — איז פּאַר פּאַלן . . . דאַן גיט ער מיר אַן עצה, איך זאָל זען דורכקומען מיט יעגאָרן (דעם זון, הייסט עס) און ער, דער דאָקטאָר, וועט מיר אין דעם אַרויסהעלפן.

איך האָב קיין צייט ניט פאַרלאָרן און בין אַוועק צו קאַזינען. תחילת האָט ער מיך גאָר ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין שטוב. עס איז מיר אָנגעקומען מיט "גרינע ווערים" איינצובעטן זיך ביי אים. איך האָב אים דערציילט ווי אַלץ האָט פּאַסירט און האָב אים באַוויזן אז איך האָב חלילה קיין שלעכטס ניט געמיינט, און נאָך אַלעמען וואָס וועט אים אָדער זיין פּאָטער העלפן, אז מען וועט מיך פאַרמשפּטן, אויב מען וועט מיך בכלל געפינען שולדיק ? און מיין ווייב און קינדער וועלן בלייבן צעבראָכן און הילפלאָז. זאָל ער זיך בעסער פּאַרדינען א מצווה און זאָגן וויפל עס וועט קאָסטן צו "פּאַרשמירן" דעם עסק . . .

בקיצור, איך האָב זיך די גאַל אויסגערעדט, געוויינט און געבעטן זיך, ביז ער האָט זיך געבויגן. האָט זיך ערשט פון דאָס ניי אָנגעהויבן א דינגע־ניש. מיט גרויסע צרות זיינען מיר אין א גוטער שעה משווה געווען אויף 350 קערבלעך צו באַצאָלן אים אין מזומן און ער וועט "פּאַרדרייבן" דעם גאַנצן עסק.

עס איז מיר אָראָפּגעפאַלן א שטיין פון האַרצן. אַזוי ווי עס איז שוין געווען שפּעטלעך, איז געבליבן איך זאָל אויף צומאָרגנס שאַפן דאָס געלט און ער וועט אַליין צוגרייטן די געהעריקע פּאַפּירן צו פּאַנאַנדערשרייבן זיך. מיר האָבן זיך געזעגנט ווי גוטע פריינט . . .

אַרויסגייענדיק באַגעגן איך זיך פּנים אל פּנים מיט מענדעלע אַנטשע, משה אַרטשינקס ימח שמו. עס האָט מיר א קלאַפּ געטאָן אין האַרצן.

מענדעלע ימח שמוניק איז געווען א שטעטלדיק געבוירענער. אויף אים זאָגט דער פּסוק : "מהרסיך ומחריביך ממיך יצאו". געווען א געראָ־טענער אין לימוד, מ'האָט זיך ממש געצאַצקעט מיט אים. ווער האָט גאָר געקאָנט חלומען, אז ער וועט אַרויס לתרבות רעה ? ווען ער איז געוואָרן א חתן־בחור האָט ער זיך שטאַרק גענומען צו רוסיש און איז געוואָרן א "פּראָ־שעניע" שרייבער. ביסלעכווייז איז ער געוואָרן א גאַנצער חשוב ביי די "קנעפּלעך" : א מסירהלע אויף דעם, א כאַבאַרל פון יענעם, אַזוי אז צוזאָ־מען האָט מען געלעקט א ביינדל פונם אָרעמען יידן. ווי דער שטייגער איז, האָט איינער "פאַרגעסן" אַרויסצונעמען א פּאַטענט אויף טאַבאַק; א צווייטער האָט פאַרקויפט א שקאַלעק בראָנפן אָן א פּאַטענט, און נאָך כדומה אַזעלכע גוואַלדיקע פאַרברעכנס. מענדעלע האָט פון אַלץ געוווסט און האָט אַלעמען "געמאָלקן". אז ניט . . .

בקיצור, מענדעלע איז געוואָרן א שם דבר אויף דער גאַנצער סביבה. מען האָט אים פיינט געהאַט בתכלית השנאה, אָבער מ'האָט אויך געציטערט פאַר אים. מען האָט פון אים געוויינט, ווי פון אַן אַנשיקעניש ר"ל. און ער האָט געלעבט די "טייערע" טעג מיט די פּריצימלעך, דורך טעג און נעכט געשפּילט אין קאָרטן, געשיכורט און געהולטאַיעוועט אויף וואָס די וועלט שטייט (זיין סוף איז טאַקע געווען דורך שיכרות : געקראָגן א בראַנד אין קאָפּ און איז ממש פאַרברענט געוואָרן אין די גרעסטע יסורים). פאַרשטייט איר שוין וואָרום מיר האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרצן ווען איך האָב אים באַגעגנט גייענדיק צו יעגאָר קאַזין, מיט א טייוולשן שמייכעלע אויף די ליפּן ? . .

350 קארבן פאר אזא מענטשעלע ווי איך ביי יענער צייט איז געווען א גאנצער מאיאָנטעק. ווי וועל איך קאָנען צוזאמענשטעלן אזא גרודע מיט גאָלד, דער מוח שפּאלט זיך מיר. איך בין אוועקגעלאָפן איבערן שטעטל — איין קבצן גרעסער פונם צווייטן. אָבער געזונט זאָלן פאָרט זיין אונדזערע יידעלעך, רחמנים בני רחמנים. ווי א בינשטאָק האָט זיך דאָס שטעטל צעזשומעט: וואָס הייסט! פדיון שבויים, א קליינינקייט, און נאָך א טאטע פון קינדער... וואָס זאָל איך אייך לאנג ברייען, צומאָרגנס איז באשאפן געוואָרן דער אוצר און איך בין מיט א גרינגן געמיט אוועק צו קאָזינען.

איצט מאָלט אייך מיין שרעק, ווען דער ערל האָט מיר גאָר די טיר ניט געוואָלט עפענען און האָט מיר געלאָזט וויסן, אז איך זאָל זיך באלד אָפּטראָגן, אז ניט וועט ער אָנרייצן אויף מיר די הינט. קיין תחנונים האָבן ניט געהאָלפן. מיט א געבראָכן הארץ און מיט גרוים יאוש בין איך אוועק אויפן שטעטל, אָפּגעטראָגן דאָס געלט צוריק. דאָס גאנצע שטעטל איז אויפגערודערט געוואָרן, ווען מען האָט אויסגעפונען אז דאָס איז מענדעלעס ארבעט, ימח שמו זאָל ער ווערן.

די אלטע גויע וואָס האָט געדינט ביי קאָזינען האָט מיר דערציילט, אז אין דער צייט וואָס איך האָב זיך מיט יעגאָרן אויסגעטענהט, איז מענדעלע געשטאנען הינטער דער טיר און האָט אלץ געהערט. באלד ווי איך בין אוועק איז ער אריין צו קאָזינען און גיט זיך א זאָג אזוי כלאחד יד, מיט א שמד געלעכטערל:

— כע־כע־כע! שיין, פיין, א ליטישער זון — ניטאָ וואָס צו ריידן!..

— וואָס מיינסטו? — פרעגט דער ערל פארוואונדערט.

— גאָרניט מיין איך. יודא כריסטאָפּראָדאוועץ האָט פארקויפט יעזוסן פאר דרייסיק רענדלעך און האָט זיך אויפגעהאנגען.. דו האָסט פארקויפט דיין אייגענעם טאטן צו א יידן פאר 350 קערבלאך — וואָס וועסטו זיך טאָן?..

וואָס איז דאָ צו רעדן, ער איז ניט אוועק פונם ערל ביז ער האָט אים אריינגעבראכט אין א ווילדער רציחה, אז יענער האָט געשווירן צו נעמען נקמה פון מיר, אפילו ער זאָל גיין ביזן האלדז אין בלוט.

וואָס־זשע טוט מען איצט? איך בין אוועק אהיים אָבל וחפוי ראש. די נאכט האָב איך קיין אויג ניט צוגעמאכט. אויף מאָרגן בין איך ווידער אוועקגעלאָפן צום דאָקטאָר מיט תחנונים, ער זאָל ראטעווען. זאָגט ער מיר:

— ווארט אוים ביז אין א פּאָר טעג ארום (עס איז מיר געווען אזוי גרינג צו ווארטן). פון אָקרוג האָט מען ארויסגעשיקט א סליעדאָוואטעל פּאָ אָסאָבים דיעלאָם, מען מאכט פאר אים פּלאץ איינצושטיין אין וואָלאָסט. טאָ היט אים צו און רעד זיך דורך מיט אים, איידער אימעצער אנדערש וועט אים קאָנען זען. און אויב עס וועט נויטיק זיין, וועל איך צוהעלפן.

א ברירה האָב איך געהאט? ווארט איך ווי אויף הייסע סקאָווערדעס: ווער ווייס וואָס פאר א מענטש דער אָדון איז, צי וועט ער גאָר צולאָזן. די די פּאָר טעג ביז זיין קומען האָב איך דורכגעלעבט אן אמתן גיהנום.

גדולים מעשי אלוהים, ער באשאפט די רפואה פאר דער מכה. ווען איך בין א בחורל געווען האָב איך זיך געדארפט אויסבאהאלטן פון די "כאַפּערס", בין איך אוועק צו מיינעם א פעטער (פון דער מוטערס צד) קיין נאָוואָהרודעק (נאָוואָגראד סעווערסק). ער האָט געהאלטן די וואסער־מיל. ווען דער פעטער האָט זיך דערוווסט ווער און וואָס איך בין געקומען, האָט ער מיך געשטעלט ארבעטן אין דער מיל. א צוויי יאָר האָב איך דאָרט פארבראכט.

ניט ווייט פון דער מיל האָט געוווינט אן אלמנה מיט צוויי זינדלעך, איינער סיאָמקאָ, א יאָר 12, און פעטרושקאָ, א יאָר 15. ווילע און איידעלע

שקצים געווען. דער פאָטער זייערער איז געווען א "דיאקאָן". מיט זיין טויט זיינען זיי געבליבן ווי אויפן וואסער. זייער מוטער איז געווען א וועש־וואשערין, געהאָרעוועט שווער און געשיקט די קינדער אין "גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע", כאָטש עסן איז ניט געווען וואָס.

זיי פלעגן זיך שטענדיק ארומדרייען ביי דער מיל, פאָלגן אין פייער און אין וואסער. מיט אלע גויים אויסגעקומען גוט, פלעגן אלע רחמנות האָבן אויף זיי. איך אליין, און להבדיל די ערלים, פלעגן כמעט אלע טאָג עפּעס, א טעפּל קאָרענע מעל, גריקע, אביסל גערשטן — זיי געבן. די ערלים פלעגן גאַנץ אָפט צוװאַרפן א שטיקל חזיר אא"וו. אזוי האָבן זיי ווי ניט איז דערהאלטן די נשמה.

ועסנע־צייט, ווען דאָס וואסער פלעגט זיך שטארק הויבן, פלעגט מיין פעטער ניט גיין שלאָפן, ביז ער האָט גוט ארומגעקוקט די בריק מיט די "זאסטאוויעס" און אויך די גרעבליע. איינמאָל, ביינאכט, איך בין אליין אין דער מיל, הער איך א טומל אין דרויסן. איך גיב אָן עפן די טיר און זע ווי מיין פעטער גייט און פירט מיט זיך עמיצן א וויינענדיקן. איך האָב געמיינט, אז ער האָט געכאַפּט א גנב. ווען ער איז אָבער אריינגעקומען אין מיל, האָב איך ביים טונקלען שיין פון דעם לאָמטערן דערקאָנט פעטרושקאַן. פרעג איך דעם פעטער: וואָס איז? דערציילט ער מיר, אז גייענדיק איבערן בריק האָט ער באמערקט ווי אימעצער האָט זיך שטארק איבערגעבויגן איבערן פאַרענטש פונם בריק. האָט ער זיך שטילערהייט צוגעגנבעט און האָט אים אָנגעכאַפּט ווען יענער האָט שוין געהאלטן ביים אראָפּשפּרינגען אין דעם קאָכעדיקן וואסער אונטערן בריק

נאָכדעם ווי מיר האָבן דעם שגץ אביסל בארויִקט, האָט ער אונדז אוינסדערציילט זיין ביטער הארץ. ער האָט געענדיקט די אוטשילישטשע זייער גוט און דאַרף איצט אריינטרעטן אין גימנאזיע. ער איז אָבער הויל נאקעט און עס איז אויך ניטאָ מיט וואָס צו באצאָלן דאָס איינטריט־געלט, און איידער צו בלייבן א פּראָסטער פּויער, איז בעסער ניט לעבן. און ער האָט זיך ווידער שטארק צעיאָמערט.

דער פעטער האָט זיך א ווײַלע פאַרטראַכט און רופט זיך אָפּ:

— גענוג צו וויינען. זאָג מיר נאַר, וויפל דאַרף אָנטרעפן דער גאַנצער משא־ומתן?

דער שגץ האָט דורך טרערן געענטפערט, אז עס דאַרף באטרעפן קרוב צו הונדערט רובל, און האָט זיך קוים איינגעהאלטן ניט אויסצוברעכן פון דאָס ניי אין א געוויין.

— הער מיך אויס, — זאָגט דער פעטער, — ניט געזאָרגט. גיי אהיים און זאָג דער מאַמען זי זאָל מאָרגן קומען צו מיר, איך ווי זי זען.

קורץ גערעדט, דער פעטער האָט אויסגעריכט פעטרושקאַן אין גימ־נאזיע און דאָס איז געווען לעצטע וואָס איך האָב פון אים געהערט און געזען.

דער סליעדאָוואַטעל איז געקומען. איך בין מיט א ווייטיק אין הארצן און מיט זייער ווייניק האָפענונגען אוועק זען זיך מיט אים. דער וואָלאָסט־נאָי סטאַראָזש האָט מיך ניט געוואָלט אריינלאָזן ביז איך האָב אים אריינ־גערוקט א חצי קערבל אין יד אריין.

איך עפן די טיר, ביים שרייב־טיש, פאַרלייגט מיט פּאַפּירן, זיצט דער אָדון. ער שפּרינגט אויף מיט א געשריי:

— ווער סמעיעט מיך צו שטערן אומגעפרעגט? ! . — און לויפט

מיט כעס גלייך צו מיר. מיטן ערשטן בליק אויף מיר איז ער געבליבן פלוצים שטיין ווי פארשטיינערט מיט ברייט צעעפנטע אויגן. ער קוקט אויף מיר און איך אויף אים. איך זע א פריץ, הויך, שטאלטנע, אין א רייכער אוניפארם מיט עפאלעטן און גאלדענע קנעפ — גאר אזוי ווי א מלד, און עפעס קומט ער מיר פאר זייער קענטלעך . . . איך שטיי אן לשון און ברעך זיך דעם קאפ — ווו האב איך ערגעץ אט דאס פנים באגעגנט ? . .

פלוצלונג גיט זיך דער פריץ א ריס פון ארט און גיט זיך א ווארף אויף מיר. דאס בלוט איז אין מיר פארקילט געווארן פון שרעק . . . איך בין געווען גרייט אויף דאס ערגסטע . .

— דערקענסט מיך גארניט ? — שרייט ער אויס, — איך בין דאך דער אמאליקער פעטרושקא פון נאוואגראד סעווערסק, געדענקסט ! . . — און ער כאפט מיך אן בייביידע הענט, — מאטל אבראמאוויטש, וואס האסטו אויסגעשטעלט אזוי דיינע אויגן, דערקענסט נאך אלץ ניט ? . .

איך וויל אים ענטפערן און קאן ניט, פארלארן דאס לשון. פייערדיקע רעדער האבן זיך אנגעהויבן דרייען פאר מיינע אויגן און די פיס האבן זיך גענומען בויגן אונטער מיר (די איבערלעבונגען פאר די לעצטע עטלעכע טעג איז געווען צופיל פאר מיר). ער האט מיך אונטערגעכאפט און האט מיך אוועקגעזעצט אויף זיין שטול, האט מיר אנגעגאסן א גלאז ספירט און געהייסן טרינקען, אויסטרינקענדיק בין איך געקומען צו זיך און האב זיך שטארק צעוויינט. ער האט פארשטאנען אז עפעס איז ניט גלאט, האט ער זיך אנגעהויבן דערפרעגן. האב איך אים דורך טרערן דערציילט די גאנצע פאסירונג . . .

— ניע "זשורים", — זאגט ער, — מיר וועלן אלץ צורעכט מאכן. גוט וואס דו ביסט געקומען צו מיר איידער איך האב וואס ניט איז געטאן. מיר ליגט גאנץ גוט אין געדאנק וואס דו מיט דיין פעטער האבן געטאן פאר מיר, ווען מיר איז אויסגעקומען "פון בריק אין וואסער". . .

א צייט לאנג האבן מיר גערעדט. ער האט מיר אויסדערציילט וויפל ער האט זיך אנגעפלאגט ביז ער האט צו עפעס דערגרייכט. מיין פעטער האט באצאלט זיינע קאסטן אין דער גימנאזיע, דאן האט ער זיך ווי ניט איז אליין דערשלאגן זיין וועג. צו זיין דאנקבארקייט איז גאר קיין ברעג ניט געווען. ער וואלט זייער וועלן זיין ביי מיר אין דער היים, אבער עס פאסט ניט, מען וועט נאך חושד זיין . . . דעריבער האבן מיר זיך געזעגנט ווי אמתע גוטע־פריינט און ער האט מיך אוועקגעשיקט בשלום צו ווייב און קינדער.

* * * * *

אין שטעטל איז געווען ששון ושמחה. דער סליעדאוואטעל האט מיך געפונען אינגאנצן אומשולדיק אין איוואן קאזינס טויט און האט מיך פריי־געלאזן מיט כבוד . . .

איך און דאס גאנצע הויזגעזינד האבן פארגאסן טרערן פון פרייד. דאס גאנצע שטעטל האט זיך מיטגעפרייט. קיינער האט אבער ניט געוווסט פון וואנען איך בין געהאלפן געווארן איך האב אין דער שטיל געזעגנט זיך מיט פעטרושקאן, מיר האבן זיך ארומגענומען ווי אמתע ברידער.

דאס איז געווען דאס לעצטע וואס איך האב פון אים געהערט. ווי א מלאך הגואל איז ער געקומען צו מיין הילף און איז נעלם געווארן.

"שלח לחמך על פני המים, כי ברוב הימים תמצנו". . .

מיט א שווערן זיפץ איז מיין פאטער אנטשוויגן געווארן. דער עולם איז געזעסן ווי פארגאפט און דער ווינט האט אומאויפהערלעך געצויגן זיין טרויעריק־מאנאטאן ליד אין קוימען . . .

איסאַק באָריסאָוויטש

דאָס מערקווירדיקסטע וועגן איסאַק באָריסאָוויטש איז געווען דאָס, וואָס ער האָט באַזעסן אַ גוואַלדיקע קראַפט איינצורײדן זיך אַליין און אַנדערע זאַכן וואָס זיינען ניט געשטויגן און ניט געפלויגן; בויען לופט־שלעסער און באמת דענקען אַז ער האָט אַ קראַפט צו שאַפן אַ מיראַזש און מאַכן זיך און אַלע אַרומיקע צו גלויבן, אַז דאָס איז אַ ווירקלעכקייט.

פון מיין פאָטערס דערציילונגען וועל איך פּרובירן צוזאַמענשטעלן אַן אינצידענט אין וועלכן עס איז שיר־שיר ניט געלונגען אונדזער העלד אויפצו־שטעלן אַ לופט־שלאָס אין דער ווירקלעכקייט. נאָר איידער מיר גייען צו צום עיקר המעשה, איז כדאי אָנצוווארפן אַ פּאָר שטריכן איבער דער פּערזענלעכ־קייט פון אונדזער העלד.

געבוירן אויפן ישוב, פון אַ יאָר ניין ביז פופצן־זעכצן געקוועטשט די באַנק אין וויעטקער ישיבה, וווּ ער האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעס־טע יינגלעך (נאָך ביז דער לעצטער צייט געקאָנט אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא אויפן אָרט, ווערט רעדט אַ פּרק משניות אָדער אַ מדרש אא״וו).

די השכלה כוואַליע וואָס האָט זיך צעגאָסן צו יענער צייט איבער גאַנץ רוסלאַנד, האָט אויך פאַרפלייצט די ישיבות און אונדזער העלד איז אויך פאַר־כאַפּט געוואָרן. עס האָבן זיך געפונען לערער, וועלכע האָבן געגעבן פרייע שטונדן אין העברעיש און רוסיש. דער קאָפּ איז געווען שאַרף, האָט עס ניט לאַנג געדויערט ווי איסאַק באָריסאָוויטש האָט די ביידע שפּראַכן באַזעסן אויסגעצייכנט. דערצו זיינען צוגעקומען די אומפאַרמיידלעכע ״טריף פסולים״, וועלכע זיינען אין געהיים פאַרשלונגען געוואָרן . . .

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אין פאָרוים באַשטימטע קאַריערע אַלס רב אָדער שוחט איז פאַרוואָרפן געוואָרן, און אָנשטאָט פאַרצוזעצן דעם לימוד אין טעלזער אָדער זשיטאָמירער ישיבות, איז ער געקומען אהיים, — אָבער גאָרניט קיין ישיבה־בחור.

זיין פאָטער האָט שטענדיק געהאַט געשעפט פאַרבינדונגען מיט פאַר־שיידענע פריצים פון זיין געגנט. אַליין איז ער אָבער געווען טומפּלעך אין רוסיש. איז אים גראָד זיין איסאַק גוט צונוץ געקומען. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ער איז געוואָרן דער גאַנצער רעדל־פירער אין דער היים. ער האָט זיך פאַרפולקאָמט אין רוסיש, קיין מיאוסער איז ער ניט געווען, די פאַר־בינדונגען מיט די פריצים האָבן געפאָדערט מען זאָל זיין לייטיש אָנגעטאָן, און ער איז אַלעמאָל געווען געקליידעט נאָך דער לעצטער מאָדע. אַ גמרא־קאָפּ האָט ער דאָך געהאַט, איז ער געוואָרן דער ליבלינג פון די פריצים און וואַרשיינלעך אויך פון די פריצות.

איבערהויפּט איז ער געווען אַ בן־בית ביי אַ געוויסן איוואַן איוואַנאַ־
וויטש זענטשענקאָ, אַ שטיין־רייכער גוט־באַזיצער, אַ דוואָריאַנין, אַ סטאַטס־
קער סאָוועטניק מיט אָרדנס אויף דער ברוסט. צו דעם אַלעם איז ער אויך
געווען איינער פון די גרעסטע אַפּעריסטן פון זיין צייט, וועלכער האָט זיך ניט
אָפּגעשראָקן פאַר קיין פאַרברעכנס צו דערגרייכן זיין ציל. ער איז סוף־כל־סוף
אריינגעפאַלן פאַר „אונטערצינדן".

ער פלעגט אויסבויען אַ פּאַלאַץ אין איינעם פון זיינע גיטער, פאַרזי־
כערן עס אין צוויי מאָל דעם ווערט און פלעגט עס אונטערצינדן. דאָס האָט
זיך ווידערהאָלט מערערע מאָל, ביז עס איז געפאַלן אַ חשד. אויף די אויס־
זאָגונגען פון אַ געוויסן ציגיינער, וועלכן ער האָט געוואָלט דינגען צו מאַכן
פאַר אים דאָס לעצטע שטיקל אַרבעט, האָט מען חוקר ודורש געווען די „טעטי־
קייט" פון דעם „דוואָריאַנין" און — אַז מען זוכט געפינט מען. און געפונען
האָט מען אַזויפיל, אַז זיין גאַנצער איינפלוס אין די „הויכע פענצטער", זיין
גאַנץ רייכטום מיט וועלכן מען האָט „געשמירט" רעכטס און לינקס, האָט אים
גאָרניט געהאָלפן, און אויף די עלטערע יאָרן זיינע, איז אָט דער מעכטיקער
זייל פון דער העכערער געזעלשאַפט, פאַרמשפּט געוואָרן אויף פינף יאָר אַרעס־
טאַנסקי ראָטע, פאַרלירנדיק אַלע זיינע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט.

זיינע אַ טאָכטער, וועלכע האָט געהאַט איינפלוסרייכע פאַרבינדונגען
אין פעטערבורג, האָט מיט אומגעהייערע שוועריקייטן און קאָסטן דערשלאָגן
זיך צו אַן אָדיענץ מיט ניקאָליי דעם לעצטן. זי איז געפאַלן צו זיינע פיס און
געבעטן רחמים פאַר איר אַלטן פאָטער. ער האָט איר פאַרשפּראָכן איבער־
צוקוקן די „דיעלאָ".

מיט אַ צייט שפּעטער איז אָנגעקומען אַ פּאַקעט מיטן צארישן זיגל,
מיט די פאָלגנדיקע פינף ווערטער : „דאַ, ווינאָווען, ניע מילויעם, ניקאָליי" (יע,
שולדיק. קיין באַגנאַדיקונג, ניקאָליי).

אָט־אָ דער איוואַן איוואַנאָוויטש זענטשענקאָ איז געווען דער הויפּט־
לערער און וועג־ווייזער פון אונדזער העלד. ער האָט, ווי עס שיינט, ריכטיק
געקאָנט אָפּשאַצן זיינע פעיקייטן, די שאַרפע קאָפּ מיטן אוואַנטיוריסטישן
כאַראַקטער. די פעיקייטן האָט ער אין אים קולטיווירט און ער האָט זוכה
געווען צו זען זיי טראָגן פרוכט.

אַזוי זיינען פאַרלאָפן אַן ערך פון אַ יאָר צען. אונדזער העלד האָט
געברענט אַ וועלט. ער איז געווען שטאַרק אָנגעזען צווישן יידן — ניט אַזוי
אויס אכטונג, ווי אויס מורא. און הויפּטזאַכלעך צוליב טובות, זאָגן אַ גוט
וואָרט ביי דעם פּריץ, צוּוואַרפן אַ וואָרט ביי יענעם. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען
ביז אין דעם עלטער פון אַ יאָר זיבן־און־צוואַנציק. דאָ האָט זיך אונדזער העלד
פאַרליבט אויף אַן אמת אין אַ 16־יאָריקער, דאָרפישער בילד־שיינער מיידל,
אַ נאַיוו־אומשולדיק קינד. זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אויבערפלעכ־
לעכן גלאַנץ — און דאָ איז פאָרגעקומען אַן אמתער קריעת ים־סוף.

זיינע עלטערן איז ניט אָנגעשטאַנען דער שידוך : סטייטש, אַזאַ אבן־
טוב זאָל אומזיסט אַוועק ! 15־10 טויזנט רובל נדן איז דאָך אויך ווייניק.
היינט גלאַט, ווי קומט זי, אַ דאָרפישע שיקסע, צו אַזאַ ווינטש־פינגערל !
חוץ וואָס חתנס צד זיינען אַלע געשעפט־מענטשן און כלהס צד — פּראָסטע
אַרבעטער . . .

אירע עלטערן, איינפאכע ערלעכע ארבעטזאמע באלעבאטישע מענטשן, האָבן ניט געוואָלט הערן און זען פון דעם שידוך, ניט נאָר געבן נדן . . . מ׳זאָל זיי אָפּגילטן, ווילן זיי ניט דעם חתן מיט אלע זיינע "מעלות", ניט זיין יחוס און מיט אלעם מיט אנאנדער.

אויסגעזען האָט עס אז גיכער וועלן זיך צוויי בערג צוזאמענקומען, איידער דער שידוך וועט אויסגעפירט ווערן. אָבער ווי זאָגט מען עפּעס : א מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. און א געלעכטער איז עס געווען ניט קיין קליינער, — אָפּצוטאָן אזא שפּיצל. עס איז געשען . . .

אונדזער העלד האָט חתונה געהאַט מיט זיין הארצנס געליבטער און עס איז ליהודים. לייט זיינען שטארק מקנא דעם גליק פון דעם יונגן ווייבל. אזא גליק, אזא גליק — ניט מער פארן שיינעם "פּנימל". . . אריינ־געפאלן אין אזא "שמאלצגרוב" . . . אין דער אמתן איז עס געווען א צו־שטאַד פאר יעדן לעק האָניק, האָט דאָס אומשולדיקע נאַיווע יונגע ווייבל געקראָגן גוט צעביסן. שווער און שוויגער, און שוועגערינס האָבן אים ניט געקאָנט מוחל זיין, און ספּעציעל איר, וואָס זי האָט אויסגעכאַפּט זייער "ווינטש־פינגערל", דורך וועלכן זיי האָבן געהאָפט צו דערגרייכן זייערע פער־זענלעכע אמביציעס.

איסאק באָריסאָוויטש קערט וועלטן. עס האָט שוין געהאלטן דערביי, אז פון ארענדארן זאָלן זיי ווערן די באזיצערס פון "באזילס כוטאָר" (א קליינער אָבער רייכער גוט) אָן א קאָפּיקע געלט. דער זייפן־בלאָז האָט גע־פּלאַצט נאָר צוליב דעם וואָס אויף די אייגענע נעמען האָט מען די "קופּטשע" (קויף־קאָנטראַקט) ניט געקאָנט דורכפירן. האָט מען עס באדארפט טאָן אויף דער שנורס נאָמען, און צו דעם האָט דער פאָטער פאר קיין פאל ניט געוואָלט צושטימען. אָפּגעזען וואָס דער זון האָט אים געוואָלט געבן די בעסטע פאר־זיכערונגען און האָט אים איבערצייגט ,אז אין זייערע נעמען טאָרן זיי עס ניט קויפן. עס האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן. דער פועל־יוצא איז געווען, אז דורך די צוויסטיקייטן איז די "קאַץ" ארויס פון זאַק און ניט נאָר האָבן זיי פארלאָרן די געלעגנהייט צום באזיץ, נאָר אפילו די ארענדע שיר ניט פארלאָרן.

צייטן זיינען געוואָרן שלעכט. קיין גרינגער קערבל פאלט ניט צו, דאָס געזינדל איז גרויס, מ׳מוז חתונה מאכן מיידלעך וואָס "מעגן הערן קלעז־מער". אויף אונדזער העלד ליגט דער חוב דאָס צו באזאָרגן. ער ברעכט זיך דעם קאָפּ און טראַכט — מאין יבא עזרי ? די בענק האלטן זיך איין, די פּריצים ווילן אומזיסט ניט געבן און צו פארדינען מאַכט זיך ניט.

איסאַק באָריסאָוויטש איז געקומען קיין נאָוואָזיבקאָוו, פארפאָרן צו אבנר קאָמיסאראָוו אויף דער אכסניה, וועלכע איז צו דער זעלבער צייט אויך במקום א בערזע פאר אלערליי מסחרים. סוחרים מכל המינים טרעפן זיך דאָרטן, מעקלערס, קאָמיוואָיאזשאָרן, פּערעקופּטשיקעס, וואלד־סוחרים, סקאָט־הענדלער, תבואה־הענדלער, שדכנים אא"וו. כמעט מיט אלעמען איז ער באקאנט און כמעט אלע קענען אים. אין אכסניא איז א טומל ווי אויף א יאריד. צו וועטשערע, ווען דער עולם צעזעצט זיך ביי די טישן, ווערט שטיל. נאָר צווישן ביסנס ווארפט מען זיך דורך מיט איינצלנע באמערקונגען.

צופעליקערווייז איז אויסגעקומען איסאק באָריסאָוויטשן צו זיצן לעבן אן אומבאקאנטן יונגמאנטשיק, גאנץ רייך געקליידעט, מיט א סוחרישן אָנ־

בליק. עס נעמט ניט לאנג און ער איז שוין פארטיפט אין אן אינטימען געשפרעך מיטן נייעם באקאנטן. "גיט אים א טאפ אין וואגן" און געפינט אוים, אז ער איז ניט קיין היגער, ערשט ניט לאנג נאך דער חתונה און האט אן אכצן טויזנט רובל פון זיין נדן. זוכט ער א געשעפטל און ער וואלט פאר־געצויגן א גוט שטיקל וואלד, בערך פאר א 25־30 טויזנט רובל. קיין גרויסער מבין אויף וואלד איז ער אליין ניט, איז ווען עס מאכט זיך אים א פאסיקער שותף אדער פארוואלטער, וואלט ער גערן צוגעשטימט.

די נאכט איז שוין איסאק באריסאוויטש ניט געשלאפן. דער קאפ האט געארבעט, פלענער זיינען געבויט און צעווארפן געווארן ווי קארטן שטיבלעך, פאפיראסן האבן געברענט אן אויפהער איינס נאכן צווייטן. פארטאג צו איז ביי אים פארטיק געווארן א פלאן.

אינדערפרי, ביים דאוונען, האט איסאק באריסאוויטש איינגערוימט דעם יונגן סוחר א סוד (זיין צוטרוי האט ער שוין באוויזן צו געווינען מיט זיין גלאטן צינגל), אז ער ווייסט ווו עס איז דא צו קריגן א גוטן וואלד אין דעם מקח וואס ער וויל צאלן. עס איז אן אמתער אוצר. ער האט עס אים ניט געזאגט באלד, ווייל ער האט זיך געשלאגן מיט דער דעה צו קויפן עס אליין. אזוי ווי אבער ער האט זיך דורך דער נאכט גוט איבערגעטראכט, האט ער איינגעזען, אז ער וועט עס ניט קאנען הייבן, בכן איז ער צופרידן אפלאזן דאס פאר אים, בתנאי אז ער, איסאק באריסאוויטש, זאל, ערשטנס, קריגן גוטע קאמיסיע־געלט, און צווייטנס, זאל ער האבן די ברירה פרייוויליק צו זיין דער פארוואלטער מיט א געהעריקן געהאלט. ער האט אים אויך אויפ־מערקזאם געמאכט, אז עס איז זייער וויכטיק צו האלטן די זאך בסוד סודות, אז ניט קאן מען עס נאך אויסכאפן.

— און ווען קאן מען אנקוקן דעם וואלד ? — פרעגט דער סוחר.

— אויב איר ווילט קאנט איר גלייך מיטפארן מיט מיר אהיים, און אי"ה מארגן אינדערפרי קאנען מיר צופארן צום וואלד. דער אלטער סטא־ראזש וואס וואוינט דארט וועט אונדז דורכפירן צו ווייזן. איך קאן אים זייער גוט. און אזוי איז עס פארבליבן .

דער וואלד האט זיך געפונען אין דעם געגנט פון "באזילם כוטאר" און אין דעם דארף יאלאווקע, א שטח פון מערערע וויארסט. אמאל איז ער געווען שטארק פארנאכלעסיקט. די גויים פון די ארומיקע דערפער פלעגן זיך לאזן ווילגיין, לאזן זייערע פערד און בהמות פיטערן זיך אין וואלד, קלייבן יאגע־דעס און שוועמלעך, גאנץ אפט ארויסגנבענען א ווענעלע האלץ, א קלאץ אא"וו. און קיינער האט זיך ניט אומגעקוקט. מיטאמאל האט זיך אלץ געענדערט.

דער זיידע "קארפ", אן אלטער יאלעווקער גוי, א היימלאזער און פארוואגלטער, שטענדיק אפגעריסן און אפגעשליסן, אן א קינד און אן א רינה, אן א קרוב און אן א גואל, האט זעלטן ווען געהאט צו דער זאט אפצועסן און איז געשטאנען מיט איין פוס אין קבר, האט פלוצים געקראגן צו וויסן, אז א ווייטער, אומבאקאנטער קרוב זיינער האט אים איבערגעלאזן בירושה א שטיק וואלד לעבן דעם דארף יאלאווקע.

די גויים האבן געהאט גענוג אורזאכן צו זיין בייז אויפן אלטן. אזוי גיך ווי ער איז געווארן דער באלעבאס האט ער זיך באלד ארייגעצויגן אין

דער האלב איינגעפאלענער כאטקע, ווו עס האָט אמאָל געוווינט דער "לעסניק" און האָט זיך גענומען באלעבאטעווען. דער וואלד איז געוואָרן ניט צו דער־קענען. ער האָט אפגערייניקט דעם גאנצן ווינט־ברוך, אויסגעהאקטע אלע פארדרייטע ביימער און זיי פארקויפט צום הייצן. האָט ער געטראָפן א גויס א פערד, א בהמה, האָט ער עס פארנומען אין היזק, און דער גוי האָט עס געמוזט אויסקויפן. און פאר קלייבן יאַגעדעס און שוואָמען האָט מען אים באדארפט צאָלן. איז דען א חידוש וואָס זיי האָבן אים פיינט געהאט, דעם אלטן, ניט פארגונען ? . .

די דארפישע גויים וואָלטן אים דערפאר דערטרונקען אין א לעפל וואסער : פארוואָס קומט עס אים, דעם אלטן תרח, פלעגן זיי טענהן, און צו וואָס נוצט עס אים, אין קבר מיטצונעמען ? . . ער איז דאָך ווי דער הונט אויף די היי — ניט ער עסט און ניט ער לאָזט צו קיינעם . . .

ביים אלטן איז אָבער דער וואלד געווען טייערער ווי דאָס לעבן. ער האָט אים אָפגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אליין איז ער נאָך אלץ ארומגע־גאנגען אין א צעריסענער "מאגערקע" פון וועלכער די האָר האָבן ארויסגע־שטעקט, אין צעריסענע "לאַפּטיעס", דורכגעריבענער "סוויטע" מיט אן אלטער שטריקענער פענטע אונטערגעגארטלט. מערערע סוחרים האָבן זיך ארומגעזען אז עס איז א פעט ביינדל, אָבער קיינער האָט עס ניט געקאָנט איינבייסן. דער אלטער קארפּ האָט נאָר געטענהט : וואָס וועל איך טאָן מיטן געלט ? ווו וועל איך מיין אלטן קאָפּ אוועקלייגן אז איך וועל אים פארקויפן ? . . ניין, איך וויל ניט קיין געלט, איך וועל בעסער האלטן מיין וואלד . . .

יאָרן זיינען אוועק. די גויים האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו די צרות און די סוחרים האָבן אויפגעגעבן אלע האָפענונגען צו איינבייסן דעם אלטן קארפּ און האָבן אים געלאָזן צורו. זעלטן, זעלטן ווען אימעצער פלעגט פאר־בלאָנדזשען אין קארפּס וואלד (אזוי האָט זיך דער וואלד גערופן). און טאָמער איז יאָ ווער צופעליק ארייגעפאלן, פלעגט דער אלטער אים אויפנעמען בכבוד גדול און האָט מיט שטאָלץ ארומגעפירט דעם פרעמדן איבערן וואלד, מיט גרוים ליבע, גלעטנדיק און רימענדיק יעדן בוים און יעדער קוסט. דער וואלד איז מיט יעדן יאָר רייפער און שענער געוואָרן. קיין האק פון א העקער איז אין אים ניט געהערט געוואָרן; קיין קלאנג פון א זעגער האָט ניט אָפּגעקלונ־גען דורך דער גאנצער צייט. דער אלטער קארפּ האָט אָבער אליין אָנגעהויבן אונטערצוקרענקען און איז געוואָרן אלץ שוואכער און שוואכער.

פארנאכט איז איסאַק באַריסאָוויטש אָנגעקומען אהיים מיטן גאסט, דעם יונגן סוחר. דאָס הויזגעזינט האָט דעם גאסט פיין אויפגענומען. געשטעלט דעם סאמאָוואר, צוגעגרייט וועטשערע מיט א גוטן "לחיים" — מען האָט אים געמאכט פילן זיך היימיש.

באלד נאָך וועטשערע האָט זיך איסאַק אומבאמערקטערהייד ארויס־גערוקט פון הויז, ארויפגעכאפּט זיך רייטנדיק אוי א פריש פערד און איז פארשוווּנדן געוואָרן אין דער בין־השמשותדיקער דעמערונג, צווישן פעלד און וואלד. נאָך א האלבער שעה רייטן איז ער צוגעקומען צו א הייזקע אין טיפן וואלד. אן אלטער גוי איז געזעסן אויפן "פריזבע" און געגענעצט, געוואָלט גיין שלאָפן. דערהערנדיק דאָס טופּען פון א פערד, האָט ער זיך אויפגעהויבן. איידער ער האָט געמאכט א טראַט איז שוין דער רייטער געווען לעבן אים.

— ווער איז עס ? — האָט ער אויסגערופן.

— אן אייגענער מענטש! — איז געקומען דער ענטפער.

נאָכן קול האָט ער דערקענט ווער דאָס איז.

— אָ, זדראַווסטוואַי, גאַספּאַדין איסאַק באַריסאָוויטש. וואָס פאַר א גוטע ווינטן האָבן דאָס דיך אהער פאַרבלאָזן אזוי שפּעט אין דער נאַכט?

— איך פאָר אהיים פון יאַלעווקע. האָב איך דיך שוין א לאַנגע צייט ניט געזען, געטראַכט, וועל צופאָרן געוויר ווערן דעם זיידעניו... נו, וואָס מאַכסטו עפּעס, אַלטינקער?

— שוואַך... שוואַך... זונעלע. עד, עד עד... "סטאַראָסט ניע ראַדאָסט"... גאַרניט טוט וויי, אָבער שוואַך... וואָס זאָל מען טאָן! גאָטס ווילן...

— אַך, זיידעניו, אַן אייגענער פאָטער ביסטו... צו וואָס דאַרפסטו דיינע אַלטע ביינער אַרומשלעפּן דאָ איינער אַליין אין מיטן וואַלד? זאָל דיר, באַהיט גאָט, ניט גוט ווערן, וועסטו ניט האָבן ווער עס זאָל דיר אפילו א קאָפּ וואַסער דערלאַנגען; אז דיין לעצטע שעה זאָל קומען, צען מאָל באַהיט גאָט, וועט ניט זיין פאַר וועמען מתודה זיין זיך, ווער עס זאָל דיינע אויגן צומאַכן. און צו וואָס דאַרפסטו דאָס? קענסטו ניט זיין צו לייטן גליך? זאָג נאָר דאָס וואָרט און עס וועלן זיך געפינען בעלנים צען פאַר איינעם און וועלן געבן א גוטן מקח פאַר דיין וואַלד. גאָט האָט באַשאַפן דעם וואַלד, אז מענטשן זאָלן הנאה האָבן פון דעם, און אז דו האַלסט עס אָפּגעשלאָסן פון אַלעמען, באַגייסטו א זינד קעגן גאָט און קעגן לייט. אויסער וואָס עס איז ניט מער קיין פּלאַץ פאַר דיר בכלל. מיט דעם געלט וועסטו זיך קאָנען דערלעבן דיינע יאָר, וויפל דיר איז באַשערט, רויק, לעבן א קירך און וועסט זיין צו גאָט און צו לייט. אָט איז היינט געקומען א סוחר און זוכט וואַלד (צוליב דעם בין איך טאַקע געפאָרן קיין יאַלעווקע), איז גרייט צו צאָלן א גוטן מקח. אויב דו ווילסט נאָר, ברענג איך אים אהער און איך פאַרזיכער דיר אז מען קאָן ביי אים קריגן א מטמון מיט גאָלד פאַר דיין וועלדל.

דער אַלטער האָט אויסגעהערט דעם פּזמון, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט שווער אָפּגעזיפצט.

— הערסטו, איסאַק באַריסאָוויטש, וואָס איך וועל דיר זאָגן, איך האָב שוין אַליין אויך געטראַכט אז פאַר מיר איז ניט מער קיין פּלאַץ דאָ, אין מיינע יאָרן. אָבער אז איך דערמאָן זיך צו שיידן מיט מיין וואַלד, איז מיר מיין לעבן ניט ניחא. די וועלט ווערט מיר פּוסט. וואָס טוט מען?.. וואָס טוט מען?..

— עס דוכט זיך דיר נאָר, זיידעניו. דו וועסט זיך צוגעוויינען און עס וועט דיר הנאה טאָן. הער זיך צו וואָס א גוטער פריינד רעדט צו דיר און לאָז מיך ברענגען מאָרגן אינדערפרי דעם סוחר און דו אַליין וויַיז אונדז דעם וואַלד. זאָלסט זיך אָבער ניט אויסריידן, אז דו ביסט דער באַלעבאָס, וועט ניט וועט ער נאָך עפּעס חושד זיין אַנקוקנדיק דיין הולד. שטעל זיך פאָר אַלס סטאָראָזש, וועסטו דאָמאַלסט קאָנען לויבן דעם וואַלד און אַלץ וועט זיין גלאַט. וואָס זאָגסטו?

דער אַלטער האָט א לענגערע צייט געשוויגן. א קאַמף איז אין אים אָנגעגאַנגען: וואָס זאָל ער טאָן?

— אך, איסאַק באַריסאָוויטש, אמת זיינע ווערטער און צו דער זאַך, זאָל מיר גאָט אזוי העלפן. אָבער דאָס הארץ נאָגט, ווייל זיך ניט שיידן מיט דעם (אָנווייזנדיק אויפן וואלד). דו ביסט אָבער פּאָרט גערעכט. וואָס וועט זיין וועט זיין, ברענג דיין סוחר און מירן מיט גאָטס הילף זען.

— אָט דאָס זיינען דיבורים, זיידעניו ! מאָרגן קום איך מיטן סוחר. דערווייל זיי געזונט און האָב א רויקע נאכט.

— גיי מיט גאָט, איסאַק באַריסאָוויטש, — האָט דער אלטער נאָכגעזאָגט.

דער רייטער איז פארשוווּנדן אין דער געדיכטער פינצטערניש פון וואלד און דער אלטער איז געשטאַנען מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ ביז די טריט פונם רייטער זיינען איינגעשטילט געוואָרן אין שטילקייט פון דער נאכט. די שפּיצן פון דיביימער האָבן זיך שטיל געסודעט פון דעם צאַרטן ווינטל וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן צווישן זיי, ער האָט זיך שווער אָפּגעזיפצט, איבערגעצלמט זיך און איז מיט וואקלענדיקע טריט אריין אין דער כאטקע, מורמלענדיק עפּעס אונטערן נאָז.

ווען די זון איז אויפגעגאנגען איבערן וואלד איז איסאַק באַריסאָוויטש צוזאמען מיטן סוחר שוין געשטאַנען לעבן קארפּס שטיבל. פונם קוימען האָט זיך געצויגן א דינער רויך— דער אלטער קארפּ האָט זיך געקאָכט אָנבייסן, א טעפּל פּארעווע בולבעס. ער האָט די געסט אויפגענומען אן אומעטיקער אָבער א פריינדלעכער.

דער סוחר איז געווען שטארק באגייסטערט פון דעם וואלד. דער אלטער האָט זיי אויסגעוויזן יעדער ווינקעלע, לויבנדיק אלץ אין הימל אריין. די סאָסנעס זיינען געשטאַנען ווי אויסגעפּוצטע איינע אין איינער דיק, גראד און הויך. אויך די אנדערע בלעטער און נאָדל ביימער זיינען געווען אין בעסטן צושטאַנד. ארום מיטאָג צייט זיינען זיי פאַרטיק געוואָרן. דער סוחר האָט דערלאַנגט דעם אלטן א האלב קערבל פאר זיין טרחה פון וואָס יענער איז געווען שטארק צופרידן. זיי האָבן זיך צעגעזגנט און זיינען אוועק.

נאָכמיטאָג האָט זיך דער גאַסט צוגעלייגט כאַפּן א דרעמל און איסאַק באַריסאָוויטש האָט ווידער איינגעשפּאַנט דאָס פערד און איז צוגעפאָרן צו א דערבייאיקן דאָרף צו זען זיך מיט א נויטיקן מענטשן.

* * * * *

סאַווקע וואָזניאַק איז געווען אין די מיטעלע יאָרן. א בעזגראַמאָטנער אָבער קלוג, דורכגעטריבן און גרייט אויף אלץ — גנבה, גזלה און וואָס ניט . . . ער האָט הינטער זיך געהאַט א לאַנג צעטל פון "מעשים טובים" פאר וועלכע ער וואָלט זיך באַדאַרפט לאַנג אָפּרוען אויף קאַזיאָנע קעסט, ווען ער וואָלט אריינגעפאַלן. ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט איסאַק באַריסאָוויטשן, דעריבער האָט ער אים אויפגענומען פאר א גוטן גאַסט. זיצנדיק ביים טיש, האָט איסאַק באַריסאָוויטש ארויסגעלייגט א פּלאַן, וועלכער איז סאַווקען שטארק געפעלן געוואָרן. נאָך א פּאָר שעה פון אינטימען שטילן געשפּרעכן האָבן זיך די צוויי פריינט צעשיידט העכסט צופרידן.

פארנאכט-צו איז איסאַק באַריסאָוויטש געקומען אהיים מיטברענגענדיק דעם וואלד-אייגנטימער מיט זיך. דער סוחר האָט שוין אומגעדולדיק

געווארט אויף זיי. דער טיש איז געווען געגרייט מיט א גוט ביסל שנאפס און צובייסן, האט מען זיך געזעצט ריידן געשעפט. דער סוחר האט געברענט פון אומגעדולד. אבער איסאק באריסאוויטש האט אים צוגעוואונקען איינצו־האלטן זיך. אזוי האט מען גערעדט, געשמועסט, געמאכט לחיים און ווידער גערעדט און געדונגען זיך. דער גוי האב געוואלט ניט ווייניקער ווי 25 טויזנט רובל. ער ווייס, זאגט ער, אז דער וואלד איז ווערט מער, פיל מער, נאר אזוי ווי ער איז א בעזגראמאטנער, האט ער מורא אנצוהויבן זיך מיט פרעמדע, אומבאקאנטע מענטשן. מ'קאן נאך ארייגפאלן צו שווינדלער (זאל גאט אויסהיטן). אזוי ווי אבער ער ווייס גאספאדין איסאק באריסאוויטש זייער גוט און גלויבט אין אים ווי אין גאט אליין, ארט אים ניט צו פארקויפן עס ביליקער. בקיצור, ווייטער געלחיימט און ווייטער איינגעטענהט. איסאק באריסאוויטש האט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, ביז — ארום האלבע נאכט איז מען דורכגעקומען.

אכצן טויזנט רובל דארף דער סוחר באצאלן פארן וואלד. פינף טויזנט רובל גלייך אלס אויפגאב און דאס איבעריקע ווען די "קופטשע" וועט פארטיק ווערן. ער דארף אויך באצאלן אלע הוצאות — א שנעפסל ארייג־גערעכנט. איבערנעמען דעם וואלד קאן ער ניט פריער ווי אנפאנג ווינטער.

דער סוחר האט באצאלט די פינף טויזנט רובל אויפגאב צו איסאק באריסאוויטש און ער האט אויסגעשריבן א פארמעלע קבלה. דער גוי האט אוועקגעשטעלט א צלם אונטן און איסאק באריסאוויטש האט זיך פאר אים געחתמעט און האט זיך אויך אונטערגעשריבן אלס עדות.

פארטאג זיינען זיי אין דרייען אוועקגעפארן קיין נאוואזיבקאוו. מען איז אנגעקומען אין צייט צו באשטעלן דעם נאטאריוס. אלץ איז געגאנגען ווי אויף פוטערביים נאטאריוס. די נויטיקע איינצלהייטן זיינען פארצייכנט געווארן. עס האט אבער באדארפט נעמען א צוויי וואכן ביז מען האט געקאנט פארטיק ווערן מיט אלע פארמאליטעטן און קריגן די "קופטשע".

איסאק באריסאוויטש און דער גוי האבן געהאט וואס צו טאן אין דער היים, האבן זיי ניט געקאנט ווארטן אין שטאט אזוי לאנג. זיינען זיי אוועק אהיים דערווייל און דער סוחר איז פארבליבן ביי אבנרן אויף אכסניה (ווי מיר וועלן שפעטער זען, האט דאס געקאסט אונדזער איסאק באריסאוויטשן זייער טייער דאס איבערלאזן דעם סוחר אליין אויף דער אכסניה).

קומענדיק אהיים זיינען אים די הויזיקע באפאלן: דאס געלט! צוויי שוועסטער זיינען געשטאנען אין שידוכים. דער איינציקער אפהאלט איז געווען — דער נדן.

בקיצור, אין די צוויי וואכן האט זיך אין באזילס כוטאר געקערט וועלטן. צוויי שוועסטער זיינען כלות געווארן, דער ברודער האט געגעבן א פיינעם נדן און אלע חתונה הוצאות — האט מען זיך געגרייט אויף טיש און אויף בענק.

אלתר סעלישטער איז געווען א ישובניק, א באלעבאס א ייד, שטענ־דיק געהאלטן פאסעסיעס, געהאנדלט מיט פריצים אין דעם זעלבן געגנט ווו אונדזער געשיכטע איז פארגעקומען. ער האט אויפן קאפ געוווסט אלע פריי־

צים ארום און ארום, און האָט אויך געוווּסט ווער עס האָט וואָס צו קויפן אָדער פאַרקויפן.

אין איין שיינעם טאָג איז אלתר אָנגעקומען קיין נאָוואָזיבקאָוו. וווהין פאַרפאַרט אַ ייד ? — צו אבנרן. אַ באַרעדעוודיקער ייד איז ער געווען, האָט ער אין איין שמע ישראל געוווּסט יעדן איינעם וואָס איז געווען אין דער אכסניה. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער האָט זיך אויך געטראָפן מיט אונ־זער באַקאַנטן סוחר. עס האָט ניט גענומען לאַנג, און די יידן האָבן זיך פאַנאַנדערגעשמועסט :

אלתר : — פון וואַנען קומט אַ ייד ?

סוחר : — פון מרחקים, אַ פרעמדער דאָ.

אלתר : — וואָס טוט אַ ייד אין אונדזערע מקומות ?

סוחר : — געזוכט אַ געשעפט און כמעט ווי געפונען.

אלתר : — וואָס פאַר אַ געשעפט און וווּ געפונען ?

סוחר : — אַ שטיק וואַלד ארום דאָרף יאַלעווקע.

אלתר : — און וויפל טרעפט עס אַן ?

סוחר : — ארום צוואַנציק טויזנט רובל. פינף טויזנט שוין געגעבן אַן אויפגאָב.

אלתר : — זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיט וועלכן פריץ האָט איר געמאַכט דעם דאָזיקן מסחר ? איך קאָן אַלע פריצים פון יענע קאַנטן און ווייס ווער עס האָט וואָס צו פאַרקויפן. כ'הער עס צום ערשטן מאָל אַז עס איז דאָרטן דאָ אַזאַ שטיק וואַלד צו קויפן.

סוחר : — עס איז טאַקע ניט ביי קיין פריץ, נאָר ביי אַ פּראָסטן גוי, איינער אַ קאַרפּ. אַ האַרטער גויעץ. וועז ניט מיין מעקלער, אַ ייד מיט אַ צונג און מיט פּען און בכלל אַ ליטוישער יונגערמאַן, וואָלט איך דעם גוי ניט געקאָנט איינבייסן.

אלטער איז געבליבן זיצן שטאַרק פאַרטראַכט.

אלתר : — קאָנט איר מיר זאָגן אַן ערך ווי אַלט איז דער גוי און ווי זעט ער אויס ?

סוחר : — ר' ייד עפּעס ווילט איר מיר צופיל וויסן. וואָס גייט אייך אָן אָט די אַלע קליינינקייטן ? איר נעמט מיך גאָר אויף אַ ריכטיקן "דאָפּראָס"...

אלתר : — דאָס וואָס איר רופט אָן קליינינקייטן זיינען שוין גאָר ניט קיין קליינינקייטן און אויב איר וועט מיר ענטפערן אויף מיינע פראַגן, וועל איך אייך אויסזאָגן אַ סוד. ווי־זשע האָט אויסגעזען דער גוי ?

סוחר : — אין די מיטעלע יאָרן, פון מיטעלן וווּקס, מיט אַ שוואַרץ בערדל, כיטרע אויגן און קאָן אפילו דעם נאָמען ניט אונטערשרייבן. ווי קומט גאָר צו אַזאַ פּראָסטן ערל אַזאַ וואַלד ? . .

אלתר : — ווי רופט מען אייער מעקלער ?

סוחר : — איסאַק באָריסאָוויטש.

אלתר : — זעט איר, דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט אַריינגעפאַלן, ר' ייד (און ביי זיך האָט ער אַ טראַכט געטאָן : נו, איסאַק באָריסאָוויטש, געקומען די צייט זיך אָפּצורעכענען מיט דיר פאַר אַלטע חשבונות. היט זיך!). און אויב איר ווילט וויסן וואָרום עס האָט מיך אינ־טערעסירט די אַלע "קליינִיקייטן", טאָ הערט־זשע : איר זאָלט וויסן אַז דער גוי איז ניט קאַרפּ און דער וואַלד איז ניט זיינער. איך קאָן קאַרפּן גוט און איך ווייס אַז ער וויל דעם וואַלד ניט פאַרקויפן פאַר קיין געלט. די גאַנצע מעשה איז אַ שווינדל דורך און דורך. גאַספּאַדין איסאַק באָריסאָוויטש פירט אייך אין באָד אַריין.

דער סוחר איז בלייך געוואָרן און האָט אָנגעהויבן שטאַמלען : — וואָס הייסט ! איך האָב דעם וואַלד אַליין אָנגעקוקט. דער אַלטער סטאַראָזש האָט אונדז אויסגעפירט יעדער ווינקעלע. מיר האָבן זיך צעשריבן ביים נאָטאַריוס פאַרמאַלנע. איצט וואַרט איך נאָר ביז די קאָפּעשעס וועט פאַרטיק ווערן. ווי־זשע קען דאָס זיין אַ שווינדל ?

אַלטער האָט אים אויסגעהערט און האָט מיט באַדויערן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ :

— ר' ייד, עס איז געווען מיין חוב צו וואָרענען אייך. איצט טאָרט איר ניט שווייגן. אפשר איז נאָך ניט צו שפּעט צו ראַטעווען אייער געלט. איך וועל אייך באַהילפיק זיין מיט וואָס איך וועל נאָר קאָנען.

דער סוחר האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. ערשטנס, האָט זיך אים ניט געגלויבט אַז איסאַק באָריסאָוויטש זאָל קאָנען טאָן אַזאַ זאַך, און צווייטנס, האָט זיך אים ניט געוואָלט אָנווערן דעם וואַלד, עס איז פאַרט געווען אַ גרויסע מציאה. אַזוי האָבן זיי זיך געאַמפּערט ביז שפּעט אין דער נאַכט און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויף מאָרגן אינדערפרי צו גיין צום נאָטאַריוס.

* * * * *

אין באַזילס כוטאָר איז ששון ושמחה — עס הערט זיך קול חתן וקול כלה. צוויי שוועסטער האָבן חתונה געהאַט אין איין נאַכט. דער עלטסטער ברודער מיט זיין שיינער יונגער פרוי זיינען "אונטערפירער". אַ גרויסער עולם געסט איז זיך צוזאַמענגעפאָרן. די קלעזמער שפּילן און עס איז ליהודים.

מען האָט זיך געזעצט צו דער חופּה־וועטשערע. די אונטערפירערס אויבן־אָן מיטן חתן־כלה. מען האַלט שוין ביי דער גאָלדענער יויך. אַ סאַר־וועער לאָזט וויסן דעם אונטערפירער, אַז אימעצער וויל אים נויטיק זען טאַקע באַלד — אָן אַ תירוץ. איסאַק באָריסאָוויטש האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר די געסט און איז אַרויס פון טיש. ער האָט זיך געזאַמט אַ לענגערע צייט. ווען ער איז צוריקגעקומען איז ער געווען זייער בלייך. ער האָט אַרויסגעשטאַמלט אַז דרינגענדיקע געשעפטן פאָדערן אים אַרויס פון שטאָט און דער שותּף האָט ספּעציעל געשיקט נאָך אים "פּאָטשטאָווע" פערד און ער מוז אומבאַ־דינגט פאָרן באַלד, דעריבער זעגנט ער זיך מיט אַלע געסט און ווינטשט זיי צו הוליען ביז טאָג.

זיין יונגע פרוי האָט אינסטינקטיוו געפילט אַז אַ געפאַר הענגט איבער איר מאַנס קאָפּ און ביים געזעגענען זיך האָט זי זיך ניט געוואָלט שיידן

פון אים. מיט גרוים מי זי בארויקט, האט איר געזאגט דעם לעצטן זיי־געזונט און די פערד האבן זיך גערירט פון ארט. דאס מאנאטאנע קלינגען פון דעם פאטשטאוון גלעקל איז ביסלעכווייז אפגעשטארבן אין דער לערקייט פון דער נאכט.

די יונגע פרוי איז איינע אליין געבליבן שטיין ביים וועג, וווּ זי האט זיך געזעגנט מיט איר געליבטן מאן. הייסע טרערן זיינען שטילערהייד גע־פלאסן פון אירע אויגן. נאך א לענגערער ווייל איז זי שטילערהייד אריין צו זיך אין שלאפצימער, איז געפאלן איבער דעם בעטעלע ווו איר איינציק זונעלע איז רויק געשלאפן, זים שמייכלענדיק פון שלאף, האט איינגעגראבן איר פנים אין די קישעלעד און האט אויסגעבראכן אין א הארצרייסנדיקן געוויין . . . פון דעם דערבייאיקן צימער האבן זיך דערטראגן דער קלאנג פון דער פידל און פלייט, ווי זיי האבן זיך צעגאסן אין א פריילעכס . . . דאס קלאפעריי פון די געשיר און דער שיכורלעכער געשפרעך פון די געסט, דאס געזאנג און טענץ פון די פרויען האט זיך צוזאמענגעגאסן אין אן אומ־אויפהערלעכן הו־הא . . .

* * * * *

נאוואזיבקאוו האט געקאכט ווי א קעסל. אין דעם "אויעזדנעם סוד" איז אנגעגאנגען איינער פון די סענסאציאנעלסטע פראצעסן וואס די שטאט האט אמאל בייגעוווינט. אין געריכט זאל איז ניט מעגלעך געווען א פינגער דורכצושפארן. אויפן קלאגע־באנק איז געזעסן אונדזער באקאנטער איסאק באריסאוויטש און סאווקע וואזניאק. יעדע רויק און געלאסן. דער קלעגער איז געווען דער יונגער וואלד־סוחר. די קלאגע איז באשטאנען אין דעם, וואס איסאק באריסאוויטש און סאווקע האבן אויסגעשווינדלט פינף טויזנט רובל פון דעם סוחר, פארקויפנדיק אים א פרעמדן וואלד.

דער אינטערעס איז געווען נאך גרעסער דערמיט, וואס איסאק בא־ריסאוויטש האט אונטערגענומען זיך אליין צו פארטיידיקן און אויך פאר־טיידיקן זיין מיטהעלפער אין דעם שווינדל. סאווקע, צוריקווייזנדיק אלע ארוואקאטן.

אין געריכט זאל איז שטיל ווי אויף א בית־עולם. דער פראקוראר הויבט אן זיין באשולדיקונג־רעדע (נאכדעם ווי דער באשולדיקונג־אקט איז פארגעלייענט געווארן), מאלנדיק די באשולדיקטע מיט די שווארצסטע פארבן. לאנג האט זיין רעדע געדויערט. צווישן אנדערש האט ער דעם באשולדיקטן איסאק באריסאוויטש א פרעג געטאן ווו ער האט אהינגעטאן די פינף טויזנט רובל.

דער באשולדיקטער האט געענטפערט מיט א פראגע אויף דער פראגע:

— גאספאדין פראקוראר! קאנסטו מיר זאגן ווען מען מאכט א לאך אין דער ערד מיט א פלאקן, ווו טוט זיך אהין די ערד פון דער לאך? . . (א געלעכטער אין זאל).

ער האט אויך מאטיווירט דאס פארברעכן אז אין גרונט גענומען איז ער גאר קיין פארברעכן ניט באגאנגען. נעמענדיק אין אנבאטראכט, אז קארפ שטייט מיט איין פוס אין קבר און לאזט נאך זיך קיינעם ניט איבער און אזוי ווי לויטן געזעץ, אז אויב קיין דירעקטע יורשים זיינען ניטא, גייט

דאס פארמעגן איבער אין רשות פון דער רעגירונג, זעט ער, איסאק באריסאַ־וויטש, ניט איין, ווארום ער זאל ניט געניסן פון דעם, איידער די רעגירונג, וועלכע וואלט גאנץ ווייניק געליטן דורך דעם פארלוסט פון דעם וועלדל (אפּ־לאַדיסמענטן).

סאווקען האט דער פראקוראר פארגעשטעלט אלס מאנסטער:

— גאספאדא פריסאזשניע! ווייסט איר דען ניט וואס דאס איז פאר א סאווקע? מאמעס שטילן איין אומרויִקע קינדער מיט זיין נאמען: ש־ש־ש, שווייגט! סאווקע גייט! אט וואס פאר א סאווקע דאס איס!..

אלץ וואס סאווקע האט געענטפערט ווען מען האט אים געפרעגט וואס ער האט צו זאגן אין זיין פארטיידיקונג איז געווען:

— גאספאדא סודי! הערט זיך ניט צו וואס אט־א דער־א (צייגנ־דיק מיטן פינגער אויפן פראקוראר) בילט דארטן... דאס איז דאך זיין קרעמל — ער מאכט דאך א לעבן פון דעם (גרויס געלעכטער אין זאל).

א קלאפ מיטן האמער און ס'איז שטיל געווארן — סאווקע האט שוין אפגערעדט.

דער פראצעס האט זיך געצויגן עטלעכע טעג. פיל עדות זיינען אויסגעהערט געווארן פון דער אנקלאגע און דאך איז די פארטיידיקונג געווען אויף אזויפיל געלונגען, אז אנשטאט דעם וואס מען האט דערוואַרט זיי זאלן באקומען אמווייניקסטנס צו פינף יאר "ארעסטאנסקי ראטעס", האבן זיי געקראגן בלויז צו צוויי יאר "טורעמני זאקליוטשעניע".

ווען מען האט די פארמשפטע ארויסגעפירט פון זאל האט זיך געהערט א הארצרייסנדיקער געשריי און א יונגע פרוי מיט א קינד אויף די הענט האט זיך דורכגעריסן דורך דער וואך און איז ארויפגעפאלן דעם פארמשפטן איסאק באריסאוויטשן אויפן האלדז מיט א יאמער. ביי פיל האבן זיך גע־וויזן טרערן אין די אויגן און די וועכטער האבן ניט געהאט דעם מוט אפּ־שטויסן זי...

* * * * *

מיט צוויי יאר שפעטער. אונדזער אלטער באקאנטער איסאק באַ־ריסאוויטש האט פארענדיקט זיין טערמין אין טורמע און האט באוויזן צו ווערן א "טשאסטני פאווערעני" אין דער זעלבער שטאט. מיטן פארטפעל אונטערן ארעם פלעגט מען אים באגעגענען מיט א "זדראוסטוואיטיע", גאספאדין איסאק באריסאוויטש...

אַשרקע "באָסי"

די היימישע ירידים, איבערהויפּט אין די קליינע שטעטלעך און דערפער, האָבן געשפּילט אַן אומגעהייער גרויסע ראָל אין דעם מאַנאָטאָנעם לעבן (סיי פון דעם יידן און סיי פונם גוי) פון דעם ישוב אין אַלע הינזיכטן. למשל, ווען א שידוך האָבן זיך מחותנים געטראָפן אויף א יאריד (צי מיט אָדער אָן דער הילף פון א שדכן). בחורים און מיידלעך פלעגן זיך בכלל צוזאַמענפאָרן אויף א יאריד צו שליסן באַקאַנטשאַפטן, כאַפּן א בליק אײנס אויפן צווייטן (מיט אָדער אָן א מיין).

אַלערליי מסחרים פלעגן געשלאָסן ווערן אויפן יאריד. חוץ וואָס יעדער איינער האָט געקענט באַגעגענען און טרעפן וועמען ער האָט נאָר באַדאַרפט, האָט ער אויך געקאָנט קויפן אויף א יאריד מחוט ועד שרוך נעל.

באַלעגאַלעס זיינען געווען אויסגעשטעלט פאַר יעדער פאַד באַזונדער מיט כל־טוב. א שורה שניט־סחורה, א שורה אייזן און א שורה מיט געטער און איקאָנעס.

א "קאָננאָי פּלאָשטשאַד" (פערד־מאַרק) מיט כל־המינים פערד; א "טאָרגאָוויצע", בהמות און שאָף מאַרק, ציגן און חזירים, אַן אינדיק און אפילו א טויב. חוץ דעם זיינען אויסגעשטעלט געווען רייען אויף רייען גוייִשע פורלעך און יעדערער האָט עפּעס צו פאַרקויפן : א הון, א גאַנדז, א קאַטשקע און אפילו א טויב: קעז, פּוטער, אייער און שאַר ירקות מכל המינים גאָרטנ־וואַרג.

דערצו זיינען געווען אויסגעשטעלט צענדליקער פורן מיט "ליקע" אויף צו פלעכטן לאַפּטיעס און אַנדערע גוייִשע, היימישע פּראָדוקציע, ווי : מולטערס, בעקנס, צעבערס, שיסלען, סטופּעס, וואַלגער־העלצער, לעפל (גרויסע און קליינע), קאָרזינקעס.

דאַן קומען די גויעס מיט זייער פּראָדוקציע : געוואַנט, לייוונט, טיש־טיכער, האַנטיכער, אויסגענייטע העמדער און פאַרטיכער, און הונדערט און איינס אַנדערע זאַכן.

איינער פון די וויכטיקסטע מסחרים איז געווען פלאַקס און ליאָן. אויך סיפּקע (תבואה) : קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָבער, גריקע, פּראָסע, לייג־זוימען, קאָנאָפּליעס אא"וו.

אַלץ גייט איבער פון האַנט צו האַנט מיט א דינגעניש און א רייסע־ניש, אַז אַלץ ווערט פאַרטרונקען אין אַן אומאויפהערלעכן רעש און הוזשעריי. די קולות פון מענטשן און חיות ווערן צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויסן יאריד־כאָר, ווי דאָס ברויזן פון א שטורעמדיקן ים.

עס פאַרשטייט זיך אַז אחינו בני ישראל פאַרנעמען דעם בכבודיקסטן פּלאַץ אין אָט דעם הו־האַ און עס טרעפט זייער זעלטן אַז א ייד זאָל דערלייגן צום יאריד.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע יארידים אין אונדזערע מקומות, איז געווען דער "האָרער" יאריד, "סוויאַטאַיאַ באָגאָראָדיצאַ". ערשטנס,

דערפאר ווען עס פלעגט אויספאלן אַנהויב זומער, ווען אַלץ האָט געבליט און געשמעקט; צווייטנס, האָט דאָרטן אַמאָל א נס געטראָפן: מ׳האָט גע־פונען ״גאָטס מאַמען״ אין קרעניצע מיט א ברענענדיקער לאַמפּאַדקע (אין איר נאָמען איז טאַקע דער יאַריד). אז דאָס איז געווען אן אומגעהייערער קוואַל פון פרנסה פאר געוויסע אינטערעסן איז צו זען פון דעם וואָס פון הונדערטער וויאָרסטן ארום פלעגן זיך ציען גויים אנטיילצונעמען אין דעם גרויסן יום־טוב, די ״קרעסטניע פאראַדן״ און מאָלעבנעס, און איבערהויפּט צו כאַפּן א פלעשל הייליקע וואַסער (ניט אומזיסט, חלילה) פון דער קרעניצע.

איך ביז געווען אויפן זיבעטן הימל פון גליק, ווען מיין פאָטער האָט צוגעשטימט מיך מיטצונעמען אויפן יאַריד. ארויסגעפאָרן איז מען געוויינלעך שפּעט אין אָוונט און די עטלעכע און צוואַנציק וויאָרסט פון אונדזער שטעטל ביז האָרע האָט זיך געצויגן אן אומאויפהערלעכער אָבאַז מיט פורן. עס זיינען געפאָרן יונג און אַלט. געזאַנג און געלעכטער האָט אָפּגעקלונגען איבער וואַלד און פעלד, און עס איז גאָרניט געווען צו באַמערקן ווי די נאַכט פלעגט דורכלויפן, כאָטש מען איז געפאָרן טראָט ביי טראָט און מער געשפּאַצירט ווי געפאָרן.

צו אונדז אויפן וואָגן האָבן זיך ארויפגעכאַפּט דעם פאָטערס באַ־קאַנטע עטלעכע יידן, איז מען געפאָרן און דערציילט פארשיידענע דערפאַ־רונגען פון יאַרידן. ביז מיין פאָטער האָט זיך אָפּגערופן: אויב איר וועט אויסהערן, וועל איך אייך דערציילן וועגן איינעם פון די שפּיצלעך וואָס דער אַמאָל באַוווסטער, ״אַשרקע באָסי״, האָט אָפּגעטאָן. פון זיין נאָמען קענט איר זיך אָנשטויסן וואָס פאר א תכשיט דאָס איז געווען.

מיט יאָרן צוריק, אינגיכן נאָך דעם ״האָרער״ יאַריד, איז פאָרגעקומען ביי אונדז אין שטעטל א טשיקאַווער משפּט פון וועלכן מ׳האָט יאָרן לאַנג גערעדט.

אן אָרעמער גוי האָט אָנגעקלאָגט ״אַשרקען״ אין גנבענען ביי אים א בהמה, זייער אויף א מאָדנעם אופן (צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, אין שטעטל זיינען אַלע זיכער געווען אז דער גוי איז נעבעך גערעכט געווען). דאָס האָט דער גוי דערציילט ביים משפּט:

— גאָספּאָדין סודיא! פאר דיר ווי פאר גאָט, דעם גאַנצן אמת וועל איך דערציילן. נאָכן ״האָרער״ יאַריד, שפּעט ביינאַכט, קלאַפּט מען אין מיין כאַטע און מען רופט מיך ארויס. איך בין שטאַרק געשלאָפן מיט דעם ערשטן שלאָף, האָט זיך מיר ניט געוואָלט אויפשטיין. אָבער מען קלאַפּט אַז אויפהער. גיט מיר מיין באַבע (ווייב) א טאָרע אין זייט מיטן עלנבויגן:

— איוואַן!!! איוואַן;;; גיי נאָר ארויס, זע וואָס וויל מען.

— א פארשלאָפענער קריך איך אראָפּ פון געלעגער און גיי ארויס אין דרויסן. איך זע עס שטייט א מאַן. פרעג איך אים מיט כעס צו וואָס פאר א שווארצע יאָר ער וועקט מיך אינמיטן דער נאַכט.

— הער מיך אויס, ברודער איוואַן, — זאָגט ער, — און היט זיך ניט. איך דאַרף צושיקן א בהמה צום יאַריד צו פאַרקויפן. די בהמה איז א גוטע און דאַרף ברענגען א גוטן מקח, אָבער מיר, א יידן, טויג ניט צו פאַרקויפן זי. ווייסט דאָך, אז אונדזערן א ברודער גלויבט מען ניט... דו אָבער, אז דו וועסט זי פאַרקויפן פאר אן אייגענער, וועט מען דיר גלויבן.

— און וויפל וועסטו באַצאָלן פאר אזא שטיקל ארבעט? — פרעג איך אים, אָפּגייענדיק פון כעס.

— וועסט ביי מיר קריגן א פינפערל, און אויב דו וועסט קריגן א גוטן מקח, קריגסטו ביי מיר א גוטן ״מאָגאַריטש״.

— נו, גאָספּאָדין סודיא ! ווייסט דאָך, אַז אַן אונדזער ברודער מאַכט זיך ניט צו פאַרדינען אַ זייטיק קערבל און נאָך אַ גרינגס. גיב איך מיר אַ ווײַלע אַ טראַכט און זאָג אים : — גוט, איך נעם זיך אונטער, אָבער ניט אָן אויפגאַב.

— צעלאַכט ער זיך, — וואָס הייסט, איך פאַרגלויב דיר די בהמה צו פאַרקויפן זי פאַר דיין אייגענער און דו ווילסט פון מיר אַן אויפגאַב ? מאַך זיך ניט נאַריש, ברודער איוואַן, און פאַרליר ניט קיין צייט. עס איז שוין שפּעט און דו האָסט נאָך אַ היבשן וועג דורכצומאַכן. דו מוזט זען די בהמה זאָל זיין אויסגערוט איידער די גויים קומען. גרייט זיך צו, איך וועל אויף דיר וואַרטן אין עק דאָרף.

— איך בין אַריין אין כאַטע, דערציילט דער באַבען וועגן דעם מסחר, האָב אויף זיך אַרויפגעכאַפּט די מלבושים מיטן קאַשעל און גיי. די באַבע האָט מיר נאָכגעשריען איך זאָל זיך ניט פאַרזאַמען און זאָל זיך חלילה־וחס ניט אָנשיכורן, אַז ניט וועל איך כאַפּן אַ שוואַרצן סוף.

— ביים עק דאָרף האָט ער מיר איבערגעגעבן די בהמה גרייט צו פירן און האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ער וועט אכטונג געבן אַלץ זאָל גיין גוט. נעכדעם ווי איך וועל די בהמה פאַרקויפן, זאָלן מיר זיך טרעפן אין שענקל. איך האָב גענומען די קו און בין אַוועק.

— עס איז געווען קיל, אַ מחיה. די בהמה, אַ פאָלגנדיקע, האָב איך ביז טאָג געמאַכט היבשע עטלעכע ווירסט. עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. מיר איז נאָך געבליבן אַ דריי־פיר ווירסט ביז הארע. איך בין געווען הונגעריק, די בהמה אויסגעמאַטערט. טראַכט איך, עס וועט זיין אַ גוטער פּלאַן אָפּ־צוקערן אביסל פון וועג, אָפּפיטערן די בהמה אויף פרישן גראָז און אליין אויך אָפּעסן.

— געטראַכט און געטאָן. אַרויסגענומען פון קאַשל דאָס עסנוואַרג, געזעצט זיך אויפן גראָז און כאַפּ אַ ביים . . . פּלוצלונג איז מיין אויג געפאַלן אויף דער בהמה, וועלכע איז געשטאַנען באַגאָסן מיט שטראַלן פון דער אויפ־גייענדיקער זון. וואָס איז דאָס ? . . איך וואָלט שווערן אַז דאָס איז מיין אייגענע קו . . . איך רייב גוט אויס די אויגן. יאָ, ווי צוויי קאַפּ וואַסער מיין בהמה. די זעלבע ווייסע פלעקן אויף אַ פאָדערשטן און הינטערשטן פוס און דער זעלבער ווייסער פלעק אויפן שטערן, איין האָרן אביסל מער אויסגעבויגן ווי דער צווייטער, אַט אקוראט . . .

— איך האָב זי באַטראַכט פון אַלע זייטן. טשאָרט פּאָבערי ! ווען איך בין ניט זיכער אַז מיין באַבע האָט בפירוש לעצטע נאַכט נאָכן מעלקן פאַרשפּאַרט אונדזער בהמה אין שטעלכל,וואָלט איך געשוואָרן אַז דאָס איז מיינע . . . אָבער עס איז דאָך ניט שייך ! . .

— איבערגעביסן, האָב איך גענומען די בהמה און איז וועג אַריין. געקומען בין איך אין דער ריכטיקער צייט : די בהמה אויסגערוט, אָנגעגעסן, מיט אַ פולן אייטער — האָט זי געצויגן אַ סך קונים. עס האָט זיך אָנ־געהויבן אַ דינגעניש, אַ צופּאַטשעניש אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף. אַט־אַ דער מאַשעניק (אָנצייגנדיק אויף "אַשרקען") האָט אויך געמאַכט אַן אָנשטעל אַז ער וויל קויפן און האָט זיך די גאַנצע צייט אַרומגעדרייט דערביי.

— מ'האָט מיר אָנגעבאָטן ביז פערציק קאַרבן. גיט "ער" מיר אַ ווינק איך זאָל זי פאַרקויפן. האָב איך צוגעפּאַטשט און האָב געקראָגן די פערציק קאַרבן אין מזומן. מיר זיינען אַוועק אין אַ שענקל צו "באַנעצן" די בהמה.

— דאָרט האָב איך אים אָפּגעגעבן דאָס געלט און ער האָט מיר באַ־

צאָלט דאָס פינפערל און האָט מיר געהייסן מאַכן א גוטן לחיים אויף זיין חשבון. איך האָב דעם אמת געזאָגט, ניט געלאָזט זיך בעטן.

— הער נאָר, אַשרקע, זאָג איך צו אים, איז עס ניט טשיקאַווע, אז מיין בהמה איז ווי איין מאַמע וואָלט זי געהאַט מיט דער וואָס איך האָב פאַרקויפט, וואָס זאָגסטו עפּעס ? . . צעלאַכט ער זיך (מיט קרעמעניש זאָל ער לאַכן).

— וואָס דיר קען איינפאַלן ? — זאָגט ער, — נעם בעסער נאָך א לחיים און זע גאָט זאָל דיר צושיקן וואָס אַפּטער אַזעלכע גרינגע פּרנסות.

— איך בין געקומען אהיים שפּעטלעך. מיין באָבע האָט מיך באַגעגנט מיט אַזאַ ברוך הבא, אז מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

—דו בהמה ! ! ! ווו האָסטו אהינגעטאָן אונדזער בהמה ? . .

— וועו בהמה, וואָס בהמה ? ווייסט דען ניט, אז איך קום ערשט פונעם יאַריד ?

— זע נאָר, ווי געלאַסן דאָס רעדט ! — שרייט זי מיט הארצווייטיק — אונדזער בהמה איז פאַרפאַלן געוואָרן, איך בין געגאַנגען זי מעלקן אינ־דערפרי און האָב געפונען דאָס שטעלכל ליידיק. אויסגעזוכט דאָס גאַנצע דאָרף, איבערגעפרעגט אַלעמען — ניטאָ, ווי אין וואַסער אריין. דאָ האָט זי זיך צעיאָמערט ווי נאָך א בר־מינן — אָ, מיין טייערע בהמהלע, שפּייזעריַן מיינע . . . — איך בין געבליבן שטיין א פּריטשמעליעטער, אָן לשון . . .

— גאַספּאַדין סודיא ! ווייסט דאָך אונדזער ברודער, א הויז מיט קליינע קינדער אָן א בהמה איז כּאַטש נעם און שטאַרב . . . דאָס קאָפּ מילך איז דאָס לעבן ביים קליינוואַרג . . . גאַספּאַדין סודיא, אַלץ וואָס איך וויל איז נאָר די בהמה . . . מיין בהמהלע . . .

— אַשרקע האָט, פאַרשטייט זיך, געלייקנט שטיין און ביין. ער קען אים גאַרניט, עס איז נאָר א צוטשעפּעניש . . .

— מען האָט ארויסגערופן דעם קויפער פאַר אַן עדות : אויף דעם האַרער יאַריד האָב איך געקויפט א בהמה פון דעם מאַן (אָנווייזנדיק אויפן גוי). ער האָט מיר פאַרזיכערט, אז די בהמה איז זיינע אן אייגענע, אז זי גיסט אָפּ מיט מילך, אז די מילך איז גאָלע פוטער, אז זי איז א שטילע. איך האָב אים באַצאָלט פּערציק קאַרבן במזומן, א גוטער מקח, גאַספּאַדין סודיא, אָבער ער האָט אמת געזאָגט — זי איז א גוטע בהמה.

— כאַפּט זיך אונטער איוואַן : זעסטו, גאַספּאַדין סודיא, ער זאָגט אויך אז איך זאָג אמת, אז איך האָב אים פאַרקויפט די בהמה, און . . .

— טאָ צו וואָס האָסטו זי פאַרקויפט, אז דו דאַרפסט זי אַזוי נויטיק האָבן פאַר די קינדער ? שלאָגט אים איבער דער סודיא.

— "עה" (ימח שמו זאָל ער ווערן) האָט דאָך מיר געהייסן פאַר־קויפן זי ! — שרייט אוים דער גוי מיט הארץ.

— און אז ער וואָלט דיר געהייסן ארונטערשפּרינגען פון שפּיץ קלויס־טער, וואָלסטו אים אויך געפאָלגט ? — פרעגט דער סודיא.

— גאַספּאַדין סודיא, דו פאַרשטייסט מיך ניט. איך, איך . . . א קלאַפּ מיטן האַמער אין טיש — די דיעלאָ איז געענדיקט. וואָס קומט ווייטער ? — רופט אוים דער סודיא מיט כעס.

— דער גוי האָט א וויינענדיקער מיט א געבראָכן הארץ פאַרלאָזן דעם סוד.

קיין הארע זיינען מיר אַנגעקומען גאַנץ פרי, אָבער דער מאַרק איז שוין געווען אויסגעשטעלט און עס איז שוין ניט געווען ווו א פינגער דורכ־צושפּאַרן . . .

אײזיקל לאַטאַקיער

— נו, וואָס זאָגט איר עפּעס, ר׳ מרדכי, אויף מײַן בעדל, האַ? — האָט זיך געווענדעט הערשל האַלאַטער צו מײַן פאָטער, וועלכער איז ערשט אַראָפּ פון דער העכסטער באַנק אין אויסגעפּאַרעטער אויף אַלע זײַטן.

— אַ־ווא . . . עס איז אַ הפלא־ואָפֿל! — האָט מײַן פאָטער געענט־פערט אָפּגיסנדיק זיך מיט אַ שעפעלע קאַלטע וואַסער, — איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, הערשל, איך האָב זיך שוין אויף מײַן לעבן געפּאַרעט אין כלערליי בעדער. וואָס דאַרפסטו מער, ראַיעוּוסקים באָד אין גאָמעל, עס איז דאָך ממש וואונדער, אָבער צו דײַן בעדל קומט עס ניט. אַזאַ גרינגע מחיהדיקע היץ, אַזוינע פרישע קילע וואַסער פון דער דערבײַיאַיקער אָזערע אין אַ מיטן סאָסנאָווע וואַלד איז גאָרניט בנמצא, וואָס אמת איז אמת.

דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ מיטן שבת צו נאַכט נאָך הבדלה. הערשל האַלאַטער האָט געהייסן דעם גוי אויסהייצן זײַן בעדל און האָט אײַנ־געלאַדן מײַן פאָטער און מיך (אַ ייִנגל פון 13־14 יאָר) און נאָך אַ פּאָר ייִדן פון די נאָענטע כוטאָרעס, וועלכע האָבן אַזאַ געלעגנהייט קיינמאָל ניט דורכ־געלאָזט.

דאָס בעדל איז ווירקלעך געווען אַן אויסנאַם פון די געוויינלעכע גויישע אָדער ייִדישע קליין שטעטלדיקע בעדלעך. ליכטיק און ציכטיק, דער אויוון מיט אַ קוימען, באַקוועמע בענק צו זיצן און צו פּאַרען זיך, מיט אַ פּאַסיקן פּלאַץ אויסצוטאָן די קליידער און געניג הייסע וואַסער צו וואַשן זיך.

ווען דער עולם האָט זיך אויסגעפּאַרעט עד בלי די מיט פריש־שמע־קעדיקע בערעזאָווע בעזימער, איז שוין געווען אַן ערך אַרום צען אַזייגער בײַנאַכט. מען האָט זיך ערשט אויסגעזעצט אויף די בענק מיט פולע שע־פעלעך הייסע וואַסער צו וואַשן זיך און שמועסן. אין דרויסן איז געווען שטאַרק אָנגעוואָלקנט און אַ געדיכטער רעגנדל האָט זיך דורכגעזיפּט צווישן די רוישנדיקע ביימער.

— געלויבט זײַן ליבער נאָמען פאַרן רעגן. די פעלדער זײַנען אויס־געשרפהט, די תבואות אינגאַנצן געל געוואָרן, — באַמערקט הערשל.

— ניט נאָר די פעלדער, אפילו די מיל און די וואַלנע מוזן האָבן רעגן. דאָס וואַסער אין אָזערע איז זייער נידעריק געוואָרן, מ׳קען נאָר אַרבעטן אַ טאָג איבער אַ טאָג, — האָט מײַן פאָטער צוגעגעבן.

אַזוי האָט זיך געצויגן דער שמועס איבער פאַרשיידענעס. מ׳איז שוין לאַנג פאַרטיק געוואָרן מיטן וואַשן זיך, אָבער עס איז ניטאָ וואָס צו אײַלן זיך, זיצט מען אין דער מחיהדיקער וואַרעמקייט, מ׳רעדט, מ׳דערציילט און מ׳הערט זיך אײַן ווי דער רעגן שמייסט איבער די שויבן.

— דערציילט אונדז גאר עפעס, ר׳ מרדכי, — רופט זיך אפ הערשל.
— אייערע מעשות, האב איך געהערט, זיינען א שם־דבר.

מיין פאטער האט זיך פארטראכט קעמענדיק די באָרד. פארקנייטשט דעם שטערן און האט אנגעפאנגען:

אפשר האט איר אמאל געהערט פון אייזיקל לאטאקיער און וואס ער האט אויפגעטאן. איך האב געהאט די זכיה צו קאנען אים פנים־אל־פנים. צו דערציילן אייך אלץ וואס אט דער "אייזיקל" האט אויפגעטאן, איז טויזנט און איין נאכט ווייניק. וועל איך אייך נאר דערציילן ווי אזוי ער האט זיך פאפאדיעט.

ווען איינער זאל זיך געווען באגעגענען מיט אייזיקלען ניט קענענדיק אים, וואלט ער געקענט מיינען אז דאס איז אן אדוואקאט, א דאקטאר, אדער גלאט אזוי א משכיל. אלעמאל אויסגעפוצט ווי א פראנט, א צוגעשוירן שפיציק בערדל, הויך און איידל, מיט פארדרייטע וואנצעס. אז ער פלעגט דורכשפאצירן איבערן מארק, פלעגן אפילו די פריצהטעס די כפרה ווערן נאך אים. צו ריידן מיט אים, איז געווען חכמה אנצונעמען זיך. דאס צינגל ווי מיט חזיר אויסגעשמירט, גלייכווערטל, א הלצהלע און א ממזרישער ווונק מיט אן אייגל — אלעמאל פריילעך. ווען האט גאר געקענט איינפאלן, אז פאר אייך שטייט דער מסוכנדיקסטער רוביבער און פערד פירער? . .

דריי ברידער זיינען זיי געווען: יהושעקע און אשרקע באסי, די יינגערע, זיינען אויך געווען פון די וואס מען פרעגט זיך נאך אויף זיי. אבער צו אים קומען זיי ניט . . .

עס איז אלעמען געווען א גרויס חידוש: פון וואנען נעמט דאס אייזיקל אויף צו פוצן זיך, פראנטעווען און לעבן א גוטן טאג, ניט טוענדיק גארניט? ניט שוין־זשע קומט עס אלץ פון זיין ווייבס פרנסות אין דעם גראשנדיקן קרעמל אין דעם דארף לאטאקי? . .

אויף דעם ווייב פלעגט ער זיך גארניט וועלן אומקוקן, כאטש זי, דאס נארישע ווייבל, האט אים נעבעך שטארק ליב געהאט, האט ער זיך אבער געהאט געגוג אנדערע צו הולטאיעווען.

עס האבן זיך ארומגעטראגן טונקעלע קלאנגען וועגן אים, אבער קיינער האט ניט געוואלט גלויבן אזעלכעס אויף א יידן, ביז עס איז זיך פארלאפן אזא מין מעשה:

אין א שיינעם זומערדיקן פרייטיק האט מען געפונען א דערהרגעטן גוי אין א וועלדל אויף א כוטאר אויפן וועג פון זאבאביע צו מאקאריטש. דער נייער סטאנאוואי פון אונדזער סטאן, איז געווען א שטרענגער גוי. חוץ וואס עס איז ביי אים אוועק אין אהא, ווייל פארן פריערדיקן סטאנאוואי זיינען צוויי אזעלכע הריגות פארגעקומען און מען האט גארניט אויסגעפונען.

מ׳האט אראפגעבראכט דעם סליעדאוואטעל און מ׳האט אנגעהויבן חוקר ודורש זיין, ביז מ׳האט ארעסטירט עטלעכע פארדעכטיקטע גויים אויף דעם עדות־זאגן פון נאך א גוי, וועלכער האט געפונען דעם הרוג. ער האט אזוי דערציילט:

— איך בין דער פארטאג געלאפן פון זאכאריע קיין מאקאריטש.

כ'האָב עס געמוזט מאַכן וואָס גיכער בין איך געלאָפן מיט די כוטאָרסקע וועגן, ווו זייער וויניק מענטשן פאָרן. עס איז נאָך געווען טונקל ווען איך האָב דערהערט רעדער סקריפּען און מענטשן ריידן. טראַכט איך מיר, ווער קען דאָס פאָרן אַזוי פרי אויף אַזוינע פאַרוואָרפענע וועגן ? אַזוי האָב איך זיך געחידושט ביז איך האָב אין דער פרימאָרגנדיקער גרויקייט, ניט קלאָר, דערזען אַ געשפּאַן, אַ פולער וואָגן מיט מענטשן און פון הינטן איז צוגע־בונדן אַ גאַנצער טאַבון פערד. איך האָב אויסגערופן : ווער פאָרט דאָרטן ? — ניט דיין באַבעס דאגהס, דו לויפסט, טאָ לויף דיר דיין וועג, אַז ניט וועסטו כאַפּן אַ מיאוסן אַפּשניט, — איז געקומען אַ גראָבער ענטפער. איך האָב זיך באַטראַכט, אַז עס וועט פאַר מיר זיין געזינטער אַפּצוטראָגן זיך וואָס שנעלער.

— איך לויף דורך נאָך אַ פּאָר וויאָרסט. די זון איז שוין אויפגע־גאַנגען און איך האָב כמעט ווי פאַרגעסן אָן מיין באַגעגעניש, דערהער איך פּלוצים אַ שווער קרעכצן און כאָרכלען. איך נעם זיך אומקוקן, ערשט איך זע אין די קוסטעס ביים וועג ליגט עמיצער. איך לויף צו, קוק זיך איין, — גאָט מיינער ! דאָס איז דאָך מיין סוואַט (מחותן), פון מאַקאַריטש, אַ צע־ממיתטער, אַ פאַרבלוטיקטער, קוים וואָס ער זשיפּעט . . . איך רוף אים אָן ביים נאָמען, ער עפנט קוים די אויגן און האָט מיך דערקענט.

— דערהרגעט . . . די הינטישע זין . . . פאַר גאָרניט דערהרגעט, — האָט ער קוים אַרויסגעשעפּטשעט.

— ווער ? וואָס ? ווי אַזוי ? . . דערציי̇ל, טייערינקער סוואַט, דערציי̇ל ! . .

מיט דער גרעסטער מאַטערניש, אַפּשטעלנדיק זיך אַלע ווײַלע, כריפּענ־דיק און כאָרכלענדיק האָט ער מיר געגומען דערציילן :

— אַ שטיק פאַרטאָג האָט ער פון שלאָף דערהערט אַ פערדל היר־זשענדיק אין הויף. ווי פון אַ שלאַנג געביסן, איז ער אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צום פענצטער און אין דער געדיכטער טונקלקייט האָט ער דערזען ווי זיין צוויי יאָריק לאָשיקל לויפט אַרום אין הויף. דאָס פערדל איז דאָך געווען פאַרשפּאַרט אין שטאַל מיט די אַרבעט־פערד צו וועלכע ער איז אַזוי צוגעוווינט, טאָ ווי־זשע קומט ער אין הויף ? עס האָט אים באַלד אַ בליץ געטאָן אין זינען — גנבים . . .

ווי אַן אונטערגעשאָסענער איז ער פון הויז אַרויסגעשפּרונגען צום שטאַל. דער טויער איז געווען געשלאָסן. דאָס מיינט דאָס ? ער שליסט אויף דעם טויער און שרייט אויס פון ווייטיק — אַ האַלבע וואַנט צום גאָרטן איז צענומען און די שטאַל איז ליידיק — ניטאָ קיין פערד . . . ער פאַלט צו מיטן אויער צו דער ערד און הערט אַ טופּעריי פון פערד און רעדער. ניט געטראַכט קיין סך כאַפּט ער אַ דובינקע, שפּרינגט אַרויף אויפן פערדל און לאָזט זיך יאָגן. וואָס הייסט ? זיינע פערד, זיינע ברויטגעבערס ! וואָס אין מ'שטיינס געזאָגט זיין לעבן אָן די פערד ? ווי פון שדים געטראָגן, האָט ער געטריבן זיין אָרעם פערדל ביז . . . ער האָט אָנגעהויבן אָניאָגן . . . שטייט, שטייט ! ! ! איר פאַרפלוכטע פערד־פירער ! . . אָט וועל איך אייך וויי̇זן, איר וועט שוין וויסן ווי צו גנבענען פערד, איר אַזעלכע און אַזעלכע . . . מיט אימפּעט איז ער אָנגעלאָפן אויף פערד און וואָגן, צו וועלכן עס זיינען

געווען צוגעבונדן א גאנצער טאבון פערד. מיינע פערד גיט מיר אָפּ, גזלנים וואָס איר זייט! מ'האָט אים געענטפערט מיט א כפל־שמונהדיקן מי שברך און געהייסן האלטן דאָס מויל. ער גיט זיך א וואָרף אויף זיי מיט דער דובינקע . . .

אָבער איידער וואָס ווען, איז ער שוין געלעגן אויף דער ערד און זיין אייגענע דובינקע האָט מען אויף אים אין שפּענדלעך צעבראָכן און אי־בערגעלאָזט אים אַן אָפּגייענדיקן מיט בלוט, א גוססן . . .

אזוי האָב איך אים געפונען. זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען, ווי גאָט איז הייליק, טייערינקער "סוואָט", נעם נקמה פון די רוצחים פאַר מיין אומשולדיקן טויט און זיי א טאַטע צו מיינע אָרעמע יתומימלעך. ראַ־טעווע די פערד פון זייערע הענט. אַ, גאַטעניו . . . גאַטעניו, פאַרגיב מיר, דעם זינדיקן קנעכט דיינעם. ראַטעווע מיין נשמה פון די פייערן פון גיהנום. זיין האַנט איז געפאַלן אינמיטן צלמען זיך . . .

די ערעסטירטע גויים האָבן ארויסגעגעבן אייזיקלען און מען האָט געמאַכט א ריכטיקע אַבלאַווע איבער דער גאַנצער סביבה, ביז מען האָט אים געכאַפּט.

די נייעס אַז אייזיקל איז ארעסטירט געוואָרן מיט א כאַפּטע פערד־גנבים, האָט זיך צעשפּרייט ווי א פייער, און צום משפּט (וועלכער איז פאַר־געקומען אין אוקרוזשנאָי סוד) איז ניט געבליבן קיין קינד אין וויג. מ'האָט מיט דער חברה געלערנט בלק אויף אַן אמת און זיי האָבן אויסגעזאָגט פון חדר.

פאַר א צענדליק יאָרן אין אייזיקל לאַטאַקיער געווען דער אַנפירער פון א באַנדע פערד־גנבים און גאָרגל־שניידער. הונדערטער און הונדערטער גויים (גאַנץ אָפּט אויך פּריצים) האָבן זייערע פערד פאַרלאָרן דורך אים און זיינען געבליבן מחוסר לחם.

די גויים פונם גאַנצן געגנט ארום זיינען ממש ווילד געווען, געשפּרונ־גען פון דער הויט ארויס. אָבער לייגן א האַנט אויף אים האָט מען ניט געקאָנט. אמאָל, אמאָל, פלעגט איינער אָדער א צווייטער פון זיין באַנדע אריינפאַלן, אָבער ער אליין פלעגט ניט זשאַלעווען קיין געלט וואָס פלעגט אים ארויסשלעפּן. עס האָבן געפעלט עדות, עס זיינען ניט געווען גענוג באַווייזן, די פערד זיינען אַלעמאָל ווי אין דער ערד אריין, און אזוי האָבן זיי זיך שטענדיק אויסגעדרייט און ער האָט געוועלטיקט ביד רמה, ביז עס איז געקומען זיין צייט.

דעם פּלאַן פאַר דער לעצטער גנבה האָט ער, ווי געוויינלעך, צוגע־גרייט. ווייסנדיק אַז דער טויער פונם שטאַל איז גוט צוגעשלאָסן און גייט צום פענצטער פון הויז, און אַז דער גוי פּוילט זיך ניט צו גיין עטלעכע מאָל דורך דער נאַכט כאַפּן א קוק דורכן פענצטער, איז געווען זיין אַנזאָג צוצוקומען צום שטאַל דורכן גאָרטן. ד"ה, פון הינטער דער שטאַל, וואָס איז גוט פאַר־שטעלט מיטביימער, אזוי אַז דער גוי קאָן זיך קוקן אויפן טויער וויפל ער וויל, און זיי אליין קאָנען טאָן די מלאכה רויק הינטן ארום.

איר ווייסט דאָך ווי אזוי די גוישע שטאַלן זיינען געבויט? די ווינק־לען און שלאָס געבונדן, פאַר די לאַנגע ווענט גראָבט מען איין סלופּעס,

וועלכע האָבן אויףביידע זייטן אויסגעקארבט א דריי צאָל די טיף רינוועס, פון אויבן ביז אראָפּ. די בערוועגעס ווערן צוגעשארפט אריינצופּאסן זיך אין די רינוועס, און אזוי ווערט דער צווישן צוויי סלופּעס אָנגעפילט מיט בער־וועגעס ביז צום דאך, וועלכער איז אויך אָנגעשפּארט אויף די זעלבע סלופּעס.

זיין פּלאן איז געווען מען זאָל אויסזעגן אן עפענונג אין דעם סלופּ, גרוים גענוג ארויסצוקריגן אן עק פון א בערוועגע, דאן וועט מען קאָנען גאנץ גרינג ארויסציען די איבעריקע איינציקווייז, ביז עס וועט ווערן גאנץ נידעריק ארויסצופירן די פערד. און ווען איינער וועט מאכן פּליטה מיט די פערד, זאָלן די אנדערע צוריקלייגן די בערוועגעס אויף זייער פּלאץ און רייטנדיק אָניאָגן דעם וואָגן מיט די פערד. ביז דער גוי וועט אויסגעפינען זיין פארלוסט, וועלן זיי שוין האָבן די פערד באהאלטן אזוי, אז קיין טייוול וועט זיי ניט געפינען.

דאָס צופּיל איילן זיך האָט זיי באגראָבן. וועלנדיק וואָס גיכער אָפּ־פטרן דאָס שטיקל ארבעט, האָבן זיי פארפילט דעם חלל צווישן די סלופּעס, אז דער איבערגעבליבענער לאָשיקל זאָל ניט קאָנען אריבערשפּרינגען . . . אָבער וואָס עס האָט געטראָפן שפּעטער ווייסט איר דאך שוין . . .

דער משפט האָט זיך געצויגן ארום א וואָך. צענדליקער עדות זיינען אויסגעהערט געוואָרן. די גאנצע סביבה האָט געקאָכט ווי אין א קעסל. דער פּסק איז געווען: צוועלף יאָר קאטאָרגע און "ווייסילקע" (ארויסשיקונג) אין די וויטסטע מקומות פון סיביר.

אייזיק האָט עס אויפגענומען גאנץ געלאסן. אָבער זיין ווייב, די נארישע יידענע, איז ארומגעלאָפן אָן א קאָפּ. זי האָט געקלאַפּט אין אלע טירן, ביז זי האָט אויסגעבלאָפּאטשעט א דערלויבעניש מיטצופאָרן מיט אים, און דערמיט נעמט זי אראָפּ א העלפט פון דער צייט פון זיין פארשיקונג, ד"ה, זי נעמט א העלפט אויף זיך.

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאנג ברייען, דער חברה־מאן איז דאָרט אָפּגעווען א זעקס יאָר און אָנשטאָט צו קומען צוריק האָט ער אריבערגע־נומען דעם גרעסטן טייל פון זיין משפּחה אהין, און יש אומרים, אז ער איז דאָרטן געוואָרן א גביר אדיר.

אָט דאָס איז געווען "אייזיקל לאָטאקיער". . .

* * * * *

עס איז שוין געווען שפּעט. דער עולם האָט זיך גענומען אָנטאָן אויף גיך, כאָטש עס האָט זיך זייער ניט געוואָלט פארלאָזן דאָס בעדל.

אין דרויסן איז געווען שטאָק פינצטער, דער רעגן האָט זיך פאר־שטארקט און איז געדיכט געפאלן. דער וואלד האָט גערוישט ענדלאָז און סודותדיק . . .

חיים קראסנאָבאָי

זומער צייט. שבת נאָך וואַרמעס. כאַפּנדיק אַן עונג־שבתדיקן דרעמל פאַר אַ פּאָר שעה צייט און אויסטרינקענדיק עטלעכע גלעזער טיי פון דעם טשאַלנדיקן "הליאַק" (אַ טאָפּ מיט אַ שמאָלן העלדזל), וואָס האָט געטעמט מיט געפּאַרעטע בעזים־בלעטער, פלעגט זיך דאָס גאַנצע שטעטל אַרויסלאָזן אויף שפּאַציר, צו דעם "צערקאָווניע פּלאַשטשאַד" (קירכן סקווער) און אײַבערהויפּט צום טײַך, ווײַל דאָרט זײַנען געשטאַנען בענקלעך צום זיצן און שמועסן.

אין איינעם פון אָט־די שבת־נאָך־וואַרמעסן האָט זיך אויפן "האָראָדאָק" פאַרזאַמלט אַ היבשער עולם, עלטערע, מיטל־יאָריקע און קליינוואַרג, וועלכע האָבן זיך געשפּילט אין דעם טיפן זאַמד, בויענדיק און צעוואַרפנדיק פאַרשיידנאַרטיק בנינים, שטאַרק פאַרטאָן אין דער זאַך.

די עלטערע האָבן זיך בהרחבהדיק צעזעצט אויף די בענקלעך, אויסגערוט פון דער וואָכעדיקער האָוועניש. דער עונג שבת האָט ממש אַרויסגעשטראַלט פון זייערע גאַנצע וועזנס. מ'האָט געשמועסט וועגן "פּאָליטיקע" און איבערהויפּט וועגן דער מלחמה צווישן "ראַסייע" מיט דעם "יאַפּאָניעץ". ווי באַוווסט זײַנען דאָך אחינו בני ישראל מקדמונים גרויסע "פּאָליטיקער" און נאָך גרעסערע "בעלי תכסיסי מלחמה". ווער רעדט נאָך, אַז נטע קלמנס פלעגט קריגן דעם "המליץ" און שמואל רוטעס די "הצפירה". ברוך־איצע שרה מעטירעסאַ, דער שטעטלשער "כל־בו", האָט אפילו געקראָגן "די בירזשעוויע וועדאָמאָסטי" אויך. קענט איר טאַקע זען ווי ר' יוסף־משה שוחט, אַ ייִד אַ למדן, און אַ שטענדיקער לעזער פון ביידע, די "הצפירה" און "המליץ", און אַ גרויסער בקי אין "פּאָליטיקע" און "סטראַטעגיקע" פירט דורך די גאַנצע מוקדענער שלאַכט ביי זיך אויף דער דלאָניע, אָנווייזנדיק יעדער צוג פון די יאַפּאָנצעס, ווי זיי רינגלען אַרום די רוסישע אַרמיי און ווייזט דערנאָך אָן, אַז "ווען פּאָניע זאָל האָבן שכל, וואָלט ער זיך געקאָנט אַרויסדרייען פון דער פּאַסטקע". נאָר ווי קומט פּאָניע צו פאַרשטיין אַזעלכעס, וכדומה . . .

מיד ווערנדיק אויסצוהערן די פאַרשיידענע שמועסן און שפּאַרענישן וועגן די פאַרשיידענע פראַגן פון טאָג, האָט מען זיך געווענדעט צו ר' מרדכין ער זאָל עפּעס דערציילן.

ר' מרדכי האָט גאַנץ געלאַסן אויסגעגלעט זיין לאַנגע באָרד, האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און האָט אָנגעפאַנגען :

עס איז מיר גראָד אַרויף אויפן זינען אַ פּאַסירונג פון מיט היבשע עטלעכע יאָר צוריק, וואָס איז פאָרגעקומען בערך אין דער צייט פונם יאָר — די מעשה מיט "קראַסנאָבאָיען".

קינד און קייט האָבן אים געקאַנט. ניט נאָר יידן אליין, נאָר אויך להבדיל, גויים. יש אומרים, אַז גויים נאָך מער ווי יידן. אז א קינד פלעגט זיך צעשרייען, אָדער ניט ווען איינשלאָפן, פלעגט איס די מוטער אָנסטראַשען: ״שא . . . שלאָף . . . אָט גייט קראַסנאָבאַי״. . . און איר מעגט זיכער זיין, אַז דאָס קינד איז געבליבן ליגן ווי א קאַטינקע מיט צוגעמאַכטע אייגעלעך . . .

געבאָרן איז ער ביי יידישע טאַטע־מאַמע אין דעם דאָרף וועכליטש. גערופן האָט מען אים חיים. איינגאַנצן האָט דאָס דאָרף פאַרמאָגט א פּאָר יידישע משפּחות, פאַרגרעבטע ישובניקעס. זיין טאַטע א פּראָסטאַק, אָבער אַן ערלעכער און פרומער ייד געווען. חיימקע איז געוואַקסן מיט די שקצים אויפן וואַלד. איז חדר — ניט ער האָט געוואָלט גיין און ניט ער האָט געלערנט ווען ער איז געגאַנגען. די שקצים פון דאָרף האָבן געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ — ער האָט געקאַנט געבן קלעפּ און נעמען קלעפּ אָן א קרים צו טאָן זיך.

עס פאַרשטייט זיך, אַז טאַטע־מאַמע האָבן ווייניק נחת געהאַט פון אים. צו קיין מלאכה האָט ער זיך ניט געוואָלט נעמען, נאָר טעג מיט נעכט אַרומגעיאָגט זיך מיט די שקצים איבער פעלד און וואַלד, געגעסן און געשלאָפן מיט זיי. אויסגעוואַקסן איז ער ווי א ״גלית״ — משונה־גרויס, ברייט־פּלייציק מיט א רויט־פאַרברענט פּנים און א קודלע האָר קיינמאָל ניט געקעמט אָדער געוואַשן. נאָר כוח האָט ער געהאַט פון אַן אָקס און אויך דעם שכל.

ויהי היום, און חיים ״קראַסנאָבאַי״ (די גויים האָבן אים געקרוינט מיט דעם צונאָמען. וואָס דאָס מיינט ווייס איך ניט. מעגלעך ווייל זיין פּנים איז געווען אַזוי רויט) האָט זיך צונויפגעשמעקט מיט א באַנדע בלאַטע יונגען, ״פערד־פירער״ און ״קלייט־איינברעכער״. עס האָט לאַנג ניט גענומען און ״קראַסנאָבאַי״ איז געוואָרן אַן אמתער מומחה אין הלכות כאַפּ־לאַפּ. ער האָט זיך שוין געלאָזט הערן ווי אין דער מגילה שטייט ונשמע בכל הארץ . . . אהיים איז ער מער ניט געקומען — אַרומגעוואָלגערט זיך ווו ניט איז, ווו געטאָגט דאָרט ניט גענעכטיקט; האָט אָנגעהויבן אונטערשניאַשקען גאַנץ אָפט, איבערצושלאָפן איז פאַר אים גוט געווען אין פעלד הינטער א שטויג היי, אין א שייער, אין א גוייש סעדל אין עק דאָרף — ניט קיין איבערקלייבער.

פערד פירעריי איז אים אָבער ניט געפעלן, האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אויף איינברעכן זיך אין קלייטן, ווו די גויים פלעגן האַלטן זייער ביסל אָרעמקייט. אויפצוברעכן א שלאָס איז פאַר אים געווען א שפּילעכל. באַגלויבטע מענטשן האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן אליין געזען ווי ער האָט מיט די ציינער די שטאַרקסטע שלעסער געבראָכן, און נאָך פאַרשיידענע מעשות פון זיינע אומגעוויינלעכע גבורות.

בקיצור, די איינוווינער פון דער גאַנצער סביבה האָבן פאַר אים געציטערט אימת־מות. טשיקאַווע איז נאָך געווען, וואָס קיין יידן האָט ער ניט געטשעפּעט, כאָטש ער האָט זיך מיט יידן קיינמאָל ניט געמישט. הפּנים, אַז עפּעס א גליד האָט פאַרט געשלאָגן אין די פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון זיין האַרץ.

אַזוי האָט ער אָפּגעקיניגט א פּאָר יאָר. כאַפּן האָט מען אים קיינמאָל ניט געקאָנט. מעגלעך דערפאַר, ווייל מען האָט צופיל מורא געהאַט פאַר

אים. ווי די זאך זאָל ניט זיין — ער האָט געלעבט פראנק און פריי, און האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט.

אָבער אויף אַלעם קומט א צייט . . .

אין א שיינעם זומערדיקן טאָג, אין דעם דאָרף מאקאריטש, איז א גויע געגאנגענע אין קלייט צו נעמען עסנווארג — מאכן אָנבייסן פאר די גויים וואָס דארפן פאָרן אין פעלד. ווען זי איז צוגעקומען צום קלייט, גיט זי אן עפן די טיר און א מאן מיט צוויי גרויסע,אפגעפאקטע זעק אויף די פלייצעס רוקט זיך ארויס פון קלייט. דערזעענדיק דאָס, האָט זי געמאכט קולות עד לב השמים. דער מאן מיט די זעק האָט זיך געלאָזט לויפן צו דער "קאליטקע" (טיר ביים טויער). די גויע — מיט גוואלדן נאָך אים. אָט עפנט ער שוין די טיר און שפאנט איבערן שוועל, און דאן זוך אים . . . אָבער די זעק וויל ער ניטווארפן ,און מיט זיי איז שווער דורכצושפארן זיך. די גויע איז דאָ פון הינטן און גיט א האק צו די טיר און — ק־ר־ר־א־א־ד ! . .

ער האָט קיין צייט ניט געהאט אריבערצוכאפן דעם צווייטן פוס איבערן שוועל. א ברום ווי פון א לייב אין פאסטקע און דער מאן איז פון אימפעט אפגעלאָפן נאָך עטלעכע טריט און איז געפאלן אינמיטן גאס מיט אן איבערגעבראָכענעם פוס.

עס איז גראָד געווען די צייט ווען אלע גויים קלייבן זיך צו פאָרן אין פעלד. דערהערנדיק די גוואלדן פון דער גויע, זיינען זיי זיך אלע צוזאַ־מענגעלאָפן פון אלע זייטן. מאָלט אייך זייער רציחה ווען זיי האָבן דערקאָנט אז דאָס איז זייער פארביסענער שונא "קראסנאבאַי" — און נאָך אן אומ־באהאלפענער. עס האָט אנגעהויבן צו האגלען מיט קלעפ פון אלע זייטן אויף אים. ער האָט זיך געפרוווט אויפשטעלן, אָבער אומזיסט (זיין פוס איז געווען צעבראָכן אויף פיצלעך). ער איז צוריקגעפאלן. ער האָט זיך גע־פרוווט צו ווערן מיט די בלויזע הענט, אָבער קעגן די צעיושעטע גויים מיט די פלעקער און שטיינער האָט ער ווייניק וואָס געקאָנט אויפטאָן.

ווען די ערשטע רציחה האָט עטוואָס אפגעקילט, האָבן די גויים אים גענומען שלאָגן מיט קאלטבלוטיקער טויטלעכקייט, איז איינער מיד געוואָרן האָט א צווייטער זיין פלאץ פארנומען — פארגעסן דאָס פעלד און די אר־בעט . . . געשלאָגן. איינער האָט זיך געקליגט איבערן אנדערן וואָס מער יסורים אָנצוטאָן אים. האָט איינער געשלאָגן טשוועקעס אין די פיאטעס, האָט א צווייטער ארייגערוקט א בייטש־שטעקן און פשוט די געדערים אויס־געדרייט . . . אזוי האָט מען זיך איזדעקעוועט איבער אים ביז מיטאָג־צייט, ווען זיין געלייטערטע נשמה האָט פארלאָזן דעם זינדיקן גוף . . .

מען האָט אים איבערגעטראָגן אויפן "סבארניע" און דער "סטאַ־ראָסטאַ" האָט געשיקט נאָכן "אוריאדניק". די גויים האָבן זיך דערווייל בארויקט און מען איז געשטאנען קופעסווייז, געוויכערט די פיפקעס און געשמועסט :

— אבי מען זאָגט אז א ייד איז א "טרוס"! . . ליגט מיט א צעבראָ־כענעם פוס, קלעפ שיטן זיך ווי א געדיכטער האָגל פון אלע זייטן און ער — ניט א פיפס, ניט קיין געבעט . . . און קיין שרעק האָט זיך אויך ניט אָנגעזען . . . אזא הינטישע פלייש, דער אזא און אזא ! . . — און האָט אויסגעלאָזן מיט א כפול־שמונהדיקן "מי שברך".

כאפּט אונטער א צווייטער, א סטאַטעטשנער גוי :

— צו וואָס זאָלסטו אים איצט זידלען? ער איז שוין פאר זיינע זינד אָפּגעקומען אויף דער וועלט און אויב ניט, זאָל אים גאָט דערפאר "סודיען". אפשר איז ער נאָך אלעמען ניט געווען אזא שלעכטער ווי מיר דענקען . . . אָט האָט מיר וואסיל זאראציעס אנומלט דערציילט, אז ווען ניט קראסנאָבאַי העלפט אים צו קויפן זיין פערדל, וואָלט אים אויסגעקומען געשוואָלן צו ווערן פון הונגער מיט זיין הויזגעזינד . . . עס וואָלט ניט געווען מיט וואָס צו פאראקערן דאָס שטיקל פעלד . . . אויך פון אנדערע האָב איך געהערט, אז ער פלעגט זיי ארויסהעלפן מיט דאָס און יענעס . . . עד־עד־עד . . . "נעבאי יעמו צארסטווא נעבעסנאָיע". . . — האָט ער אויסגעלאָזט און זיך איבערגעצלמט.

דאָ האָט זיך דערהערט א געשריי :

— דער אוריאדניק קומט ! . . דער אוריאדניק קומט ! . .

* * * * *

ר' מרדכי איז אנטשוויגן געוואָרן. א קוק געטאָן אויפן הימל צו דער זון און זיך אָפּגערופן :

— יידן, צייט גיין מנחה דאוונען . . .

די אומזיסטע שרעק

בין מנחה למעריב. אויפן גאס דרייט א זאווערוכע סכנות נפשות. אין בית־מדרש איז ווארעם — א מחיה. ארום א מניז עלטערע יידן האבן זיך ארומגעקליבן ארום דער ברענענדיקער הרובע און מ׳האט געשמועסט. וועגן וואס ? — וועגן וואס ניט ? . . ר׳ הערצל פריידעס באקלאגט זיך, אז פלאקס איז געפאלן און ער וועט דערלייגן א שיינע פאר קערבלעך. ר׳ שמואל רוטעס דערציילט, אז זיין "אליינע" וועט אים דעם ווינטער בדלות שטעלן. "אליי" איז שטארק געפאלן און בכלל פארקויפט זיך עס ווייניק. הערשל משה אריהס זאגט, אז זיין "פעקארניע" (בייגל בעקעריי) עסט אויף א שלל מיט האלץ און האלץ איז יקרות, ניט צו דערקויפן זיך — וכדומה אזעלכע שמועסן.

ר׳ יוסף־משה שוחט איז עפעס געווען לא־עליכמדיק, איז ניט געווען ווער עס זאל אפלערנען א שטיקל מדרש אדער א פרק משניות פארן עולם, כאטש עס זיינען געווען גענוג יידן וואס האבן געקאנט אפלערנען א בלאט גמרא. מיד געווארן שמועסנדיק. רופט זיך אפ איינער :

— ר׳ מרדכי, דערציילט נאר עפעס ! . .

אלע זיינען באלד צוגעשטאנען ר׳ מרדכי זאל עפעס דערציילן.

דער אומפארמיידלעכער "ראזשיק" האט זיך באלד באוויזן און אלע האבן גענומען צו שמעק טאבאק, אויסגענאסן זיך גאנץ געשמאק, איז גע־ווארן שטיל.

— איר האט דאך אלע געהערט, — האט מיין פאטער אנגעהויבן, — וועגן דער גרויסער כאליערע, ניט היינט געדאכט. מענטשן זיינען ממש געפאלן ווי די פליגן, א מענטשנס לעבן איז ניט ווערט געווען קיין שמעק טאבאק. יידן און להבדיל גויים, מאנסבילן און ווייטער, גרוים און קליין, ארעם און רייך — אין בית אשר אין שם מת, און ניט נאר צו איינעם, נאר צו עטלעכע אין א הויז ר״ל.

איך בין דאן געווען א יונגערמאן מיט אנדערע כוחות ווי היינט און די כאליערע האט מיך גלאט ווייניק געשראקן. בין איך געווען איינער פון די ווייניקע וואס זיינען געווען מוכן ומזומן צו יעדער צייט געבן הילף צו אפרא־טעווען א "געכאפטן". אבער נאר אחד מן אלף האט מען אפגעראטעוועט, רייבנדיק מיט אנגעהייצטע ציגל איינגעוויקלט אין וואלענע טיכער ביז בלוט האט געשפריצט פונם לייב. מען האט אויך געגעבן "שפירעט" טרינקען. די דאקטוירים האבן געהייסן ארויסקייקלען פעסער מיט בראנפן אין מיטן מארק, אויף קאזיאנעם חשבון, און יעדער איינער האט געטרונקען וויפל עס איז נאר אריין. שיכורע האבן זיך געוואלגערט אין אלע גאסן, אבער עס האט ווייניק געהאלפן. עס איז געווארן אן אמתע בהלה ר״ל.

אין אָט דער צייט איז מיר אויסגעקומען צו פֿאָרן אויפֿן "וואַלנע" (א מיל ווו עס ווערט אויסגעאַרבעט דאָס היימיש געוועבטע גויישע געוואַנט) מיט עטלעכע וועגן געוואַנט. קיין גויים איז ניט געווען בנמצא פֿאַר קיין געלט, האָב איך אַליין מיט מיין שותף, אַרליק סיעלעצער, געמוזט טאָן די גאַנצע אַרבעט. ווייט האָבן מיר ניט געקאָנט פֿאָרן, ווייל מען האָט ניט גע־לאָזט דורכפֿאָרן, זיינען מיר אַוועק צו אַלטער קרעמענטשוקאַווער. זיין וואַלנע, א גאַנץ קליינע, איז געשטאַנען ביי א טייכל מיט א גרעבליע, א פֿאַר וויאָרסט פֿון דעם דערפֿל קרעמענטשוקאַווקע, ביים סאַמע פּריצישן וואַלד. איי איז דאָס געווען א וואַלד, מען זעט עס גאָר ניט מער היינטיקע צייטן: סאָסנעס איינע אין איינע, ניט אַרומצונעמען . . . היינט א הויך ! . . דעם שפּיץ מיטן אויג ניט צו כאַפּן.

דער חסרון איז נאָר געווען וואָס עס איז ניט געווען גענוג וואַסער אינם טייכל צו טרייבן די ראָד, האָט מען געמוזט איין טאָג אַרבעטן און דעם צווייטן טאָג רוען ביז עס וועט זיך אָנזאַמלען גענוג וואַסער . . . נאָר א בריה האָבן מיר געהאַט ? האָבן מיר זיך גענומען פּאַוואָליע, פֿאַר די פֿערד איז געווען גענוג פּאַשע און דוואָשע אַלטערס, עליו השלום, פֿלעגט מאַכן גוטע וואַרעניקעס, חוץ לזה איז אין אַזא צייט בכלל ניט געווען וואָס צו איילן זיך.

מיר זיינען געקומען זונטיק. ביז דאָנערשטיק איז אַלץ געווען כשורה. דאָנערשטיק, אַרום מנחה־צייט, לויפֿט אַריין אַלטער א פֿאַרסאָפּעטער:

— ר' מרדכי, ראַטעוועט ! מיין דוואָשען האָט אָנגעכאַפּט ! . .

איך האָב אַלץ איבערגעלאָזן און בין גלייך אַוועק. איך קום אַריין — דער בעקן מיט דער ערשט־געמאַכטער חלה שטייט אינמיטן שטוב, די קינדערלעך יאָמערן מיט ביטערע קולות: מאַמע, מאַ־אַ־מע . . . און דוואָשע וואַלגערט זיך אַרום אויפֿן דיל אין שרעקלעכער קאָרטשעניש, — די ציין אויס־געשטשירעט און די אויגן פֿאַרגלאָצט.

— גיך, הייץ איין דעם אויוון! — האָב איך א געשריי געטאָן צו אַלטערן, און אַליין האָב איך גענומען די קינדער און זיי אַריינגעוואָרפֿן אין שלאָף־קאַמער, דוואָשען אַוועקגעלייגט אויף א באַנק ביים אויוון און גענומען זיך צו דער אַרבעט מיט די הייסע ציגל. איר קאָרטשעניש איז געווען משונה, אַז איך (מיר דוכט זיך איך וואָלט זי ביינדלעכווייז צענומען מיט די גאָלע הענט) האָב קיין פֿינגער ניט געקאָנט אויסגלייכן.

נאָר ניט לאַנג האָט זי זיך געמאַטערט. אַרום מעריב צייט איז זי פּאַרטיק געוואָרן. איך בין געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט. די געשרייען פֿון די קינדער און דער שטומער געבעט וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון דוואָשעס אויגן וואָס האָבן זיך ממש געבעטן: "ראַטעוועט מיך, איך בין נאָך יונג, איך וויל נאָך לעבן, צוליב מיינע קינדערלעך", — האָבן מיין האַרץ צעבראָכן.

איך האָב געהייסן אַלטערן אָנצינדן ליכט און דערלאַנגען דעם בראָנפֿן. דורך דער גאַנצער צייט איז אַלטער ניט צוגעטראָטן נאָענט: געשטאַנען ביים אויוון און געיאָמערט, בעטנדיק מיך צו ראַטעווען זיין דוואָשען, אַזוי ווי עס וואָלט זיך געווענדעט אָן מיר.

אָנגעצונדן די ליכט און דערלאַנגט דעם בראָנפֿן, האָב איך אויס־געטרונקען א גרויסע טיי־גלאָז, האָט עס מיך אַביסל באַרויִקט. איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן: וואָס טוט מען איצט ? דאָס נאָענטע שטעטל מיט א בית־עלמין איז מאַלאַסטאָווקע — 30 וויאָרסט. ביי טאָג וועט "נאַטשאַל־סטווע" ניט דורכלאָזן. אויב מען וועט פּאַקן, וועט מען אויפֿן פּלאַץ אויס־גראָבן א גרוב און אַריינוואַרפֿן. באַגיסן מיט וואַפֿנע און קאַרבאָל און פֿאַר־

טיק . . . חוץ דעם קאָן מען נאָך קריגן א מיאוסן פּסק אויך . . . בלייבט איבער אז מען מוז פאָרן דורך דער נאכט. איך האָב באלד אלטערן אוועקגעשיקט נאָך אַרליקן.

צוריקקומענדיק, זאָג איך צו מיין שותף אַרליק : — שפּאַן איין דעם "גניארדן". וועסט מוזן פאָרן דורך דער נאכט קיין מאַלאַסטאָווקע אָפּפירן דעם בר־מינן.

קיין גברא רבא איז מיין שותף ניט געווען. אז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער א פארציטערטער געוואָרן : — מיט א בר־מינן דורך דער נאכט . . . דורך פעלד און וואלד . . . אויסמיידן א לעבעדיקן בן־אָדם . . . איך וועל דאָך אליין קיין לעבעדיקער ניט קומען, — האָט ער זיך שיר צעוויינט.

אויף דעם האָב איך זיך ניט גערעכנט. וואָס־זשע טוט מען פאַרט ? די צייט שטייט ניט — א זומערדיקע נאכט . . . גוואלד וואָס טוט מען ? . .

— אלטער, ווו איז דיין "פאַרובאָק"? (א גויישער ארבעטער) גיך, זוך אים אויף !

אלטער האָט אויפגעזוכט דעם פאַרובאָק און האָט אים געבראכט אין שטוב א ציטערדיקן. איך האָב אים באַרוּיקט ווי ווייט מעגלעך און האָב אים געזאָגט, אז ער וועט מוזן פאָרן מיט מיין שותף קיין מאַלאַסטאָווקע טאקע באלד. אָבער האַלט דאָס מויל, אויב זיי וועלן אימעצן באגעגענען אויפן וועג . . .

ביים טיר איז שוין דאָס פערד געשפּאַנט. איך האָב אליין געמוזט דעם בר־מינן ארייַנלייגן אין וואָגן, איינגעפּאַקט מיט היי, פון אויבן ארויפגעלייגט עטלעכע טרייבלעך געוואַנט און אָנגעזאָגט אַרליקן, אז אויב מען וועט אים אָפּשטעלן און פרעגן וואָס ער פירט, זאָל ער זאָגן אז ער צעפירט די גויישע געוואַנטלעך — און זיי זיינען אוועקגעפאָרן.

אין שטוב איז געווען פּוסט און חושך. די קינדער האָבן אזוי לאַנג געוויינט ביז זיי זיינען הונגעריקע און מידע איינגעשלאָפן — ווו ווער. אלטער האָט זיך פארקרוקט אין א ווינקל, געבראָכן די הענט און שטילערהייט געכליפּעט. די פּאָר חלבנע ליכט אין די מעשענע לייכטער האָבן מיט א רויכערנדיקן פלעמל גאַנץ טונקל באלויכטן די שטוב און גרויסע משונהדיקע שאָטנס האָבן ארומגעטאַנצט איבער די ווענט און אויף דער סטעליע. אויפן הארצן איז געווען קאַלעמוטנע. איך האָב אויסגעטרונקען נאָך א גלאָז בראַנפן, אָפּגעטרייסלט פון זיך די מרה שחורה, מיט גוואלד אלטערן אריינגעגאָסן א גלאָז בראַנפן און האָב אים געזאָגט אז מיט וויינען וועט מען גאַרנישט ניט העלפן. עס איז ערב שבת און עס איז דאָ זייער פיל צו טאָן. אין שטוב איז א חורבן, מען מוז עס אויפראַמען איידער די קינדער וועלן זיך אויפכאַפּן. דער אויוון האָט נאָך געברענט.

אָנגעוואָרעמט געגנוג וואַסער, האָבן מיר זיך גענומען אָפּוואַשן די סימנים פון דער כאָליערע. פארטיק געוואָרן מיט דעם, זאָג איך צו אלטערן :

— שפּאַן איין מיין צווייטן פערד און לויף נאָך דיין שווער און שוויגער (זיין שווער און שוויגער האָבן געוווינט אין א דערפל א 10 וויאָרסט פון דאָרטן), מען דאַרף באַקן די חלה, קאָכן אויף שבת און אכטונג געבן אויף די קינדער . . .

געזאָגט און געטאָן. אלטער איז אוועק נאָך זיין שוויגער.

עס איז נאָך אפשר געבליבן א שעה צו טאָג. אין שטוב איז געווען שטיל ווי אויף א בית־עלמין. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס זשומען פון די

פליגן אין דער פינצטער. מיד בין איך געווען, האָב איך זיך אַנגעשפּאַרט אַן טיש און איידער וואָס־ווען בין איך איינגעשלאָפן ווי א געהרגעטער.

דאָס וויינען פון די קינדער האָט מיך אויפגעוועקט. איך האָב אויס־געריבן די אויגן — עס איז שוין גרויסער טאָג. די זון איז אויפגעגאַנגען ווי קיינמאָל גאָרניט. דערווייל דערהער איך אַן אויסגעצויגענעם האַרץ־קלעמענ־דיקן מ־א־א־מ־מ־ע . . . פון דעם קליינוואַרג, עס האָט מיר א צופּ געטאָן ביי דער נשמה. איך גיי אריין צו זיי אין קאַמער, האָבן זיי אַלע אין איין קול אויסגעיאָמערט: "ווו איז די מאמע ? . . מיר ווילן עסן ! . . מיר ווילן די מ־א־א־מ־מ־ע־ע ! . ."

איך האָב שטאַרק פאַרביסן די ליפּן, אראָפּגעשלונגען א זודיקע טרער און ווען ס'איז מיר גראָמער געוואָרן אין האַלדז, האָב איך זיי דערציילט, אז זייער מאמע האָט געמוזט אוועקפאָרן . . . אָבער אויב זיי וועלן זיין גוטע קינדער, וועט די באָבע אינגיכן קומען און איך וועל זיי דערווייל געבן אַנבייסן.

אהין־אהער, די צייט לויפט. דערווייל דערהער איך א פור איז צוגע־פאָרן צום הויז. איך לויף ארויס — אלטער האָט געבראַכט זיין שוויגער. ביידע פאַריאָמערט, פאַרקלאָגט. זי, זאָל זי מיר מוחל זיין, איז געווען א גרוזנע יידענע און ניט קיין נאר. איך האָב אַנגעזאָגט עס זאָל זיין שאַ־שטיל, אז ניט וועט זיין צרות פון די קינדער. זי האָט געשלונגען די טרערן און האָט זיך באַלד גענומען צו דער ארבעט. פאַרקנאָטן די חלה און גענומען גרייטן אויף שבת. אלטערן האָב איך געהייסן צולייגן זיך פאַר א ווייל און ער איז טאַקע באַלד פאַרזונקען געוואָרן אין דער וועלט פון חלומות. געווען גענוג אויסגעמאַטערט, נעבעך . . . איך בין אוועק אויפן וואַלגע, געווען גענוג ארבעט — ערב שבת . . .

אזייגער פיר איז אַרליק צוריקגעקומען. מען האָט אים אפּגעשטעלט עטלעכע מאָל אויפן וועג און געפרעגט וואָס ער פירט, אָבער דער תירוץ וואָס איך האָב אים אָנגעזאָגט האָט געגאָלטן און ער האָט בשלום דורכגעמאַכט די נסיעה . . .

איך האָב שוין געהאַלטן ביי פאַרטיק ווערן מיט דער"כורע" (לאַט) געוואַנט און אָפּוואַשן זיך לכבוד שבת, ווען אלטער איז אריינגעפאַלן אַן אַן אָטעם : — גוואַלד ר' מרדכי, ראַטעוועט . . . די שוויגער . . . די שוויגער !

פּייל אויסן בויגן בין איך אוועק — אלטער מיט אַרליקן נאָך מיר. איך לויף אריין אין שטוב, אַלץ איז שוין שבתדיק (זי איז געווען א בריה א יידענע). די שטוב האָט געלויכטן אין יעדן ווינקעלע. די אויסגעשייערטע לייכטער זיינען געשטאַנען אויפן ווייס־געדעקטן טיש מיט צווי גרויסע חלות איבערגעדעקט מיט א ווייס טישטוכל; די קינדער אָפּגעוואַשן און אויסגע־צוואָגן. זי האָט שוין געהאַלטן ביים חתמענען דעם אויוון מיטן טשאָלנט ווען איר האָט פלוצלונג אָנגעכאַפּט.

א שטאַרקע יידענע איז זי געווען (א "באַי באַבא"), איז זי געזעסן אויף א בענקל און האָט זיך געקאַרטשעט אין דרייען פון די שרעקלעכע ווייטיקן, פאַרביסן די ליפּן ביז בלוט, כדי ניט אויסצושרייען. ווען איך בין צוגעקומען האָט זי קוים אויסגעזיפצט :

— מרדכי . . . ראַטעווע מיך ! . . ניט פאַר זיך — פאַר די יתומימ־לעך ! . .

די ווערטער נאָך אויף די ליפּן, האָט עס זי א וואַרף געטאָן פונם בענקל — און דער שרעקלעכער מלאך־המות שפּיל האָט זיך אָנגעפאַנגען.

— אלטער ! — האָב איך אַ געשריי געטאָן, — וואָרעם אָן די ציגל און נעם צו די קינדער פון שטוב.

— אָרליק, כאַפּ זיך אַרויף אויפן פערד און לויף אין דאָרף נאָך "שפּירט" — אַ גאַנצן עמער, דו הערסט ? (מאָלט איך, בראַנפן האָט גע־האַלטן אַ רובל אַן עמער). אַליין האָב איך זיך אַ נעם געטאָן צו דער שוויגער.

דער רבונו של עולם האָט מיר געגעבן שמשונס גבורה אַז איך האָב זיך אַליין געקאָנט ספּראַווען מיט איר. ווי שווער זי איז געווען איז זי נאָך דריי מאָל שווערער געוואָרן. שיר צעבראָכן איר די ביינער וועלנדיק אַריינ־גיסן איר אין מויל אַביסל שפּירט. מיינע הענט זיינען אינגאַנצן באַדעקט געוואָרן מיט אויפגעבלאָזענע "פּוזירעס" פון די אָנגעברענטע ציגל. בקיצור, וואָס וועל איך אייך דאָ לאַנג ברייען, ביז אָרליק איז צוריקגעקומען מיטן בראַנפן, איז די שוויגער שוין אויך פּאַרטיק געוואָרן . . .

עס איז שוין נאָך ליכט־בענטשן. זי מוז בלייבן ליגן ביז איבער שבת. "אָפּהויבן" טאָר מען ניט, לאָזן ליגן אינמיטן שטוב אין אַזאַ איבערקערע־ניש קאָן מען אויך ניט — האָב איך זיך געמוזט מאַטערן און איבערטראָגן זי אין שלאָף־קאַמער אויפן בעט. ווי אַזוי איך האָב עס געטאָן איז מיר ביז איצט אַ וווּנדער. אָבער איך האָב עס געטאָן.

אויפן הארן איז זייער פּאַסקודנע. אַריינגעגאָסן אַ גלאָז שפּירט און גענומען זיך מיט אָרליקן צוקלייבן דאָס הויז. פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם, האָב איך אַריינגערופן אַלטערן מיט די קינדער אָנגעזאָגט אים מיטן הארבן וואָרט עס זאָל זיין שאַ . . . עס איז שבת. ער האָט נעבעך געשלונגען די טרערן, אָבער ער איז געווען שטיל. מקבל־שבת געווען, געמאַכט קידוש טאַקע אויפן שפּירט און אָנגעגאָסן אַלטערן אויך אַ פולע גלאָז, געמאַכט אים אויס־צוטרינקען ווי אין פּסוק שטייט, ושכר למרי נפש . . . אָרליק האָט זיך אויך ניט געלאָזט בעטן. נאָך די ערשטע גלעזער זיינען געקומען צווייטע און דריטע און . . . איך האָב דערלאַנגט די שבתדיקע וועטשערע, און ווי ביטער עס איז געווען אויפן הארצן, האָט אָבער דער הונגער גובר געווען . . . מיט נאָך עטלעכע גוטע לחיימס איז מען פּאַרטיק געוואָרן מיט דער וועטשע־רע. צום קוגל האָט מען שוין געוויינט, געלאַכט און געזונגען זמירות אויך.

די קינדער זיינען איינגעשלאָפן ביים טיש. אַלטער און אָרליק זיינען געווען "מלא" און זיינען אויך געפאַלן וועי־ווי. איך האָב זיך נאָך אַביסל געמאַדרעט, אָבער עס האָט מיך אויך אָנגעהויבן נייגן צום שלאָף. ווען פּלוצים איז דורך מיין פאַרטשאַדעטן מוח דורכגעלאָפן אַ מחשבה : און דער בר־מינן ? עס האָט מיך אַ הויב געטאָן פון אָרט, וואָס הייסט איבער־לאָזן דעם בר־מינן אַליין ? . .

די קאַמער איז געווען גאַנץ טונקל באַלויכטן מיט אַ פּאָר חלבנע ליכטלעך ביים בר־מינן צוקאָפּנס. אַלץ איז געווען פאַרזונקען אין האַלב־פינצטערניש. דער בר־מינן איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך איבערן קאָפּ און דורך דער ארומיקער פינצטערניש האָט זיך דער ווייסער ליילעך גאַנץ שאַרף אַרויסגעוויזן. יעדער ווייזלע האָבן זיך מיינע אויגן געשלאָסן און ווען מיין קאָפּ איז אויפן ברוסט געפאַלן, האָב איך זיך מיט אַ ציטער אַ כאַפּ געטאָן אויסרייבנדיק מיינע אויגן.

איינמאָל, אויפכאַפּנדיק זיך פון אַזאַ דרעמל, האָט זיך מיר אויס־געוויזן אַז דער בר־מינן רירט זיך אונטערן ליילעך. איך האָב גוט אויסגעריבן מיינע אויגן . . . יאָ, איך זע באַשיינפּערלעך : עס רירט זיך אונטערן ליילעך . . .

איך ווייסט דאָך אַז איך בין אַצינד אויך ניט פון די שרעקעדיקע און אין יענע יאָרן האָב איך זיך פאַרן טייוול אַליין ניט געשראָקן. אָבער וואָס זאָל איך לייקענען: איך האָב זיך גלייך אויסגעניכטערט, דער שלאָף איז ווי מיט די הענט צוגענומען געוואָרן. און דאָך האָב איך דערפילט, אַז מיינע האָר שטעכן מיר מוח דורך. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן און איבערן לייב האָב איך דערפילט מוראַשקעס אַרומלויפן. איך האָב געוואָלט לויפן ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן, אָבער איך האָב זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. מיינע ברייט־צעעפנטע אויגן זיינען ווי צוגענאָגלט געוואָרן צום ליילעך און זיי זען ווי דער ליילעך הויבט זיך העכער און העכער . . . איך האָב אַפילו שרייען ניט געקאָנט — פאַרלאָרן דאָס לשון. אַלע מיינע חושים זיינען געווען אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. עס איז אָנגעגאַנגען אין מיר אַ מלחמה צווישן דעם שכל־הישר און דער בלינדער מורא, ווייל איינע האָט געשריען ״אַנטלויף״, און דער צווייטער האָט אונטערגעזאָגט: ״מען דאַרף ניט. ממה נפשך, איז די טויטע צו זיך געקומען וואָס־זשע האָסטו מורא צו האָבן פאַר אַ בשר ודם? אַלאַ טויטערהייט, איז דאָך ניט שייך. וואָס זאָלסט טאָן? גיב אַ קוק״. . .

אָבער פון מסכים זיין ביז טאָן איז אַ גרויסער מהלך — עס רירט זיך פאַרט ניט פון אָרט . . . און דער ליילעך הויבט זיך . . . הויבט זיך . . .

מיט איבערמענטשלעכע כוחות גיב איך זיך אַ הויב אויף מיט ״שמע ישראל״ אויף די ליפּן און גיב אַ ריים אַראָפּ דעם ליילעך — אַ פּאָר קעצעלעך האָבן זיך דאָרטן געשפּילט . . .

* * * * *

מיין פאָטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער גאַנצער עולם האָט זיך שווער אָפּגעזיפצט ווי אַ שווערער שטיין וואָלט זיי פון הארצן אַראָפּגעפאַלן און נאָך אַ לענגערן שטילשווייגן, האָט זיך איינער אָפּגערופן:

— ר׳ ירחמיאל־אייזיק, גייט צו צום עמוד! . .

שמואל-בער דער שטארקער

— בע־בע־בע, — האט מיין פאטער אפגעקרעכצט און צוגעשאקלט מיטן קאפ, — ניטא אמאליקע צייטן, ניטא אמאליקע מענטשן מיט אמאליקע כוחות . . . אז איך הער ווי היינטיקע יונגעלייטלעך בארימען זיך מיט זייערע גבורות, נעמט מיך ממש אן א געלעכטער. עס איז אן אמתע קינדער־שפיל אין פארגלייך מיט אונדזערע אמאליקע שטעטלדיקע. איך אליין, ווי איר ווייסט, בין גארניט געווען פון די איבערגעפאלענע. עס זיינען אבער געווען נאך אנדערע, וועלכע האבן צו יעדער צייט און ניט ווען עס איז, געקאנט זייער שטעטל באשטיין. למשל, יואל ר׳ פנחס, א יונגערמאן אן אייזן, פלעגט זיך שפילן מיט „דוואיניקעס" (80 פונט שטיק), ווי מיט „מיאטשיקעס" (פילקעס). דער פעטער לייבוש מיט זיינע בנים זיינען אויך געווען פון די יידן, מיט וועמען עס איז געווען פיל געזינטער ניט אנצוהויבן זיך, וכדומה נאך אנדערע. אבער דאס וואס איך גיי אייך דערציילן איצט, איז גאר אן אויסטערלישער פאל וואס איז גארניט געהערט געווארן, און פאסירט האט עס מיט מיינעם אן אייגענעם עלטער־פעטער פונם טאטנס צד.

ר׳ שמואל־בער דער הויף־ייד, אדער ווי די גויים פלעגן אים רופן „שמואל־בער דער שטארקער", איז געווען כל ימיו א הויף־ייד ביי די אמאליקע סאמעטעוויטשער פריצים אין די צייטן פון די „קרעפאסטניקעס" (פעאדאליזם). געווען איז ער אויפן אנבליק ווי אלע יידן פון א גאנץ יאר. איך קאן אייך ניט זאגן אויף זיכער צי ער איז געווען א גרויסער למדן, אבער א ירא־שמים איז ער זיכער געווען. א שטילער מענטש. די גויים פון דארף האבן פאר אים געהאט גרויס דרך־ארץ ־כאטש ער איז געווען דער איינציקער ייד אויף דער גאנצער סביבה, און פלעגן צווישן זיך שמועסן, אז „שמואל בערקא קרעפקי זשידאק" (שמואל בער איז א שטארקער יידל).

דער אלטער פריץ האלינסקי, וועמעס האב און גוטס עס איז געווען ניט איבערצוציילן און וועלכער האט פארמאגט צענדליקער דערפער מיט גויים, וועמעס לעבן און טויט עס איז געלעגן ביי אים אין די הענט, האט אויך פיל געהאלטן פון ר׳ שמואל־בערן. קיין זאך, ווי גרויס אדער קליין האט ער ניט געטאן אן אים. מיט איין ווארט, ר׳ שמואל־בער איז געווען א גאנצער בן־בית ביים פריץ און כאטש ער האט ניט ווייניק געהאט צו ליידן פונם פריצס ווילדע קאפריזן און משוגעתן, האט ער דאך געמאכט א גאנץ בכבודיקן לעבן מיט זיין הויזגעזינד אין דעם פריצישן דארף עטלעכע ווארסט פונם פריצס הויפט־אימעניע.

ויהי . . . ווייסט איר דאך, רבותי, ווו א ויהי, דארט איז א צרה . . . ויהי בימי האלינסקי, עשה משתה גדול. קאנט איר זיך דען פארשטעלן ווי אמאליקע פריצים פלעגן הוליען ? עס איז ממש געווען אין לשער ואין לספר . . . ערשטנס, האט מען זיך וואכן־לאנג געגרייט. הונדערטער דינער האבן געארבעט. עס זיינען געשאכטן געווארן טייבעלעך, הינער, גענדז,

ענטלעד און פאזאנען מיט אינדיקעס. געשטאָפּטע "פּראַסיאַטעס" (יונגע חזירימלעך) און מיט ריינע־מילך געהאָדעוועטע קעלבלעך; "אַבאַטניקעס" (יעגער) זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן איבער די וועלדער און פעלדער צו שיסן פאַרשיידענע עס־פויגלען און חיות. היינט ווער רעדט שוין וועגן משקאות. אויסער דעם וואָס די אייגענע קעלערן זיינען פול געווען מיט פאַרשיידענע אלטע שנאַפּסן, וויינען, נאַסטאַיקעס פון פאַרשיידענע יאָגעדעס — פּעסערווייז זיינען זיי דאָרט געשטאַנען, האָט מען נאָך פאַנאַנדערגע־שיקט שטאַפעטן איבער די גרויסע שטעט איינצוקויפן אויסטערלישע פרעמ־דע מאכלים און טייערע משקאות מכל המינים שהוא. היינט די געקעכצן און די געבעקסן . . .

פּריצים זיינען זיך צונויפגעפאָרן פאַר צענדליקער וויאָרסטן ארום מיט זייערע סוויטעס, קוטשארעס, לאַקייען, דינער און דינסטן. געפאָרן איז מען מייסטנס צו פיר פערד ווי די לייבן, געשפּאַנט אין פאַרשיידענע משונה־שווערע קאַרעטעס, וועלכע האָבן געבאַפּט דעם אָנבליק פון א באַפעסטיקטער הויז אויף פיר שווערע מיט אייזן געשמידטע רעדער, מיט אלט־פרענקישע רעסאָרן.

אין הויף פלעגט פאַרשטייט זיך זיין אַן אמתער יאַריד. באַדינער זיינען ארומגעלאָפן ווי פאַרסמטע, אויפנעמען און באַזאָרגן די געסט ווי אויך זייערע דינער.

האָט מען דאָס אביסל געהוליעט. טעג און נעכט נאָכאַנאַנד איז געווען הילולי־וחינגי! . . שנאַפּסן און וויינען האָבן זיך געגאָסן טייכנווייז, מ'איז געוואָרן שיכור, אויסגעניכטערט זיך און ווידער געשיכורט. דער פּריץ האָט געטאָן וואָס נאָר מעגלעך צו פאַרווײַלן זיינע געסט. אָבער צו אלעם מוז דאָך נעמען א סוף און דער עולם איז שוין אויך מיד געוואָרן פון זויפן, פרעסן און הוליען.

איינס אזייגער ביינאַכט, די געסט זיינען "נעבעך" אויסגעמאַטערט, מען שמועסט וועגן פאָרן אהיים און דער פּריץ לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו פאַרהאַלטן זיי. אָבער איינער פון די געסט, א באַוווּסטער רייכער פּריץ, א ברייט־פּלייציקער מיט א געדיכטער, בלאָנדער באָרד, מיט גרויסע, שווערע וואָנצעס, האָט זיך איינגעשפּאַרט:

— וואָס ווילן מיר דאָ טאָן? עס איז כאָטש נעם און לייג זיך שלאָפן פון אומעט . . . ניטאָ מיט וואָס זיך צו אונטערהאַלטן. בעסער צו פאָרן אהיים . . .

דער פּריץ לויפט ארום ווי משוגע. עס גייט אים ממש אין לעבן צו פאַרהאַלטן די געסט. פּלוצים גיט ער זיך א שטעל אויף און שרייט אויס:

— גאָספּאָדאַ! איך האָב פאַר אייך א גאַנץ נייע און טשיקאַווע זאַך! עס וועט אייך זיכער פאַרווײַלן. ביי מיר איז דאָ א הויף־ייד רופן אים אלע גויים שמואל־בער דער שטאַרקער, וועל איך אים לאָזן רופן אהער ער זאָל אונדז ווייזן וואָס ער קאָן! . .

דער עולם האָט אויסגעשאָסן א געלעכטער: — כאַ־כאַ־כאַ! א יידליק, א שטאַרקער! כאַ־כאַ־כאַ . . . נו, ווי געפעלט אייך אזא שפּאַס?

דעם פּריץ איז שטאַרק ניט אָנגעשטאַנען וואָס מ'לאַכט פון אים און ער האָט גלייך באַפוילן דעם לאַקיי מען זאָל באַלד שיקן ברענגען שמואל־בערקען — אָבער באַלד!

— שמואל־בער, אָ, שמואל־בער! מען קלאַפּט אין טיר, דו הערסט?

— רופט אוים די מומע ביילע, רייבנדיק די אויגן פון שלאָף.

— א, וואָס ? . . ווער קלאַפּט ? . .

— אדרבא, גיי צו און גיב א פרעג, וועמען טראָגט דאָרט דער ניט־גוטער . . . קטאַ־טאַם ? (ווער דאָרט).

— סקאַראָ, שמול בערקאָ, דאַ פּאַנא טרעבא (שנעל, מ׳דאַרף דיך צום פּריץ).

— אוי ווײ, שמואל־בער, וואָס איז עפּעס נײעס ? רבש״ע שוין עפּעס א נײע צרה, — האָט די מומע אָנגעהויבן טענהן, ברעכנדיק מיט די הענט, — אזוי שפּעט אין דער נאַכט, וואָס האָט אים געקאָנט אײנפאַלן ? הארציקער פאָטער, האָב רחמנות אויף מיר מיט די קינדער און היט אָפּ מײן מאַן פון דעם ווילדן פּריץ.

— בײלע, מײן ווײב, דו לעסטערסט גאָט ברוך הוא. וואָס איז דאָס עפּעס פאַר א טענות ? מ׳דאַרף האָבן בטחון אין זײן ליבן נאָמען, אז ער וועט ניט וועלן וועט מיר א האָר ניט געמינערט ווערן.

דאָך האָט ער געקושט די קינדער, וועלכע האָבן זיך אויפגעכאַפּט און האָבן דערשראָקענע שטיל געוויינט אויף זײערע געלעגערס, א קוש געטאָן די מזוזה און איז אוועק מיטן לאַקײ.

— אדוני פּריץ, איך בין גרייט צו דײן דינסט, — האָט דער פעטער שמואל־בער אויסגערופן מיט א שטיל רויִק קול, זײענדיק פארבלענדעט פון די צענדליקער ליכט און בליץ־לאָמפּן.

אלע געסט האָבן זיך ארומגעקליבן צו כאַפּן א בליק אויף דעם ״שטאַרקן יידליק״, וועלכער איז געשטאַנען געבויגן פאַרן פּריץ מיטן היטל אין האַנט.

— שמול־בערקע, איך הער די מוזשיקעס ריידן, אז דו ביסט א שטאַרקער יידל, וויל איך דו זאָלסט עפּעס ווײזן פון דײן גבורה פאַר מײנע געסט, וועלכע ווילן זיך צעפּאַרן.

— כאַ־כאַ־כאַ ! . . — האָט ארויסגעפּלאַצט דער בלאָנדער פּריץ מיט א הילכיקן בייז געלעכטער, — זעט נאָר וועמען ער האָט דאָס געבראַכט צו ווײזן זײנע קונצן ? . . עס איז טאַקע נאָר צום לאַכן. העי, לאַקײ ! הײס דעם קוטשער שפּאַנען די פערד און צופּאָרן באַלד צום ״פּאַדיעזד״ (צופאָר).

— שמול בערקע ! . . וואָס שווײגסטו ? . . — האָט דער פּריץ ארויסגע־זשיפּעט מיט רציחה, — אויב דו וועסט ניט באַווײזן צו פאַרווײלן מײנע געסט מיט עפּעס זײ זאָלן זיך ניט צעפּאַרן, שיק איך דיך באַלד אויף דער ״קאָניושנע״ (דאָס האָט פּשוט געמיינט צו פאַרשמײסן).

— אדוני פּריץ, — האָט ווידער דער פעטער שמואל־בער אָנגעהויבן מיט זײן רויִקן קול, — קײן קונצן־מאַכער בין איך ניט און פאַרווײלן דײנע געסט קאָן איך ניט. וואָס איך וועל אָבער יאָ טאָן איז, ניט דערלאָזן דײן חשובן גאַסט (אַנווײזנדיק אויפן בלאָנדן פּריץ) אוועקצופאָרן . . .

אלע זײנען געבליבן שטײן ווי פאַרגאַפט. די חוצפּה פון א יידליק צו מאַכן אזא באַמערקונג האָט זײ אלעמען געפּלעפט.

— אַנו, לאָמיר זען ווי אזוי דו וועסט מיר שטערן צו פאָרן, פאַר־שיווער זשיד וואָס דו ביסט, — האָט אויסגעשריען דער בלאָנדער פּריץ אויסער זיך, מיט שוים אויף די ליפּן און האָט גלײך געלאָזט זיך צום פּאַד־יעזד ווו די קאַרעטע איז שוין געשטאַנען געשפּאַנט מיט פיר ברענענדיקע פערד.

אלע געסט האָבן זיך א לאָז געטאָן נאָך אים. ער איז ווי א ווילדער ארײנגעשפּרונגען אין דער קאַרעטע און האָט א געשרײ געטאָן צום קוטשער :

— "טראַגיי" ! . .

עס האָט זיך דערהערט א קנאַל מיט דער בייטש און די פערד, ווי ווילדע טייוואַלים, האָבן זיך א ריס געטאָן פון אָרט, און פלוצים — ק־ר־ר־א־ד ! . . די קארעטע האָט זיך אין צווייען צעטיילט.

א מאַוויומדיקער געשריי האָט זיך פון אלע העלדזער ארויסגעריסן און אלע זיינען געבליבן שטיין ווי פארשטיינערט. דער פאָדערשטער טייל איז מיט די צעיושעטע פערד פארשוווּנדן געוואָרן, מיטשלעפנדיק דעם קוטשער און דער קאָרפּוס מיט די הינטערשטע רעדער, איז געבליבן ווי צוגעוואקסן צום אָרט, צוזאמען מיטן פעטער שמואל־בער, וועלכער איז געשטאַנען מיט ביידע הענט אויף דער הינטערשטער אקס, א בלייכער און עטוואָס אויפ־געערגט.

— אדוני פּריץ, איך האָב מיין ווארט געהאַלטן . . . דיין חשובער גאסט וועט שוין היינט ניט אוועקפאָרן . . . איצט דערלויבט מיר צו זאָגן אייך א גוטן מאָרגן . . .

ניט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער האָט ער זיך אומגעקערט און איז פארשוווּנדן געוואָרן אין דער פארטאָגיקער פינצטערניש . . .

ר׳ יעקב-שמואל שאָלאַכאָווקער

מיין פאָטער האָט זיך כל־ימיו נוהג געווען צום ערשטן חנוכה־ליכטל איינצולאַדן זיינע נאָענסטע פריינט אויף חנוכה־לאַטקעס.

נאָך מעריב, דער טאַטע קומט אַריין אין הויז יום־טובדיק געשטימט. דאָס חנוכה־לעמפּל איז שוין פון פריער צוגעגריט. ער נעמט אַרויס פון שופלאָד אַ פּעקעלע מיט היימיש געמאַכטע פון ריינעם כשרן וואַקס חנוכה־ליכטלעך, נעמט אַרויס איין ליכטל און שטעלט עס אַריין אין לעמפּל, אונ־טערברומענדיק נאָך עפּעס אַן אומבאַשטימטע מעלאָדיע. פאַרטיק געוואָרן מיט דעם, איז ער מיד מזכה מיט אָנצינדן דעם שמש, דאַן שיקט ער מיד צו רופן די מאַמע פון קיך הערן דאָס חנוכה־ליכט בענטשן.

די מאַמע קומט אַריין אַ שטראַלנדיקע, אין אַ ריינעם שירץ, אַ פאַר־רויטלטע פון דעם הייסן אויוון ווו זי האָט געבאַקן די אמתע גרעטשענע לאַטקעס. דאָס גאַנצע הויזגעזינט שטייט אַרום און דער טאַטע הויבט אָן מיט אַ קלאָרער שטימע און געציילטע ווערטער, דעם אַלטן . . . אַלטן . . . הנרות הללו, דעם ״הנרות הללו״, וועלכער האָט אונדז און אונדזערע עלטער־זיידעס באַלייכטן דעם לאַנגן פינצטערן גלות־וועג און האָט אונדז דערמוטיקט צו צינדן און אָנהאַלטן דעם פלאַם ברענען ביז היינט צו טאָג. די מאַמע זאָגט נאָך שטילערהייט וואָרט נאָך וואָרט.

פאַרטיק געוואָרן מיטן ליכט־בענטשן. די מאַמע גייט ווידער צום פלאַקערנדיקן אויוון. דער טאַטע זעצט זיך צום טיש און רופט אונדז אַלע־מען אַרום זיך מיט אַ באַדייטנדיקער מינע, וועלכע מיר פאַרשטייען זייער גוט.

פאַרטיק געוואָרן מיטן אויסטיילן דאָס ״חנוכה געלט״, זיינען מיר מיט געפּילדער אוועק שפּילן אין דריידל, מיטן באַוווסטן ״נס גדול היה שם״, און דער טאַטע האָט גענומען אַ משניות אַריינצוקוקן ביז די געסט וועלן זיך צוזאַמענקומען.

עס האָט ניט לאַנג גענומען, דער עולם איז זיך צוזאַמענגעקומען. מיט יעדן איינעמס אַריינקומען האָט זיך דורכן טיר אַריינגעריסן אַ קאַלטער שטראָם פון דרויסן. ״איי אַ פראָסט!״ זאָגט איינער. ״סכנות נפשות״, ענטפערט אַ צווייטער. ״ע ברענט ממש ווי מיט פייער״, כאַפּט אונטער אַ דריטער. און מען פאַטשט מיט די הענט, קלאַפּט מיט די פיס. אויסטוענ־דיק די גרויסע פוטערס מיט די הויכע סאַקסאַקענע קאַלנערס. אין הויז איז געוואָרן לעבעדיק. דער טיש איז געגרייט מיט די הייסע חנוכה־לאַטקעס פון וועלכע עס זעצט אַ פּאַרע, מיט גענדזענע גריוועגס, געבראָטענע גענזלעך, ועל כולם — מיט אַ גוטן לחיים.

דער עולם איז וואָס אַמאָל לעבעדיקער געוואָרן. דער געשפּרעך ביים טיש איז געווען אַלגעמיין. נאָך דער סעודה האָט זיך דער עולם אַרומגעזעצט אַרום דער הרובע, מ׳האָט זיך פאַרגעסן אויף דער ״וויוגע״ מיטן ברענענ־דיקן פראָסט אין דרויסן.

— ר׳ מרדכי, דערציילט אונדז גאר עפעס, — האט זיך איינער אנגערופן.

דער פאטער האט זיך פארטראכט, נעמענדיק א געשמאקן שמעק טאבאק פון זיין "ראזשיק" און האט אנפאנגען:

מען זאגט אז א גוי איז א בייזער ווארעם. פון דעם וואס איך וועל אייך דערציילן וועט איר אליין זען, אז דאס גלייכווערטל איז אמת ויציב.

ווי איר ווייסט, איז "קרעסטשעניע" (טויפונג), איינער פון די גרעס־טע יארידים ביי אונדז אין דארף, שטייט אפ אמאל א גאנצע וואך און געשעפטן אויף צענדליקער טויזנטער רובל איז מזומן ווערן אפגעטאן. אבער דער הויפט מסחר פון דעם יאריד איז פלאקס און ליאן. ווער עס איז ניט געווען אין פאפאווא־גארא אויף "קרעסטשעניע", דער וועט קיינמאל ניט פארשטיין וויפל פלאקס און ליאן עס פלעגט צוזאמענגעפירט און פארקויפט ווערן צו די גאר גרויסע סוחרים, ווי די גאלאדעצעס, קאנטאראווס, ווי אויך גויישע סוחרים וואס פלעגן זיך צוזאמענפארן אויפצוקויפן די פלאקס און ליאן פאר זייערע שטריק און טוך פאבריקן.

די זעכציק וויארסט פון פאפאווא־גארא ביז קלינצי, האט זיך געצויגן אן אומאויפהערלעכער "אבאז" מיט שווער געלאדענע שליטנס מיט פלאקס און ליאן דורך דער גאנצער יאריד־וואך. דער פראסט האט געברענט ווי פייער, אבער דער מסחר האט נאך שטארקער געפלאקערט. די גויים האבן פארקויפט זייער פראצע און קריגנדיק די מזומנים, האט מען געגעבן צו לייזן אין באקאליי, שניט קראם, דעם קירזשנער אא״וו.

אויך די ישובניקעס פלעגן אריינפירן זייער סחורה וואס זיי האבן דורכן אסיען אויפגעקויפט פון די "מוזשיקעס" אויפן דארף. בקיצור, עס האט זיך געהאנדלט גוט, און יידן האבן פארדינט א קערבל.

אויף דער "קרעסטשעניע", וועגן וועלכער איך וויל אייך דערציילן, איז צו מיר פארפארן ר׳ יעקב שמואל פון שאלאכאווקע, מיט עטלעכע פורן פלאקס און ליאן.

וויסן דארפט איר, אז ר׳ יעקב־שמואל איז געווען אן איינגעפונדע־וועטער באלעבאס אין דעם קליינעם פארווארפענעם דערפל שאלאכאווקע, מיט אן אייגן הויז און א פארבויטן הויף און מיט אן אנגעלאדענער קראם.

א ייד איז ער געווען א בכבודיקער, אן אמתער ירא שמים, געקאנט גאנץ גוט לערנען און א העבסט ארנטלעכער מאן. א ווארט איז ביי אים געווען א ווארט — הן מיט יידן און הן להבדיל מיט גויים. די ערלים האבן פאר אים געהאט גרויס דרך־ארץ. אזוי האט ער זיך געלעבט אין דארף בשלום ושלוה א פאר צענדליק יאר. איין צער האט ער נאר געהאט און דאס איז וואס דער רבש״ע האט אים געשטראפט מיט קינדערלאזיקייט. ניט ווייניק טרערן האט ער פארגאסן איבער זיין פארשמאלצענעם תהלים דורכן יאר און איבער זיין מחזור דורך די ימים־נוראים, בעטנדיק דעם אלמעכטיקן ער זאל אים מזכה זיין מיט א "קדיש".

אבער אומזיסט. די ווייב זיינע, חנה שרה, אן אמתע גאטספארכ־טיקע יידענע, האט מקבל באהבה געווען גאטס שטראף. כאטש אויך זי האט אין דער שטיל ניט ווייניק טרערן פארגאסן אויף דעם, וואס זי איז ניט זוכה געווען צו געניסן די פרייד פון א מוטער, צו אנזויגן און צודריקן א קינד צו איר מוטערלעכן הארץ. אבער מען קאן דאך ניט גיין קעגן השם יתברכם רצון. אויף די עלטערע יארן, אז דער אומעט האט אנגעהויבן צופיל צו דאקוטשען, האבן זיי זיך "צוגעשריבן" א פלימעניצע, א מיידעלע פון א יאר

אכט־ניין, איינלייגנדיק אויף איר נאָמען עטלעכע טויזנט רובל אין דער שפּאָר־קאַסע (סייווינג).

ביז דער צייט פון אונדזער סיפּור איז שוין דאָס מיידעלע געווען דרייצן־פערצן יאָר אַלט, און זיי האָבן זיך געלעבט זייער צופרידן, ליבנדיק זי ווי אַן אייגן קינד.

ר׳ יעקב־שמואל איז ביי מיר אַלעמאָל געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. זיינע פּורלייט האָבן באַזאָרגט די פערד, און זיי זיינען אוועק באַטראַכטן דעם "מאַרק". איך מיט ר׳ יעקב־שמואלן האָבן געכאַפּט אַ שמועס ביים זודיקן סאַמאָוואַר, מישב געווען זיך צו וועמעס עס וואָלט זיך בעסער געלוינט צו פּאַרקויפן זיין פלאַקס. איך האָב אים געראָטן צו פּאַרקויפן עס "סטעפּאַנען", אַ רייכער פּאָניע, וואָס האָט געצאָלט די העכסטע מקחים.

און כך הוה, נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער זיך ספּראַוועט און האָט געקראָגן אַ בעסערן מקח ווי ער האָט גערעכנט. אַ צופרידענער איז ער געקומען און האָט פאַר מיר געגומען איבערציילן די מזומנים. איך האָב אים געוואָרנט ניט צו ציילן דאָס געלט פאַר די ערלים, זיינע פּורלייט. האָט ער זיך פון מיר אויסגעלאַכט:

— וואָס הייסט, מורא האָבן פאַר זיי? איינער פון זיי איז דער "סטאַראָסטע" פון דאָרף און דער אַנדערער גלאַט אַזוי אַן אָנגעזעענער בעל־הגוף.

דערביי איז עס געבליבן.

עס איז שוין געווען שפּעט. מיר האָבן אָפּגעדאַווענט מעריב. דערווייל איז דער טיש געווען געגרייט פאַר וועטשערע. איך קוק זיך אַרום — מיין יעקב־שמואל גרייט זיך אין וועג.

— סטייטש, היתכן? . . נעכטיקט איבער, וואָס איילט איר זיך? . .

עס האָט ניט געהאָלפן קיין טענות. ער מוז פאָרן אהיים . . . די גויים איילן זיך און ער האָט אויך פיל צו טאָן אין דער היים . . . די נעכט זיינען ליכטיקע. אַ 25 וויאָרסט אויף אַזאַ גוטן שליט־וועג וועט ניט לאַנג דויערן און עס וועט זיין פריילעך צו פאָרן אויך, ווייל פורן האַלטן אין איין פאָרן צום יאַריד.

און ער איז אוועקגעפאָרן. אַ גזר מן השמים . . .

אויף מאָרגן, פאַרנאַכטלעך, קומט צו מיר צולויפן אַ פּאַרסאָפּעטער הערשל משה אריהס.

— האָסט געהערט? מען האָט לעצטע נאַכט דערהרגעט יעקב־שמואל שלאַכאַוועקער מיט זיין ווייב! . .

ווי אַ דונער האָט עס מיך געטראָפן. איך בין געבליבן ווי געליימט. קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— ווו האָסטו דאָס געהערט?

ער האָט געדאַרפט זיין ביים "פּריסטאַוו" וועגן עפּעס, איז גראָד אָנגעקומען אַ שליח מיוחד מיט דער נאַכריכט און דער "פּריסטאַוו" איז גלייך אוועקפאָרן אהין.

איך האָב קוים דערוואַרט ביז דער פּריסטאַוו איז צוריקגעקומען און ביז גלייך אַוועק אים זען (אַ ווילער גוי געווען, אַ גוטער באַקאַנטער) און אָט וואָס ער האָט מיר דערציילט:

אויף מאָרגן, ווען ער איז געקומען פון יאַריד, זיינען געקומען גויים צו יעקב־שמואלן אין קראָם און מען האָט עס געפונען צוגעשלאָסן. אַ צווייטן און אַ דריטן מאָל איז מען געקומען — און אַלץ צוגעשלאָסן. אין מען אוועק

צום הויז צו זען וואָס עס האָט פּאַסירט. ערשט, די לאָדנס זיינען צוגעמאַכט און פון קוימען גייט ניט קיין רויך. די גויים האָבן פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז ניט גלאַט. איז מען אוועק און גערופן דעם אנדערן יידן פון דאָרף. דערווייל איז שוין געוואָרן נאָך ניין אַזייגער. גויים פון דער גאַנצער גאַס האָבן זיך פאַרזאַמלט לעבן הויז. דער ייד האָט אָנגעקלאַפּט אין לאָדן, אין טיר — קיין ענטפער. ער גיט אַ פּרוּוו די פאָר־הויז טיר, עס האָט זיך געעפנט. ער גיט אַ שטופּ די הויז־טיר און אַזוי שנעל ווי עס האָט זיך אָן עפן געטאָן, האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער אויסגעשריי פון דעם יידן.

די גויים האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן צום הויז און האָבן אויפגעשוידערט פון דעם וואָס זיי האָבן דערזען:

זייער חנה־שרהקע (זי איז געווען ווי אַ מאַמע צו פיל פון זיי) איז געלעגן ביים שוועל מיט אַ צעהאַקטן קאָפּ אין אַ טייך בלוט אָן אַ סימן פון לעבן.

— די לאָדן מאַכט אויף, די לאָדן, — האָט זיך דערהערט אַ געשריי.

מיט אַ פּראַל האָבן זיך די לאָדן אויפגעמאַכט און אַ גרויסע ליכטיקייט האָט באַגאָסן דאָס הויז דורך די פאַרפראָרענע שויבן. דאָ האָט זיך אַ שוידערלעכער געשריי ארויסגעריסן פון אַלע העלדזער מיטאַמאָל . . . יעקב־שמואל ליגט אין אַ טייך בלוט אינמיטן הויז מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אויף צווייען.

קומענדיק צו זיך האָט מען גענומען זוכן און רופן דאָס מיידל. נאָך אַ לאַנגן רופן האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט וויינענדיק קול פון "קאַטוך" ארויס. קוים מיט צרות האָט מען זי ארויסגערופן. זי האָט אַלעמען באַקוקט מיט ווילדע אויגן ביז איר בליק איז געפאַלן אויף די הרוגים. אַ האַרצרייסנדיקער געשריי האָט זיך פון איר ברוסט ארויסגעריסן און זי איז אין חלשות געפאַלן.

דער "פּריסטאַוו" האָט אַראָפּגעבראַכט דעם "סליעדאָוואַטעל" און דעם וואָיענעם דאָקטאָר. ער האָט דערקלערט, אַז יעקב־שמואל איז אויגנבליקלעך דערהרגעט געוואָרן, אָבער חנה־שרה לעבט נאָך מיט 10 האַקוואונדן אויף איר קערפּער. מען האָט זי גלייך אָפּגעשיקט אין האָמליער שפּיטאָל און נאָך אַכט חדשים איז זי אַרויס — אַן אייביקע קאַליקע.

דער "סליעדאָוואַטעל" האָט זיך גענומען צו דער "דיעלאָ" (קיים מיט גרויס חשק (געווען יונג, האָט ער זיך געוואָלט צו עפּעס דערדינען). דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אַרעסטירט דעם "סטאַראָסטאַ" פונם דאָרף מיטן צווייטן גוי, וואָס איז געווען אַ פורמאַן. עס האָט לאַנג ניט גענומען און זיי האָבן זיך מודה געווען אין באַגיין דעם צווייפאַכן מאָרד צו באַרויבן דעם יידן פון די עטלעכע הונדערט רובל . . .

זיי האָבן געקראָגן צו 12 יאָר קאַטאָרגע . . .

* * * * *

דער עולם איז געבליבן זיצן אַ לענגערע צייט אָן אויסצורעדן אַ וואָרט, ביז איינער פון די יינגערע האָט זיך אָנגערופן:

— לאָמיר גאָר לכבוד חנוכה מאַכן אַ "סטוקעלקע". . .

משומדים

(טיפן און בילדער פון דער אלטער היים)

אַ משומד אַ צדיק

איך בין געשטאַנען בײַם פּאַרענטש פֿון „פּאַראַכאָד“ (ראַמפּער) און האָב זיך צוגעקוקט ווי די פּויערים, האַלב נאַקעטע, זײַנען געשטאַנען ביזן גאַרטל אין וואַסער, מיט לאַנגע דראָנגען פֿאַרלייגט אונטערן נאָז פֿון שיף און האָבן אין כאָר געזונגען די באַרימטע רוסישע „דובינושקאַ“. לעבן מיר איז געשטאַנען אַ פּריצטע און האָט אויך באַאָבאַכטעט. זי האָט וואַרשײַנלעך געלעזן וועגן דער רוסישער „דובינושקאַ“, ווײַל זי עס איצט הערן. זי איז שטאַרק רויט געוואָרן און האָט מיט פֿאַרדראָס אויסגערופֿן:

— „טפֿו, קאַקאַיאַ מערזאָסט“, — און האָט זיך טאַקע באַלד אָפּגעטראָגן. איך האָב זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן פֿון געלעכטער. דער וואָס האָט געקאָנט דעם רוסישן „באַטראַק“ און „פּליטאָוויק“, האָט גוט געוווּסט די גוואַלדיקע פּאָעזיע און די פֿערזן פֿון דער „דובינושקאַ“, מיט אָן אַ ברעג וואַריאַציעס, פֿון וועלכע אַ קאָזאַק וואָלט רויט געוואָרן.

— „דאָבראָיע אוטראָ, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק! טשטאָ סמעיאַטעס?“ (אַ גוט מאָרגן יונגערמאַן! וואָס לאַכט איר?).

איך האָב זיך אַ קער געטאָן, לעבן מיר איז געשטאַנען אַ מיטל־יאָריקער יונגערמאַן, פֿון אַ יאָר עטלעכע־און־צוואַנציק, פּעסט געבויט, גאַנץ סימפּאַטיש, אָנגעטאָן ווי אַ רײַכער פּויער, מיט אונטערגעהאַקטע האָר און אַ קאַרטוז מיט אַ בלישטשענדיקן דאַשעק. אָבער דאָס פּנים מיט דעם מילדן ליבלעכן שמייכל האָט זיך עפּעס גאָרניט געפּאַסט פֿאַר אַזאַ מין הילוך. פֿאַר מיר איז ער געווען גענצלעך אומבאַקאַנט. אַ גוטן אײַנדרוק האָט ער אויף מיר געמאַכט פֿונעם ערשטן בליק און איך האָב אים פֿרײַנדלעך געענטפֿערט אויף זײַן גוטמאָרגן און האָב אים דערציילט וועגן וואָס איך לאַך. ער האָט זיך אויך צעלאַכט און מיר זײַנען געבליבן שמועסן בײַם פּאַרענטש.

איך בין דאַן געווען אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר פֿערצן (כאָטש פּעסט געבויט און אויסגעזען נעענטער צו די צוואַנציקער), און איך בין געפֿאָרן אַהיים אויף פּסח פֿון וועטקע, אַ מהלך פֿון אַ וויאָרסט זעכציק, אויף איינעם פֿון די באַרימטע שיפֿן מיטן קלינגענדיקן נאָמען „גראָמאָוואָי“ (אויף פּשוטן מאַמע־לשון — דונערשלאַג), פֿון דעם מין „פּאַראַכאָדן“ איבער וועלכע מען דערציילט אַ לעגענדע, אַז אַ פֿרוי איז געפֿאָרן מיט אַ קינד אויף די הענט און האָט אים געוואָלט איבערבײַטן פֿון האַנט אויף האַנט, האָט זיך דער „פּאַראַכאָד“ שיִער ניט איבערגעקערט.

אַרויסגעפֿאָרן איז מען פֿון וועטקע אַזייגער צען אינדערפֿרי מיטן טייד סאָזש. דאָס וואָס ער איז ווי געוויינלעך בײַ דער צײַט פֿון יאָר שטאַרק צעגאָסן און די קליינע טײַכלעך, וועלכע מען פֿלעגט זומער־צײַט גאַנץ לײַכט איבערבראָזשען ניט אײַננעצנדיק די קני, האָבן זיך איצט צעגאָסן אין להבדיל אַ ים, פֿאַרפֿלייצנדיק דאָס גאַנצע פֿלאַכלאַנד בײַ די ברעגן אויף וויאָרסטן אַרום. אַזוי, אַז עס איז געווען אַ געפֿאַר אַז די שיף זאָל זיך ניט אַרויפֿרוקן אויף אַ וועלכער ניט איז וויספּע. בײַטאָג איז נאָך געווען צו דערליידן. אָבער

צו דער נאַכט, איז עס געווען אויף צרות. איבערהויפּט ווען מען איז אריינגע־
פאָרן פון סאָזש אין בעסיד, נאָך א קלענער טייכל, איז איינפאַך ניט זיכער
געווען צו רירן זיך פון אָרט אין דער פינצטער. דער קאַפּיטאַן האָט אוועק־
געשטעלט ביים נאָז פון שיף א מאַטראָס מיט א לאַנגן שטעקן, וועלכן יענער
פלעגט אלע ווײַלע אראָפּלאָזן אין וואַסער און ארויסציען, אויסשרייענדיק
די טיפקייט פונם וואַסער צום קאַפּיטאַן ביים ראָד. עס איז אָבער געוואָרן
אַלץ אומזיכערער און אויף א געוויסן פּלאַץ האָט מען זיך געמוזט אָפּשטעלן,
איבערצוּוואַרטן ביז טאָג. ערשט אַזייגער פינף האָט מען זיך ווידער געלאָזט
אין וועג מיטן מאַטראָס ביים נאָז.

דעם פרימאָרגן איז געווען גאַנץ קיל. א געדיכטער נעפּל איז געהאנגען
איבערן טייך, איינהילנדיק אַלץ ווי מיט א געדיכטן שלייער. די ברעגן האָט
מען גאָרניט געזען, אַזוי אַז מען האָט גאָרניט געקאָנט וויסן ווו מען האַלט
אין דער וועלט. איך האָב זיך אָפּגעמאַטערט די נאַכט אויפן דעק, כאָטש
א דרעמל מאָמענטנווייז, ווייל שלאָפן איז געווען צו קאַלט. און ווען דער
"פאַראָכאָד" האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג אריין, בין איך שוין געווען
פולשטענדיק וואַך און בין אַרומגעלאָפן איבערן דעק צו דערוואַרעמען זיך
אביסל.

דער מאַטראָס וואָס האָט די טיפקייט געמאָסטן איז אוועק אָנבייסן.
דער נעפּל האָט זיך אויפגעהויבן, אָבער עס איז געווען זייער וואָלקנדיק און
א רויער ווינט האָט געבלאָזן. עס האָט געשמעקט מיט רעגן. פּלוצים האָט
עס א שטויס געטאָן די שיף, אַז עס האָט אַלעמען פון די פיס אומגעוואָרפן
און די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט. א פּאַניק האָט אויסגעבראָכן. פון די
"קאַיוטעס" האָט מען אָנגעהויבן צו לויפן מיט געשרייען פון פרויען און קינדער
און א גוואַלדיקער שטופּעניש. איבער דעם אַלעמען האָט אויסגעדונערט דעם
קאַפּיטאַנס שטימע דער עולם זאָל זיך באַרויִקן — עס איז ניטאָ קיין געפאַר.
די שיף איז ארויף אויף א "קורגאַן" און מען וועט זי באַלד אראָפּשלעפּן...
דער עולם האָט זיך באַרויִקט, אָבער אראָפּשלעפּן די שיף איז ניט אָנגעקומען
אַזוי גרינג, ווי דער קאַפּיטאַן האָט פאַרשפּראָכן. ווי עס האָט זיך ארויסגע־
וויזן, איז זי כמעט א העלפט ארויפגעפאָרן און האָט זיך איינגעשניטן אינם
זומפּיקן באָדן אַזוי, אַז קיין מיטלען וועלכע דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעווענ־
דעט, האָבן ניט געהאָלפן און ער איז געווען געצוווּנגען צו שיקן א שיפל צום
ברעג און לויפן אין א דערבייאיקן דאָרף דינגען גויים מיט דובינעס זיי זאָלן
העלפן אראָפּשטופּן דעם "פאַראָכאָד". שטונדן לאַנג, פון אינדערפרי ביז
אין אָוונט האָט עס געדויערט, ביז מען האָט די גויים געבראַכט און זיי האָבן
זיך גענומען צו דער אַרבעט. די טענער פון דער "דובינושקא" מיט דעם
"עי אוכניעם", "טיאַני כלאַפּצי ! סקאַרעי" האָבן איבער דעם גאַנצן געגנט
אָפּגעהילכט — אָבער ניט אַזוי שנעל איז עס צוגעגאַנגען. די קאָמעדיע האָט
א גאַנצן טאָג געדויערט און צו פאַרנאַכט ערשט איז עס געלונגען מיט מזל
אראָפּצושלעפּן די שיף פונם זומפּ.

דער יונגערמאַן האָט זיך פריינדלעך צעשמועסט מיט מיר. ער האָט
ביי מיר אויסגעפרעגט מיין גאַנצן יחוס. פון וואַנען איך קום, וווּהין איך
פאָר אאַ"וו. עס האָט זיך ארויסגעוויזן אַז ער קאָן מיין פאָטער זייער גוט
און האָט גרויס דרך־ארץ פאַר אים. ער ווייסט אויך אַז עס איז איצט דער
יידישער ערב־פּסח, ווייל ער האַנדלט שטענדיק מיט יידן אאַ"וו. דעם גאַנצן
טאָג וואָס מען האָט זיך געמאַטערט מיט דער שיף, איז ער פון מיר ניט אָפּ־
געטראָטן און האָט מיך איינגעלאָדן איבערצובייסן מיט אים.

— פונם בופעט האָט מען שוין אַלץ אויפגעגעסן, — זאָגט ער, — אָבער ביי מיר אין קאָרזינקע איז נאָך געבליבן א פּאָר בולקעס מיט א פּאָר "זדאָבנע" בייגל און טיי מיט צוקער איז אויך דאָ, קיין געזאָטענע וואסער פעלט ניט — וועלן מיר זיך לאָזן וווילגיין . . .

די איינלאדונג האָב איך אָנגענומען. ערשטנס, ווייל קיין טריפהס האָב איך דאָ ניט געזען און הויפּטזאכלעך ווייל איך בין טאקע געווען הונ־געריק און עס איז ניט געווען צו קויפן.

דער טאָג איז געווען א רעגנדיקער און די פּאסאזשירן האָבן זיך גענודיעט ביז אין טויט אריין. איך האָב געלויבט און געדאנקט גאָט, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט אזא מיטפּאָרער. מערקווירדיק איז געווען וואָס דורך אַלע אונדזערע געשפּרעכן וועגן פארשיידענעס, האָט ער אויסגעמידן צו זאָגן מיר זיין נאָמען. שטארק נאָכפרעגן זיך האָב איך קיין מוט ניט געהאט. שפּעט ביי דער נאכט, ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו אונדזער דאָרף (ווייטער איז די שיף ניט געגאנגען), האָבן מיר זיך צעזעגנט ווי די בעסטע גוטע־פריינט און איבערגעבנדיק א העפלעכן גרוס צו מיין פאָטער, האָבן מיר זיך צעשיידט.

* * * * *

ר' מאיר פויזנער איז געווען אן אָנגעזעענער באַלעבאָס אינם דאָרף ליטערי. צווישן די עטלעכע יידישע משפּחות אין דאָרף איז ער געווען דער "פּער" און אויך אויף דער סביבה איז ער געווען פאררעכנט פאר א בכבודיקן מאן.

ער איז געווען א ייד א למדן און א בעל מנגן, א הארציקער בעל־תפילה כאָטש מיטן פּשוטן נוסח. די זין זיינע זיינען געווען כמעט אַלע מער־ווייניקער געבילדעטע, אויסער דעם יינגערן, א בחורל פון א יאָר צוואנציק. ער האָט געהאט אן איין־און־איינציקע טאָכטער, די מיזינקע, מירעלע, א פּופּצן־יאָריקע נאָכגעגעבענע שיינהייט. א רייכע קראָם מיט כל־טוב. דער הויפּט־טוער און ארבעטער איז געווען נחקע, דער מיזיניק, א געזונטער, שווער־ארבעטנדיקער און איבערגעגעבענער צום געשעפט. צו דער משפּחה איז נחקע אָבער געווען א "פּראָסטאק", גאָרניט ענלעך צו די עלטערע ברידער. כאָטש ער איז געווען דער נוצלעכסטער אין דעם הויזגעזינד, האָט מען אָבער געקוקט אויף אים פון אויבן אראָפּ און באהאנדלט האָט מען אים ווי א "באט־ראק". אַלע לעבער פארשטעקט מיט אים. מען האָט אים אפילו "פארשריבן" מיט עטלעכע יאָר יינגער, כדי צו קריגן א צווייטע "לגאָטע" פאר זיין על־טערן ברודער. איי, וואָס אים ,נחן, וועט אויסקומען דינען צוליב דעם, טאָ ווער מען ארט עס ? . .

מערקווירדיק ווי עס פּאסירט אמאָל, אז ביי עלטערן זאָל צווישן איי־גענע קינדער געשאפן ווערן מחיצות. זיי אויך האָבן געקוקט אויף נחקען ווי אויף אן עבד כנעני. און האָט אמאָל נחקע געוואָלט אריינוווארפן א וואָרט ביים טיש אין א געשפּרעד, האָט מען גלייך א געשריי געטאָן, אמאָל דער און אמאָל יענער : — דו שווייג ,אז מען וועט דיך פרעגן וועסטו דאן זאָגן; אָדער זעט נאָר זעט "ויפתח את פי האתון". . . גיי שוין גיי, מען וועט דאָ אָן דיר אויסקומען . . . גיי בעסער צום פערד, צו דער בהמה — דאָרטן איז דיין אָרט . . .

נחקע האָט יאָרן־לאנג געטראָגן דעם יאָך און אים איז גאָרניט איינ־געפאלן, אז מען דאָרף פּראָטעסטירן קעגן אזא באהאנדלונג. אָבער טיף אין די פארבאָרגענע קעמערלעך פון זיין נשמה, האָט געברויזט אומבאוווסט־

זיניק א פראָטעסט קעגן אַלעמען: קעגן די ברידער און שוועסטער, קעגן טאַטע־מאַמע. און דאָך וואָלט ער פאַר זיין דעספּאָטישער שוועסטערל דאָס לעבן אוועקגעגעבן, אַזוי האָט ער זי ליב געהאַט — אָבער ווער האָט זיך אינ־טערעסירט מיט אים און זיין ליבע?

די איינציקע געזעלשאַפט וואָס ער האָט געהאַט אין דאָרף זיינען געווען די שקצים מיט די שיקסעס. זיי זיינען געווען די יעניקע וואָס האָבן אַרויסגעוויזן וועלכן עס איז רעספּעקט צו אים און זיינען געווען גערן צו חברן זיך מיט אים. ערשטנס, ווייל כאָטש ער איז געווען א שטילער, האָט ער אָבער אַמאָל אין א שפּאַס געקאָנט געבן א מתנת־יד, און צווייטנס, דער־פאַר וואָס ער האָט גערעדט א זייער פּאָלקסטימלעכן רוסיש. די שיקסעס איבערהויפּט זיינען געווען משוגע פאַר אים. אָבער זיי האָבן געוווסט, אַז דער צוים וואָס איז צווישן זיי און אים געשטאַנען, איז ניט אַזוי גרינג אַרי־בערצושפּרינגען. געוווסט האָט מען אין דאָרף, אַז נחקע איז א "פּאַפּיריטש" ביי זיך אין דער היים. און די גויים האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, כאָטש זיי האָבן גרויס דרך־ארץ געהאַט פאַר "גאָספּאָדין מאיער יאַקאָוולעוויטש", האָבן זיי אָבער בחוש געפילט, אַז ער באַגייט א גרויסע עוולה קעגן זיין ייִנגסטן זון.

ווי דער נחש הקדמוני האָבן זיי אים געהאַלטן אין אָנריידן:

— הער נאָר אויס, נאָום, גיב א שפּיי אויף דיין משפּחה און ווער גאָר אן "אונדזערער". עס איז דאָך אייגנטלעך איין גאָט אַלצאיינס און יעזוס אַליין איז דאָך אויך געווען איינער פון אייערע, און האָט געליטן — וויפל אין דער שיר צו לאָזן זיך טרעטן?..

— וואָסער מיידל, פון אייערע יידישקעס, וועט דיך וועלן, אַז דיין אייגענע משפּחה שפּייט אויף דיר?.. נעם גאָר אָן אונדזער אמונה, וועסטו קאָנען אויסקלייבן די שענסטע שיקסע אין דאָרף און דו וועסט זיין א חשובער "בעל־גוף" מיט אַלעמען גלייך, און אַלע וועלן דיך רעספּעקטירן... און וועסטו פאַר זיך א קראָם עפענען, קאָנסטו זיכער זיין, אַז אַלע "קרעסטיאַ־נעם" פון דאָרף וועלן פון דיר קויפן.

אָט אַזוינע און ענלעכע אַרגומענטן האָט מען אים געגעבן, און אים האָט עס געפּיקט אין קאָפּ. אָנפאַנגס האָט ער עס גאָר הערן ניט געוואָלט, אָבער וואָס אַמאָל איז עס אים מער אין קאָפּ אַריין און ס'האָט געבויערט: זיינען דען די גויים ניט גערעכט?.. ער האָט געזוכט אויסצוריידן זיך דאָס הארץ פאַר אימעצן, אָבער עס איז ניט געווען פאַר וועמען. זיינע אייגענע, נאָענטע האָבן אים אויסגעלאַכט און פאַרשטויסן. ער איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ צוריקגעצויגענער און שווייגנדיקער. פון די הויזיקע האָט עס קיינער ניט באַמערקט. ווען ער האָט זיך דערוווסט פון דער מעשה "פאַרשרייבן" און "לגאָטע" פאַר זיין ברודער, האָט ער זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. איין גרויסע אומפאַרענטפערטע פראַגע האָט ניט אויפגעהערט צו עגבערן אין זיין מוח: — פאַרוואָס?..

ויהי — און עס איז געשען. נח איז געפאָרן מיט די פורן קיין גאָמעל איינקויפן פאַר דער קראָם סחורה. די פורן זיינען צוריקגעקומען, אָבער אָן נחן. וווּ ער איז נעלם געוואָרן האָט קיינער ניט געוווסט. ווען עטלעכע טעג זיינען פאַרביי און ער איז נאָך אַלץ ניט צוריקגעקומען, איז מען געוואָרן שטאַרק אומרויִק — ער האָט איינפאַך אויסגעפּעלט צום געשעפט. אָן אים איז ניט געווען ווער עס זאָל טאָן די שווערע און שוואַרצע אַרבעט. איז מען געלאָפן קיין גאָמעל. דאָרט האָט מען אויסגעפונען אַז פון דעם געלט וואָס ער האָט איינגעלייזט פאַר דער תבואה און פלאַקס, וואָס ער האָט מיטגענומען,

האָט געפּעלט אַרום צוויי הונדערט רובל. אָבער ווו ער איז פאַרפאַלן געוואָרן, דאָס האָט קיינער ניט געוווסט.

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן קלאַנגען איבערן דאָרף, אַז נחקע איז אַנטלאָפן און האָט זיך געשמדט. עס איז אויך דערגאַנגען צו די פויזנערס און עס האָט זיי שטאַרק אויפגערודערט. ווער נאָך ווי זיי אַליין האָבן גוט געוווסט, אַז זיי האָבן אים דערצו געטריבן? און כאָטש עס האָט זיך זיי קוים געגלויבט, אַז ער, דער שטילער, דער אונטערטעניקער, וועט האָבן דעם עזות צו באַגיין אַזאַ טאַט, האָבן זיי דאָך אָנגעווענדעט כלערליי מיטלען אויסצוגעפינען פון די פּויערים וואָס ניט איז. אָבער אויסער די "קלאַנגען" האָבן זיי גאָרניט געקאָנט דערגיין. אַזוי זיינען פאַרלאָפן אַ פּאָר חדשים. אין אַ שיינעם זומער־טאָג האָט זיך נחקע פּלוצים ווידער באַוויזן אין דאָרף. אָבער שוין ניט מער דער שעמעוודיקער, פאַרשטויסענער נחקע איז עס געווען. מיט דעם באַרימטן צוקער־פאַבריקאַנט טערעסטשענקאָ אַלס טויף־פאָטער, פאַרפאָרן איז ער גלייך צום דאָרף גלח. דאָס דאָרף האָט געיובלט פון דער גוואַלדיקער דערשיינונג. ווער רעדט נאָך אַז דעם זונטיק איז ער אונטער דער פריילעכן גלאָקן־געקלאַנג געגאַנגען מיטן גלח אין "צערקווע" אָנגעטאָן מיט אַלע פּויערים צוגלייך, ווי אַ גוטער, פרומער פּראַוואָסלאַוונער. די פּויערים זיינען אויסער זיך געווען פאַר פרייד און דער גלח האָט אַ ספּעציעלן גאָטעס־דינסט געפּראַוועט צו דער געלעגנהייט. דאָס דאָרף איז מיט גלאָקן־געקלאַנג פאַרהיכט געוואָרן און ס'האָט געלעכערט די הערצער ביי דער משפּחה פויזנער. ס'אַ פּראַגע אויב זיי וואָלטן זיך אַזוי צום האַרצן גענומען ווען ער שטאַרבט, אָבער אַזוינס איז ניט אַזוי גרינג איבערצוטראָגן . . .

טאַטע־מאַמע האָבן קריעה געריסן און אָפּגעזעסן שבעה.

— רבונו של עולם! וואָרום האָסטו אַזוינס דערלאָזט? וואָלט ער בעסער אין זיין מוטערס בויך אויסגערונען, איידער אונדזער לעבן אַזוי פאַרפינצטערן, — האָט דער פאָטער געטענהט, און די מוטער האָט געיאָמערט.

— וואָלט איך בעסער שטיינער געטראָגן, האַרציקער פאָטער, איידער איך האָב אויסגעטראָגן און אויסגעזויגן אים מיט מיין בלוט און מילך.

און דאָך האָבן זיי זיך ניט געוואָלט באַשולדיקן אין דעם.

— דער יונג איז ר"ל משוגע געוואָרן, — האָט די מוטער געטענהט, — איך האָב דיר שוין פון לאַנג אָן געוואָרנט: מאיר, דער יינגל חברט זיך צופיל מיט די שקצים, און דו האָסט זיך ניט הערנדיק געמאַכט . . .

און דער פאָטער האָט מיט ווייטיק אין האַרצן געשוויגן. עס האָט זיי אַזוי שטאַרק ניט געאַרט פאַר אים, ווי דער פאַקט, וואָס ער וועט וואַרפן אַ שאַנד־פלעק אויף דער גאַנצער משפּחה — און מיט די קינדער חתונה צו מאַכן.

אַ צייט איז פאַרביי. צו צרות ווערט מען אויך געוווינט. און די פויזנערס האָבן זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו דעם געדאַנק און האָבן באַשלאָסן צו פאַרגעסן אַלץ — אַזוי ווי אויף דער וועלט ניט געווען . . . ווען פּלוצים, ווי אַ דונער פון קלאָרן הימל, איז עס געקומען:

איבערן וועג פון זיי האָט זיך גענומען בויען אַ נייע קראָם. עס האָט זיי ניט לאַנג גענומען אויסצוגעפינען, אַז דאָס בויט זיך ניט פאַר קיין אַנדערן, ווי פאַר פּעטער ניקאָלייעוויטשן, מיט דער "אָבשטשעסטוועס" הילף און אונטער דעם גלחס פּירערשאַפט. דאָס האָט שוין געשמעקט גאָר שלים. דאָס מיינט דאָך אַרויסרייסן דעם ביסן פון מויל. מען האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן. געטאָן וואָס מען האָט געקאָנט צו שטערן, אָבער עס איז גאָרניט געלונגען און די קראָם האָלט ביי פאַרטיק ווערן.

ר' מאיר האָט זיך געווענדעט צו די "סקלאַדטשיקעס" מען זאָל אים

קיין קרעדיט און קיין סחורה ניט געבן. אבער ווער קאן זיך עס אנטזאגן פון מזומן ? די קראם האט זיך געעפנט און קיין סחורה האט טאקע ניט געפעלט. דאס פויערטום איז אהין געלאפן און ביי פויזנערן איז קראם איז געווען פוסט.

אבער ווי עס שיינט איז זיין כעס נאך ניט פול געווען, איז געקומען א קלאנג ווי א דונער־שלאג, אז ער גייט חתונה האבן מיט א דארפישער שיקסע . . .

כאטש מירעלע האט נחן ניט בעסער באהאנדלט ווי די אנדערע אין הויז, דאך איז זי געווען שטארק צוגעבונדן צו אים און האט גארניט געוווסט, אז אומבאוווסטזיניק האט זי אים שטארק ליב געהאט. ווען דאס אומגליק האט געטראפן, האט עס איר יונג, פיינפילנד הארץ פיל שטארקער געטראפן. זי האט באלד איינגעזען די מיסבאהאנדלונגען וואס ער איז אויסגעשטאנען פון זיין משפחה, איר אריינגערעכנט, און האט אינסטינקטיוו געפילט, אז זיינע ליידן זיינען איבערגעגאנגען די ברעגן, ביז ער האט באשלאסן אזא שריט צו מאכן. דעריבער האט זי געזוכט א מעגלעכקייט צו טרעפן זיך מיט אים און אויסגיסן פאר אים איר ביטער הארץ, און אויב מעגלעך פרובירן צו ראטעווען אים. אבער די עלטערן האבן הערן ניט געוואלט פון אזא זאך און מען האט זי געהיט זי זאל אזא שריט ניט מאכן. עס האט איר עפאסט גענוג געזונט און טרערן, אבער עס האט גארניט געהאלפן, ביז .

באו מים עד נפש — די פויזנערס האבן איינגעזען, אז רוזנע שטייט זיי פאר די אויגן. זיי האבן אפגעלייגט דעם כבוד אן א זייט און האבן זיך אנגעשטרענגט צו זען זיך מיט אים און אפעלירן צו זיין רחמנות־געפיל. איז אבער אונטער קיין אומשטענדן האט ער ניט געוואלט באגעגענען זיך מיט זיי. זענענדיק אז אלע מיטלען זייערע האבן זיך אויסגעלאזט מיט גארניט, זיינען זיי געצווונגען געווען צו שטעלן די לעצטע קארט אין קאן, און ווי דערווידער די זאך איז געווען פאר זיי, האבן זיי אליין געמוזט צוגעבן מוט מירעלען, אז זי זאל גיין צו "אים" און זיין א "מליץ־יושר" פאר זיי . . . זעלבסטפארשטענדלעך, אז זי האט זיך ניט געלאזט לאנג בעטן. נאך דעם זעלבן אוונט האט זי איר ברודער צוגעפירט ביז "זיין" הויז און איז אליין געבליבן ווארטן אין דרויסן אויף איר. איבערצולאזן זי אליין, האבן זיי ניט געוואגט.

די לאדנס זיינען געווען פארהאקט און די טיר צוגעשפארט. זי האט א שטארק אויפגערעגטע, מיט ציטערדיקע הענט אנגעקלאפט.

— "קטא טאם"? — האט זיך "זיין" קול דערהערט.

— איך, דיין שוועסטער מירעלע. לאז מיך אריין נחל, — האט זי ארויסגערעדט מיט א בעטנדיק קול.

א געררודער האט זיך דערהערט. עס האט ניט לאנג גענומען און די טיר האט זיך געעפנט. מירעלע איז אריין אן א ווארט אויסצורעדן. ער האט זי צוגעפירט צום טיש און האט זי אוועקגעזעצט אויף דער באנק א שווייגנדיקע.

ווען זי האט זיך אויסגעווישט די אויגן, האט זי באמערקט נאך אימעצן אין הויז. דאס איז געווען דעם שכנס שיקסע, וועגן וועלכער מען האט אין דארף גערעדט. ער איז צו איר צוגעגאנגען און האט איר עפעס געזאגט אין דער שטיל. די שיקסע האט אויף זיך ארויפגעווארפן די פאטשיילע און האט זיך געלאזט צו דער טיר, ווארפנדיק א ברענענדיקן בליק פול מיט האס צו מירעלען.

בלייבנדיק אליין האט מירעלע אויסגעבראכן אין א געוויין מיט מער פרישקייט :

וואָס האָסטו געטאָן, נחל, וואָס האָסטו געטאָן ? ! . . . דו האָסט דאָך אונדז געקווילעט און ניט דערקווילעט . . . ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן דו זאָלסט אַזוינס אָפּטאָן ? . .

אירע רייד זיינען ווי בייטשן געפאַלן אויף אים. בייטשן וועלכע האָבן געלאָזן טיפע וווּנדן אויף זיין שמאַרצנדיקער נשמה. ער האָט זיך געקאָרטשעט ווי אין שרעקלעכע יסורים ביז ער האָט ניט אויסגעהאַלטן :

— שאַ ! — האָט ער אויסגעשריען, — איך האָב גענוג געשוויגן. איצט האָב איך דאָס וואָרט און דו זאָלסט מיך אויסהערן ביז דעם ביטערן סוף . . . דו, — האָט ער אָנגעוויזן אויף איר מיטן פינגער, — פאַר וועמען איך וואָלט גערן דאָס לעבן געגעבן, האָסט מיך אויך ניט געוואָלט פאַרשטיין . . . אַלע דיינע קאַפּריזן האָב איך גערן אויסגעפילט . . . אין הויז בין איך ווי אַ קנעכט געווען ביי אַלעמען . . . און אַ פּנים פון אַ קנעכט האָב איך געהאַט ביי אייך ! . .

ער האָט גערעדט מיט היץ. די אויגן האָבן געברענט, דאָס האַרץ וואָס איז געווען איבערפילט מיט ביטערניש, האָט געקראַצט די לאַנג־דערוואַרטעטע געלעגנהייט אויסצוגיסן זיך. זי האָט אים קיינמאָל פריער אַזעלכן ניט געזען. איצט האָט זי זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען ווען זיינע גאַליקע ווערטער זיינען ווי האַמער־קלעפּ אויף אירע אויערן געפאַלן.

— איך, איך האָט מיך דערצו געטריבן ! . . — האָט ער היסטעריש געשריען, — וואָס איז מיר אַנדערש געבליבן צו טאָן אין דער היים, וואָס איז מיר קיין היים ניט געווען ? . . עלטערן וואָס האָבן מיר דאָס קלענסטע ביסל קינדער־ליבע ניט אַרויסגעוויזן ! . . שוועסטער און ברידער, וועלכע האָבן זיך די מי ניט גענומען צו פאַרשטיין מיך ! . . איז דאָס נאָך ווייניק, האָט מען נאָך אויך מיין "לגאַטע" גערויבט; מיין איינציקע געזעלשאַפט ביז איצט זיינען געווען די שקצים — זיי האָבן מיך פאַרשטאַנען ! . . זיי האָבן מיטלייד געהאַט מיט מיר און צווישן זיי איז מיין פּלאַץ ! . .

ער האָט זיך פאַרכלינועט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

מיט אַ געבוויגענעם קאָפּ האָט זי אים אויסגעהערט, ניט רירנדיק זיך פון אָרט. און עס איז איר אַלץ קלאָרער געוואָרן ווי ווייט שולדיק זיי זיינען קעגן אים. טרערן, בריענדיקע טרערן פון חרטה, האָבן פריי געפלאָסן פון אירע אויגן.

— פאַרגיב אונדז, ברודער — דו ביסט גערעכט . . . מיר זיינען די שולדיקע . . . איך האָב קיין רעכט ניט צו קומען און דיר פאָרוווּרפן מאַכן . . . ניט איך האָב דיך ניט געוואָלט פאַרשטיין, נאָר איך האָב דיך ניט געקאָנט פאַרשטיין צוליב מיין לייכטזיניקייט . . . אוי, ווי טייער מיר האָבן באַצאָלט פאַר דעם — שוין צו טייער . . . פיליכט איז נאָך מעגלעך די שטראָף אַרונ־טערצונעמען ? . . . גאָרניט וועט ניט זיין צו שווער פאַר אונדז צוליב דיר . . . ניין, דו זאָגסט עס איז צו שפּעט, אַבסאָלוט אוממעגלעך, ווייסטו אפשר בעסער . . . דו ביסט דער קלוגער און ריכטער, איך בעט דיך זיך צוהערן צום געבעט פון אונדזערע עלטערן . . .

— זיי זיינען אויף די עלטערע יאָרן שוין גענוג געשטראָפט געוואָרן, ווילסטו נאָך דאָס לעצטע שטיקל ברויט פון מויל ביי זיי אַרויסנעמען ? . . אויב דו האָלסט דיין קראָם — גייען מיר אונטער . . . און וואָס נאָך ערגער איז (אויב עס איז מעגלעך ערגער), אויב דו האָסט חתונה מיט דעם שבנם שיקסע . . . דאָס וועט זיכער טרייבן אונדזערע אַלטע טאַטע־מאַמע אין קבר אַריין . . . ווילסטו דען נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט ? . . איך

קאָן ניט גלויבן אַז דאָס זאָל מעגלעך זיין . . . רחמנות ! . . — און זי האָט אויסגעשטרעקט אירע ציטערדיקע הענט צו אים.

ער איז ווי פאַרשטיינערט געזעסן מיט פאַרביסענע ליפּן און האָט געשוויגן.

— וואָס וואָלט איר געוואָלט איך זאָל טאָן ? — האָט ער דורך די ציין קוים אַרויסגעזאָגט.

— דו מוזט דאָס דאָרף פאַרלאָזן. פאַר דיר איז איצט אָפן די וועלט, אָבער ניט פאַר אונדז. אויב עס איז נאָך אין דיר פאַרבליבן אַ פונק ליבע צו מיר, אַפּעליר איך צו דיר: אויב ניט צוליב זיי, איז צוליב מיר, אָבער טו עס. איך וועל עס דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן און וועל בעטן גאָט ער זאָל דיך צו אונדז אומקערן . . .

ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב. פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר.

— מאָרגן ! מאָרגן אין דער צייט קום צו מיר, וועל איך דיר אַן ענטפער געבן . . . און איצט גיי ! . . .

ער האָט פאַר איר אויפגעמאַכט די טיר און זי איז מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אַוועק אַ וויינענדיקע.

דער געוועזענער נח האָט די גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט צוגע־מאַכט. אַ גוואַלדיקער קאַמף איז אין אים אָנגעגאַנגען: ווי זאָל ער האַנדלען, וואָס זאָל ער טאָן ? האָט אים ניט אויפגעהערט צו האַמערן אין קאָפּ. זאָל ער נאָכגעבן ? האָט ער וויי ניק ביז איצט נאָכגעגעבן ? . . אויסער דאָס אַוועק־גיין, מיינט עס אויך אויפגעבן די בעסטע אויסזיכטן וואָס שטייען אים איצט פאַר . . . אָבער וואָס דאַרף אים אַרן בכלל ? וואָס פאַר אַ געמיינזאַמעס האָט ער איצט מיט זיי ? ווארום זאָל אים אַרן וואָס מיט זיי וועט פּאַסירן ? האָט זיי געאַרט פאַר אים ? . .

זיין איך האָט שטאַרק רעוואָלטירט קעגן דעם געפיל פון אונטערגעבן זיך, אָבער דאָס האַרץ האָט ער פון זיך אַרויסרייסן ניט געקאָנט, און דאָס האַרץ האָט גאָר אַן אַנדער ליד געזונגען. ערשטנס, האָט עס אים אונטער־געזאָגט, אַז ער האָט זיי שוין אַזוי אויך גענוג געשטראָפט מיטן שמדן זיך אַליין, אָבער אויך צונעמען דאָס ביסל חיונה פונם מויל איז שוין צופיל . . . אויסער וואָס ער וועט זיך וואַרפן טאָג־טעגלעך אין זייערע אויגן ווי אַ שטעכנדיקער דאָרן. וואָס־זשע דען ? יאָ, דאָס שיינט צו זיין דער איינציקער אויסוועג. נאָך אַלעמען וועט ער ניט פאַרפאַלן ווערן. ער וועט זיך אויסגע־פינען אַ פּלאַץ ווו אַ לעבן צו מאַכן. ער איז דאָך פאַרט אַליין. ער וועט זיך יאָקאָס דורכשלאָגן, אָבער זיי, פון אַזויפיל יאָרן איינגעפונדעוועטע, קאָנען זיך ניט אַזוי גרינג רירן פון אָרט. אויסער דעם איז מירעלעס פאַר־וויינט פּנים די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. עס האָט אים ממש פאַרפאָלגט, ניט נאָר דורך דער נאַכט, נאָר אויך דורכן טאָג. די גויים האָבן באַמערקט, אַז עפּעס איז מיט דעם יונג ניט גלאַט, אָבער זיין האַלטונג האָט ניט דערלאָזן קיין אינטימלעכקייט און זיי האָבן ניט געקאָנט אויסגעפינען וואָס איז מיט אים פּלוצים געשען.

אויף מאָרגן אָוונט, ווען מירעלע איז צו אים געקומען, האָט זי אים געטראָפן שטאַרק בלאַס, מיט שוואַרצע רינגען אַרום די אויגן, אָבער אַ רויקן. ער האָט זי געבעטן זיצן און האָט איר אין קורצע ווערטער איבערגעגעבן, אַז ער האָט באַשלאָסן אויפצוגעבן זיין קראָם, בתנאי זיי זאָלן ביי אים אַלץ איבערנעמען רובל פער רובל, און ער וועט באַלד אַוועקפאָרן פונם דאָרף.

מירעלע האט אויגנבליקלעך אפגעשאצט דעם גרויסן קרבן און האט זיך מיט א געוויין א ווארף געטאן צו אים אויפן האלדז:

— אוי, נחל, נחל! . .

אויף מארגן איז דאס גאנצע דארף געגאנגען אויף רעדלעך. וואס איז? דער משומד איז נעלם געווארן. די קראם האט זיך ביז שפעט ניט געעפנט, איז מען געגאנגען געווארן ווערן אהיים, אבער עס איז פון אים קיין זכר ניט געבליבן.

* * * * *

אין דער היים בין איך, נאטירלעך, געווען אן אנגעלייגטער גאסט. ווען איך האב זיצנדיק ביים טיש דערציילט די נסים פון מיין נסיעה און אויך וועגן דעם אונבאקאנטן, האט מיין פאטער א פרעג געטאן:

— ווי האט ער אויסגעזען?

האב איך אים אויסגעמאלן.

— הערסט א חידוש אביסל, צי איך קען אים, — ענטפערט דער פאטער מיינער, — דאס איז דאך דער ליטעכיער משומד. אויסער דעם וואס ער קאן מיך גוט פון פריער נאך, האלט ער זיך איצט פאר א גאנצן מחותן מיט אונדז. ער האט חתונה געהאט מיט אונדזער מיכאלקא דעניסקעס דעם פערעלאזערס איינציקע טאכטער, און ניט האבנדיק קיין זין, האט ער אים "צוגעשריבן" פאר א זון און האט אויף אים אפגעשריבן זיין גאנץ פארמעגן . . . דו ווייסט דאך, אז מיכאלקא איז דער רייכסטער גוי פון דארף. אויסער דעם גרויסן הויף איז דארף, פארבויט ווי א קאסטן מיט כל־טוב, מיט דריי ווינט־מילן, מיט פיל פערד און בהמות, האט ער פאר אים אויך אויסגעבויט א שארפע קראם ביי דעם "צערקאוונעם פלאשטשאד". איז מיט דריי אייגענע פערד אוועק קיין גאמעל און האט פאר מזומן געלט אריינגע־בראכט א וועלט מיט סחורה, און האט אנגעלאדיעט א קראם פון וואס א מויל קאן רעדן.

— ס'איז געווען טשיקאווע צו זען ווי מען האט מיך לעצטנס אויפ־גענומען ביי מיכאלקען. דערהערנדיק פון דעם שידוך איז מיר אויסגעקומען זייער פריקרע צו פארפארן צו אים. מאכט זיך גראד אז איך פאר אריין קיין פערעלאז און איך פאר פארביי א רעדל גויים. אין מיטן דרינען דערהער איך אן אויסגעשריי:

— "זדראווסטוואי, מאטל אבראמאוויטש!" — איך קוק זיך ארום, ערשט עס איז מיכאלקא מיט זיין איידעם, דעם משומד, און א פאר שכנים זייערע. איך בין געווען געצווונגען אפצושטעלן זיך און זיך באגריסן מיט זיי.

— שוין א לאנגע צייט ניט געזען זיך, מאטל אבראמאוויטש, און איך קאן זיך אויף דיר ניט דערווארטן. אט באקען זיך מיט מיין איידעם. ווייסטו כאטש אז מיר זיינען איצט אויסער גוטע־פריינט אויך מחותנים? . . אמתע מחותנים . . . מיין איידעם איז דאך אן אייעריקער . . . נו, איז עס וועמען געלעגן אין זינען, אז מיר זאלן זיין מחותנים, הא? עס איז געווען צו זען אז דער גוי איז געווען אין זיבעטן הימל פון גליק. איך בין גע־שטאנען ווי אויף הייסע קוילן און ניט געוווסט וואס צו טאן, אבער דער משומד איז מיר באלד געקומען צו הילף און האט מיר דערלאנגט די האנט מיט די פאלגנדיקע ווערטער:

— מיר דארפן זיך ניט באקענען, מאטל אבראמאוויטש, מיר קענען זיך שוין פון לאנג אן . . .

— זיי האָבן מיך שוין מער ניט אָפּגעלאָזן. איך האָב געמוזט פאָרן מיט זיי אהיים, ווו מען האָט מיך אויפגענומען ווי א קייסער און מען האָט מיר געמאכט א גאנצן יום־טוב.

* * * * *

ס'האָט זיך מיר צופעליק פארוואָלט יענעם יאָר זיין צו די ערשטע סליחות. האָב איך געבעטן מיין פאָטער מיך אויפצוּוועקן אין צייט.

דריי אזייגער פארטאָג האָב איך זיך א פארשלאָפענער אָנגעטאָן און בין מיטן פאָטער ארויס אין דער פארטאָגיקער, אלולדיקער, קאַלטער לופט און געלאָזט זיך איבער די פינצטערע געסלעך צום בית־מדרש.

אין בית־מדרש איז שוין געווען פארזאמלט א גרויסער עולם. אויס־געזעצט אויף נידעריקע בענק מיט חלבנע ליכטלעך אין די הענט. ביים עמוד איז געשטאנען אן אלטער, איינגעבויגענער ייד, א הדרת פנים. ער האָט אָנגעהויבן זאָגן די סליחות און דער עולם נאָך אים. די זיסקייט, די האַר־ציקייט, די תחנונים וואָס ער האָט מיט זיין זאָגן אויסגעדריקט — וועל איך קיינמאָל ניט פארגעסן.

פארטאָגיקע דעמערונג. די טרויעריקע קולות פון די מתפללים האָבן נאָגנדיק געצופּט ביים הארצן. געדיכטע שאָטנס האָבן זיך געשלייכט און ארומגעטאנצט איבער די ווענט. א הייליקע שטימונג האָט זיך געפילט אינם פלאַץ. די יידן זיינען געזעסן איבערגעבויגן איבער די סליחות און דער שליח־ציבור האָט געזאָגט. זיין זיס קול האָט געכאַפּט ביים הארצן און האָט אויף מיר געמאכט א גוואַלדיקן איינדרוק. א דורכגעווייקטער פון טרערן איז ר' מאיר פויזנער, דער אלטער ר' מאיר לעטעכיער (אזוי האָט מיר מיין פאָטער געזאָגט, אז דאָס איז דעם משומדס פאָטער), אוועק פונם עמוד, און די מייס־טע יידן האָבן בגנבה אָפּגעווישט א טרער.

עס האָט זיך דערהערט דאָס קרייען פון די הענער — עס האָט אָנגע־הויבן טאָגן . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— וואָס איז, וואָס ? — האָט זיך דער אלטער באטשע פערעלאזנער אָפּגערופן, — גאָט איז מיט אייך, ווייסט איר דען וואָס פאר א מענטש דאָס איז ? . . דאָס איז דאָך א דימענט . . . און אז א משומד, איז וואָס ? . . איך קאָן אייך זאָגן בהן שלי, אז ווען דער רבונו של עולם באשערט מיר, איבער הונדערט און צוואנציק יאָר, אזא חלק עולם הבא ווי אָט דער משומד וועט האָבן, וואָלט איך בחדוה רבה צוגעמאכט די אויגן . . . צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, אויסער דעם וואָס ער האלט אוים אלע דאָרפישע קבצנים דורכן יאָר, האָט ער דאָך כמעט אלעמען אריינגעבראכט דעם יום־טוב אין הויז — פון כל־טוב . . .

— א משומד גאָר — א צדיק איז ער, איר הערט ? . . א צדיק ! . .

ביילע-נישע

ר׳ מרדכי, פריער גאָט און נאָכדעם איר ! . . איר הערט, וואָס איך זאָג אייך ? איר ! . . איר זייט דער איינציקער וואָס קענט זי ארויסראטעווען פון שמד ! . . די משפחה אירע וועט אייך אייביק דאנקבאר זיין ! . . היינט ארויסראטעווען א יידישע טאָכטער פון דער טומאה איז שוין גאָרניט ? איר ווייסט דאָך וואָס אונדזערע הייליקע ספרים זאָגן : "יש קונה עולמו בשעה אחת". בטוח אני בזה, ר׳ מרדכי, אז איר וועט זיך איינקויפן דאָס גאנצע עולם הבא דערמיט. אָבער ווי גאָט איך אייך ליב, העלפט ! . . ראטעוועט ! ! ! . . .

אזוי האָט אָרליק סיעליצער מיט גרויס היץ איינגעטענהט מיט ר׳ מרדכין. ער, אָרליק, איז געווען א שטיקל קרוב צו ר׳ זלמן סיעליצער וועמעס טאָכטער עס האָט זיך פון דער העלער הויט אָפּגעשמדט. אז דאָס האָט זיי געטראָפן ווי א דונער פונם קלאָרן הימל איז איבעריק צו זאָגן. קיין גביר איז טאקע ר׳ זלמן ניט געווען, נאָר אן ערלעכער ייד און א ירא שמים. געמאכט א שווער לעבן אין דאָרף אלס "סינעלניק", ד״ה, געפארבט די היימיש־געוועבטע גויישע קליידער און אן איינגעשמידטן קעסל ביי זיך אין הויז, פון וועלכן ס׳האָט זיך "געהערט" אויף דער צענטער גאס. שטענדיק איז ער ארומגעגאנגען אין קאָלירטע הענטשקעס, דער קאָליר איז אָפּהענגיק געווען פון דער פאַרב וואָס ער האָט געברויכט. דאָס האָט אים אגב־אורחא געדינט פאר א גוטער רעקלאמע צו זיין פאך. עס הייסט, אז אפילו פון די הענט קאָן מען די פארב ניט אָפּוואשן.

אז די בנים האָבן זיך א הויב־געטאָן, פלעגן זיי זיך ארויסלאָזן אויפן דאָרף קויפן וואָס עס פלעגט זיך מאכן : דקות. שמויסן, א בינטל חזיר־האָר, מאָשטשינעס וכדומה אזעלכע מיני זאכן וואָס זיינען עובר־לסוחר און וואָס דער גוי האָט געהאט צו פארקויפן, און מ׳האָט "יאקאָס" געמאכט אן ערלעך לעבן.

גאָט האָט געבענטשט ר׳ זלמנען מיט עטלעכע טעכטער, וועלכע זיינען א צייט לאנג געווען מיט די דאָרפישע שיקסלעך. אָבער פלוצים, ווי איבער נאכט, זיינען זיי אויסגעוואקסן און אז ר׳ זלמן האָט זיך ארומגעקוקט איז אים נעבעך פינצטער געוואָרן אין די אויגן. גוואלד געשריען ! דריי מוידן, קיין עין הרע — כאָטש צו דער חופּה פיר זיי אלע, אָבער פון קיין נדן איז קיין סימן ניטאָ. אמת, זיי זיינען טאקע ווילע מיידלעך, געהאָרכזאם, בריות — עס ברענט ביי זיי אונטער די הענט אלע הויזיקע ארבעטן, ווי קאָכן, באקן, וואשן, ראמען, נייען און אויסנייען — און וואָס ניט ? . . . אָבער וואָס נוצט עס אלץ, אז "קאָני דאָראָהי", אז צו קריגן א חתן דארף מען אים אָפּשיטן ק״ן קערבלעך, קען מען גאָרניט אָנהויבן צו רעדן קיין שידוך. היינט ווו איז "פּאָוועלע", ס׳הייסט אויסשטייער ? . .

ניט איין שלאָפלאָזע נאכט האָט ר׳ זלמן פארבראכט אויף זיין געלעגער עצהנדיק זיך מיט זיין "אלטער", און נאָך א לאנגן ישוב־הדעת איז

ביי זיי מיט הארצוויטיק באשלאָסן געוואָרן צו לאָזן די טעכטער גיין "דינען". די מיידלעך האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אז זיי מוזן זיך ארויסרייסן פון דאָרף און פארדינען אליין אויף זיך, אויב ניט וועלן זיי פארזעסן ביזן גרויען צאָפּ אריין. א לאנגע צייט נאכן באשלוס האָט ר' זלמן ניט געקענט פועלן ביי זיך אָפּצולאָזן די מיידלעך אין דער פרעמד. דאָס הארץ האָט אים געזאָגט, ווי לאָזט מען אוועק יונגע מיידלעך אין דער וועלט אריין, אָן אן אויפזיכט פון עלטערן ? . .

די יינגערע און עלטערע טעכטער האָבן געקראָגן שטעלעס אין די דערבייאיקע שטעט, אין רייכע יידישע היימען. די מיטעלע, ביילע־גישע, די "פער" פון זיי אלע, די גרעסטע בריה, די שענסטע, די לעבעדיקסטע — זי האָט געקראָגן א שטעלע ניט ווייט פון דער היים, א וויאָרסט דרייצן, אינם דאָרף פּאַפּאָווא גארא, אין א באלעבאטישער הויז. עס איז אוועק א צייט, די קינדער האָבן געשריבן גוטע בריוולעך און די אלטע זיינען שוין גע־ווען צופרידן. איבערהויפּט, אז בשעת הדחק פלעגן נאָך די טעכטער צוהעלפן. מיט דער מיטלסטער טאָכטער האָט זיך ר' זלמן אָפּטלעך געזען, באזונדערס ביי די יאָרידן, און ער האָט ממש געשעפּט נחת פון איר. די באלעבאָסטע האָט זיך אָפּלויבן ניט געקענט פון איר. זי האַלט זי ממש ווי אן אייגן קינד, אָן א ראיה, זי וועט פאר איר אויסזוכן א לייטישן חתן. וועגן נדן זאָלן זיך די אלטע ניט דאגהן . . .

צי ר' זלמן איז געווען צופרידן ? — א פראגע דאָס איז. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער איבערגעחזרט : יידן מיר האָבן א שטארקן גאָט, אז אל רחום וחנון, געלויבט זיין ליבער און הייליקער נאָמען . . .

די צייט האָט זיך אומבאמערקט גערוקט. איינמאָל, טרעפנדיק זיך אויפן יאַריד אין פּאַפּאָווא גארא מיט א דאָרטיקן תושב, דערציילט אים יענער, אז עס טראָגן זיך ארום מאָדנע קלאנגען איבערן שטעטל וועגן זיין טאָכ־טער מיט א סטאָליאר־שייגעץ, א יונג א ברען. ער זאָל עס ניט נעמען פאר אומגוט וואָס ער זאָגט עס אים, ער איז ניט אויסן חלילה ווי צו טאָן אים, אָדער חס־ושלום אויסצוטראכטן א שם־רע אויף א יידישער טאָכטער. עס הייסט, אליין האָט ער גארניט געזען, פארקערט, ער ווייסט אז איר באלע־באָסטע לויבט זי אין הימל אריין, אָבער אז מ'קלינגט איז א חנא אָדער א פגר, איז דעריבער וועט גארניט שאַדן אז ער, ר' זלמן, זאָל ארייַנקוקן אין דער זאַך. ממה נפשך, איז עס א ליגן, איז דאָך מה־טוב, טאָמער חלילה וואָס ? איז גוט צו פארכאַפּן די זאך איצט.

קיין צו שטרענגער אָדער בייזער טאַטע איז ר' זלמן קיינמאָל ניט געווען, אָבער דערהערנדיק אזוינע דיבורים, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן, און באלד איז ער טאַקע אוועק צו דער טאָכטער. געטראָפן האָט ער זי א שיינענדיקע ווי זיבן זונען, שטארק פארהאוועט מיט די אורחים וואָס זיינען זיך צוזאמענגעקומען אויפן יאַריד צו איר באלעבאָס. זי האָט אים ווי געווײנלעך, באגעגנט א צופרידענע, אָבער אויסצוריידן א וואָרט מיט אים האָט זי קיין צייט ניט געהאַט. ער האָט געוואָרט א לענגערע צייט, ביז די באלעבאָסטע איז אָנגעקומען און האָט אים געלאָדן צו "וואַשן זיך עסן". ביים טיש איז געווען א גוט ביסל "לחיים", מען האָט דערלאַנגט א גוטן "וואַרמעס" און געבענטשט מיט מנין. די "ברוכים היושבים" האָבן שטארק געלויבט זיין טאָכטער, זי האָט זיך שטארק געדרויטלט און דער "טאַטע" האָט נאָך דעם גוטן "לחיים" מיטן פעטן געבראָטנס, און איבערהויפּט פון די לויב־געזאַנגען צו זיין טאָכטער, זיך געשמאָלצן פון נחת און האָט אינגאנצן פאר־געסן נאָך וואָס ער איז געקומען. און טאָמער האָט אן אומרויקער געדאנק

יאַ אַ בליץ געטאָן אין זיין פאַרנעפּלטן מוח, האָט ער אים ווי אַ בייזע פליג פאַרטריבן. ווארום, האָט ער זיך געטראַכט מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן, ווי שיקט זיך עס ? וואָלט זי געהאַט אַזאַ שווערע זינד אויף איר נשמה, טאָ ווי וואָלט זי געקענט אַזוי פריילעך זיין, און ווי וואָלט עפּעס די באַלעבאַסטע, אַזאַ קלוגע יידענע, אַן אשת חיל, ווי וואָלט זי דאָס גאָרניט באַמערקט ? . . אַזוי האָט ער זיך אַליין פאַרוויגט. "וואָס עס ווילט זיך ניט, דאָס גלייבט זיך ניט". . .

* * * * *

גאָר אומדערוואַרטעט האָט זיך ביילע־גישע באַגעגנט מיט איר בייזן שטן. אין אַ זומערדיקן שבת בין־השמשות, איז זי מיט אַ פּאָר חברטעס געגאַנגען שפּאַצירן אויפן "גאָראָדאָק" צווישן די סעדער. די שבתדיקע מנוחה איז געווען אויסגעגאָסן ניט נאָר אויף די מענטשן, נאָר אפילו אויף דער שטומער נאַטור. קיין בלעטעלע, קיין גרעזעלע האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן, נאָר די פייגעלעך צווישן די צווייגן האָבן שלעפעריק געצוויטשערט זייער קריאת־שמע. דער גריל האָט זיך צעלאָזט גאָר אויף די הויכע טענער און די זשאַבעס פון טייך האָבן איבערגעהאַלטן מיט אַ באַסאָווען קוואַ־קוואַ.

קיין מעשה־ביכלעך האָבן זיי ניט געלעזן, קיין ראָמאַנען זיכער ניט, דאָך האָבן די מיידלשע יונגע תמימותדיקע נשמות געבענקט, זייערע הערצער זיינען פאַרגאַנגען אין אַ זיסן נאָגן נאָך עפּעס אומבאַגרייפלעכעס. ווי אַ האַלב־צעעפנטע בלום לעכצט נאָך דער באַשטויבונג, צעעפנט איר בעכערל פאַר דער בין אָדער זומער־פייגעלע.

זיי האָבן אויסגעקליבן אַ גראָזיקן פּלאַץ צווישן די קוסטעס איבערן טייך און האָבן זיך אוועקגעזעצט חלומען אויפן וואָר. דאָס וואַסער־פלאַך פונם טייך איז הינטער זיי געלעגן אויסגעשפּרייט ווי אַ זילבערנער שפּיגל, גלאַט און רויִק. די ערשט אויפגעגאַנגענע פולע לבנה מיט די געציילטע שטערנדלעך האָבן זיך נאָ־סקאָס אָפּגעשפּיגלט אינם וואַסער. אַ פישער אויף זיין "דושעגובקאַ" שטייענדיק אויף די קני, האָט זיך ווי אַ שאָטן דורכגעשלייכט, צערונצלענדיק עטוואָס די רויִקע פלאַך מיט דער "וועסלע" (רודער), און ווידער שאַ. אַ פּליאָסק ! אַ פישעלע האָט אַ שטיף געטאָן, וואַרשיינלעך פון פרייד וואָס דער פישער האָט עס ניט געפּאַקט, און כוואַליענדיקע רייפן צעשפּרייטן זיך איבערן צעגאָסענעם זילבער אַלץ גרעסער און גרעסער, אַריינכאַפּנדיק די לבנה מיט די שטערן אין אַ רונדיקער הוידלקע, מאַכנדיק פון יעדער שטערן אַ שלשלת, און פון דער לבנה אַ צערונצלט לאַכנדיק פּנים. אין מיטן טייך אויף אַ "קורגאַן", אַ סטאַדע גענדז. מ'כאַפּט אַ דרעמל אויף איין פוס, דעם שנאָבל אונטערן פליגל פאַררוקט. אָן אַ פאַרוואָס האָט איינע אַ טרומייטער געטאָן און אויגנבליקלעך האָט זיך צעטראָגן אַ פאַרטויבנדיקער כאָר פון גאַ־גאַ־גאַ־אַ־אַם אונטערגעכאַפּט פון דער גאַנצער סטאַדע. און גאַנץ אומדערוואַרטעט איז ווידער שטיל געוואָרן, גלייך ווי גאָרניט געשען, די גענדז שלאָפן שוין ווידער אויף איין פוס מיטן שנאָבל אונטערן פליגל.

די מיידלעך זיצן צווישן די קוסטעס און ברומען אונטער אַ טרויעריק לידל, און די הערצער קלאַפּן צום טאַקט :

"אוי דו פאָרסט אַוועק פון מיר טייערער לעבן מיינער,
"דאָס דראָזשקעלע, עס שטייט שוין ביי דער טיר.
"זיי־זשע געזונט טייערער לעבן מיינער,
"פאַרגעסן זאָלסטו ניט אויף מיר . . .

פּלוצלונג שפּרינגען אַרויס עטלעכע שקצים פון די קוסטעס מיט אַ

געלעכטער און געשריי "הארני זשידיוואָטשקי, הארנא ספיוואיעטע" און מען כאפּט ארום די מיידלעך קושן. די צוויי חברטעס האָבן זיך מיט געשרייען און קוויטשערייען ארויסגעריסן און האָבן זיך געלאָזט לויפן, און די שקצים נאָך זיי. ביילע־גישע האָט ניט געשריען, אָבער פון גרויס אויפרעגונג האָט זי מיט איר אויסגעארבעטער האנט פארפאָרן אזא פייערדיקן פּאטש דעם שגץ, אז עס האָט אָפּגעקלונגען אין דער נאכט און יענער האָט פון ווייטיק אויסגעשריען און האָט נאָכגעלאָזן זיין האנט. אָבער איידער ביילע־גישע האָט באוויזן זיך א ריר צו טאָן, איז זי שוין ווידער געווען איינגעקלאמערט אין א פּאָר אייזערנע צוואנגען, אז דער אָטעם האָט איר שיר פארכאפּט, און א פּאָר ברענענדיקע אויגן פון א פארפלאמט פּנים האָבן זי דורכגענומען אויף דורך. זי האָט דערפילט זיין הייסן אָטעם אויף איר געזיכט און ער האָט הייזעריקלעך ארויסגעזשיפּעט: "וואָט כוואטסקא זשידיוואָטשקא, טאקיך יא ליוביו". . . איר גאנצער וואַרפן זיך און רייסן זיך האָבן איר ווייניק געהאָלפן . . . און מיטאמאָל האָט זי דערפילט א פּאָר בריענדיקע ליפּן אויף אירע, וואָס האָבן אויסגעזויגן פון איר דאָס חיות . . . זי האָט פּלוצים דערפילט אן אָנמאכט אין אלע גלידער. און מערקווירדיק, זי האָט גאָרניט געפילט קיין ווידערווילן צו אָט דעם פלאמענדיקן געזיכט, צו די ברענענדיקע אויגן, צו דער ברוטאלער אומארמונג פון וועלכער דיביינער האָבן געקנאקט.

— פּוסטי!" — האָט זי קוים ארויסגעקרעכצט.

ער האָט זי אָפּגעלאָזן, און ווידער האָט זי זיך געחידושט ווארום זי לויפט ניט, ווארום שרייט זי ניט? זי האָט עס פּאָרט ניט געטאָן. זי האָט אים נאָר פון אירע ארונטערגעלאָזטע ברעמען באטראכט א מאָמענט אין דער האלב־טונקלקייט — א ריז מיט ברייטע פּלייצעס און מוסקוליסטע הענט, א קאָפּ מיט לאנגע געקרייזלטע האָר און אויגן — אוי, די אויגן! . . זיי שרפהן דורך די נשמה. די כפּרה זאָל ער ווערן רבש"ע . . . אָבער וואָס שטייט זי דאָ? ווארום לויפט זי ניט פון פייער? אָט האָט איר געוואָרפן א צאָן אָן א צאָן און איצט האָט זי דערפילט א פייער אויפפלאמענדיק אין איר. דאָס קלאָר, רונדיק פּנים אירס איז געווען פארפלאמט און א ברויזנדיקער צאָרן האָט זי ארומגעכאפּט קעגן אָט דער שטיק רויער נאטור, אין דער געשטאלט פון דעם שייגעץ וואָס איז איר לעבן געשטאנען ווי די סטאטוע פון א הערקולעס, ניט ארונטערנעמענדיק זיינע ברענענדיקע אויגן פון איר.

— "קאָק טי סמעל!" — איז זי ארויפגעפאלן אויף אים מיט א רציחה און האָט אים גענומען פּאטשן.

ער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. מיט פארלייגטע הענט איז ער געשטאנען און האָט מקבל בהאבה געווען די פּעטש פון אירע הענט און ווען דער אימפּעט האָט זיך ביי איר אויסגעשעפּט, איז זי אויפן גראָז געפאלן, ארויספלאצנדיק אין א ליידנשאפטלעכן געוויין.

ער האָט געווארט ביז דאָס געוויין איז רויִקער געוואָרן. דאַן האָט ער זיך איינגעבויגן, האָט זי גאנץ לייכט אָנגענומען ביי די אקסלען און מיט א גאנץ אנדער שטים ווייך ארויסגערעדט:

— "ניע פלאטש". . .

ער האָט זי געשטעלט אויף די פיס און זי האָט אויפגעהערט צו וויינען. ער האָט אוועקגענומען אירע הענט פון די אויגן, וועלכע האָבן געשיינט ווי פון טוי געוואשן.

— מיין נאָמען איז איוואן ראָמאנאק. כ'בין א סטאָליאר און **פארדין** גוט. אלע שקצים אין דאָרף ציטערן פאר מיין קוק, אלע שיקסעס פּגרן אוועק נאָך מיר . . . קיינער האָט נאָך ניט געוואגט אויפצוהויבן א האנט

אויף מיר און אוועק מיט גאַנצע ביינער . . . אָבער דו געפעלסט מיר . . .
— ער האָט זי אַ נעם געטאָן פאַרן האַנט און איז בלייך געוואָרן, — וואָס איוואַן ראַמאַנאַק וויל קריגט ער, געדענק דאָס ! דאָ אויפן "גאָראַדאָק" צווישן די קוסטעס וועל איך וואַרטן אויף דיר קומענדיקן שבת אוונט . . .
אָפּגעזאָגט און איז מיט האַסטיקע טריט אוועק.
די באַלעבאָסטע האָט באַמערקט, אַז ביילע־גישע איז עפּעס "ניט מיט אַלעמען", איר אַרבעט האָט זי אָבער געטאָן ווי עס דאַרף צו זיין, האָט זי צו איר קיין טענות ניט געהאַט. אייניקע מאָל האָט זי זי געטראָפן אַ פאַר־ווײנטע. פאַנאַנדערפרעגנדיק זי וואָס איז פּלוצים פּאַר אַ געוויין ? איז דער ענטפער געווען אַז עס בענקט זיך איר אַהיים. אויף דעם האָט איר די באַלעבאָסטע פאַרשפּראָכן אַז אי"ה אויף סוכות, אַז מ'וועט לעבן און זיין געזונט, וועט זי זי לאָזן פאַרן אַהיים צו גאַסט. דערבײַ איז עס געבליבן, אָבער ביילע־גישען איז שוין ניט באַשערט געווען אַהיימצופאָרן אויף יום־טוב.
אַ גוואַלדיקן קאַמף האָט זי געהאַט דורכצומאַכן מיט זיך. דער קאָפּ האָט באַפוילן איינס און דאָס האַרץ האָט דיקטירט עטוואָס אַנדערש. די גייסטיקע כוחות זיינען געווען שוואַך און קיין דרויסנדיקע הילף איז אויך ניט געווען, אַנצופאַרטרויען איר סוד, וועלכער האָט איר געבויערט דעם מוח און גענאָגט דאָס האַרץ, האָט זי מורא געהאַט — דעריבער האָט זי שטילערהייט געליטן.

* * * * *

ראש־השנה, ווען די באַלעבאַטים זיינען פון שול געקומען, האָבן זיי זייער דינסט־מויד ניט געטראָפן אין הויז. דאָס קליינוואַרג האָט דערציילט, אַז זי האָט זיי געזאָגט, אַז זי האָט אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק, גייט זי זיך לייגן אין בעט ביי זיך אין קעמערל און האָט זיי געבעטן צו לאָזן זי צורו.
ווי נשתומם איז אָבער די באַלעבאָסטע געוואָרן, ווען אַריינקומענדיק אין קעמערל האָט זי געפונען דאָס געלעגער אומבאַרירט און דאָס ביסל אַרעמקייט וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין אַ "קאַרזינקע", איז דאָרט ניט מער געווען. זי האָט אַז אויפגערעגטע אַריינגערופן איר מאַן און האָט אין איי־לעניש אים איבערגעגעבן וואָס זי האָט אַנטדעקט. אונטערזוכנדיק דאָס גאַנ־צע הויז האָבן זיי געפונען, אַז קיין זאַך איז ניט גערירט געוואָרן אויסער אירע זאַכן. מ'האָט באַלד געמאַכט אַ חקירה ודרישה אין שטעטל, אָבער קיינער האָט גאָרנישט ניט געוווסט און גאָרניט געזען. דער חשד איז נאָ־טירלעך געבליבן, אַז איוואַן ראַמאַנאַקס האַנט שטעקט אין דעם, אָבער מען האָט מורא געהאַט צו גיין צו אים. איז מען אוועק צו ר' מרדכין (וועלכער איז געווען אין גרוים חשיבות ביי אַלע גויים פון דאָרף), ער זאָל גיין פּאַנאַנ־דערפרעגן זיך ביי איוואַנען אויב ער ווייסט וואָס.
ר' מרדכי איז אוועק. . ער האָט געטראָפן איוואַנען ביים ווערקשטאַט זייער אַ פריילעכן. דערזעענדיק ר' מרדכין האָט ער זיך אָנגעכמורעט און אויף זיינע פראַגן האָט ער געהאַט נאָר איין קורצן ענטפער :
— "זנאַט ניע זנאַיו", מאָטל אַבראַמאָוויטש ! . .
מוצאי יום־טוב האָט מען געשיקט אַ שליח מיוחד צו ר' זלמן סיע־לעצער מיט דער טרויעריקע בשורה. ער איז באַלד געקומען צולויפן אָן אָן אָטעם און איז מיט די חשובי העיר אוועק צום פּריסטאַוו בעטן הילף אויפ־צוזוכן זיין טאָכטער. דער פּריסטאַוו, בכלל ניט קיין שלעכטער גוי, האָט דאָס מאָל פאַרשפּראָכן מיט אַ האַלבן מויל צו טאָן וואָס מעגלעך, אָבער ביים פאַרשפּרעכן איז עס געבליבן, געטאָן האָט ער גאָרניט. ר' זלמן איז גרוי און אַלט געוואָרן פון צרות. ביילע־גישע איז ווי אין וואַסער אַריין.

א פּאָר חדשים שפּעטער האָט זיך ווי א פייער צעטראָגן איבער דעם שטעטל די נייעס, אז אימעצער האָט געזען ביילע־גישען גייענדיק אין "צערקווע" אָנגעטאָן ווי א גויע. אלע זיינען געלאָפן אויפן בייז־ווונדער, זעען ווי זי וועט גיין צוריק. און זי איז טאקע געגאנגען האַנט אין האַנט מיט איוואן ראָמאנאקן, וועלכער איז ביי איר זייט געגאנגען שטאָלץ, דעם קאָפּ פאררייסן.

דאָס שטעטל איז ווידער אוועק אויף רעדלעך. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו זען זיך מיטן גלח. אפשר וועט ער עפּעס טאָן, כאָטש מ'האָט גוט געוואוסט אז "אָטיעץ יאָהאָן ספּאסקי" איז אן אלטער, פארביסענער צורר היהודים, האָט קיין יידישע שוועל קיינמאָל ניט אריבערגעטראָטן און האָט זעלטן ווען אויסגערעדט א וואָרט מיט א יידן. פאר ר' מרדכין האָט ער געהאַט אביסל דרך־ארץ, האָט מען פארלאנגט אז ער זאָל אומבאדינגט גיין דורכריידן זיך מיטן גלח. עס איז ווייט ניט געווען צום הארצן ר' מרדכין צו גיין צום צורר היהודים, אָבער א ברירה האָט ער געהאַט ? דער גלח האָט אים אויפ־גענומען , האָט אים אויסגעהערט מיט א לאַקריץ־זיסן שמייכעלע, וואָס האָט ווי שפּיזן געשטאָכן און האָט געענטפערט קורץ :

— "פּאָזדנאָ", מאָטל אבראַמאָוויטש, "פּאָזדנאָ"! . .

דער אלטער ר' זלמן האָט קריעה געריסן און געזעסן שבעה. די אלטע איז גרוי געוואָרן פון וויינען . . .

ביילע־גישע, אָדער ווי מען האָט זי אויף גוייש גערופן "נאסטיא" (אנאסטאסיא), האָט איוואנען באַשאָנקען מיט א טאָכטער צום יאָר און דער גוי איז געווען פארשיכורט פון גליק. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט דאָס ווייב און דאָס קינד. אָבער נאָכן קינפּעט איז נאסטיא אינגאנצן אן אנדערע גע־וואָרן, האָט אָנגעהויבן ארויסווייזן א פרעמדקייט צום מאַן און איז שטענדיק ארומגעגאנגען פארטרויערט. איוואן האָט אינסטינקטיוו געפילט אז אין איר איז פאָרגעקומען אן ענדערונג, פּשוט אן איבערקערעניש, און ער האָט אָנגעווענדעט אלע כוחות ארויסצושלעפּן זי פון דעם צושטאנד, אָבער אים איז עס ניט געלונגען. ער האָט זיך גענומען צום ביטערן טראָפּן. קומענדיק א שיכורער אהיים, האָט ער זי שוין גאָרניט געגלעט איבערן באַק. פון טאָג צו טאָג איז די לאַגע ערגער געוואָרן, זייער היים איז א גיהנום געוואָרן פאר ביידן, ביז . . .

שפּעט אין א געוויסן ווינטער־אָוונט, איז ר' מרדכי געזעסן מיטן עין־יעקב ביים טיש. זיין ווייב, רחל־לאה, האָט געשטריקט א זאָק און די קינדער זיינען שוין געשלאָפן. אין הויז איז געווען זייער שטיל, נאָר ר' מרדכיס שטילער אונטערברומען און דאָס קלאַפּן פון די שפּיזלען האָבן זיך געהערט. אין דרויסן האָט געברענט דער פראָסט, אָבער אין הויז איז געווען וואַרעם פון דער אָנגעהייצטער הרובע. פּלוצלונג גיט זיך א פראַל אויף די טיר און צוזאַמען מיט וואָלקנס קאַלטער לופט וואָס האָט אלץ איינגעהילט איז אין הויז אריינגעפאלן אן ארומגעוויקלטע פרויען פיגור. זיי זיינען אויפגע־שפּרונגען פון זייערע ערטער מיט אן אויסגעשריי : — ווער איז דאָס ? . . איז עס ? . . — ש־ש־ש־א־א־א ! כ'בעט אייך שרייט ניט ! . .

— נאסטיא ! — האָט ר'מרדכי אויסגעשריען, — וואָס דארפסטו דאָ ? . .

— האָט רחמנות, ר' 'מרדכי, רופט מיך ניט נאסטיא, ביילע־גישע איז מיין נאָמען . . . פארשאָלטענע ביילע־גישע. איך בין געקומען צו אייך נאָך הילף. אויב איר האָט גאָט אין הארצן, העלפט מיר — ראַטעוועט מיך פון אן אומגליק, אויב ניט וועל איך זיך א מעשה אָנטאָן . . . איך קאָן עס

מער ניט אויסהאלטן! . . כ׳וויים כ׳האב שווער געזינדיקט קעגן גאָט און קעגן מיין טאטע־מאמע, אָבער גלויבט מיר, ר׳ מרדכי, כ׳האב שוין פאר מיינע זינד טייער באצאָלט און צאָל נאָך. די קלעפּ וואָס איך קריג פון אים נעם איך צו פאר ליב, אלס כפרה פאר מיינע זינד. אָבער דאָס קינד, דאָס אומשולדיקע עופהלע, רייסט מיר מיין הארץ. עס איז מיין בלוט און פלייש און עס ליידט נעבעך אומשולדיק. איז יעדער מאָל וואָס איך נעם עס אָנזויגן שווידערט עס מיך אויף. רבש״ע, וואָלט איך בעסער א מיתה־משונה איינגע־נומען ,איידער איך האב דאָס געטאָן. אָט ווי איר זעט, ווער איך אין צווייען צעריסן, כ׳בין דאָך אַן אומגליקלעכע מאמע, ס׳הארץ ווערט מיר מיט בלוט פארגאָסן ווען איך קוק אויפן קינד וואָס איך האב אונטער מיין הארצן גע־טראָגן. אָבער יעדער מאָל ווען איך גיב עס זויגן פיל איך ווי פון א שלאַנג געביסן. אָ, גאָט דערבארעמדיקער! אָדער נעם מיך צו פון דער וועלט, אָדער שיק מיר דיין מלאך צו הילף! . . — און מיט א הארץ־רייסנדיק געוויין איז זי א פאל געטאָן צו ר׳ מרדכין צו די פיס, — ראטעוועט! . . העלפט! . .

ר׳ מרדכי האָט זי אויפגעהויבן, אוועקגעזעצט זי אויף א שטול און געהייסן איר דערלאַנגען דערווייל אביסל קאלט וואסער. ווען זי איז צו זיך געקומען, האָט ער איר דערקלערט מיט וואָס פאר א געפאַרן אזא אונטערנע־מונג איז פארבונדן. ניט נאָר פאר אים אליין, וואָס אויב מען זאָל אים כאפּן קען ער קריגן היבשע עטלעכע יאָר ״ארעסטאנטסקי ראָטע״, נאָר עס איז אויך א גרויסע געפאר פאר דער זיכערקייט פון אלע שטעטלדיקע יידן. איוואַן מיטן גלח וועלן אויפרייצן דאָס גאנצע דאָרף קעגן די יידן און גאָט ווייסט מיט וואָס אזא שפּיל קאָן זיך אויסלאָזן. דעריבער מוז מען האנדלען זייער פאר־זיכטיק. לייגן די פּלענער זייער געלאָסן און מיט גאָטס הילף וועט מען ״זי״ שוין ווי ניט איז ארויסראטעווען. דערווייל האָט ער איר געראטן צו גיין באלד אהיים, ווייל עס ווערט שוין שפּעט, און זי זאָל זיך אָנשטרענגען צו ווייזן א פריילעך פּנים פאר ״אים״, ווי אין די אמאָליקע ציימן, כדי צו פאר־טרייבן יעדער חשד.

— איך קאָן אָבער ניט, ר׳ מרדכי!

— דו מוזסט! גיי אהיים און געדענק וואָס איך האב דיר אָנגעזאָגט. פארליר ניט דעם בטחון! . .

ר׳ מרדכי האָט דורך א שליח מיוחד אָנגעזאָגט אין סיעלעץ וועגן וואָס עס האנדלט זיך און האָט פארלאַנגט אז מען זאָל אים פון דאָרט צושיקן א באגלויבטן מענטשן און ניט קיין שרעקנדיקן יינגל. פון איר משפחה זאָל קיינער ניט קומען. באלד אויף מאָרגן איז געקומען אָרליק סעליצער, א יונגערמאַן, ענערגיש און אומדערשראָקן. און ער האָט עס (ווי מיר האָבן גענען פון אָנפאנג) אזוי היציק איינגעטענהט מיט ר׳ מרדכין, אז ער איז דער איינציקער וואָס קען דורכפירן אזא געפערלעך שטיקל ארבעט . . . ער באזיצט די געהעריקע קאלטבלוטיקייט און איבערגעלייגטקייט, ווי אויך די שטארקייט אויסצודרייען זיך אין אַן עת־צרה.

ר׳ מרדכי האָט אים אויסגעהערט געלאָסן און האָט אים בארוזיקט, אונטערנעמענדיק זיך אויסצופירן די ריזיקאלישע אונטערנעמונג מיט גאָטס הילף. און טאָקע באלד אויפן פּלאַץ איז אויסגעארבעט געוואָרן א פולשטענ־דיקער פּלאַן ווו אָרליקס אויפגאבע איז געווען צו באזאָרגן די נויטיקע פערד און שפּאַן, און צוגרייטן עס אויף די באשטימטע סטאנציעס צו דער באשטימ־טער צייט.

אָרליק האָט געהאט א מחותן אין טשעטשערסק, א וויאַרסט נייציק פון פּאָפּאָווא־גאָרא, זייער א באגלויבטע פּערזאָן. מיט אים האָט מען זיך

פארבונדן און ער האט זיך אונטערגענומען אויסצובאהאלטן זי ביי זיך אויף ווי לאנג עס וועט נויטיק זיין, ביז דער שטורעם וועט פאריבער, אבי מ׳זאל נאר בשלום זי ברענגען צו אים. און דאס איז געפאלן אויף ר׳ מרדכין.

ר׳ מרדכי האט, ווי געזאגט, צו גוט געוווסט די געפארן פון דער אונ־טערנעמונג. דער גלח וועלכער איז געווען א שטארקער חשוב ביים "ארכיע־רעי", וועט זיכער וועלטן איבערקערן אויסצוגעפינען זי און אז דער חשד וועט פאלן אויף ר׳ מרדכין — אין דעם איז ער געווען זיכער. דאריבער האט ער אליין אויסגעקליבן זיינע מיטהעלפער באגלויבטע, מוטיקע יונגעלייט און האט באשטימט פיר סטאנציעס ווו גוטע פערד מיט א גרייטן שפאן זאלןווארטן צו דער באשטימטער צייט. אויב עס זאל זיך מאכן אז אימעצער וועט פרעגן, ווער פארט אזוי ? איז דער ענטפער : מ׳פירט א חולה מסוכן צום דאקטאר.

עטלעכע וואכן שפעטער, אין א געוויסן ווינטער־אוונט, האבן זיך ביי ר׳ מרדכין אין הויז פארזאמלט זיינע מיטהעלפער, וועלכע האבן אפגעגעבן א פולן באריכט וואס עס איז אויפגעטאן געווארן און האבן באקומען די לעצטע נויטיקע אינסטרוקציעס. דאן איז ר׳ מרדכי אוועק אין שול דאווענען מעריב. נאך מעריב האט מען נאך געלערנט א שטיקל מדרש און מ׳איז אוועק אהיים.

אין דער היים האט שוין ר׳ מרדכי געטראפן איינעם פון די יונגעלייט און האט אים א פרעג געטאן : — נו ? . .

— ביים מיל, — איז געווען דער קורצער ענטפער.

— גיי, זע זי זאל זיין אין צייט אויפן פלאץ, — איז געווען די לעצטע אינסטרוקציעס, — און ר׳ מרדכי האט זיך געזעצט צו דער געגרייטער וועטשערע.

נאכן בענטשן האט ער געשיקט רופן דעם "בעל־גוף" און ווען יענער איז אריין מיט א ברייטן "דאברי וועטשער", האט אים ר׳ מרדכי געוויזן א שפאלט אין דער הרובע, בעטנדיק אים אז ער זאל למען השם ניט פארגעסן צוגרייטן אביסל לייט און זאל מארגן גאנץ פרי קומען עס פארשמירן, אויב ניט קאן נאך חלילה די שטוב זיך אנצינדן. זיי האבן נאך אביסל געשמועסט. דער זייגער איז שוין געווען נאך אכט. דער גוי האט א געשמאקן גענעץ געטאן איבערצלמענדיק דאס מויל און האט פויל ארויסגעזאגט : "פארא ספאט", און האט באלד צוגעגעבן : "דאברע, מאטל אבראמאוויטש, פרידו" און איז אוועק.

— רחל־לאה, האסטו אלץ צוגעגרייט פאר מיר ? — האט ר׳ מרדכי געפרעגט זיין ווייב, באלד ווי דער גוי איז ארויס.

— אט דא איז אלץ, — האט זי געזאגט, און מיט פארשטיקטע טרערן צוגעגעבן, — היט זיך, מאטיע ! . . פארגעס ניט דו ביסט א טאטע פון קינדער.

— יידענע, ניט געזארגט, מיר האבן א שטארקן גאט ! . . וויים נאר ווי צו האלטן ס׳מויל. האסט גארניט געהערט, גארניט געזען . . .

מיט די רייד האט ער זיך אנגעטאן אין דער שווערער, לאנגער "בור־קע" מיטן גרינעם גארטל, ווארעמע "וואלענקעס" און איבער די אויגן א שווערע שמוישענע קוטשמע. הינטערן גארטל פארשטעקט א גוטע פון רימען געפלאכטענע בייטש. אין דעם הולך האט ער געכאפט דעם אנבליק פון א ריכטיקן "מאסקאל".

— דו גיי באלד שלאפן. צו פארטאג צו האלט דיינע אויערן אפן . . . א גוטע נאכט, — און א קוש טוענדיק די מזוזה, איז ער ארויס אין דער געדיכטער פינצטערער נאכט.

דער פראסט האט געברענט ווי מיט פייער. פינצטער איז געווען,

כאַטש שטעהט אַן אויג און דער טונקל־בלויער הימל־געוועלב איז געווען צע־שאָטן מיט מיליאָרדן פינקלענדיקע שטערנדלעך. דאָס דאָרף איז שוין כמעט געשלאָפן, פאַרזונקען אין טיפן שנײ, נאָר פון אַלע קוימענעס האָט געשפּאַרט א גערדיכטער רויך.

ר׳ מרדכי האָט מיט זיכערע טריט געשפּאַנט און דער שנײ האָט הילכיק געסקריפּעט אונטער זײַנע טריט. די בלוטן האָבן זיך געשפּילט אין אים און ער האָט געפילט אַז קיין זאַך וועט אים ניט אָפּשטעלן דורכצופירן די געוואַגטע אונטערנעמונג — צו ראַטעווען אַ יידישע טאָכטער פון שמד.

אין וועלדל בײַם מיל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך צוגעהערט און האָט א שטילן פייף געטאָן.

— ר׳ מרדכי ? — יאָ, איז זי שוין דאָ ? — נאָך ניט. — וועלן מיר וואַרטן א ווײַלע . . .

די מינוטן האָבן זיך ווי שעהן געצויגן און ווי יאָרן. די פערד זײַנען דורכגעפראָרן שטײענדיק אויף איין אָרט און זײַנען געוואָרן שטאַרק אומרויִק, געפּאַרשקעט קלאַפּנדיק מיט די פיס דאָס האַרט־געפראָרענע שנײ. ס׳האָט אַזוי הילכיק אָפּגעקלונגען אין דער שטילער נאַכט, אַז זײ האָט זיך געדוכט אַז דאָס גאַנצע דאָרף וועט זײ דערהערן. וויפל מאָל האָט זיך דער יונגערמאַן געריסן לויפן זי זען, אָבער ר׳ מרדכי האָט אים צוריקגעהאַלטן.

ענדלעך האָבן זײ דערהערט טריט אַרום מיל און באַלד א שטילן פייף.

— פּייוויש ? — יאָ. — מיט איר ? — יאָ.

ווען זײ זײַנען צוגעקומען האָט זי זיך קוים געהאַלטן אויף אירע פיס.

— וואָרום אַזוי שפּעט ?

— די כפרה זאָל זי ווערן, איר אַלטע שוויגער. ווי צו להכעיס האָט זי זי פון אויג ניט אָפּגעלאָזן. ס׳קינד ניט געקאָנט מיטנעמען פאַר קיין פאַל. און דאָ רײַסט דאָס האַרץ קוקנדיק אויף איר. איר הערט ווי זי שטיקט זיך פון געוויין ? . .

— חברה, זעצט זי אין שליטן !

אין אַן אויגנבליק איז זי שוין געווען פאַרפּאַקט אין דער היי און ר׳ מרדכי האָט שוין געהאַלטן די לייצעס אין די הענט :

— א גוטע נאַכט חברה, געדענקט ! . . טויב און שטום ! . .

א קנאַל מיט דער בײַטש און די אומרויִקע פערד האָבן זיך א טראָג געטאָן און זײַנען פאַרשלונגען געוואָרן פון דער נאַכט.

מיט עטלעכע שעה שפּעטער, טיף אין דער נאַכט אַרײַן, איז צו א קליינעם ״פּאָלוואַרעק״, א וויאָרסט צוואַנציק פון פּאָפּאָווא גאָראַ, צוגעפאָרן א שליטן געשפּאַנט מיט א פּאָר פערד פון וועלכע עס האָט געזעצט א פּאַרע ווי פון א לאָקאָמאָטיוו און אײַנגאַנצן באַדעקט מיט פראָסט. א טיר האָט זיך באַלד געעפנט און אימעצער האָט אויסגערופן : ר׳ מרדכי ?

— יאָ, אַלץ איז אין אָרדענונג. נעם צו די פערד אין שטאַל און דעק זײ גוט צו. ניין, ניט אויסשפּאַנען.

ר׳ מרדכי אין שוין געווען אויף די פיס און האָט ״איר״ געהאָלפן אַרויס פונם שליטן. אויף די הענט האָט ער זי געמוזט אַרײַנטראָגן אין שטוב, אַזוי מאַכטלאָז איז זי געווען.

נאָר איין שעה אָפּגערוט די פערד, דערוואַרעמט זיך אביסל. א פּאָר פרישע פערד האָבן שוין, אין שליטן געוואַרט אין דרויסן מיט אַן אַנדער טרייבער. ר׳ מרדכי האָט זײ אַליין אויסגעריכט, געבנדיק דעם טרייבער אויספירלעכע אינסטרוקציעס, ער זאָל די פערד ניט זשאַלעווען און קיין צייט ניט פאַרלירן בײַם בײַטן די פערד אא״וו. אַזוי שנעל ווי דער שליטן איז

פארשווונדן, האָט ר׳ מרדכי געהייסן שפּאַנען די פּריעריקע פּאָר פערד, וועלכע האָבן זיך עטוואָס אויסגערוט און מיט א "גוטע נאכט" צום באַלעבאָס פון "פּאָלוואַרעק", האָט ער פאַרקירעוועט צוריק אהיים . . .

אויף מאָרגן גאַנץ פרי איז געקומען דער בעל־גוף צו פאַרריכטן די הרובע און האָט געטראָפן ר׳ מרדכין מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם, גרייט צו גיין. אין שול אריין דאַווענען.

— אַזוי פרי גייט איר זיך "מאָליען"? — האָט זיך געוווּנדערט דער גוי

— "דאַ", סטעפאַן טימאָפּעיעוויטש. מיר, יידן, מוזן לויבן גאָט פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט און אַמאָל דורך דער נאַכט.

— "טאַק, טאַק דאָברע" ,— האָט דער ערל געענטפערט.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט זיך איוואַן ראַמאַנאַק אריינגעריסן צו ר׳ מרדכין אין הויז ווי א ווילדע חיה מיט שום אויף די ליפּן און האָט מיט רציחה אויסגעשריען טייטלענדיק מיטן פינגער: — דו, דו האָסט מיין ווייב צוגענומען און באַהאַלטן, ווו איז זי ? . .

ר׳ מרדכי האָט אים רויק אויסגעהערט און גאַנץ געלאַסן געענט־פערט: — "זנאַט ניע זנאַיעם"!

— "כאַראַשאָ, פּאַבאַטשים!" איך זאָג דיר, אז בלוט וועט זיך גיסן. אויב דו וועסט מיר מיין ווייב ניט אומקערן! — און איז ווי א משוגענער ארויסגעלאָפן פון הויז צוהאַקנדיק די טיר, אז דאָס הויז האָט אויפגעציטערט.

דאָס שטעטל איז ארומגעגאַנגען אויף רעדלעך. אין שול און להבדיל אין מרחץ, וווּ נאָר א פּאָר יידן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן, האָט מען זיך גע־סודעט און געשמועסט וועגן דער פאַרשווונדענער משומדת. קלאַנגען האָבן זיך אומגעטראָגן, אז דער גלח רייצט אויף די גויים און די יידן האָבן זיך גע־פּילט אומהיימלעך. אָבער קיינער האָט ניט געוווּסט וווּ זי איז פאַרפאַלן געוואָרן.

א געוויסן טאָג האָט מען ר׳ מרדכין ארויסגערופן צום פּריסטאַוו אויף א "דאָפּראָס", אָבער אָן רעזולטאַטן. ביים געריכטלעכן פאַרהער זיינען פיל עדות אויסגעהערט געוואָרן, אויך סטעפאַן, און ער האָט געשוווירן, אז אין דער נאַכט פון "איר" פאַרשווינדונג איז ער אַליין געווען ביי מאַטלען אין הויז ביז שפּעט אין אָוונט און אויף מאָרגן גאַנץ פרי אויך, און ער האָט מאַטלען ביידע מאָל געזען אין דער היים. צו פאַרדאַנקען דעם עדות איז ר׳ מרדכי פריי־געלאָזן געוואָרן. א צייט לאַנג נאָך דער אויספאָרשונג, האָט מען ניט אויפגעהערט צו זוכן, אָבער אָן רעזולטאַטן — זי איז ווי אין וואַסער אריין.

מערערע מאָל דורכן וואָך פלעגט איוואַן אריינפאַלן צו ר׳ מרדכין אין הויז א שיכורער און ווילד, מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן, שרייענדיק און שילטנדיק:

— עך מאַטל, מאַטל ! . . "פּאַהוביל טי מענע"! . . — און פלעגט א פאַל טאָן צו דער ערד מיט א שרעקלעכן יאָמער. פון דאַן אָן האָט מען אים זעלטן ווען געזען ניכטער. ביז איין טאָג האָט ער באַשלאָסן צו גיין זוכן זי איבער דער וועלט. מער האָט מען פון ניט געהערט . . .

דאָס קינד איז איבערגעבליבן מיט זיין מוטער, איז אויסגעוואַקסן א בליענדיקע שיקסע, געראָטן אין דער מאַמען. די באָבע האָט זי דערצויגן מיט גרויס שנאה צו יידן . . .

מיט פיל יאָרן שפּעטער האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען, אז ביילע־גישע לעבט, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלמן און איז א פרומע, כשרע יידענע — אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן . . .

דר. לאָקשאַ

„ווניז פּאָ מאַטושקע,
ווניז פּאָ וואָלגע . . . ”

די קלאַנגען פון דעם אַלעמען גוט באַקאַנטן רוסישן כאָר־ליד, האָבן אָפּגעהילכט איבער די ברודיקע ברעגן פון דעם טייכל בעסיד אָסיען־צייט, פון אַ כאָפּטע האַלב־שיכורע „פּריזיוּוניקעס”, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן „פּאַראָם” וועלכער האָט פאַרבונדן די דערפער פּאָפּאָוואַ־גאָרא, וועלכע (ווי עס איז צו זען פונם נאָמען) איז געווען צעלייגט אויפן באַרג און דאָס דאָרף שירקע וועלכעס איז געווען צעשפּרייט אויפן נידעריקן פלאַכלאַנד אויפן צווייטן ברעג.

אַ דיקער „קאַנאַט” (שטריק) איז געווען אָנגעצויגן איבער דער גאַנצער ברייט פונם טייך און ציענדיק די שטריק, האָט מען געפירט דעם „פּאַראָם” צו איין אָדער דעם אַנדערן ברעג.

ווי עס איז אַלעמען באַקאַנט, איז דער דאָרפישער שייגעץ בכלל געניומען אַ שעמעוודיקע און צוריקגעהאַלטענע בריאה. „פּריזיוו”־צייט אָבער ווערט אַט דער זעלבער שייגעץ פאַרוואַנדלט אין גאָר אַן אַנדער באַשעפעניש. קיין קרומער איז צו אים ניט גלייך . . . ניט נאָר איז עס אויס מיט זיין שעמעוודיקייט און צוריקגעהאַלטנקייט, נאָר אַפילו ניכטערערהייט איז ער אַראָגאַנט און חוצפּהדיק, און ווער רעדט נאָך אַז ער מאַכט אַ שנעפּסל (דאָס טוען זיי כסדר דורך דער צייט פונם „פּריזיוו”), דאַן ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ חיה. די „פּריזיוּוניקעס” פון איין דאָרף הערן זיך ניט אויף צו שלאָגן מיט די „פּריזיוּוניקעס” פון אַן אַנדער דאָרף, אָבער דער אמתער שעיר לעזזל איז אַלע־מאָל געווען דער ייד.

דער ייד ביי אונדז האָט אויסגעקוקט די אויגן אַ גאַנץ יאָר פאַר דעם „פּריזיוו”. אונדזער „וואָלאָסט” האָט אונטער זיך אַריינגענומען אַן „אָקרוג” פון צענדליקער דערפער. יעדער דאָרף פלעגט שיקן אירע „פּריזיוּוניקעס” מיטן „סטאַראָסטאַ”, אָדער „סטאַרשינאַ” צו אונדזער „וואָלאָסט”, אַזוי אַז די פּאָר „פּריזיוו” וואָכן זיינען געווען אַן אמתער יאַריד און די יידן פלעגן פאַרדינען גאַנץ גוט. הערפאַר אָבער פלעגט אָפט מאָל פּאַסירן, אַז די פּאַרדינסטן פלעגן אויספאַלן „באָקאָם”... ניט ביי איין יידן האָבן די „פּריזיוּוניקעס” צעטראָגן דאָס קרעמל און ער אַליין האָט באַדאַרפט בענטשן גומל וואָס ער איז אַרויס מיט גאַנצע ביינער. ווייל ניט זעלטן האָט ער אויך געקראָגן די ביינער צע־בראָכן.

דער „פּאַראָמשטשיק” איז געשטאַנען אויף דעם באַרגיקן ברעג און ער האָט זיך צוגעקוקט פון דער ווייטנס, ווי דער „פּאַראָם” דערנעענטערט זיך צום ברעג. זיין זינדל האָט דעם דאָזיקן מאָל געקירעוועט מיטן „פּאַ־ראָם” און ער איז דאָס געשטאַנען און געקליבן נחת אי פון זיין זון און פון דעם ליד וואָס די „כלאָפּצעס” האָבן אַזוי „ראַזגולנע” געזונגען און דאָס ווינטל האָט עס אונטערגעכאַפּט און צעטראָגן די קלאַנגען איבער באַרג און איבער טאָל.

פלוצים איז דאָס געזאַנג איבערגעריסן געוואָרן און אַ טומל האָט זיך דערהערט. דער "פּאַראָמשטשיק" האָט זיך אָנגעשטרענגט צו כאַפּן אַ וואָרט פון דעם געפּילדער, אָבער ס'איז אַביסל צו ווייט געווען. פּלוצלונג האָבן זיך צעטראָגן אייַנצלנע אויסגעשרייען :

— "העי, כלאָפּצי" ! לאָמיר אַריינוואַרפן דעם זשיד אין וואַסער אַריין ! . . . ס'וועט זיין שיין צו זען ווי דער ייד וועט זיך עם אָפּטוקן אין דעם קאַלטן וואַסער און וועט שרייען — טאַטעלע ! . . מאַמעלע ! . .

צענדליקער געזונטע הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט און זיי האָבן ברוטאַל אַ נעם געטאָן דעם אַלטיטשקען, גרויען און איינגעשרומפּענעם "זשי־דאָק" און זיי האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון זיין פּאַיעטאָן, ניט אַכטנדיק אויף די פּראָטעסטן פון זיין "קוטשער" און דעם געבעט פונם "פּאַראָמשטשיקס" זינדל, וועלכער האָט זיי געוואָרנט אַז זיי וועלן זיך אויסריכטן אַ שוואַרצן סוף, אויב זיי וועלן אָנרירן דעם אַלטן, וועלכער איז ניט קיין אַנדערער ווי דר. לאַקשאַ.

די שקצים האָבן געהירזשעט ווי יונגע "זשערעבצעס" און זיי האָבן געלאָזט וויסן, אַז אויב ער, דעם "פּאַראָמשטשיקס" זינדל, וועט ניט אַנטשוויגן ווערן , וועלן זיי אים אויך אָפּטוקן אינם קאַלטן וואַסער.

— הא, וואָס זאָגט איר עפּעס "כלאָפּצי" ? — האָט זיך אָפּגערופן אַ שייגעץ אַ "כוואַט".

— ווי געפעלט אייך עפּעס אַ דר. לאַקשאַ ? אַזאַ הינטישער זון ! . . פאַרגלייכט אָט דעם "פּאַרכאַטן זשיד" צו דר. לאַקשאַ ! . . וואָס שטייט איר גלאָמפּן ? נעמט אים ! . .

אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן. עס איז געוואָרן אַ מענטשן קנויל, מיט קולות און געשרייען — אַ מיש־מאַש . . .

דער "פּאַראָמשטשיק" איז געוואָרן בלייך ווי טויט, ווען ער האָט עס דערהערט. ער האָט אייַנגעזען דעם שרעקלעכן טעות וואָס חברה מאַכן דאָ. ווייל איידער דער "פּראָם" איז אָפּגעשוווּמען פון יענעם ברעג, האָט ער פון דער ווייטנס דערקאָנט דעם אַלטן און אָפּגעריבענעם פּאַיעטאָנטשיק, מיט די אויסגעקראָכענע פּאָר פערד, מיטן כריפּענדיקן גלעקל וואָס יעדער איינער אין אונדזערע מקומות האָט צו גוט געקאָנט — אַז דאָס איז דר. לאַקשאַס געשפּאַן.

זעענדיק די געפאַר און ציטערנדיק פאַר זיין אייגענער פעל, האָט ער געכאַפּט אַ שיפּל מיט אַ גרויסער פלאַש "וואָדקאַ" און ער האָט זיך געלאָזט צום "פּאַראָם". ווען ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן "פּאַראָם", האָט שוין די צעיושעטע באַנדע געהאַלטן דעם אַלטן "זשידאָק" ביים אַריינוואַרפן אין טייך. ווי ניט מיט זיין קול האָט ער אויסגעשריען : — "סטאַי כלאָפּצי!"

אַלע האָבן זיך אַ קער געטאָן.

— צו וואָס זיך שמירן די הענט מיטן אַלטן "זשיד"? קומט לאָמיר בעסער מאַכן אַ "לחיים" פאַרן "צאַר באַטיושקאַ" און פאַר אונדזער "מאַטוש־קאַ ראָסיאַ".

חברה, דערזעענדיק די גרויסע פלאַש, האָבן אונטערגעכאַפּט די רייד מיט אַ הוראַ, און זיי האָבן אָפּגעלאָזט דעם האַלב טויטן פון שרעק אַלטן "זשידאָק" און זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער פלאַש.

דער "פּאַראָמשטשיק" האָט איבערגעגעבן די פלאַש צו איינעם פון די שקצים ער זאָל זיין דער שר המשקים און אַליין האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פונם געדראַנג און איז צוגעקומען צום אַלטן, וועלכער האָט געציטערט פון שרעק און צאָרן, און ער האָט אים אייַנגערוימט עפּעס אין אויער, און ער האָט אים געהאָלפן צוריק אַריינזעצן זיך אין דעם פּאַיעטאָן. ער האָט איך אייַנגערוימט עפּעס דעם קוטשער אין אויער. דורך דער צייט האָט זיין זינדל

מיט אלע כוחות געצויגן דעם "קאנאט" און דער "פאראם" האט זיך אלץ נעענטער גערוקט צום ברעג.

ווען דער "פאראמשטשיק" איז צוגעקומען צו דער יובלדיקער חברה, האט שוין דאס פלאש געטאגט און פון ברעג איז נאך געווען ווייטלעך.

— העי, זשיפערס! וואס האט איר זיך צעזשליאקעט ווי די חזירים, זינגען דארף מען דען גארניט, הא? — און ער האט גלייך פארצויגן דאס טרויעריקע ליד:

"פאסלעדני נינעשני דעניאטשעק...

"א זאווטרא יעדו יא אט וואס...

חברה האט מיט התלהבות אונטערגעכאפט דאס ליד און די ברעגן האבן ווידער אפגעהילכט פון די רויע אבער קרעפטיקע און קלינגענדיקע שטימען...

דער "פאראם" איז אונטער די קלאנגען פון דעם ליד צוגעשוואומען צום ברעג און איידער די "פריזיוניקעס" האבן זיך ארומגעקוקט, האט זיך שוין דער נעשפאן מיטן "זשידאק" געטראגן איבערן טייך ברעג ווי פון טייוואלים געיאגט.

"יעווא וויסאקאראדיע" דר. לאקשא איז אויסער וואס ער איז געווען אן אנגעזעענער און הויך-געאכטעטער דאקטאר אין ציווילן לעבן, איז ער אויך געווען אין רעגירונגס-דינסט אלס מיליטערישער דאקטאר מיטן ראנג פון א גענעראל. אויסער דעם וואס ער איז געווען א משומד איז ער בכלל געווען אן אויסטערלישער טיפ, א גרויסער עניו און זייער באשיידן, און א גוואלדיקער שונא בצע. ער האט קיינמאל און ביי קיינעם קיין שוחד ניט גענומען, כאטש פון דעם אליין וואלט ער געקאנט זיין א גרויסער גביר, ווי פיל אנדערע פון זיין קלאס.

זיין אפשטאם און זיין יוגנט איז געווען פארהילט אין א נעפלהאפטן שלייער. אין אונדזערע מקומות האט ער זיך באוויזן נאך אלס יונגערמאן, מיט זיין שווארץ-חנעוודיקער פרוי, וועלכע האט געהאט א שטארקע ענלעכ־קייט צו דער מוטער שרהס טעכטער. ער אליין האט געמאכט דעם איינדרוק פון אן אויסגעדארטן ישיבה-בחור. טונקל, קליין-געוויקסיק און דאר. א פאר־שפיצטע, עטוואס אויסגעבויגענע נאז, מיט פענסנע, א שפיציק צוגעשארן בערדל און אויגן בלישטשענדיקע און דורכדרינגענדיקע. שטענדיק ערנסט, זעלטן ווען מיט א שמייכל אויף די ליפן.

דער ישיבה-בחורשער איינדרוק איז פיל פארשטארקט געווארן מיט זיין רעדן. עס איז געווען אן אמת געטא-יידישער אקצענט אין זיין רוסיש ריידן. ווי צ"ב: "באראסענקי צילאוועציק" און ד"ג אזעלכע קלינגענדיקע אויסדרוקן, האט ער אזוי אויסגעשפראכן. אז ער האט שרעקלעך געליטן צוליב דעם, איז אויסער צווייפל. אבער באפרייען זיך פון דעם פעלער האט ער פאר קיין פאל ניט געקאנט.

כאטש דאס שטעטל סוראזש, וווּ ער האט געוווינט, איז געווען כמעט אינגאנצן א יידיש שטעטל, האט ער דאך מיט די יידן קיין מגע און משא ניט געהאט. אנפאנגס האט מען אים געהאלטן פאר א גרויסן אנטיסעמיט, א ראיה לדבר, אז ער האט זיך קאטעגאריש אנטזאגט צו "נעמען אין יד"... קיין איין רייכן טאטן איז קיינמאל ניט געלונגען ארויסצוראטעווען זיין זון פון "גויישע" הענט ווען דר. לאקשא איז געווען ביי דער "פריאמקע". ער האט גאר אפילו קיינעם ניט געלאזט צו ריידן מיט אים וועגן אזעלכע אנגעלעגנהייטן.

מיט זיין גאנצער צוריקגעצויגנקייט, האט מען דאך אויף אזויפיל געקאנט דערגיין פון זיין פארגאנגענהייט, אז זיינע גאונישע פעיקייטן האבן אים ענג געמאכט אין די ענגע בית-מדרשדיקע ווענט און נאך די געוויינלעכע

פּלאָגעניש און ליידן, האָט ער זיך ארויסגעריסן און ער האָט זיך ארויפגעוואָרפן מיט גרויס דאָרשט צו טרינקען פון די וועלטלעכע וויסנשאַפטלעכע קוואַלן. עס איז זיך לייכט פאַרצושטעלן וויפל צרות ער האָט געמוזט אויסשטיין, בפרט מצד דער רוסישער ביוראָקראַטיע, וועלכע האָט פון אים שטענדיק געחוזקט איבער זיין צעהרגעטן רוסיש, און ניט איין מאָל דורכגעוואָרפן אים ביי די עקזאַמענעס צוליב דעם.

אָבער זייענדיק א זון פון דעם עם־קשי־עורף, האָט ער זיך מיט א גוואַלדיקער פאַרביטערטקייט איינגעשפּאַרט דורכצוברעכן אַלע צאַמען צום קוואַל נאָך וועלכן ער האָט געדאָרשט. ער האָט זיין ציל דערגרייכט, אָבער ער האָט פאַר דעם באַצאָלט זייער א טייערן פּרייז . . .

דאָס רודפן האָט זיך געענדיקט מיטן שמד — און האָבנדיק געוויסע פּראָטעקציעס, האָט ער מיט זיין פרוי אריינגעוואָרפן זיך מיט לייב און לעבן צו גרייכן הויכע הויכקייטן אין זיין קאַריערע.

זיין דאָקטאָר דיפּלאָם האָט ער געקראָגן מיט גרויסע אויסצייכענונגען און נאָך א קורצער פּראַקטיקע אַלס פּריוואַט דאָצענט, ווו ער האָט זיך ארויסגעוויזן אַלס גרויסער ווייסער, איז ער רעקאָמענדירט געוואָרן צו דער רעגירונג און ער האָט געקראָגן דעם אַמט אַלס רעגירונגס מיליטער דאָקטאָר.

וואָלט ער אין זיך פאַרמאָגט א קליינלעכע נשמה, ווי די מייסטע רוסישע טשינאָווניקעס, וואָלט ער אָנגעשפּאַרט גאָר הויך, אָבער אפילו מיט זיין אויסערגעוויינלעכער ערלעכקייט, האָט ער אויך דערגרייכט דעם הויכן ראַנג פון גענעראַל, בלייבנדיק אַן אָרעמאַן.

מיט דער צייט איז זיין שנאה צו יידן (צוליב זיין אייגענער פיזיאָנאָמיע, ווי אויך צוליב זיין שפּראַך) אָפּגעקילט געוואָרן, כאָטש ער האָט זיין גאַנץ לעבן געליטן צוליב דעם, און כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט ארויסגעוויזן קיין וועלכע ס'איז התקרבות צו יידן, האָט ער זיי אָבער אויך ניט גערודפט.

אַלס מיליטערישער דאָקטאָר איז ער יאָרן לאַנג געווען דער הויפּט פון דעם גאַנצן "סטאַראָדובער אָקרוג". ביי אַלע "פּריסוטסטוויעס" איז ער געווען דער וויכטיקסטער מיטגליד און זעלטן ווען ער איז געגאַנגען מיליטעריש געקליידעט(דערפאַר האָט זיך גענומען דער טעות פון די שקצים וואָס האָבן אים געוואָלט אריינוואָרפן אין טייך), אפילו ביים "פּריאָמקע" פלעגט ער קומען ציוויל געקליידעט, נאָר מיט א פולער ברוסט מעדאַלן.

אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק פלעגט מאַכן זיין דערשיינען אין "פּריסוטסטוויע". . . א גרויסער, רייך אויסגעשטאַטעטער צימער, מיט פאָרטרעטן פון דעם צאַר, זיין פאָטער און פון דער צאַרינע אין פולן וווקס; ארום א גרויסן טיש זיצט "נאַטשאַלסטוואָ", אויסגעפּוצט אין די רייכסטע מיליטערישע אָנצוגן, מיט גאָלדענע "לאַמפּאַסן" און שווערע עפּאָלעטן; געגילדעטע "גאַלונען" מיט מעדאַלן אויף דער ברוסט און קלינגענדיקע שווערדן ביים זייט. אויבן־אָן דער "פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטוואָ", לעבן אים פון זיין זייט דער "איספּראַווניק", ביי דער אנדערער זייט דער "זעמסקער", עס פעלט אויך ניט קיין "סטאַטסקי סאָוועטניק", — די קלענערע, ווי דער "פּריסטאַוו", "אוריאַדניקעס", געהילף־דאָקטוירים א"א זיינען געשטאַנען גרייט צום קלענסטן באַפעל פון די גדולים.

אָט גיט דער סאָלדאַט ביים טיר אַן אויסגעשריי : — "יעוואָ וויסאָקאָראָדיע" דר. לאָקשאַ ! . .

אויפן שוועל באַווייזט זיך די קליינע און דאַרע פיגור, מיט דעם גרוי, ארומגעשאָרן בערדל, אין א שוואַרצן, שטייף־פאַרקנעפּלטן סורדוט.

די גאַנצע ״פּריסוטסטוויע״, ווי איין מענטש, גיט זיך אַ שטעל אויף די פֿיס מיט אַ מיליטערישן סאַלוט און וואַרט ביז ער וועט מיט זיינע דראָבנע, אָבער גיכע טריטעלעך צוקומען צום טיש און פֿאַרנעמען זיין פּלאַץ.

די ״פּריאָמקע״ הויבט זיך אָן. איינעם נאָכן אַנדערן פֿירט מען דורך די ״פּריזיוווניקעס״. אין אַ דערבייאיקן צימער, ווערן זיי אויסגעטאָן מוטער נאַקעט און ווערן אונטערגעזוכט ביי צוויי געהילף־דאָקטוירים, וועלכע ברענגען צו די פֿאַרצייכנטע פּאַפּירן צו דר. לאָקשאַ דורכצוקוקן. נאָר אין אויסנאַם־פֿאַלן מאַכט ער אַליין אַן אונטערזוכונג. בכלל געגומען זיינען די אויגן פֿון גאַנץ ״נאַטשאַלסטוואָ״ געווענדעט צו אים. טויזנטער הערצער שלאָגן מיט אַן אומרויִקן טעמפּאָ, וואַרטנדיק אויף זיין לעצטן וואָרט.

— ״גאָדיען״! . .

— ״ניעגאָדיען״! . . .

קורצע ווערטער. אָבער וויפֿל פֿרייד אָדער טרערן האָבן זיי מיט זיך געטראָגן. ווייניק ברכות, אָבער אַ ים מיט קללות, האָבן זיך יערלעך אויף זיין קאָפּ געשאָטן . . .

אַלס ביישפּיל פֿון זיין אויסערגעוויינלעכער ערלעכקייט איז אינטערעסאַנט דער פֿאָלגנדיקער אינצידענט: מען פֿירט אַריין צוויי ״פּריזיוווניקעס״ — צוויי ריזן — רייך געקליידעט. זיי גייען מיט זיכערע און רויִקע טריט: מיט שמייכלענדע בלוט און מילך שפּריצנדע געזיכטער . . . און וואָרום זאָלן זיי ניט זיין אַזוי זיכער? האָבן דען זייערע טאַטעס, די צוויי רייכסטע קלינציער פֿאַבריקאַנטן, ניט איבערגעקערט וועלטן? . . האָבן זיי דען ניט געשאָטן מיט געלט אונטערצוקויפֿן די גאַנצע ״פּריסוטסטוויע״, פֿון קליין ביז גרויס? . . דער איינציקער ביין אין האַלדז איז געווען דר. לאָקשאָ — האָט מען אים אויך אָפּגעסמט . . .

אמת טאַקע, ס׳איז ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען, מען האָט געמוזט אָנווענדן פֿיל שתדלנות און דיפּלאָמאַטיע, און צו דעם אַלעם — אַ צען טויזנט רובל, אָבער דאָך אָפּגעסמט . . . וואָרום־זשע זאָלן זיי ניט זיין זיכער? . .

״נאַטשאַלסטוואָ״ האָט זיך איבערגעוואָרפֿן מיט פֿיל־באַדייטנדע בליקן און האָבן אַרונטערגעלאָזט די אויגן צו זייערע פּאַפּירן אויפֿן טיש. די אונטערזוכונג הויבט זיך אָן. אַלץ איז גוט, ביז . . . עס איז געקומען צום האַרץ. ביידע דאָקטוירים, איינציקווייז, הערן אויס גוט פֿון אַלע זייטן און מאַכן אַ זויערע מינע. עפּעס איז ניט גלאַט מיט זייערע הערצער, ניט נאָרמאַל . . .

ווידער אויסגעקלאַפּט, אויסגעהערט און פֿאַרצייכנט אויפֿן פּאַפּיר, און אים אונטערגעטראָגן צו דר. לאָקשאַ מיט דער באַמערקונג, אַז די הערצער ביי די צוויי ״פּריזיוווניקעס״ זיינען זייער שוואַכע און נאָך זייער מיינונג, קאָנען זיי קיין זעלנערס ניט זיין. דר. לאָקשאַ קוקט דורך געלויפֿיק דעם צוגעטראָגענעם פּאַפּיר, ער הויבט זיך אויף געלאַסן פֿון זיין פּלאַץ, נעמט אַרויס זיין אינסטרומענט פֿון קעשענע, גייט צו צו די ״פּריזיוווניקעס״ און ער הויבט זיי אָן אויסהערן.

גאַנץ ״נאַטשאַלסטוואָ״ וואַרט מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס מיט וואָס די אונטערזוכונג וועט זיך ענדיקן, מורא האָבנדיק צו קוקן איינער אויף דעם צווייטן.

דר. לאָקשאַ לייגט צוזאַמען זיין אינסטרומענט, צעשמייכלט זיך איראָניש און מיט אַ גוט־ברידערלעכן פּאַטש איבער זייערע הערקולעסן פּלייצעס, רופֿט ער זיך אָן מיט זיין צעבראָכענעם רוסיש: — ״כראָסענקיע סאָלדאַציקי, ניצעוואָ!״ — און אַרויסציענדיק אַ פּאָר היבשע פּעקלעך אַסיגנאַציעס און דערלאַנגענדיק עס צו זיי, האָט ער צוגעגעבן: — ״אַ עטאָ וואָס נאַ דאָראָגו״! . .

גאנץ "נאטשאלסטווא" איז געבליבן זיצן ווי געפּלעפּט, מיט פאַרבי־סענע ליפּן, אָבער זיי האָבן דאָך אפּלאָדירט, ניט אויפהויבנדיק די אויגן פון די פּאַפּירן . . .

אין אן אנדער פאַל האָט מען אים אָנגעבאָטן צען טויזנט רובל און מיט רחמים געבעטן, ער זאָל זיך ניט באַווייזן אין "פּריסוטסטווע" אין א געוויסער שטונדע. אויף דעם האָט ער מיט זיין איראָנישן שמייכל געענטפערט :

— קיין צען טויזנט נעם איך ניט, און קיין הונדערט טויזנט האָט איר ניט — איז ניטאָ וואָס צו ריידן . . .

פיל און פיל אזוינע פאַלן איז געווען וועגן אים צו דערציילן, און ער איז בייגעשטאַנען אלע נסיונות.

אויף זיינע עלטערע יאָרן האָט פּאַסירט מערערע מאָל ווי ער האָט בידים באַפרייט אפילו "בעזלגאָטנע" ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זיי זיינען די איינציקע שפּייזער אין דער משפּחה. זיין וואָרט איז אַלעמאָל געווען געזעץ און עס איז נאָך ניט געווען באַוווסט קיין פאַל ווו אימעצער פון "נאַ־טשאַלסטווא" זאָל האָבן זיך קעגנגעשטעלט אים.

אין זיין פּריוואַטער פּראַקטיק איז פּופּציק קאָפּיקעס געווען זיין פּרייז פּאַר א וויזיט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז קיין צו רייכן לעבן פון אַזעלכע פּאַרדינסטן האָט מען ניט געקאָנט פירן, אָבער ווי ס'האָט אויסגעוויזן האָט ער עס אויך ניט געזוכט.

ער איז אויך געווען דער אָפיציעלער רעגירונגס פאַרשטייער אין אונ־טערזוכן פאַרדעכטיקע טויט־פאַלן, ווו עס איז נויטיק געווען צו פאַלמעסן. אונטער זיין אויפזיכט איז דאָס פאַלמעסן דורכגעפירט געוואָרן.

מאַכט זיך אמאָל אַז ער איז געקומען אין א פאַרוואָרפן דערפל, ווו עטלעכע אָרעמע יידישע משפּחות האָבן זיך קוים דורכגעשלאָגן מיטן לעבן און דער אָרעמסטער פון זיי איז געוואָרן א חולה מסוכן. די וועגן זיינען געווען אין א שרעקלעכן צושטאַנד און צום נאָענטסטן דאָקטאָר איז געווען א וויאָרסט אכצן־צוואַנציק. און אַז מען האָט דערהערט אַז דר. לאָקשא איז דאָ, איז גע־וואָרן א שמחה. אָבער ווער קאָן עס גיין רעדן מיטן אַדון ? . . איז געפאַלן דער גורל אויף ר' יעקב בעלקין, וועלכער האָט אָפּט געהאַט צו טאָן מיט פּריצים. ער האָט עס אָנגענומען — עס האַנדלט זיך דאָך וועגן פּיקוח נפש ! . .

אַזוי שנעל ווי מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן פאַלמעסן, האָט זיך ר' יעקב בעלקין דורכגעשפּאַרט דורכן פאַרזאַמלטן המון גויים און ער האָט זיך געשטעלט אין וועג דעם איילנדיקן דאָקטאָר מיט א געבעט :

— "פּאַזשאַלוסטאַ, גאָספּאָדין דאָקטאָר, ראַדי באָגא"! . .

— "פּאָסאָל, פּאָסאָל!" — האָט ער זיך צעשריען, — איך האָב קיין צייט ניט . . .

— עס ליגט ממש א מענטש אויפן טויטן בעט, — איז ר' יעקב ניט אָפּגעטראָטן, — און עס איז דיין פליכט אלס דאָקטאָר צו טאָן וואָס דו קאָנסט.

— נעם דעם פעלדשער !

— ניין, דאָקטאָר, דער פעלדשער קאָן דאָ גאָרנישט ניט העלפן . . .

— וואָרום פירט איר אים ניט קיין פּאַפּאָווא גאָרא, צום דאָקטאָר ?

— ער וועט עס ניט אויסהאַלטן ביי די איצטיקע שלעכטע וועגן, און ווער נאָך ווי דו אליין ווייסט עס ? . .

— פּאָנימאַיעס!" איך קאָן דאָ ניט לאַנג פאַרזאַמען זיך, איך האָב נאָך א פאַלמעסן אויף מיינע הענט, גאַנץ ווייט פון דאַנען. די פערד מיינע זיינען אויסגעמאַטערט און דער וועג איז שלעכט . . . אָבער וואָס איז דער אונטערשייד —פיר מיך צום קראַנקן ! . .

ער איז אריינגעקומען אין דעם אָרעמער שטיבל. דעם קראַנקנס אָטע־מען איז געווען שווער און האָט זיך געהערט איבערן גאַנצן הויז. ער איז מיט גיכע טריט צוגעקומען צום בעט ווו דער קראַנקער האָט זיך געוואָרפן אין שרעק־לעכן פיבער. אויגנבליקלעך איז ער אַז אנדער מענטש געוואָרן, גאָרניט האָט מער עקזיסטירט פאַר אים ווי דער קראַנקער. איבער אַ שעה צייט האָט גע־דויערט זיין אונטערזוכן, ער האָט גאָר פאַרגעסן אין זיין איילעניש . . . ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער אָנגעשריבן אַ רעצעפּט און דערלאַנגענדיק עס צו ר׳ יעקבן, האָט ער צוגעגעבן:

— זעט אַז אַ רייטער זאָל גלייך געשיקט ווערן נאָכן רעצעפּט. ער איז אַ שטאַרקער חולה, אָבער מיט גאָטס הילף, איך האָב אַז ער וועט געזונט ווערן, איר זאָלט אָבער אַזוי שנעל ווי דער קריזיס וועט איבערגיין אים געבן אַ גוטע נאַרונג: פרישן בוליאָן, פרישע מילך, פרישע אייער און . . .

— דאָקטאָר, וויפל קומט אייך פאַרן וויזיט? — האָט ר׳ יעקב אים אַ פרעג געטאָן.

דאָ איז דר. לאָקשאָס אויג געפאַלן אויף דער שרעקלעכער אָרעמקייט אין הויז און אויף די האַלב־נאַקעטע קינדערלעך, וואָס האָבן זיך פאַררוקט אין די ווינקעלעך ווי דערשראָקענע האָזן, און ער האָט זיך אַ פאַרשעמטער אָפּגע־רופן צו ר׳ יעקבן:

— "ניצעוואָ, ניצעוואָ!" גיט בעסער די עטלעכע רובל צו שטייער אויפן רעצעפּט, און דאָ האָט איר — דערלאַנגענדיק אַ פינפערל — אַ פאָר רובל צו שטאַרקן אים מיט די נויטיקע שפייזן וואָס איך האָב פריער אויסגערעכנט, און איך בעט אייך מיר צו לאָזן וויסן ווען ער וועט זיך דערהאָלן.

ר׳ יעקב האָט זיך אַנטזאָגט צו נעמען דאָס געלט, האָט דר. לאָקשאָ עס איבערגעלאָזן אויפן בענקל לעבן בעט און ער איז ווי אַן אונטערגעשאָ־סענער ארויסגעלאָפן פון הויז . . .

שפּעטער איז געוואָרן באַקאַנט, אַז דר. לאָקשאָ באַזוכט אָרעמע קראַנקע אָן אַ קאָפּיקע געלט און טאָמער וויל מען אים באַדאַנקען, אַנטלויפט ער ווי פון טייוואָלים געיאָגט.

אַלס קריסט האָט ער זיך ארויסגעוויזן זייער פרום — אָפּגעהיט אַלע חגאות ווי אויך "פּאָסט" און איז געגאַנגען אין "צערקווע". אַלע "טשינאָווני־קעס", העכערע און נידעריקערע, האָבן אים לפנים ארויסגעוויזן גרויס רעס־פּעקט, האָבן אָבער טיף אין הארצן אים געהאַסט, און וואָלטן זיי געקאָנט, וואָלטן זיי אים אין אַ לעפל וואַסער דערטרונקען . . . ערשטנס, דערפאַר וואָס אַ "יידליק" האָט זיך דערדינט צו אַזאַ הויכן ראַנג, און צווייטנס און הויפּט־זאַכלעך, האָבן זיי אַלע זיך געפילט גייסטיק אַזוי קליין קעגן אים . . . און דאָס האָט זיי געשטאָכן ווי מיט הייסע נאָדלען. ער, דער קליינער, דאַרינקער ייד, האָט געשטורעמט איבער זיי ווי אַ ריז — און דאָס האָבן זיי אים ניט געקאָנט פאַרגעבן . . .

זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך געהאַלטן ווייט פון יידן, אָבער צו די קריסטן האָט ער זיך אויך ניט געקלעפּט. ער האָט געפילט אַז ער איז צווישן זיי אַן איבעריקער. אויסער אָפיציעלע באַזוכן האָט ער מיט זיי קיין געזעל־שאַפטלעכע פאַרבינדונגען ניט געהאַט.

ווי דער "וואַנדערער ייד", האָט ער קיין מקום־מנוחה ניט געהאַט. ער האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז אונטער דער מאַסקע פון פריינדשאַפט וואָס פיל פון זיינע פאַרערער האָבן אים ארויסגעוויזן — באַלאַקערט ביי זיי די קנאה און שנאת עולם — אפילו צום אָפּגעריסענעם זון פון דעם עם עולם . . .

איבערזעצונגען

פון אנגליציזמען אין די צוויי ערשטע טיילן פונם בוך

אָרדער — באשטעלונג
איגלו — עסקימאָסיש אייז־כאטקע
"איי'ל בי א סאַן אָף א סקאַנק" — א שבועה

בעיקאָן — חזיר־פעטס
בייער — קויפער
בעיט — פרימאנקע
בארען לענדס — מדבר־לאנד אין וויטן צפון
בליזארד — זאווערוכע
בעל טענט — א געצעלט מיט א שפּיץ
בוש — קוסטעס
באקסקין — הירשן־פעל לעדער
בראָש — אונטערוווקס
בעלאָו — אונטער
בייבי קערידזש — קינדער־וועגעלע

גאָדעמיט — "פארדאמט" (שבועה אויסדרוק)
געז — גאזאָלין
גראָבסטעיק — שפּייז זאפּאסן
געים־וואָרדען — ווילדע חיות וועכטער
גראָסעריס — שפּייז (ווי א סחורה)

דעליוועריי — ליפערונג
דייערס — פארבערס
דזשאב — ארבעט, א שטיק ארבעט

האָמסטעד — א היים; א שטח לאנד וואָס די רעגירונג האָט פריי אינם יאָרהונדערט געגעבן פריי צו יעדער אפּליקאנט צו באארבעטן
הייוועי — טראקט
היי־פּרעשור — הויכער דרוק

וואָט עי דעם פול — וואָס פאר א נאר

זירא (זעראָ) — נול

טרעיז — באַז
טרעקס — שפּורן; באַן־וועג
טרעיל — סטעזשקע
טרעידינג פּאָסט — האנדל־פּונקט
טים — געשפּאַן
טאָבאגאָן — פּלאַד שליטעלע
טענדערפוט — "א ווייך פוסיקער", א "גרינער"
טשעק — דאָבל־טשעק — דאָפּלט אונטערזוכט
טענט — געצעלט
טרעידער — הענדלער
טרעפּ — פּאסטקע
טרעפּליין — א רייע אויסגעשטעלטע פּאסטקעס
טרעפּער — פאנגער

לייסנס — פּאַטענט (ליצענצן) לייסנס פּלייט — טרייב דערלויבעניש אויף אַן אויטאָ
לאָג קעבין — כאַטקע פון קלעצער
לעיק — אָזיערע
לאָמבער דזשעק — וואַלד ארבעטער

מוז — הירש (גרויסער מין)
מאונטי — קאַנאַדער רייטער פּאָליציסט
מאַסקרעט — מושקראַץ
מענעדזשער — פּאַרוואַלטער
מאָקאַסינס — סאַנדאַלן פון הירשן־לעדער
מאַני — געלט
מיין — מינע

סאַפּער — וועטשערע
סעקשאַן — א שטח פון א קוואַדראַט מייל
סי־פּי־אַר — קאַנאַדער פּאַסיפישע באַן־ליניע
סעטלערס — קאָלאָניסטן
ספּרינג — פרילינג
סופּלייס — זאַפּאַסן
סיילסמענשיפּ — פאַרקויף־פעאיקייט
סקוואָ — ווייב (אינדיאַניש)
סינגל הענדעד — מיט אייגענע הענט, אליין
סנעיר — פּאַסטקע
סליו — בלאָטע

פאָר — פוטערוואַרג
פאַר אָקשאָן — פוטערוואַרג אוקציאָן
פאַר באַיער — פוטערוואַרג סוחר
פּאַרקאַ — עסקימאָסישער באַשליק (וואָס מען טראָגט איבערן קאָפּ)
פּראָספּעקטן — זוכן מעטאַלן

קאַנו — שיפעלע
קעיטש — באַהעלטעניש אָרט (פאַר שפּייז און אנדערע זאַכן)
קאַרקאַס — גוף
קאָראַל — איינצוים פאַר בהמות אָדער פערד
קריק — טייכעלע

ראַנטשער — בהמות און פערד ציכטער
ראָן — א גאַנג
רעד דזשעקעט — רויט־מאַנטלדיקע (קאַנאַדער רייטער פּאָליציי)
ריווער — טייך
רעביט — האָז

שאַט־גאַן — שרויט־ביקס
שאַפּן — איינקויפן
שעק — כאַטקע
שיפּסקין — מאַנטל פון שאָפּן־פוטער